STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08175

SHVELN

Solomon Levadi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג

שיקאגא

שוועבלן

שלמה לבדי

שוועלן

א טרילאָגיע

III

שיקאַגאָ · „ידידים“ · ניינצן פערציג אכט

SOLOMON LEVADI

•

S H V E L N
(THRESHOLDS)

A TRILOGY

•

VOLUME III

COPYRIGHT, 1948,
BY SOLOMON S. LEVADI

•

ALL RIGHTS RESERVED

•

PRINTED IN THE U. S. A.
AT THE SHOULSON PRESS, NEW YORK

•

BOUND BY JOHN F. CUNEO COMPANY
CHICAGO

•

DESIGN, VIGNETTES, AND TITLE CHARACTERS
BY THE AUTHOR

שוקן

בוך דריי:
וואנדערונג

אינהאַלט

ערשטער טייל:
זעגלען אין נאַכשטורעם

1. די שטייג 1
2. דער וועג צוריק — דער וועג פון דערנער 15
3. נאָכן שטורעם 27
4. ווען די טויטע דערוואַכן 38
5. צווישן ברעג — אַ וועג 45
6. זיבן זיינען זיי געווען 52
7. אויפן באַרג נבו 60
8. איבער דיינע מויערוועגט, ירושלים... 70
9. נעפלען 84
10. וואַנדערער, וווהין? 89
11. טורעמס אין נעפל 102

צווייטער טייל:
אויסגעלאַשענע הימלען

12. די סימפאָניע פון שטאָל און אייזן 111
13. צעלטן פון וואַנדערער 114
14. אַ פרעמדער בין איך געווען 137

15. דער וועג צום טרוים 152
16. האָריזאָנטן 166
17. ראַפּסאָדיע אין ווייס 182
18. שטילע נאַכט, וואַכע נאַכט 198
19. אַנדאַנטע קאַנטאַבילע 212
20. טריט אין דער נאַכט 223
21. אין שאָטן פון צער 236
22. ...און די מאַגנאַליעס האָבן געבליט 245
23. אומרו 250
24. וואו ס׳איז אַמאָל היים געווען 261
25. פאַרן וואָרצלדיקן שטאַם 267
26. און דער טאַטע האָט דערציילט... 271
27. טויבן־פליגל צעבראָכענע 275
28. וואו דאָס לעבן האָט געבליט 279
29. אַ בוים אין שטורעם 287
30. דער לעצטער... ער איז דער לעצטער 291
31. שאָטנס אויפן שיידוועג 295

ווערטער־פאַרטייטש 299

פערזאָנען־פאַרצייכענונג — אין אָנהויב פון בוך איינס

ערשטער טייל:
זעגלען אין נאָכשטורעם

1

די שטייג

צעלטן איבער צעלטן איבער נאַקעטן זאַמד־שטח. אין אַ שטייג פון שטאָכל־דראָטן ליגט צייט, אַ געבונדענע, אין בלענדנדיקן חלל. יעדע פופציק טריט — אַ וואַך טורעם; יעדע פופציק טריט — שומרים צווי. וואַכזאַמע, שטומע טריט אויף דעם פרייען זייט פון דער פאַרצוימונג. באַיאַ־נעטן־שאַרף אַנטקעגן אַ לויטערן הימל. פון דער ווייט קוקט־אַרויס אַן איינזאַמע פאַלמע און באָדט זיך אין דער זון. אַריבער גרינט די פאַרשטאָט פון סידי גאַבער. אויפן האָריזאָנט בלויט דער ים. און אין די גרעניצן פון דער פאַרצוימונג — וויסטע ליידיקייט; ליידיק־קייט פון אויגן, ליידיקייט פון טעג. געפאַנגענשאַפט־לאַגער — די תפיסה פון די פאַרגעסענע.

נאָך איידער אַבוקאַדיר עפענדי האָט באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין זיין געצעלט, איז אַ באַדינער אַריינגעקומען.

— אַבוקאַדיר עפענדי?

— יאָ...

— אַן עפענדי וויל איך זען.

— מיר?

— יאָ, עפענדים. ער וואַרט דרויסן.

ער איז אַרויסגעגאַנגען. אויפֿן שטעג וואָס האָט געפֿירט צום געצעלט איז געשטאַנען אימעצער און האָט געוואַרט.

„אוני ? —— !"

ס'איז געווען ער. ער איז געשטאַנען באַוועגלאָז, ביידע הענט אָנגעלענט אויף אַ שטעקל.

— אָוני !

אָוני עפֿענדי האָט אַ ציטער געטאָן מיט אויבערשטן טייל פֿון קערפּער. זיינע הענט האָבן זיך אַ הויב געטאָן און זיינען געבליבן הענגען אין דער לופֿטן. ער האָט מיטן גאַנצן פּנים אומגעזוכט די ריכטונג פֿון דעם רוף.

— אַבוקאַדיר קאַרדאַשעם !

„גאָט, ער איז בלינד !..." האָט אַבוקאַדיר עפֿענדי אַ שוידער געטאָן, און איז געבליבן שטיין געפּלעפֿט אַ פּאָר טריט פֿון אים.

אָוני עפֿענדי האָט אַ צוק געטאָן מיט די איינגעפֿאַלענע אויגן־לעדלעך. אין דער אַרומיגער ליכטיקייט האָבן אַ צאַפּל געטאָן זיינע רויטע ברעמען־זוימען, די בלינדע שטיקלעך וויסלען. אַבוקאַדיר עפֿענדי האָט זיך באַהערשט, האָט אַריינגעכאַפּט אָוניס האַנט אין זיינער —

— אָוני־קאַרדאַש !

— געטשמיש אָלסון. דו ביסט פֿאַרוואונדעט געווען, ווי איך פֿאַרשטיי. שווער געטראָפֿן ?

מיט אָונין אין אַזאַ צושטאַנד, ווי האָט ער זיך געקאָנט באַקלאָגן ?

— פֿאַרהעלטנימעסיג לייכט. די פֿוס.

אָוני האָט אים באַטאַפּט מיט אַ ווייכן באַריר —

— גאַנץ ?

— איל כאַמד איל אַללאַ[1].

— דאָס איז גוט. מיר, ווי דו זעסט, האָבן די צורעכט געמאַכט אויף איי־ביג...

אַבוקאַדיר עפֿענדי האָט ניט געענטפֿערט. ס'איז ניט געווען וואָס צו ענט־פֿערן. ס'האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט. ער האָט אָנגענומען אָונין ביים אָרעם, און האָט זיך געלאָזט מיט אים אין געצעלט אַריין. אָוני האָט מיטן שטעקל געטאַפּט דעם וועג פֿאַר זיך.

— יאָ, טאַקי אין יענער נאַכט — ביי כאַן יוניס... פֿון דאַמאַלט־אָן... האָט אָוני עפֿענדי זיך פֿאַרענטפֿערט אין אַ געבראָכן קול.

זיי האָבן זיך צערעדט וועגן דער צייט פֿון נאָך כאַן יוניס, וועגן די גע־וועזענע מיט־ברידער, פֿאַסירונגען. דער באַדינער האָט אויפֿגעקאָכט קאַווע. וועגן די פֿאַסירונגען פֿון נאָכן דורכבּרוך ביי עזה האָט אָוני געוואוסט אַ סך

---

1. גאָט צו דאַנקען.

מער פון אַבוקאַדיר עפענדין. ער פלעגט זיך דערקונדיגן פון די ניי־אָנגעקומענע אין געפאַנגענשאַפט־לאַגער. איצט איז ער געזעסן אויפן בעטל, דעם שטעקל צווישן די קני. די שעלכל קאַווע איז דער האַנט. ס׳פּנים אויסגעשטרעקט פאָראויס און האָט דערציילט:

—...האָבן אָנגעשלאָגן ביז נאַבלוס און דרינגען אַפיר צום צפון... פון דער פּירקאַ איז גאָרניט געבליבן. די לעצטע זיינען געפאַלן אַרום דער קאָלאָניע, וועלכע דו מיט כאַקי עפענדין האָבן באַזוכט ווען מיר זיינען געווען אין לוד. געדענקסט?... איסמאַאיל ביי — אויך... אַ מענטש אַ ברייטהאַרציגער געווען... און די צוויי האַמשערים דיינע פון 163טן אַלאַי — בענעדיר עפענדי מיטן צווייטן — זיינען דאָ געווען אַ שטיקל צייט און מ׳האָט זיי אַרויסגעלאָזט. כאַקי עפענדי איז גערעכט געווען. ער האָט זיי גוט געקאָנט, די שורקעס!... אָט, אַ יונג אַ חבר געווען, דער כאַקי. יאַזיק![1]... אַ סך בראַווע יונגען געווען צווישן אונדזערע. געפעכט ביז צום לעצטן. און וואָס?...

אַבוקאַדיר עפענדי האָט פון צייט־צו־צייט אַרויפגעקוקט אויף אַווניין: נאָר דער אונטערשטער טייל פון זיין פּנים האָט געטראָגן סימנים פון לעבן, איז געווען באַוועגלעך; דער אויבערשטער טייל איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן, פאַרגליווערט — אַחוץ אַ צופעליגן קנייטש, וואָס פלעגט זיך דורכשלענגלען איבער זיין שטערן. שווער געווען זיך פאָרצושטעלן אַז דאָס איז געווען דער אַמאָליגער אַווני; אָבער ס׳איז פאָרט געווען ער. איינגעבויגן, גרוי. און יעדן מאָל וואָס זיין בליק איז געפאַלן אויף אַווניין, האָט ער עס באַלד צוריקגעכאַפּט: ער האָט זיך ווי געפילט שולדיג וואָס ער אַליין איז פאַרבליבן מיט ביידע אויגן, כמעט אומבאַשעדיגט, ווען אַווני איז אַזוי טויט־בלינד... און אַווני האָט זיך געפלייסט אָנצוהאַלטן דעם שמועס. ס׳איז אים אָנגעקומען שווער.

— יאָ, טייער באַצאָלט — יעדער איינציגער פון אונדז, און וואָס?... איצט — געפאַנגענשאַפט. און דערנאָך?... און איך—— איך אַ——

ער האָט ניט דערזאָגט און איז געבליבן זיצן באַוועגלאָז, שווייגנדיג. זיינע מויל־ווינקלען האָבן געצוקט.

— זאָג דו, קאַרדאַשעם, — האָט ער זיך אָנגערופן נאָך אַ לענגערן נאָכטראַכטן — האָט זיך עס אַלץ געלוינט?

— —

האָט זיך עס אַלץ געלוינט?

אַרום דערדאָזיגער פראַגע האָבן זיך, אין די טעג און וואָכן וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט, געוועבט זייערע געשפּרעכן. זיי האָבן געזוכט אַ פאַרענטפערונג פאַר דאָס געשעענע, אַן אויסוועג פאַר דער צוקונפט.

אַווני האָט איצט, אין אַ געוויסער מאָס, פאַרנומען דעם פּלאַץ וואָס דוד

---

1. אַ שאָד!

קאַפּלאַן האָט געהאַלטן אין אַביגדורס לעבן, ווען ער איז צוערשט אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. מיט דער אויסערלעכער וועלט אַן אויסגעלאָשענע פּאַר אים, האָט אַוני געזוכט באַליכטונג אין זיין אייגענער פאַרוואונדעטער נשמה. ער האָט זיך איינגאַנצן איבערגעגעבן דער מחשבה, די מיושבדיגע נאָכטראַכטונגען, וועלכע האָבן איצט אויסגעפילט די פינצטערניש פון זיינע טעג.

דאָס זוכן פון אַן ענטפער האָט געפירט צו פאַרנאַנדערקלייבונג אין די סיבות; ערנסטע פאַנאַנדערקלייבונג — צו ווייטע טראַכטונגען, גריבלונג. און מיט דער צייט האָט זיך אין אַביגדורן אויסגעריפט דער געדאַנק, אַז די בלינדע שנאה, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם מאָרד־שגעון פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן, איז אַ דירעקטער אויסוואוקס פון דער איינגערעדטער אויבערוויכטיג־קייט פון אַ מענטשן־ברודערשאַפט איבער דער צוויטער; פון די קינסטלעכע אָפּגרעניצונגען, וואָס אויסגעטראַכטער שטאָם־באַוואוסטזיין האָט אויסגעלייגט צווישן די קינדער פון איין מאַמע־ערד. די תורה פון ברודערשאַפט און מענטשן־ליבע, וועלכע יעדע אומה און גלויבן האָט געלייגט אַלס דעם גרונט־פּרינציפּ פון זייער באַשטייאונג, איז קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָגן געוואָרן אויסער די גרעג־ניצן פונ׳ם באַצייכנטן בלוט־קרייז, וועלכער שליסט־אָפּ יעדער איינער באַזונ־דער... איינצעלנער מיט איינצעלנעם קאָן זיך פאַרשטענדיגן; פרעמדער מיט פרעמדן קאָן זיך באַפריינדן; נאָר צווישן פאָלק מיט פאָלק שטייט אַ בלינדע וואַנט פון ענגהאַרציגן זעלבסטזוכט, פון פאַרביסענער זעלבסט־חשיבות — פּאַטריאָטיזם! נאַציאָנאַליזם! שאָוויניזם! און דערדאָזיגער גיפט ווערט איינ־געזויגן אין יונגע הערצער מיטן ערשטן אָטעם־צוג, מיט די ערשטע מילך־טראָפּנס פון דער מוטערס ברוסט, ביז עס בריט זיך אויס אין אַ בלוטיגער שנאה צו מענטשן־קינדער, מיט וועלכע מ׳איז קיינמאָל ניט געקומען אין באַריר. אַ וועלט־ברודערשאַפט, די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, וועט קיינמאָל ניט קומען צו שטאַנד אַזוי לאַנג ווי דידאָזיגע שטערונגען וועלן ניט באַזייטיגט ווערן: ביז די קייטן וואָס האַלטן זיי געשמידט צו אַ קליקע וועלן ניט צעריסן ווערן; ביז די גיפטיגע וואָרצלען וועלן ניט אויסגעראָט ווערן! זיי קאָנען אויסגעראָט ווערן — זיי מוזן אויסגעראָט ווערן! וואָרים, נאָך אַלעמען, איז דאָך דער ציבור ניט מער ווי דער סך־הכל פון די אייגנשאַפטן פונ׳ם יחיד; און מענטש צו מענטש טראָגט ניט קיין שנאה. זאָל נאָר די שוואַרצע מאַסקע פון אויסגעטראַכטער אָפּגעפרעמדקייט אַרונטערגעריסן ווערן, און ברודער וועט ברודער דערקאָנען... אמת: מענטשן קאָנען שאַפן אין גרופּן; נאַטירלעכע אומשטענדן קאָנען אפילו אַרויפלייגן אַן אייגנאַרטיגן שטעמפּל אויף זייער שאַפן; אָבער די דערגרייכונגען פון זייער שאַפן איז דער אייגנטום פון גאָר דער מענטשהייט, דאָס געווינס פון אַלמענטשלעכן פאָר־שריט; ס׳איז זייער מתנה צו דעם קרוינונג־יום־טוב פון אַ וועלט־ברודערשאַפט, דער נצחון־טאָג פון אַ באַפרייטן מענטשלעכן גייסט — שלום...

בלוט־אויסניכטערונג! מענטשן־ברודערשאַפט! — די זעאונג פון אַ ליכטיגן מאָרגן.

און ער האָט זיך ווידער געזען אין זיין פריסטער יוגנט, באַלד נאָך זיין צוריקקומען פון דער ישיבה, אויפן שוועל פון אַ ניי־געפונענעם אמת. ער האָט זיך דערמאָנט אָן הדסלען. אפשר איז זי דאַמאָלט פאָרט ניט אומגערעכט געווען. זי האָט נאָך דאַמאָלט דאָס אַלץ באַנומען; האָט עס געזען ברייטער, ווייטער; און אין דערדאָזיגער ריכטונג האָט זי געווענדט איר טראָט. יאָ. זי וואָלט אים אַצינד פאַרשטאַנען — זי האָט אים שטענדיג פאַרשטאַנען. און תמרה?... ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצודריקן זיינע געדאַנקען אין זיינע בריוו צו איר. די לענג פון די בריוו איז פאַר די געפאַנגענע געווען באַגרעניצט, און די צאָל באַשרענקט צו איין בריוו אַ וואָך. האָט ער זיינע בריוו געשריבן אין פאָרזעצונגען, ט׳געוואַרט אויף תמרהס ענטפער. און צווישן שרייבן און וואַרטן האָט ער אומגעשוועבט אין דער וועלט פון זיין חלום. ער האָט זיך געזען אויף דער פריי — זיין צוריקקום צו תמרהן — די נייע שליחות וועלכע שטייט אים פאָר אויפן לערער־געביט. ער וועט אָנהויבן מיטן נייעם דור, מיט די יונגע קינדער וואָס וועלן קומען אונטער זיין השגחה. ער וועט זיי פירן אויפן ליכטיגן וועג צום אמת וואָס איז דאָ אויפגעגאַנגען פאַר אים; צום נייעם מאָרגן, וועלכן פּיין האָט פאַר אים אַנטדעקט. און מיט אים וועט זיין תמרה... זי וועט אים פאַרשטיין — זי וועט מוזן פאַרשטיין — און צוזאַמען וועלן זיי פאַרוואַנדלען חלום אין ווירקלעכקייט...

און אין זיין דענקען פון תמרהן, פון די נאָך־שלום־טעג, האָט ער געפילט אין זיך דעם צופלוס פון פרישע כוחות, די ווידערדערוואַכונג פון אַ בענקשאַפט צום לעבן, פון אַ פאַרלאַנג צו טאָן — דעם אויפברויז פון אַ באַגייסטער יוגנט אין זיין בלוט. און דורך די נעכט פלעגט ער זיך אָפט אויפכאַפּן און זיך געפינען האַלטנדיג די קישן שטייף אַריינגענומען אין זיינע אָרעמס, און ער פלעגט בלייבן ליגן מיט אָפענע אויגן. אויף די וואַך־טורעמס פלעגן די וועכטער אויסציילן די וואַכע שעהן:

— טהרי אָ׳קלאָק ענד אָלל׳ז וועל![1]

און נעכט פלעגן פאַרגיין אין בענקעניש.

*
**

טעג זיינען אויפגעגאַנגען נאַקעטע, זיינען געהאַנגען צעגענעצט, זיינען אויסגעגאַנגען אין גאָרניט. צוויי מאָל אַ טאָג אויפן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ, דריי מאָל אַ טאָג דאָס קלינגען צו מאָלצייטן, און אין די לאַנגע, אויסגעצויגענע צווישן־שעהן פלעגן איבער דער לענג און ברייט פון דער גרויסער שטייג אומבראָדיען אָפּהענדיגע מענטשלעכע וועזנס און האָבן געזוכט אַן אויפבינדונג

1. דער זייגער איז דריי און אַלץ אין אָרדענונג!

פון דער לאַסט וואָס האָט געהייסן צייט. מ׳פלעגט זיך דורכאַקערן צווישן די געצעלטן־ציילן, זיך דערקלייבן ביז צום ראַנד פון געפאַנגנשאַפט־לאַגער, און בלייבן שטיין פאַרן אַפצוים און אַרויסקוקן מיט ליידיגע אויגן אַהין — אַריבער דעם געפלעכט פון די שטאַכל־דראָטן — צו יענעם אָפּענעם שטח וואָס האָט זיך געוויקלט פאַרן אויג — יענער ברייטער אַרום, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פרייהייט... טאָג־איין—טאָג־אויס דיזעלבע זאַמדיגע פלאַכן, דערזעלבער ווייסער וועג, דיזעלבע ווייטע גרינקייט וואו דער וועג פאַרגייט, דיזעלבע בלויע ים־סטענגע אויפן האָריזאָנט. פאַר אַ סך — שוין יאָרן־לאַנג אַזוי. און יעדן מאָל האָט דער אויסבליק געהאַלטן דעמזעלבן רייץ, דעמזעלבן געהיימען רוף; און יעדן מאָל פלעגט מען ליידנשאַפטלעך איינזויגן דעם פרייען ים־אָטעם וואָס האָט זיך דערטראָגן פון יענער זייט, און מ׳פלעגט קוקן ליידיג, ווייט, פאַרגאַפט.

אַמאָל פלעגט עפּעס אַ שאָטן־טאָן איבערן וועג. דער בליק פלעגט דאָס באַלד אויפכאַפּן און בלייבן צוגעשמידט צו יענעם שאָטנדיגן ווען: נעבן אַ דערבייאיגן קוסט האָבן זיך צוויי הינט געפּאָרט... די אויגן פלעגן אויפ־פלאַמען, די הענט פלעגן אַ ציטער טאָן אין די הויזן־קעשענעס, און מיט צאַפּלדיגע טריט פלעגט מען זיך אָפּטראָגן צום אָפּטרעט־שטיבל און פאַרשווינדן — אַמאָל אַליין, אַמאָל זאַלבעצווייט הינטער איין טירל...

אַ געוויסע צאָל פון די געפאַנגענע האָבן זיך פאַרנומען מיט אַטלעטישע איבונגען, מיט חזרן ווערטער־ביכער פון פרעמדע שפּראַכן. איי־ניגע זיינען דורך דער צייט געוואָרן עקסטרעם־רעליגיעז, און זיינען געזעסן אַ גאַנצן טאָג מיט פאַרקאַטשערטע אַרבל און באָרוויסע פיס אַרום דער אימפּראָוויזירטער דזשאַמע. אַנדערע האָבן בגנבה אויסגעשלייפט מעסערלעך פון שטיקלעך שטאָל פלעגן זיך פאַרשטעקן אין באַהעלטעניש און שניצן אין האַרטן האָלץ, אין ביין, און פלעגן זיך דערנאָך באַוויזן מיט זייערע פאַרענדיגטע קונסטווערק. דער גרעסטער טייל אָבער האָט זיך געקלאַמערט אַרום דער קאַזינאָ, געזעסן שלינג־און־שלאַנג אויף נידעריגע שטולכלעך, געשפּילט אין טאַוולע, אין דאָמינאָס, געזופּט שפּאָרעוודיג פון די שעלכלעך קאַווע און צעבטלט די צייט אין פּוילע שמועסן. אַמאָל פלעגט מען זיך צוהערן פאַריאושט צו די שטיקלעך נייעס, וועלכע זיינען דערלויבט געוואָרן אַריינצודרינגען. יאָ, יאָ, מיט די אייגענע דאָרט גייט עס גאָר ניט גוט. אַמעריקע האָט אַריינגעבראַכט פרישע כוחות פאַרן אַנדערן צד, לייסטעט אירע מיליאָנען. די דייטשישע ליניען ביים מאַרן ברעכן זיך. נישט גוט, נישט גוט, איסטאַפער אַללאַ!... און מ׳איז געוועזן פאַרזיכטיג מיט אַ וואָרט, געמאָסטן יעדע מינע, טיף אין זיך געשטיקט די געפילן און האַסטיגער געשליידערט די ווירפל־ביינדלעך. און אויגן האָבן גע־לאָקערט אין דער שטיל, און אויערן האָבן פאַרנומען, און מיט פאַרהוילענע טריט האָבן געהיימע מוסרים דערטראָגן די סודות פון לאַגער אין אַמט־הויז.

און מאָדנע: גראָד דאָ — אינ׳ם קלעם פון איין גורל — האָבן מענטשן

זיך אָפּגעפּרעמדט, זיך אָפּגעטיילט אין באַזונדערע לאַגערן: דייטשן, בולגאַרן, טשעכן, אַרמענער, גרעקן, אַראַבער, אַרנאָאוטן. און יעדער גרופּע האָט זיך געהאַלטן פאַר זיך, דערווייטערט פון די, מיט וועמען מ׳האָט אַמאָל צוזאַמען בלוט געטרונקען. אַ סך פון זיי האָבן ערשט דאָ צום ערשטן מאָל קאָנען געלערנט די שפּראַך פון זייער אָפּשטאַם. און אין די פאַרנאַכטן פלעגן פון די פאַרשידענע אָפּטיילונגען אויפגיין געזאַנגען — ווידערקלאַנגען פון די ווייטע לענדער, פון אָפּגעפרעמדטע היימען — און פלעגן זיך צעטראָגן איבער דער גרויער דעמערונג פון לאַגער.

ניין אַזייגער פלעגט די ליכט אין די געצעלטן אויסגעלאָשן ווערן. עס האָבן נאָר דרעמלענדיג געטליעט די עלעקטרישע לעמפּעלעך איבער די סלופּעס פון די שטאַכל־דראָט־צוימען. און דער לאַגער האָט זיך געטוליעט אין נאַכט, איבער לאַגער האָט זיך אויסגעלייגט שטילקייט — יענע אַרויפגעצוואונגענע שטילקייט, וועלכע נאַכט לייגט־אויס אַזוי שווער צווישן די ווענט פון שפּיטעלער אין געפאַנגענשאַפט־אַנשטאַלטן.

קורץ נאָך אביגדורס אָנקומען אין געפענגענשאַפט־לאַגער, האָט, אינמיטן דער נאַכט, אַ פּלוצלינגע שיסעריי אים אויפגעריסן פון שלאָף. ער איז אַ דערשראָקענער אויפגעשפּרונגען פון געלעגער און, צוזאַמען מיט די אַנדערע, זיך געוואָרפן צו דער ערד. מ׳איז געבליבן צוגעטוליעט צום זאַמד. די באַלויכטונג איבער די צוימען איז געווען אויסגעלאָשן. איבערן גאַנצן לאַגער איז געווען שטאָק־פינצטער. די שיסעריי איז געקומען פון אַלע וואַך־טורעמס אַרום. באַלד האָבן זיך פון אינוואַלידן־פּאַוויליאָן דערטראָגן פאַרצווייפלטע געשרייען. דער לאַגער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פּאַניק. אַ מינוט. צוויי. די עלעקטרישע לעמפּלעך איבער די צוימען האָבן ווידער אויפגעלויכטן און די שיסעריי האָט אויפגעהערט. פון אינוואַלידן־פּאַוויליאָן האָט מען אָפּגעטראָגן אין שפּיטאָל אַריין פיר פאַרוואונדעטע און צוויי טויטע. אַ דריטער איז געשטאָרבן מיטן טאָג. דער לאַגער איז שוין מער ניט געשלאָפן. ס׳האָבן זיך אומגעטראָגן אַלערליי ווילדע השערות:

— דאָס האָט מען געשאָסן אויף אַ באַנדע עגיפּטישע מוטינירן, וועלכע זיינען געקומען באַפרייען די טערקישע געפאַנגענע...

— מ׳האָט אַנטדעקט אַ פאַרשווערונג אין דייטשישער אָפּטיילונג אויפצורייסן דעם גאַנצן געפאַנגענשאַפט־לאַגער...

— מ׳האָט געוואָלט מאַכן פּלאַץ פאַר נייע געפאַנגענע...

ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז די איינציגע ריכטיגע השערה געווען אַז, אין איבערגעבן די וואַך־פאַראָרדענונגען צו דער הינדוסישער וואַך־אָפּטיילונג, וועלכע האָט געזאָלט לויטן: „אין פאַל די עלעקטרישע באַלויכטונג אַרום לאַגער לעשט זיך אויס, זאָלן די אויפּן וואַך געבן צו וויסן דער עלעקטרישער קראַפט־סטאַנציע דורך שיסן א י ן ד ע ר ל ו פ ט ן!“, האָט דער

קאָלאָניאַלער וואַך־סאַרזשאַנט אויסגעלאָזט די לעצטע עטלעכע ווערטער, און די וואַכלייט האָבן געשאָסן א י ן לאַגער.

צום מאָרגן־אַפּעל איז דערשינען דער הויפּט־קאָמאַנדאַנט פון לאַגער, קאָלאָנעל וואודס, און האָט אויף אַ דזשענטלמאַנישן אופן אויסגעדריקט זיין באַדויערונג איבער דער „אומאייגנגענעמלעכקייט" וואָס איז געשען. מ'האָט אים אויסגעהערט שטום, מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן און פאַרביסענע ליפּן. מ'איז זיך צוגאַנגען שווייגנדיג. די טויטע האָט מען אַרויסבאַגלייט ביז צום טויער פון לאַגער. און דאָס לעבן אין שטייג האָט פאָרגעזעצט זיין פוילן, נוצלאָזן גאַנג.

אַמאָל פלעגט די נאַכטיגע שטילקייט דורכגעריסן ווערן פון אַן איבערראַשונג־איבערפאַל, וואָס די יונגען פון „וואָטאַן פערוועער" — אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע פון נאַציאָנאַלע קנאים — האָבן דורכגעפירט איבער אַ געזעמל פון „פאַררעטער פון פאָטערלאַנד": זיי פלעגן פלוצים איינוואַרפן דעם געצעלט איבער די שלאָפנדיגע „קעגנער" און שלאָגן זיי מכות־רצח, ווען יענע האָבן זיך געצאַפּלט אין דער פינצטער אונטערן לייוונט. אַמאָל פלעגט קומען צו אַ געשלעג צווישן אַ חברה פאַרשפּעטיגטע קאָרטן־שפּילער אין אַ געצעלט איבערגעדעקט פון אינעווייניג מיט קאָלדרעס. אַמאָל פלעגט זיך דערטראָגן אַ געשריי פון דער באַדינער־אָפּטיילונג, און אַ פאַרשווין מיט אַרונטערגעלאָזטע הויזן פלעגט זיך אַרויסלאָזן פון דאָרט אין אַ געלאָף און פאַרשווינדן צווישן די געצעלטן פון די אָפיצערן... אויף מאָרגן פלעגט מען גערופן ווערן אין אַמט־הויז. אַנדערע פלעגן זיך אומקערן פון דאָרט מיט זייער געהאַלט צוריקגעהאַלטן פאַר דריי מאָנאַטן; אַנדערע פלעגן פון דאָרט אָפּגעשיקט ווערן אין קאַרצער־הויז, און צען טעג שפּעטער פלעגן זיי צוריקקומען אין לאַגער אַריין אויסגעבליכט, מיט איינגעזונקענע אויגן, און זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אנדערע, ווידער, האָט מען שוין מער קיינמאָל ניט אָנגעזען: צוויי באַדינער מיט אַ קאָרפּאָראַל פלעגן קומען נאָך זייערע זאַכן, אַ פאַרמאַכטער אָטאָמאָביל פלעגט זיך אָפּשטעלן פאַרן אַמט־הויז, און מיט אַ צייט שפּעטער פלעגט מען אויסגעפינען, אַז דער אָדער יענער איז דעגרידירט געוואָרן פון זיין אָפיצערן־ראַנג און איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין לאַגער פאַר דער געפאַנגענער מאַנשאַפט; אַז אַ צווייטער ווערט געהאַלטן אין דער פעסטונג פון מאַלטאַ־אינזל; אַז אימעצער אַנדערש איז פאַרשפּאַרט געוואָרן אין אַ משוגעים־הויז אין אַלעקסאַנדריע. און אַנדערע האָבן באַלד פאַרנומען זייער פלאַץ, און צייט האָט אָפּגעמעקט זייער געדעכעניש, און טעג האָבן זיך געפלאָנטערט צווישן די שטאַכל־דראָטן.

אביגדור האָט זיך געמיט אויסצופילן די ליידיגקייט פון דער צייט. ער האָט אַ סך געלייענט. די ביכער האָט ער געקראָגן צו לייען פון דער שפּאָרער ביבליאָטעק וואָס די דייטשישע אָפיצערן האָבן איינגעאָרדנט אין זייער אָפּטיילונג. ביי די געמיינשאַפטלעכע אָוונטן פון לעקציעס און קאָנצערטן, וואָס פלעגן דאָרט אָפּגעהאַלטן ווערן, האָט אביגדור געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט איניגע רעזערוו־אָפיצערן, וועלכע זיינען אין ציווילן לעבן געווען טעטיג אויף פאַרשי־

דענע וויסנשאַפטלעכע געביטן. מענטשן ערנסטע, באַלערנטע — אין שטאַרקן קאָנטראַסט מיט די אָנגעקראָכמאַלעטע, גאוהדיגע יונקערס. איבערהויפט האָט אים געצויגן צו איינעם אַ הויפטמאַן מיטן נאָמען האַנס האַנטקע, וועלכער איז ביזן קריג־אויסברוך געווען אַ פּריוואַט־דאָצענט אין סאָציאָלאָגישן פאַקולטעט פון אַ מינכענער אוניווערזיטעט. אביגדור פלעגט רעגלמעסיק באַזוכן זיינע פאַרטראַגן איבער „די סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט". ער פלעגט אָפט פאַר־בלייבן מיט אים אין קלוב־הויז צו שפּילן שאַך. און מיט דער צייט האָט זיך צווישן די צוויי אויסגעקניפּט אַ נאָענטע פריינדשאַפט.

פון זיין מאַגאַטלעכן געהאַלט האָט אביגדור געצאָלט דעם אַרמענישן טאָל־מאַטשער, פון וועמען ער האָט געגומען אונטעררריכטן אין ענגליש. די שפּראַך איז אים אָנגעקומען פאַרהעלטניסמעסיג לייכט. דורך דעמדאָזיגן טאָלמאַטשער איז אים געלונגען אַריינצושמוגלען פון דרויסן ענגלישע ביכער איבער געגנ־שטאַנדן וועלכע האָבן אים שטאַרק אינטערעסירט און אונצענזורירטע צייַ־טונגען. און פאַרנאַכט, צווישן אַוונט־אַפּעל און שלאָף־צייט, פלעגט ער אַרויס־נעמען אַוונין אויף אַ שפּאַציר אַרום דער פאַרצוימונג פון לאַגער. ער פלעגט אים איבערגעבן די לעצטע טעגלעכע נייעס פון די צייטונגען, פלעגט אַרומריידן מיט אים זייער באַטייט. די לאַגע אויף די פראָנטן איז איצט געווען קלאָר: די צענטראַלע מלוכות ווערן צוריקגעשטויסן; ס'איז נאָר אַ פראַגע פון צייט, און זיי וועלן זיך מוזן אונטערגעבן. אַווני האָט אויפגענומען דידאָזיגע נייעס מיט פאַרהעלטניסמעסיגער גלייכגילטיגקייט.

— וואָס איז דער אונטערשייד ו ו ע ר ? די וועלכע זיינען באמת שולדיג אין דעם אַלעם, די האָבן אין דעם גאַנצן טומל אַליין גאָרניט פאַרלאָרן.

— יאָ. ס'איז שוין אַן אַלטער כלל: די אַלע——

די ווערטער זיינען אויסגעגאַנגען אויף אביגדורס ליפּן. ער איז שטיין געבליבן.

— פאַרוואָס דערעדסטו ניט, קאַרדאַשעם? — האָט אַווני אַ פרעג געטאָן דערשראָקן — וואָס איז געשען?!

— ס'איז אַ הערלעכער זונאונטערגאַנג דאָרט אַנטקעגן... — האָט אביגדור אַרויסגערעדט פאַרחלומט, ניט־קענענדיג אָפּרייסן די אויגן פונ'ם פאַרבן־אויסגוס אויפן האָריזאָנט.

אַווני האָט אויסגעשטרעקט זיין פנים אין דערזעלבער ריכטונג. זיינע אויגן־דעקלעך האָבן פיבערהאַפטיג געפינטלט, ווי ער וואָלט זיך געמיט צו פאַנאַנדעררייסן די אייביגע פינצטערניש אַרום אים.

— אָה, באַשרייב עס פאַר מיר, אַבוקאַדיר־קאַרדאַשעם! — האָט ער, קינ־דיש, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, זיך געבעטן — אַללאַ אַשקאַנאַ, באַשרייב עס!

— כ'על פּרוּוון, קאַרדאַשעם... דאָרט, ווייט אַרויף — שלייערן פון פּורפּור איבער בלויען ים־ברעג... פון אונטער טיפע הימל־טויערן און היילן

פון דורכזיכטיגער בלענדיגקייט פליסט אַ טייך פון גאָלד און זוניגקייט — פליסט און פליסט — איבער אינזלען פון אַזור, איבער בערג פון ליכטנדיגן פיאָלעט...

— אַ טייך פון רויטן גאָלד — אַ טייך פון רויטע פלאַמען... — האָט אוני ווי פאַרגעזעצט.

— יאָ, רויט און גאָלד און טיפע בלויקייט. און אַרום — וואָלקנדלעך אַ שלל, פאַררויטלטע פון לעצטע קושן...

— און אַן איינזאַמער וועג צווישן סודותדיגע אַלעען... — איז געקומען אוניס קול ווי אַ ווייטער ווידערקלאַנג — בוימער־שפּיצן באַגאָסן מיט שקיעה־פאַרבן... דער ים אין דער ווייט... אַ ווייסע באַנק... איך און זי... ז י... אָ, גאָט!...

אוני האָט אַ שוידער געטאָן. זיין קאָפּ האָט זיך אַרונטערגעלאָזט. זיינע אַקסלען האָבן געציטערט. אביגדור האָט אים אָנגעקוקט פאַרלאָרן: אוני וויינט... ס'איז שווער צו זען אַ דערוואַקסענעם וויינען; נאָך שווערער איז צו זען ווי עס וויינט אַ בלינדער: עס וויינען די ווינקלען פון זיין מויל, עס וויינען די שפּיץ־פינגער, עס וויינט דער גאַנצער וועזן זיינער — נאָר די אויגן פינטלען ווייס, דער קוואַל פון טרערן בלייבט טרוקן... ער האָט געפּרואווט אים איינגעמען:

— וועט עס נאָך אַזוי זיין; זי וועט נאָך ווידער——

— ניט פאַר מיר, קאַרדאַשעס; קיינמאָל מער פאַר אַזעלכע ווי איך, ווי מיר... פאַר אונדז איז אַלץ פאַרלאָרן געגאַנגען אין דעם טייך פון רויטע פלאַמען...

שווייגנדיג זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין ביז דער לעצטער שקיעה־שטראַל אויפן האָריזאָנט האָט זיך אויסגעלאָשן.

***

דער לאַנג־געגאַרטער בריוו פון תמרהן איז ניט געקומען. פיר חדשים. פינף. צוערשט האָט ער זיך געפּרואווט איינריידן אַז ס'איז די צענזור — די אונרעגלמעסיגקייט פון דער מיליטערישער פּאָסט — אַז זי וואַרט ביז זי וועט דערהאַלטן די לעצטע פאַרזעצונגען. זי וועט ענטפערן. און איטליכס מאָל ווען פּאָסט פלעגט אָנקומען אין לאַגער, פלעגט ער זיין פון די ערשטע אויפן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ, פלעגט הערן ווי מ'רופט אויס נאָמען נאָך נאָמען, זען ווי די בינטלעך אָנגעקומענע בריוו ווערן שיטערער, און פלעגט זיין דער לעצטער צו פאַרלאָזן דעם אָרט אַן אַנטוישטער, אַ ליידיגער. ער האָט געוואַרט. נאָך אַ וואָך, נאָך אַ חודש — ס'וועט קומען — ס'מוז קומען. נאָר אַנשטאָט תמרהס ענטפער איז, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, געקומען דער סאַרזשאַנט פון אַמט־הויז מיט אַן אויפפאָדערונג אַז ער זאָל זיך באַלד מעלדן צום לאַגער־קאָמאַנדאַנט.

אויסער קאָלאָנעל וואודס, איז אין זיין אַמט־צימער געזעסן נאָך אַן אָפיצער פון אינפאָרמאַציאָנס־הויפּטקוואַרטיר. אביגדור האָט אים באַלד דערקאָנט: ס'איז געווען דערזעלבער אָפיצער, וועלכער האָט אים אויסגעפרעגט אין דעם ערשטן שפּיטאָל־פונקט. איצט האָט ער געטראָגן אַ קרוינדל פון אַ מאַיאָר אויף די אַקסלבענדער. ער האָט דורכגענומען אביגדורן מיט זיינע כיטרע אויגן. קאָלאָנעל וואודס האָט זיך צוריקגעלענט אין זיין שטול, האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ פּאַקעט בריוו אויפן שרייבטיש און דערנאָך — אויף אביגדורן.

— לויטענאַנט, כ'האָב דאָ אַ פּאַקעט בריוו, וואָס איר האָט אָפּגעשיקט פון דאַנען אין אָקופּירטן געגנט פון פּאַלעסטינע. דער הויפּטקוואַרטיר אין קאַירע האָט געפונען פאַר נויטיג דידאָזיגע בריוו ניט דורכצולאָזן.

— יאָ, קאָלאָנעל, — האָט אביגדור אָפּגעענטפערט, קוקנדיג גראָד אויפן לאַגער־קאָמאַנדאַנט.

— עס איז אויסגעפונען געוואָרן אַז זיי אַנטהאַלטן אַן אינהאַלט פון אַ געוויסן אונווינשנסווערטן כאַראַקטער.

— יאָ, קאָלאָנעל.

— זאָל דאָס הייסן אַז איר זענט איינשטימיג מיט דערדאָזיגער באַהויפּטונג?

— כ'דערלויב זיך צו זאָגן: ניין, קאָלאָנעל.

— און איר זענט גאָרניט פאַראינטערעסירט צו אויסגעפינען פאַרוואָס?

— אַלס געפאַנגענער מוז איך אויפנעמען אייער משפּט ווי ער איז, קאָלאָנעל. איר האָט געוויס אייערע אורזאַכן פאַר דעם.

קאָלאָנעל וואודס האָט זיך איבערגעקוקט מיטן מאַיאָר און האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום שרייבטיש.

— לויטענאַנט, — האָט ער זיך אָפּגערופן, אַרויפקוקנדיג מיט זיינע שמאַלע פאַרעווע אויגן צו אביגדורן — מיר האָבן שטרענג נאָכגעפאָלגט אייער באַנעם דאָ אין לאַגער, און איך מוז צוגעבן, אַז מיר האָבן קעגן אייך גאָרניט אויסצוזעצן. איר פאַרהאַלט זיך ווי ס'איז פּאַסיג פאַר אַן ערנהאַפטיגן אָפיצער.

— כ'דאַנק העפלעך פאַר אייער מיינונג, קאָלאָנעל.

— אין זאַך אָבער, לויטענאַנט, באַוועגט אונדז צו קוקן אויף אייך — לאָמיר זאָגן — מיט געוויסן פאַרדאַכט, ע... נעמלעך... אונדזער אויפמערקזאַמקייט איז געצויגן געוואָרן צו דעם פאַקט, אַז איר, לויטענאַנט, זענט אין זייער פריינדלעכע באַציאונגען מיט — אַזוי צו זאָגן — אונווינשנסווערטע עלעמענטן דאָ אין לאַגער... אַט, צום ביישפּיל, די דייטשן, די עקסטרעם־נאַציאָנאַלע טערקן. דאָס זיינען שעדלעכע עלעמענטן, לויטענאַנט. אייניגע פון זיי האָבן זאָגאַר, דורך דער צייט פון די אומרוען אין עגיפּטען, געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַנטלויפן פון לאַגער און זיך פאַראייניגן מיט געוויסע אַנטי־בריטישע עלעמענטן דרויסן. איר ווייסט געוויס דערפון. און אַלס קאָמאַנדאַנט פון לאַגער, געפין איך עס

פּאַר מיין פליכט צו וואָרנען אייך, יונגערמאַן, אַז — אין די אינטערעסן פון אייער אייגענעם וואוילזיין — זאָלט איר ליבערשט אויסמיידן אַזעלכע אונפּאַרזיכ־טיגקייטן אין דער צוקונפט.

אביגדור האָט אָנגעהאַלטן זיין שטייף־מיליטערישע האַלטונג:

— איז דאָס דאָס אייער באַפעל, קאָלאָנעל?

— וועלל, צו זיין פּינקטלעך — ניין. עס איז נאָר מיין פריינדלעכע עצה צו אייך, לויטענאַנט, און איך האָב געוויסע אורזאַכן אין זאָגן אייך דאָס.

— דאַן דערלויבט מיר, קאָלאָנעל, צו אָנטזאָגן זיך פון אָנצונעמען אייער פריינדלעכע עצה. דידאַזיגע אַזויגערופענע „אונוויכשנסווערטע" און „שעדלעכע" עלעמענטן זיינען מיר, ביז מיין קומען אַהער, ניט געווען אונווינשנס־ווערט אָדער שעדלעך; און איך זע ניט איין פאַרוואָס איך זאָל זיי איצט דאַרפן אויסמיידן. און וואָס אָנבאַלאַנגט אַנטלויפן, דערלויבט מיר צו פאַרזיכערן אייך, אַז איך שטאַם ניט פון אַזעלכע וואָס אַנטלויפן, קאָלאָנעל.

— איר מיינט צו זאָגן, אַז אייערע אינטערעסן זיינען נאָך אַלץ מיט די טערקן און מיט די דייטשן?

— מיינע אינטערעסן זיינען אין מיין אייגענער ערלעכקייט, קאָלאָנעל — אין מיין אויפריכטיגקייט צו זיך אַליין. איין גורל האָט אונדז צוזאַמענגעבראַכט, און מיר מוזן זיך האַלטן צוזאַמען ביז צום לעצט.

— יאָ, כ׳פאַרשטיי... אָבער דאָס אַלץ, לויטענאַנט, איז אַ זאַך וואָס באַ־לאַנגט צו דער געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט. די פּאָליטישע לאַגע אין אַלגעמיין, ווי איר ווייסט, האָט זיך ענטשידן געביטן. און איר זענט איינ־טעליגענט גענוג צו פאַרשטיין אין וועלכן זייט דער וואוילזיין פון די פּאַלעסטי־נער אידן ליגט...

— פּאַלעסטינער אידען זיינען נאָר אַ ט י י ל פון גאָר דער מענטשהייט; און ס׳איז דער וואוילזיין פון דער לעצטער וואָס גייט מיר אָן.

— דעריבער?

— דעריבער קאָן איך, אַ ל ס מ ע נ ט ש , ניט אָנערקענען דעם זיג פון איין אָרגאַניזירטער פעלקער־מאַכט איבער אַ צווייטער — פּונקט ווי איך קאָן ניט אָנערקענען די אויבערהערשאַפט פון איין קלאַס איבער דעם אַ צווייטן.

— ס׳איז אָבער קריג, לויטענאַנט?

אביגדורס בליק איז געפאַלן אויף אַ שאַך־ברעט אויף אַ זייטיגן טיש. ער האָט מיט אַ באַשיידענעם שמייכל אַ פרעג געטאָן:

— דערלויבט מיר אייך צו פרעגן, קאָלאָנעל: ווי איך זע, שפּילט איר שאַך, ריכטיג?

— יאָ. און איר?

— איך האָב אַ שטיקל אַנונג אין דעם. וואָס איך בין אויסן צו פרעגן, קאָלאָנעל: זענט איר שטענדיג דער געווינער?

— וועלכ, מ'קאָן זאָגן: גלייך־אויף־גלייך.

— אָט דאָס איז קריג, קאָלאָנעל. ס'איז אַ שאַך־שפּיל: אין אָנפאַנג איז דער פאָרמעסט אַ גלייכער, דער ציל — דערזעלבער;ביידע איינטיילנעמער פלייסן זיך — מיט די זעלבע כוחות — צו געווינען. איינער מוז אָבער שטענדיג פאַרלירן. דאָס אָבער האַלט ניט אָפּ דעם פאַרשפּילער אַ צווייטן מאָל צו שפּילן מיטן געווינער, און דאַסמאָל — געווינען. דאַסמאָל שפּילט אייער צד די ווייסע, קאָלאָנעל. דערלויבט מיר אָבער צו באַהויפּטן, אַז געשיכטלעך האָט די אַנטאַנטע דעם קריג שוין לאַנג פאַרלאָרן. ס'איז אַמעריקע וואָס האָט אַרונטערגעוואויגן דעם וואָגשאָל פאַר אייך. מאָרגן קאָנען די וואָגשאָלן שנעלן אַנדערש...

— דערמיט מיינט איר צו זאָגן, לויטענאַנט?

— אַז ניט זיג און ניט זיגער ברענגען שלום, נאָר די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט אַלס אַ גאַנצע. פּיאָשן וועלן אַרונטערגענומען ווערן פון שאַך־ברעט, טורעמס וועלן פאַלן, ענדלעך אָבער וועט דער קעניג מוזן ווערן מאַט...

— דאָס איז רויער באָלשעוויזם!... ווי איך זע, לויטענאַנט, האַלט איר זיך פעסט ביי דעם גרונט־געדאַנק פון אייערע בריוו.

— דורכאויס, קאָלאָנעל.

— אויב אַזוי, מוז איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן צו אויסמיידן אַזעלכעס אין דער צוקונפט. אַזעלכע בריוו קאָנען האָבן אַן אונווינשנסווערטע ווירקונג אין אַ ניי־אָקופּירטן געגנט. איר מוזט עס באַגרייפן באַצייטנס, לויטענאַנט; אַניט, וועל איך זיין געצוואונגען אָוועקצונעמען ביי אייך די פּריווילעגיע פון בריוו־שרייבן.

— איך גלויב אַז, אונטער די אומשטענדן, וועל איך אייך איינשפּאָרן דידאַזיגע מי, קאָלאָנעל. איך באַטראַכט עס פאַר מיין מענטשלעכער רעכט צו אויסדריקן מיינע געדאַנקען און איבערצייגונגען צו אַ געוויסער פּערזאָן, פאַר וועלכער איך האָב אַלע אורזאַכן אין דער וועלט צו גלויבן, אַז זי פאַרשטייט מיר. איך וועל זיך אָבער מוזן פּ ר י ו ו י ל י ג אָפּזאָגן פון אייער אַזויגערופענער „פּריווילעגיע."

— זייט ניט אַזוי אויפגעבראַכט, לויטענאַנט. איך גלויב אַז מיר קאָנען קומען צו אַ פאַרשטענדעניש וועגן דעם אַלעם אויף אַ פריינדלעכן אויפן.

— אונטער די אומשטענדן, וועל איך זיך מוזן אָפּזאָגן פון דעם כבוד, קאָלאָנעל.

— אָבער אַלס מענטש־צו־מענטש?

— דאָס איז אַנדערש.

— זעצט זיך... אַ סיגאַרעט?

זיי האָבן פאַנאַנדערגענומען די בריוו. קאָלאָנעל וואודס האָט זיך אָפּגע־

שטעלט און האָט צעגלידערט יעדן זאַץ, וואָס איז דאָרט געווען אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בליישטיפט. אביגדור האָט פאַרטיידיגט יעדן אַרויסגעזאָגטן געדאַנק מיט פעסטגעשטעלטער איבערצייגונג. נאָך אַ לענגערן געשפּרעך האָט קאַלאָנעל וואָודס אים צוריקגעגעבן דעם פּאַקעט בריוו.

— לויטענאַנט, איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין ניט איינשטימיג מיט קיין איינציגן געדאַנק אייערן! איך גיב אָבער צו, אַז מיר געפעלט אייער פעסט־געשטעלטע אויסגעהאַלטנקייט. כ'האָף אַז מיר'ן זיין פריינט.

און פריינט זיינען זיי געוואָרן.

צווישן די צוויי האָט זיך אַנטוויקלט אַ טשיקאַווע פריינדלעכע באַציאונג; שטענדיג אויף שטעכמעסערס, שטענדיג גרייט איינער דעם צווייטן אויפצועסן, און שטענדיג זיך פאַרהאַלטן איינער צום אַנדערן מיט אָפּשיי און יראת־הכבוד. קאַלאָנעל וואָודס האָט צוגעזען אביגדורן מיט ביכער, קלייניגקייטן; האָט אים באַזאָרגט מיט אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען, צו יעדער צייט, אין דער דייטשישער אָפּטיילונג, אין אַמט־הויז, וואו זיי האָבן אָפט געשפּילט שאָך, און האָבן זיך דורכגעטאַדלט מיט געמיטלעכער שפּיזלדיגקייט איבער אַ קאַלטן טרונק.

2

דער וועג צוריק — דער וועג פון דערנער

— וואַפנשטילשטאַנד!

— וואָס?!

— ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

— אויף אַן אמת?

— יאָ, ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד! ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

— געהערט?

— וואַפנשטילשטאַנד איז דערקלערט געוואָרן — ו ו א פ נ ש ט י ל - ש ט אַ נ ד!

— ס'קאָן ניט זיין!

— ס ' א י ז — ס'איז ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

— ווער?! וואו?! עס——

— היינט, עלף אַזייגער — ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

— גאָט, וואָס טוט זיך דאָ?!

— ס'איז ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

— דער קריג איז פאַראיבער!

— ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד! ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד! ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

איין וואָרט אויף אַלע ליפּן, איין פיבער אין אַלעמענס בלוטן. איין פייער האָט אָנגעצונדן אַלע אויגן, אַלע מוחות:

— ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

מענטשן זיינען אומגעלאָפן באַנומען, מענטשן זיינען געוואָרן אויסער זיך. מענטשן האָבן געוויינט, מענטשן האָבן היסטעריש געלאַכט, מענטשן האָבן פאַר זיך קיין פּלאַץ ניט געפונען —

— ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד! ו ו אַ פ נ ש ט י ל ש ט אַ נ ד!

פונ'ם אינוואַלידן־פּאַוויליאָן האָט מען זיך אַרויסגעשלעפּט אויף קוליעס,

וועגעלעך. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט צעשויבערטע קעפּ, פאַרריסענע שטערנס; האָבן זיך אומגעקוקט דערשטוינט. ליפּן אויסגעצויגענע האָבן ציטערדיג איבערגעפרעגט:

— הע, זאָל דאָס טאַקי אמת זיין?

— וואָס אמת? — ס'איז וואַפנשטילשטאַנד!! וואַפנשטילשטאַנד!!

טאַלאַט עפענדי, וועלכער איז געפאַלן געפאַנגען אין דעם ערשטן צוזאַמענשטויס ביים סועץ־קאַנאַל, האָט זיך אומגעיאָגט מיט אומגעהויערן אימפּעט איבערן לאַגער, זיינע אויגן גרויס, ווילד, זיין פּנים צעפלאַמט, און האָט געשריען אין אַן איבערגעריסן קול:

— שטייט אויף! וואַפנשטילשטאַנד!... סלאַך באַשינאַ![1] וואַפנשטילשטאַנד!...

ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט קושן מיט זיין בימבאַשי, האָט אים אָפּגעביסן אַ שטיק באַק. מיט ס'בלוט איבערן מויל האָט ער זיך אַוועקגעיאָגט ווייטער, ט'גענומען קלעטערן איבערן שטאַכל־דראָטן־צוים —

— נאָך מיר! ס'איז וואַפנשטילשטאַנד! איך זאָג אייך, איר צויגן־זין, ס'איז וואַפנשטילשטאַנד!!...

דעמזעלבן נאָכמיטאָג האָט מען אים, אין אַ צוואַנג־יאַקע, אָפּגעפירט קיין אַלעקסאַנדריע.

וואַפנשטילשטאַנד!

דער אַלטער מיראַלאַי האָט זיך דורכגעשפּאַרט צווישן עולם אַרום דער קאַזינאַ, איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בענקל און האָט זיך פאַרנומען הויך אויף זיין ברייטער קעל; זיין פּנים איז געווען רויט, אויפגערעגט:

— קאַרדאַשלער! עס איז——

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער ברוסט, ט'זיך צוזאַמענגעבראָכן און איז אַרונטערגעפאַלן אַ טויטער.

וואַפנשטילשטאַנד!

און לאַגער איז געוואָרן וואָס־אַ־ווילע ווילדער, לאַגער איז געוואָרן וואָס־אַ־ווילע ענגער. מ'האָט דערוואַרט אַז צו יעדער מינוט זאָל דער צוים אַרום איינפאַלן ווי די מויערן פון יריחו —

וואַפנשטילשטאַנד! — אויס מלחמה!... שלום!... היים!...

מ'האָט אויפגעכאַפּט יעדע שטיקל נייעס, יעדן וואָרט, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן, און די טויערן פון געפאַנגענשאַפט־לאַגער זיינען געבליבן געשלאָסן ווי געווען.

1. צום חאַפּן!

מיט געשפּאַנטן נייגער האָט מען יעדן פרימאָרגן אָפּגעוואַרט די צייטונגען, צעפּויקט די לעצטע נאַכריכטן: „ווערסאַל איז באַשטימט געוואָרן פאַרן פּלאַץ פון דער שלום־קאָנפערענץ!"... „ווילסאָן האָט פאַרעפנטלעכט פערצן פּונקטן אַלס דער באַזיס פאַר די שלום־פאַרהאַנדלונגען!"... „פרייהייט פאַר אַלע פעלקער! רעכט פאַר אַלע מענטשן! אַ פעלקער־בונט פון אַלע נאַציאָנען! אייביגער שלום איבער אַלע גרעניצן!"... „ס'איז אויפגעשטאַנען דער נביא פון אונדזער צייט! ער קומט אַליין צו דער שלום־קאָנפערענץ צו לאָזן הערן זיין ניי וואָרט פאַר דער גאַנצער וועלט! ער שפּרייזט דעם ים — קומט!"...

אביגדור איז גראָד אַריינגעקומען אין דעם געצעלט פון די גרעקן ווען ס'איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה אַז פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאַרלאָזן דעם אַמע־ריקאַנעם ברעג אויף זיין וועג קיין ווערסאַל. ער האָט געטראָפן די אַלע גרעקן קניענדיג אין אַ תּפילה אַז די שיף פון'ם אַמעריקאַנעם שליח פון גערעכטיגקייט זאָל קומען בשלום אויף איר אָרט. אביגדור האָט אויפן מאָמענט געפילט ווי אַרונטערצולאָזן זיך צו דער ערד מיט זיי צוגלייך. „די וועלט שטייט אויפן שוועל פון אַ נייער תּקופה: אַ גרויסער חלום ווערט מקוים..." ער איז אָבער געבליבן שטיין אויף זיין שטעל אומבאַוועגט און האָט זיי ביז טרערן מקנא געווען זייער גלויביגקייט.

מ'האָט גענומען ריידן וועגן אַן אויסטויש פון די געפאַנגענע אינוואַלידן. אוני עפּענדי האָט אויפגענומען דידאַזיגע נייעס מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט געהאַלטן אין איין דריקן און צערטלען אביגדורס האַנט, ט'גערעדט אַ ווײַלע האַלבע רייד; ט'אַנגעהויבן עפּעס צו זאָגן, ט'ניט דערענדיגט; ביז ער איז געבליבן זיצן שווייגנדיג, צעטומלט. מיטאָג־צייט האָט אים דער באַדינער געפונען ליגנדיג מיט אויפגעשניטענע אָדערן פון ביידע הענט.

„איך אויף זיין אָרט וואָלט אפשר אויך אָפּגעטאָן דיזעלבע נאַרישקייט"... זיינען אביגדורן געקומען אויפן געדאַנק אוניס ווערטער, ווען קאַלאָסט עפּענדי האָט זיך אַריינגעיאָגט אַ קויל אין קאָפּ.

נאָך אַן אינוואַליד האָט נאָכגעפאָלגט אוניס ביישפּיל. דעם טאָג איידער די אינוואַלידן־גרופּע האָט געזאָלט אָפּגעשיקט ווערן, האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אין אָפּטרעט־שטיבל.

זיין טיפער אינטערעס אין די פאַרהאַנדלונגען פון דער שלום־קאָנפערענץ האָט פאַר אביגדורן אָפּגעטעמפּט דעם קלאַפּ פון אוניס טויט. ער האָט מיט אַ געשפּאַנט געמיט נאָכגעפאָלגט די באַריכטן פון ווערסאַל. און יעדער טאָג האָט אים געבראַכט טיפערע אַנטוישונג, יעדער באַריכט האָט מער פאַרשאַרפט דעם ווייטאָג. יאָ, דער נביא איז געקומען, דער נביא האָט געלאָזט פאַלן זיין וואָרט, דער נביא איז געוואָרן צו שפּאָט. דער פייער פון זיין נשמה האָט קיין הערצער ניט אויפגעגליט, זיין רוף איז געבליבן ניט געענטפערט. „קליגערע" פון אים האָבן אים צו נאַר געמאַכט; כיטרע פּאָליטיקער האָבן זיין חלום אויסגע־

לאַכט. און אַ וועלט איז צעפּיצלט, צעבּרעקלט געוואָרן. מער גרעניצן, פרישע קריוודעס, נאָך מער היים־בּלוט צווישן ניי־געשאַפענע לאַגערן. אַ פ ר י ד ן־ קאָנפערענץ וועלכע האָט באַצייכנט נייע שלאַכט־ פעלדער פאַרן מאָרגן!...

אין זיינע געשפּרעכן מיט קאָלאָנעל וואודס האָט אביגדור ניט געזיפּט קיין ווערטער אויסצודריקן זיין אַנטריסונג איבער דעם אויסקום פון דעם ווערסאַלער שלום:

— ס'איז ניט מער ווי אַ געמיינער פאַרס, קאָלאָנעל! — אַ נידערטרעכטיגער פאַרברעכן, קעגן וועלכן די גרויזאַמקייט פון קריג איז שיעור ניט אַ הייליג־קייט!...

קאָלאָנעל וואודס האָט געשוויגן, ט'אים געלאָזט ריידן. דער קאָנפליקט צווישן די צוויי איז אַלץ מער פאַרשאַרפט געוואָרן. עס זיינען אָפט געפאַלן צווישן זיי האַרבע רייד — נאַקעט, גאַליג. זייער פערזענלעכע פריינדשאַפט האָט אָבער דורכדעם גאָרניט געליטן. און ווען אביגדור האָט אים איינמאָל צוגעדריקט צו דער וואַנט פאַר אַן ענטפער, האָט קאָלאָנעל וואודס אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע קאַלטבלוטיגע אויגן און האָט אַ זאָג געטאָן אין זיין אָפיצי־עלער גלייכטאָניגקייט:

— אַזוי איז דער וואונש פון גרויס־בריטאַניע, לויטענאַנט.

דאָס האָט אביגדורן אויפגעבראַכט.

— ליידער קאָן מיר אַזאַ ענטפער ניט צופרידנשטעלן, קאָלאָנעל, — עס קאָן ק י י נ ע ם ניט צופרידנשטעלן.

— עס שיינט אָבער צו האָבן צופרידנגעשטעלט דער וועלט.

— איר האָט איינגעשלעפערט דעם געוויסן פון דער וועלט מיט אַ וויגליד פון פאַרשפּרעכונגען: „זעלבסטשטענדיגקייט!" נאַציאָנאַלע היימען!" די אָפּ־געגנאַרטע וועלט וועט זיך אַמאָל מוזן אויפכאַפּן פון דעמדאָזיגן שלומער, וועט איינזען דעם ביטערן טעות, דעם שווידערלעכן גוואַלדטאַט וואָס ווערט באַגאַנגען אין דעם נאָמען פון ציוויליזאַציע. זי וועט באַגרייפן אַז די ממשלה פון'ם לייב איז באַזירט אויף גרונדלאָזע, אויפגעהעצטע רייסערייען און מלחמות צווישן די קינדער פון דער פעלקער־משפחה, און די שולד פון די קומענדיגע בלוט־פאַרגיסונגען וועט געלייגט ווערן פאַר ענגלאַנדס שוועל...

— יונגערמאַן, אידעאַליזם איז אפשר אַ גאַנץ נאָבעלע זאַך אַן־און־פאַר־זיך. אָבער מיט אידעאַלן אַליין קאָן מען קיין וועלט ניט פירן. איר מוזט איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל פאַרשטיין, לויטענאַנט: די וועלט מוז געמאַכט ווערן אַ זיכערער פלאַץ צו לעבן!

— איר מיינט ניט צומאָל אַ זיכערער פלאַץ פאַרן צייטווייליגן זיגער אויס־צואיבן זיין הערשאַפט, קאָלאָנעל? — איז געפאַלן אביגדורס בייסנדיגע באַ־מערקונג.

און ער האָט איצט, מער ווי שטענדיג, איינגעזען דעם גאַנצן אומזין פון דעם אַקאָרשט־פאַרגאַנגענעם טומל, פון דעם אומרעכט וואָס איז באַגאַנגען גע־וואָרן קעגן אַ פאַרפייניגטער וועלט. דאָס אומזיסט־פאַרגאָסן בלוט אויף די שלאַכטפעלדער האָט אַרויסגעשריען צו אים. ער האָט זיך געפילט געטראָפן, אויפגערעגט. זיין געדולד האָט זיך געבראָכן. ער האָט געפילט אַז ער מוז זיך אַרויסרייסן פון דאַנען — מוז וואָס שנעלער זיין אויף דער פריי.

מ׳האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו באַפרייען די וועלכע האָבן געשטאַמט פון די אָקופּירטע געגנטן. אביגדור האָט טעכניש באַלאַנגט צו דערדאָזיגער קאַטעגאָריע. ער האָט אָנגעגעבן זיין אַפּליקאַציע. צוויי וואָכן, אַ חודש — ער איז גערופן געוואָרן אין אַמט־הויז. קאַלאַנעל וואודס האָט אים אָנגעוויזן אויף די צושריפטן פון הויפּטקוואַרטיר:

— ס׳איז די לעצטע אָנפראַגע וועגן אייך, לויטענאַנט. עס הענגט איצט אָפּ אינגאַנצן אָן מיין ענטפער.

„צוריקגעוויזן״, האָט ער אָנגעשריבן אין אַ צעצויגענעם שריפט אַז אביגדור זאָל עס באַמערקן.

אביגדור האָט אים אַ ווילדע אָנגעקוקט פאַרווירט.

— מעג איך פרעגן פאַרוואָס, קאַלאַנעל?

— כ׳על עס אייך אַמאָל דערקלערן.

אביגדור האָט געשוויגן. דער בייזווילליגער כיוון האָט אים געקרענקט. ער האָט עס אָבער ניט געוואָלט אַרויסווייזן. ער האָט פאַרביסן די ליפּן און האָט זיך אָפּגעטראָגן צוריק אין לאַגער.

ער האָט, אויף קאַלאַנעל וואודס פאַרשלאַג, אָנגעגעבן אַ צווייטע אַפּליקאַציע, און אַ דריטע. די רעזולטאַטן זיינען געווען דיזעלבע: „צוריקגעוויזן!... כ׳על עס אייך אַמאָל דערקלערן...״

און וואָך נאָך וואָך האָט ער צוגעזען ווי עס ווערט באַפרייט איין אָפּטיילונג נאָך דער אַנדערער. ער האָט זיי נאָכגעקוקט מיט פאַרחלשטע אויגן ווי זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורכן טויער, אָפּגעפירט געוואָרן צו דער באַן־סטאַנציע — פ ר י י!... דאָס וואַרטן איז איצט געפאַלן שווער אויף זיין געמיט.

ענדלעך איז געקומען זיין רייע. קאַלאַנעל וואודס האָט אים אַריינגערופן צו זיך.

— יונגערמאַן, אייער באַפרייאונגס־פאַראָרדענונג איז דורכגעגאַנגען: איר גייט אַהיים.

— אַ דאַנק פאַר דער נאַכריכט, קאַלאַנעל. ווען?

— שוין. האָט איר אַ ציווילן אָנצוג?

— כ׳על עס מיר איינשאַפן שפּעטער.

— איר וועט ניט דאַרפן: דאָ האָט איר אַ פאַראָרדענונג־שיין צו אַ קליי־

דער־געשעפט אין אַלעקסאַנדריע פאַר אַ פולן ציווילן אויסשטייער. ס׳איז אַן אָפּשייד־געשאַנק פון מיר.

— זייער העפלעך פון איך, קאַלאַנעל.

— און דאָ האָט איר אַ קליינעם אָנדענק — אַ ביבל.

ער האָט אויפן שער־בלעטל אָנגעשריבן: „צו אַ פריינדלעכן קעגנער מיט וועמען איך בין דורכאויס ניט איינשטימיג, נאָר וועמענס אונקאָמפּראָמיטירטע אויפריכטיגקייט איך האָב געלערנט צו אָפּשאַצן״.

— איך מיין עס ערנסט, לויטענאַנט. און אויב איר וועט אַמאָל, דורך אַ צופאַל, זיין אין לאָנדאָן, אָט האָט איר מיין אַדרעס; כ׳וועל זיין מער ווי צופרידן איך צו זען... און איצט, יונגערמאַן, איך גלויב אַז איך בין איך שולדיג אַ דערקלערונג פאַר אַ געוויסע האַנדלונג.

— איך דענק אַזוי.

— וועלל, לאָמיר עס פאַסן אַזוי: זאָל עס איך דינען אַלס אַן אַנלערנונג קיינמאָל ניט צו שטעלן זיך אין אָפענעם קאַמף קעגן דער קרוין פון גרויס־בריטאַניע.

— ס׳טוט מיר לייד צו זאָגן, קאַלאַנעל, אַז די דאָזיגע „אַנלערנונג״ האָט מיר גאָרניט איבערצייגט. און איך ווייס ניט אויף ווי ווייט איך וועל עס קאָנען פאָלגן. איין זאַך אָבער בין איך זיכער: פאַלן געפאַנגען אין ענגלישע הענט וועל איך מער קיינמאָל.

— ווי קאָנט איר זיכער זיין אין אַזאַ זאַך?

— אַ גוטער זעלנער שיסט קיינמאָל ניט אויס די לעצטע קויל, קאַלאַנעל...

— וועלל, איך האָב שטענדיג געוואוסט אַז איר זענט אַ באָלשעוויק, און אַזוי וועט איר שוין, קאָנטיג, פאַרבלייבן. טראָץ דעם, אָבער, געפעלט איר מיר.

— אַ דאַנק.

— איך ווינש איך גליק. נעמט מיין פריינדלעכע עצה און שלאָגט זיך אַרויס די איבערגעשפּיצטע געדאַנקען פון קאָפּ — זיי ׳עלן איך ענדלעך פאַרפירן אין אַ בלאָטע. און קווענקלט זיך ניט צו לאָזן מיר וויסן, אויב און ווען איר נויטיגט זיך אין מיין הילף. איר קאָנט זיך, צו יעדער צייט, פאַרלאָזן אויף מיין פריינדשאַפט. גוד באַי!...

גוד באַי! גוד באַי!... גוד באַי, סאַרזשאַנט! גוד באַי, צוים און טויער! גוד באַי, לאַנד פון פיראַמידן — לאַנד פון אייביגער זוניגקייט — פון אייביגער פאַרשקלאַפונג! קיינמאָל דיר ניט זען מער, אָסור אויב ס׳איז ווערט אַ טרער!... גוד באַי!!

פרייע ברייטקייט... ציווילע קליידער... דער באַן... איז עס באמת אַ ווירקלעכקייט? איז ער באמת פריי? אפשר איז אַלץ ניט מער ווי אַ פאַר־פירערישער חלום, פון וועלכן ער וועט זיך באַלד ווידער אויפוואַכן און זיך

געפינען צוריק אין דער שטייג?... ס׳האַרץ שלאָגט, זיין גאַנצער וועזן פיבערט. ער קוקט זיך אום צערודערט. דער צוג טראָגט זיך שנעל. רעדער רוישן אונטער אים. ער איז אויפן וועג צו זיך — אָנצוהויבן ס׳לעבן פון דאָסניי — תמרה... ער איז פריי! פ ר י י! די וואָך ביי דער טיר פון וואַגאָן איז נאָר אַ פאָרמאַליטעט... דער צוג שפּאַנט־דורך וויסטעניש, יאָגט־אָן ווייטקייטן, לאָזט הינטער זיך שטחים ערד, איבער וועלכער יעדער שפּאַן איז אויסגעפּעכט געוואָרן מיט בלוט און פייער. איצט טראָגן זיי זיך פאַרביי צוואַנציג — פינף־און־צוואַנציג קילאָמעטער אַ שטונדע. ראַמאַני... על־אַריש... ראַפּפאַ... וואָס האָבן דידאָזיגע נעמען געמיינט אַמאָל? וואָס מיינען זיי איצט? וואָס וועלן זיי מיינען אין די טעג די קומענדיגע?...

אין ראַפּפאַ האָט זיך די וואַך געביטן. אביגדור איז געזעסן מיט די אויגן צוגעשמידט צום פענצטערל. אַרום דער באַן־סטאַנציע האָבן זיך אומגעדרייט זעלנער מיט מנורהלעך אויף די היטלען. אידישע יונגעלייט אין ענגלישע אוניפאָרמען איבער אַ לאַנדשאַפט וועלכע האָט אַמאָל דורכגעטראָגן אַנדערע זעלנער, אַנדערע אוניפאָרמען, און צווישן זיי — אַנדערע אידן... און נאָך ראַפּפאַ קומט כאַן יוניס, און דערנאָך — עזה. עזה!... אַ קעלט איז אים אַדורך איבערן רוקן. ס׳האַרץ האָט אַ קלעם געטאָן. דער צוג האָט זיך דורכגעשניטן צווישן די זאַמד־בערג, קאַקטוס־קוסטן, דזשאַמעז־בוימער — עזה!... אַ רואיגקייט האָט זיך איצט געוויקלט דאָרט איבער אַלץ אַרום — די רואיגקייט פון טויט. און ערגיץ דאָרט אין דער טויטער רואיגקייט זיינען געלעגן פאַרפייניגטע טעג, שטורעמדיגע שעהן — כייקל — אפרים — די אַנדערע... ער האָט זיך אומגעוואָרפן פון איין אָרט צום צווייטן, פון איין פענצטערל צו דער אַנדערער. זיין בליק האָט זיך אומגערן פאַרהאַלטן אויפן וואַך־זעלנער, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער טיר, מיט דער פלייצע צו אים, און האָט אַרויסגעקוקט אויף דער פאַרביישווינדלענדיגער לאַנדשאַפט. דער געבוי פון יענעמס אַקסלען, דער אויסגוס פון זיין קערפער האָבן געצויגן אביגדורס אויפמערקזאַמקייט. אין אַן אויגנבליק איז ער אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט —

— ראובני!

ער האָט אויף דער מינוט ניט באַגריפן אַז ער זאָל האָבן דעמדאָזיגן נאָמען אויסגעשריען, און איז דערפאַר געווען איבערראַשט ווען יענער האָט זיך פּלוצים שאַרף אויסגעדרייט צו אים און האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

— אָה, זיבעציג שדים און אַכציג רוחות! — דוכס!... פון וואַנען האָסטו זיך אַהער גענומען?!

— דו ליבערשט היט מיר, ברודער: איך קאָן נאָך אַנטלויפן...

— כ׳וואָלט זיך גיכער געריכט דערהרגעט צו ווערן פון אַ קויל אין שלום־צייט, איידער דיר דאָ צו טרעפן. טאַקי אַקאָרשט געטראַכט וועגן דיר.

— טשיקאַווע.

— יאָ. ווען איך שלעפּ זיך פאַרביי דידאָזיגע מקומות, קומסטו מיר אויפן זין... און וואו אַשטייגער ביסטו עס נעלם געוואָרן ביז איצט?

— געווען ביי דיינע בעלי־בתּים אויף קעסט. און דו, ווי איך זע, ביסט סוף־כּל־סוף געוואָרן אַ סאָלדאַט מיט אַ מנורה. ראובני דער צער־בעל־החיימניק

— מיט אַ ביקס!

— ס׳איז אַ צייט אַזאַ, דוכס, — איז געקומען ראובניס ענטפער אין טרו־קענעם ערנסט, — אַ צייט אַזאַ. „ללמד בני־ישראל קשת“. מ׳עט עס דאַרפן, חביבי, הלואי ניט. דער פעטער יאַנקל שפּילט אַ מיאוסע פּאָליטיק... און וואוהין, למשל, לאָזט זיך עס אַ איד פון מצרים?

— שטויס זיך אָן.

— אין דער קאָלאָניע, כּיבע?

— געטראָפן!

— טאָקי צו ליפשיצן?

— וואו־דען? געווען דאָרט לעצטנס?

— ניט לאַנג צוריק.

— נו?

— גאָרניט. דערזעלבער עליע ליפשיץ. האָט געהאַט אַביסל צו־זינגען־און־צו־זאָגן ביי די טערקן; ער האָט נאָך אָבער גוט אָפּגעשניטן... נו, און תמרה ווייסט?

— וואָס?

— אַט, אַז דו קומסט?

— זי וועט אינגיכן אויסגעפינען.

— אַן איבערראַשונג, הייסט עס?

— רוף עס אַן אַזוי.

— נו, געוויס...

— איז וואָס הערט זיך דאָרט? וואָס מאַכן זיי? תמרה?

ס׳איז ניט געווען אַרויסצוקריגן קיין קלאָרע תשובה פון ראובנין. ער האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד:

— ... יאָ, חביבי, ס׳איז אַנדערש — אַ לץ איז אַנדערש. ס׳איז הילולא־וחינגא, און ענגלאַנד טאַנצט מיט איין בטן־מחילות אויף צוויי חתונות... די אַראַבער זיינען אש־להבה, און דער גדוד ווערט ביסלעכוויז פאַנאַנדערגע־לאָזן... דערווייל שפּרינגען נאָך די אידעלעך „קדוש“ פאַרן לייב. וואוהין דידאָזיגע פּאָליטיק ׳עט דערפירן, איז דערווייל אַ גרויסע רעטעניש. מ׳מוז זיין גרייט אויף אַלץ... יאָ. ווער וואָלט זיך עס אַמאָל געריכט, אַז איך ׳על זיין דיין שומר?!... וועסט טרעפן אַ סך ענדערונגען, דוכס. זיי פון גאָרניט איבערראַשט. ס׳איז אַנדערש...

זיי זיינען אָנגעקומען קיין לוד שפּעט — צו־שפּעט צו לאָזן זיך צופוס אין

דער קאָלאָניע. ראובני איז מיטן זעלבן צוג געפאָרן ביז חיפה. אביגדור האָט זיך מיט דער קליינער באַן דערשלעפּט קיין יפו. ער איז פאַרבליבן איבער־נאַכט ביי איינעם פון די יפור חברים, וועמען ער האָט צופעליג געטראָפן אויף דער באַן־סטאַנציע. שפּעט אין אָוונט איז שמחוני אַריינגעפאַלן. ער איז שוין דאָ געוועזן אַ שטיקל צייט. ער האָט זיך צוריקגעקערט פון קאָנסטאַנטינאָפּל מיט אַ גאַנצער כאָליאַסטרע — צוועלף שטיק. אַ טייל פון זיי האָבן זיך באַלד אַוועק־געלאָזט קיין ירושלים; ער איז פאַרבליבן אין יפו אויפצוזוכן זיין גרוזינערקע; זי האָט באַדאַרפט זיין ערגיץ אַרום דאַנען. ער האָט דערווייל גאָרניט באַוויזן צו טאָן וועגן דעם — טאָקי צוליב די חברה —

— דו גייסט פון דאַנען ניט אַוועק, דוכס! די חברה זיינען אין אַ פּאָס־קודנעם מצב. מ'וויל אונדז ניט געבן קיין באַשעפטיגונג. מ'דאַרף די שטעלעס, זאָגן זיי, פאַר די יאַטן פון גדוד. ז י י זיינען איצט די יחסנים. מיר זיינען ווינען מחוץ־למחנה, פאַרשטייסט? מיר גייען יעדן טאָג אין משרד פון דער ציוניסטישער קאָמיסיע; מ'האַלט אונדז אין איין אָפּלייגן. צום אדון־הגדול לאָזט מען אונדז גאָרניט צו. מ'קאָרמעט אונדז מיט קאַלטע תירוצים, מיט חלשות, און—— די חברה הונגערן, דוכס... אין ירושלים האָבן אונדזערע נאָך ערגער אָפּגעשניטן: מ'האָט זיי מיט גוואַלד אַרויסגעוואָרפן ווען זיי זיינען באַשטאַנען אויף זייערס... אָט אַזוי איז עס איצט. געדענקסט קאַצן?

— אָט דעם טכויר?!

— יאָ, ער. ער איז איצט אַ גאַנצער תקיף. האָט אַ טייערע שטעלע אין דער ציוניסטישער קאָמיסיע. וואָלסטו דאָך געדענקט אודאי אַז ער וועט צולייגן אַ האַנט און אַרויסהעלפן אַמאָליגע חברים; אַ נעכטיגער טאָג! ער וויל פון קיינעם ניט וויסן. און דער צווייטער — בענדער — געדענקסט אים? ער איז אָנגעשטעלט אין דער געהיים־פּאָליציי... איז דאָס איז עס. מ'האָט זיך אָפּגע־טרייסלט פון אונדז. מיר זיינען איצט פּסולע סחורה. און—— עפּעס מוז געטאָן ווערן, דוכס — מ ' מ ו ז !...

דוכס האָט אים אויסגעהערט מיט אַ געזעצט פּנים. זיינע אויגן האָבן גע־ברענט. ער האָט פון אויפרעגונג פאַר אַ לענגערע ווײַלע קיין וואָרט ניט גע־קאָנט אויסריידן.

— ווער איז ביי זיי דער גאַנצער קנאַקער? — האָט ענדלעך אַ פרעג געטאָן האַרט.

— איינער אַ יוריסאָן.

— אַן ענגלישער יהודי?

— ניין, אַן אַמעריקאַנער בלאָף.

— נעם צוזאַמען די חברה. מיר'ן זיך מיט אים זען. מיר האָבן נאָך אויך עפּעס צו זאָגן!

זיי זיינען געגאַנגען איין טאָג, אַ צווייטן. דוכס האָט זיך כמעט ווי פאַר־

געסן אַז ער איז געקומען אַהער נאָר פאַר איבער־נאַכט. זיי האָבן געוואָרט, גע־קליגט זיך. ס׳האָט ניט געהאָלפן. מ׳האָט זיי יעדן מאָל אָפּגעפּטרט מיט אַן אַנדער אויסרייד. מ׳האָט זיי צו יוריסאָנען ניט צוגעלאָזט. אין דוכסן האָט געפּלאַצט ס׳געדולד.

— חברה, ביד חזקה! מאָרגן פרי, אויסגעטאָן זאָל ווערן די הענטשקעס: מיר׳ן אים אָנלערנען אויף טערקיש! אויפטרעפן זיך ביי דער גימנאַזיע צען אַזייגער שאַרף.

זאַלבע־אַכט זיינען זיי אַריין אין דער געביידע פון דער ציוניסטישער קאָ־מיסיע. דער תימנער משרת האָט זיי פאַרהאַלטען פאַר דער טיר פון יוריסאָנס צימער.

— אדון יוריסאָן איז ניטאָ.

— אדון יוריסאָן האָט אונדז געהייסן קומען, — האָט דוכס אים געפּרואווט אָפּשטופּן פון טיר; — ער דערוואַרט אונדז.

— ווער, זאָל איך זאָגן, איז דאָ?

— דו זאָג גאָרניט, פאַרשטאַנען??!

— קאָנט איר ניט אַריינגיין! — האָט דער תימנער אַ טרייסל געטאָן מיט די פאות.

דוכס האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר די לאַצן און האָט אים אַ שלעפּ געטאָן צו זיך:

— הער זיך איין, ברודער: דיר ווילן מיר קיין שלעכטס ניט טאָן. צו דיר האָבן מיר גאָרניט. מיר מוזן זען דעם אדון־הגדול! דו ליבערשט לאָז אונדז אַריין, אַניט——

דער תימנער האָט זיך אומגעוואָרפן אַ פאַרצאַפּלטער אין דוכסעס הענט —

— אדון יוריסאָן איז ניטאָ... אדון יוריסאָן איז שטאַרק פאַרנומען... בחיי, אדון...

— פאַרשטאָפּ אים דעם פּיסק, שמחוני! — האָט אביגדור באַפוילן — ער מאַכט־אָן צופיל טומל... נאָך מיר, חברה!

אין׳ם פאָדערשטן צימער איז קיינער ניט געווען. זיי האָבן מיט אַ פראַל אויפגעמאַכט די טיר פון אַ זייטיקן צימער. אַ גלאַט־ראַזירטער פאַרשוין מיט שווערע ברילן אויף זיין פעטן פרצוף איז אויפגעשפרונגען אַ דערשראָקענער פון הינטערן שרייבטיש. צוויי האָבן זיך געשטעלט ביי דער טיר, צוויי — ביים פענצטער, דוכס איז דרייסט צוגעגאַנגען צום פאַרבליפטן אַמעריקאַנעם אידן.

— אדון יוריסאָן, מיר אַלע דאָ זיינען צוריקגעקומענע פון טערקישער מיליטער־דינסט. אייערע באַאַמטע האָבן אונדז גענוג געקאָרמעט מיט ווערטער. מיר מוזן האָבן באַשעפטיגונג, און איר וועט עס אונדז מוזן באַזאָרגן!

— וואָס קאָן איך טאָן? — האָט יוריסאָן אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען

און האָט נערוועז אומגעוואָרפן די טשאַבע הענט, — איך האָב ניט קיין שטעלעס אין קעשענע.

— מיר ווייסן אָבער אַז עס זיינען י אָ פאַראַן שטעלעס אונטער אייער פאַרטיילונג, און מיר ווילן זיי האָבן. און טאַקי ש ו י ן !

יוריסאָן האָט אַביסל צוריקגעוואונען זיין מוט.

— ווער האָט עס אייך אַהער אַריינגעלאָזט ?! — האָט ער זיך צעשריען — וואָס איז דאָס פאַר אַן אַריינברעכן זיך אין אַן אָפיציעלן אַנשטאַלט ?!

— מיר זיינען דאָ, און דאָ און איצט וועט דער ענין דערליידיגט ווערן !

— האָט אביגדור אָ זעץ געטאָן אין שרייבטיש. — הערט־אויף דאָס געוואָלדעווען, וועט איר אָ סך בעסער אָפשניידן. מיר פאָדערן באַשעפטיגונג און „ניטאָ״ איז פאַר אונדז ניט קיין תשובה, פאַרשטאַנען ?!

— אָבער ס׳איז ניטאָ... דער גדוד האַלט אין באַפרייט ווערן און——

— דאָס האָבן מיר שוין געהערט ! — האָט אים דוכס איבערגעשלאָגן — אַלץ דער גדוד און דער גדוד ! וואָס זיינען מ י ר — שטיף־קינדער ביים פאָלק ?! מיר האָבן אויך געדינט, און געדינט ערלעך.

— דעם טערק...

— און אַז דעם טערק, איז וואָס ?!

— ארץ־ישראל איז ניט מער טערקיי.

— דאָס זיינען מיר ניט געקומען ביי אייך אויסצוגעפינען. מיר פאָדערן אונדזערס ביים פאָלק וואָס האָט אונדז געשיקט צו דינען !

— איר האָט מלחמה געהאַלטן קעגן אונדזערע אידעאַלן — קעגן די אינ־טערעסן פון די ציוניסטן און דער אַנטאַנטע...

אביגדור איז אויף אַ רגע בלאַס געוואָרן. זייבע פוסטן האָבן זיך צוזאַמענ־געקלעמט —

— אָ, איר פאַרשטונקענער מערידניק ! וואו זענט א י ר געווען ווען מיר האָבן זיך דאָ העלדזשער געשניטן — ווען מיר זיינען דאָ אַפגעגאַנגען מיט בלוט ?! איר זענט געזעסן אין גערמער ביורא, געלעבט פון קהלשע שכירות, פון אידיש געלט, און געלעקט טעלער אויף באַנקעטן אין ניו־יאָרק ! מיר — מיר האָבן אונדזערע לעבנס געטראָגן פאַרן פאָלקס כבוד !

— מיר צאָלן ניט טערקייס חובות, און—— אַרויס פון דאַנען ! אַרויס, אײדער איך רוף פאָליציי און וועל אייך אַלעמען פאַריאָגן אַהין פון וואַנען איר קומט ! דאָ איז ניט טערקיי ! דאָ איז ניט הפקר ! — האָט ער, אַ צעפלאַמטער, אָ כאַפּ געטאָן דעם בריוו־מעסער פון שרייבטיש און האָט זיך אָ לאָז געטאָן צו דוכסן, — אַרויס !!

אַ קלונג אונטער דער מאָרדע פון דוכסעס פויסט האָט אים אַרונטערגעקו־ליעט אויפן שטול —

— און מיר זיינען אויך ניט הפקר! — איז דוכס געשטאַנען איבער אים מיט פאַרקלעמטע ציין, — מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט העלדישע שרצים ווי איר!... כאַפּן זיך שלאָגן, הע? מיר צאָלן אונדזערע אייגענע חובות!...

דער צוויטער זעץ אין פּרצוף האָט אים אַרויסגעשפּאָרט בלוט פון מויל.

— די הויזן אַרונטערציען, חברה!

— ראַטעוועט!! — איז געקומען יוריסאָנס פאַרשטיקטער רעווען פון אונטער די חברה איבער אים — ראַטעוועט!

זיין געשריי איז באַלד אָפּגעטויבט געוואָרן.

שמחוני האָט ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון פון צולייגן אַ האַנט. דער תימנער האָט זיך דערוויל אַרויסגעכאַפּט אויף יענער זייט טיר. ס׳איז געוואָרן אַ געלאַף אויף די טרעפּ. מ׳האָט באַצייטנס פאַרהאַקט די טיר פון אינעווייניג און מ׳האָט זיך אַרויסגעלאָזט דורכן פענצטער.

די זאַך איז צעפּויקט געוואָרן איבערן שטאָט. די צייטונגען האָבן גע־פּרואווט דעם „סקאַנדאַל" צו דערשטיקן. די עפנטלעכע מיינונג האָט שוין אָבער גענומען צדדים. ס׳האָט געקאָכט. יוריסאָן האָט דעמזעלבן טאָג געמוזט — אַ צעביילטער, אַ צעשעטקעוועטער — אָפּציען קיין ירושלים. פיר פון די חברה האָבן געקראָגן באַשעפטיגונג ביי פּריוואַטע פּערזאָנען, סימפּאַטיזירער. שמחוני האָט זיך אָוועקגעלאָזט זוכן זיין גרוזינערקע. אביגדור האָט, אין אַ פרימאָרגן, פאַרצויגן דעם רוקזאַק און האָט אָוועקגעשפּרייזט אויפן וועג צו דער קאָלאָניע.

3

נאכן שטורעם

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין, ווען אביגדור האָט, אַ מידער, זיך דערשלעפּט צום זוים פון די אידישע וויינגערטנער אַרום דער קאָלאָניע.

פון די בערג האָט זיך דערטראָגן אַ קיל, פאַרנאַכטיק ווינטל. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך אויסגעלייגט איבערן זייט פון וועג. אַנטקעגן דעם פאַררויטלטן הימל האָבן, פון איבער דער גרינקייט, אַרויסגעקוקט די הייזלעך פון דער תימנער שכונה, דער בית־עם, די שול, און די רויטדאַכיגע הייזער פון דער ראָט־שילד־גאַס. אין דער ווייט, אַריבער דער קייט פון צאַבער־צוימען, האָט זיך געצויגן דער כביש... איבער אַכט־טויזנט שטאַרקע האָבן זיי זיך אַמאָל געלאָזט איבער דעם וועג צום דרום־פראָנט. אַ סך האָבן מיט זיך די פעלדער פון כאַפיר, עזה, אשקלון און באר־שבע פאַרזייט; אַ סך זיינען אומגעקומען פון טיפוס, דיזענטעריע, כאָלעריע און אַנדערע מגפות; נישט ווייניק זיינען פאַרבליבן וויסטע קאַליקעס, און זיינען איצט אודאי געקומען צו בעטל־ברויט אין דער פאַראַרימטער אַנאַטאָליע; נאָך־מער וואַלגערן זיך נאָך עד־היום אין די שפּיטעלער און שפּייען זייערע אויפגעגעסענע לונגען אויס מיט יעדן הוסט; און דאָס הייפעלע וואָס האָט זיך, מ'שטיינסגעזאָגט, געראַטעוועט——? אָ, טעג שטורעמדיגע זיינען דאָס געווען! — טעג שווערע, פאַרנומענע — ווען מ'האָט נאָך געקאָנט געפינען אַ מיין אין ליידן; ווען מ'האָט נאָך געקאָנט זיך אַליין פאַרשרייען, זיך אַליין פאַרלירן אין דערוואַרטונג; ווען מ'האָט נאָך געקאָנט גלויבן אַז ס'איז דאָ אַן עפּעס וואָס איז כדאי צו ראַטעווען, איבער וועלכן ס'איז כדאי צו אָפּפערן זיך... חברים... יאָ, טעג אַנדערע זיינען דאָס געווען, אָט די טעג די ברויזיגע; און איבערגעלאָזט האָבן זיי נאָך זיך אַ מוראדיגע ליידיגקייט, אַ צערודערונג, אַ טומל אין זיך. איצט — די אָפּגעפרעמדקייט, אָט די באַציאונג וועלכע מ'האָט אָנגעטראָפן אין ירושלים, אין דער „באַפרייטער" תל־אביב...

אַ לאַנגע שורה עקאַליפּטוס־בוימער האָט דורכגעקרייצט דעם וועג: דער גרעניץ צווישן דעם אַראַבישן און אידישן באָדן. האַרט ביים גראָבן, וואו דער וועג שנייט זיך דורך — ציפּריסן צווי... ווי נאָנט דערדאָזיגער שטעל איז אים שטענדיג געווען! ווי טיף איינגעקריצט אין זיין האַרץ און מוח! אַ בער־געלע אַ גרינס, מיט רויטע מאָן־בלומען באַפּינטלט... אין אַ פרימאָרגן אַ זוניגן איז ער אַהער אָנגעקומען און איז דאָ פון אייזעלע אַראָפּגעשטיגן. אַ פריידיגקייט האָט אים אַרומגענומען און האָט זיך צעזונגען אין זיין בלוט: די ערשטע אַנטפּלעקונג פון אידישן באַפרוכפּערטן באָדן. ער איז צו דער ערד צוגעפאַלן און מיט ליפּן ליידנשאַפטלעכע זיך צוגעזויגן צו איר. און טעג ליכ־טיגע, דערהויבענע, האָבן נאָכגעפאָלגט יענע שעה — טעג פון חלום, פון התלהבות; און ער אַליין — אַזוי יונג, אַזוי גלויביג... אָפט פלעגט ער קומען אַהער — אַמאָל אַליין, אַמאָל מיט תמרהן — און אין זיין האַרץ פלעגט אויפסניי אויפלויכטן די ערשטע פרייד... און ווען דער שטורעם האָט זיך אויפגעהויבן און אים פון דאַנען ווייט פאַרטראָגן, פלעגט ער, אין שעהן פון פאַרקלעמונג, טראַכטן פון דעמדאָזיגן ווינקעלע, און זיך ווידערבאַהעפטן מיטן ליבן באָדן און מיטן לעבן... אַ קוואַל פון טרייסט, פון דערמוטיגונג, איז דערדאָזיגער ווינקעלע געווען פאַר אים. אַצינד? — אַ מיילשטיין, אַ שלאַגבוים אויף אַ וועג פון טעג פאַרגאַנגענע, פון אַ זעאונג אַן אויסגעלאָשענער. דער טאַטע וואָלט עס אָנגערופן אַ שוועל, אַ שיידוועג... קנאַפּע זיבן יאָר, און ווי אַ טמאַ־געוואָרענער כהן פאַרן טעמפּל־שוועל פון זיין טויטן גאָט שטייט ער אַצינד אַזאַ אָפּהענדיגער, אַזאַ צעוויטאָגטער, אַזאַ אַנטוישטער אין אַלץ און אַלעמען, און— אַליין נאָך קיין גאַנצע דריי־און־צוואַנציג יאָר ניט אַלט...

אַ פולקייט האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז. פאַר די אויגן האָט זיך פאַרצויגן אַ גרויקייט. ער האָט זיך האַסטיג געטאָן אַ וויש דעם שוויס פון שטערן און האָט זיך אַ ציי געטאָן אין גאַנג. „עה, קוואַטשיגע סענטימענטן! זעלבסט־רחמנות! און ז י י דאָרט?... אַ, צום טייוול, די פאַרנאַכטן! ס'איז אין זיי גאָר קיין רגע מנוחה ניט צו געפינען! ווי די פעלדערמייז קלייבן זיך פון זייערע שאָטנס אַרויס זכרונות, געשעענישן פון די לעצטע עטלעכע יאָר, און שטעלן זיך פאַר מיר אין זייער פולער שווידערלעכער זאַכלעכקייט, זויגן ס'חיות אויס, טרייבן ביז צום שגעון — ניט באַפרייט צו ווערן פון זיי, צום טייוול!... און אפשר איז עס נאָר די מידקייט, דער נאָכלאָז פון לאַנגן וואַרטן... ס'וועט פאַרביי — ס ' מ ו ז פאַרביי! ס'איז נאָך פאַר מיר אַן אָנהאַלט געבליבן — אַן איינציגער, דער לעצטער, אָבער אַ שטאַרקער אָנהאַלט, אַ פעסטער אָנבונד... נאָר אין אירע אויגן אַריינקוקן, דערפילן איר נאָנט־קייט — און אַלץ וועט ווערן פאַרגעסן... מ'מוז פאַרגעסן — מ ' מ ו ז!... אָט איז די גאַס... דער טויער... דאָרט, צווישן יענע ווענט, וואַרט זי —

וואָרט אויפן גליק וואָס דאַרף אויפגיין... די — די אויסדערוויילטע... תמרה...״

מיט געאײַלטע טריט האָט ער איבערגעשפּרייזט די גאַס און האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אין הויף.

דערזעלבער הויף. אָט שאָטענען די סודותדיקע טאָפּאָלן אַנטקעגן נאַכטיקן הימל. צווישן די בוימער בלייכט־אַרויס ס׳הייזל, אין וועלכער ער האָט אַמאָל צוזאַמען מיט ראובנין און קאַפּלאַנען געוואוינט. אַ ליכט פלעמלט דאָרט. ״ווער באַוואוינט עס איצט?״... איבער דער טונקעלער גרינקייט טורעמט־אַרויס דער טויבן־שלאַג; טויבן וואָרקען דאָרט. און אָט זײַנען די אתרוגים־קוסטן, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט תמרהן פאַרזעצט: גרויס געוואָרן און זיך צעוואַקסן און פאַרשיכורן די לופט מיט זייערע ריחות... אַלץ אַזוי רואיק, אַזוי אײַנגעפונדעוועט, ווי ווען ער איז אַהער צוערשט אָנגעקומען, ווי ווען ער האָט דעם פּלאַץ פאַרלאָזן; ווי גאָרנישט וואָלט דורך דער צייט געשען, גאָר־נישט פאַרלאָפן... אַ פרייד איז אויפגעגאַנגען אין אים, אַ האָפענונג האָט באַלויכטן זײַן האַרץ: ער וועט נאָך דאָ, ווי אַלץ אַרום, זײַן רואיקייט צוריק־געפינען, וועט זיך צוריק אײַנוועבן אין דעם חלום, וועלכער איז איבערגעריסן געוואָרן ווען ער איז אַרײַנגעשלעפּט געוואָרן אינ׳ם טייוולשן שפּיל... אָט איז די הויז. די ווערענדע. טרעפּ אַרויף. נאָך צוויי — נאָך איינס און——

ער איז שטיין געבליבן.

פון אינעווייניק האָט זיך דערטראָגן אַ מיידלש געזאַנג:

און אַז ער וועט קומען און וועט מיר פרעגן:
״וואו איז דער גאָרטן? וואו איז דער קוואַל?
און ווער האָט אין דער שעה פון בליען
געמאַכט ברכה אויף מײַן חלום?״ —
וואַנדער־אינגל, האַרצבאַגערטער!
וואָס וועל איך ענטפערן, וואָס זאָל איז זאָגן?

זאָג אים, מיידל: ״שטורעמווינטן——

תמרהס קול... זײַן ליד...

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר — איינמאָל, אַ צווייטן. דער אָפּציטער פון די דריבנע קלעפּ האָט אָפּגעהילכט אין זײַן ברוסט, ט׳קורץ געמאַכט דעם אָטעם. דאָס געזאַנג האָט זיך איבערגעריסן.

— אַרײַן!

ער האָט געעפנט די טיר און איז געבליבן שטיין ביים שוועל.

אין שטוב איז געווען שטיל. אויפן טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ. דער אויבערשטער טייל פון די ווענט האָט זיך געהילט אין אָוונטדיקע שאָטנס. אין

פענצטער האָט געבליווט יונגע נאַכט. עס האָט אַ וועע געטאָן מיט היימישקייט, מיט געגאַרטער נאָנטקייט.

אַנטקעגן, איבערן שוועל פון דערבייאיאיגן צימער, האָט אַ בלענד געטאָן פאַר אים תמרהס געשטאַלט. איר אַנגעשטרענגטער בליק האָט אים אויסגעזוכט אין דער טונקל פון זיין שטעל. ער האָט צו איר פון דער ווייט זיין האַנט אויסגעשטרעקט. אַ בלאַסער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן —

— ת מ ר ה . . .

זיין קול איז געקומען טרוקן, מאַט.

תמרהס אויגן האָבן אויפגעפלאַלט. זי האָט זיך אַ צי געטאָן צו אים מיט אַ צאַפּלדיגן טראָט און איז צו אים ניט דערגאַנגען. ווי עפּעס ניט־געזעענעס וואָלט געשטויסן איר גאַנג אויף צוריק, ווי איר טראָט וואָלט זיך געטראָגן איבער אַן אויסבעט פון דינער לופט. אַ פאַרשטיקטער גרילץ האָט זיך אַרויס־געריסן פון איר האַלדז — אויסגעצויגן, הויל:

— א ב י ג ד ו ר ? !

איר קערפּער האָט זיך מאַכטלאָז אַ וואַקל געטאָן אין חלל פון צימער —

— א ב י ג ד ו ר . . .

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שטעל, ט'געמאַכט אַ שריט פאָראויס, און איז געבליבן שטיין פאַרבליפט. זיין אויסגעשטרעקטע האַנט איז געבליבן הענגען אומגעלומפּערט אין דער לופטן, זיין בליק — שטאַר. אַ צעשראָקענע, אַ דערשיטערטע איז זי געשטאַנען פאַר אים.

— ת מ ר ה ! . . .

זי איז צוגעפאַלן צו אים, האָט פאַרוואָרפן אירע אָרעמס אַרום זיין האַלדז, און האָט איינגעגראָבן איר קאָפּ אויף זיין ברוסט. ער האָט דורכגעפירט זיין האַנט איבער אירע ווייכע האָר, איבער איר לויזער טאַליע און האָט איר ליידנ־שאַפטלעך צוגעדריקט צו זיך. זיינע אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט... דער ריח פון אירע האָר... די פרישע וואַרעמקייט פון איר לייב צווישן זיינע אָרעמס... איר מידלעך אָטעם איבער זיך... ניין, עס איז ניט מער קיין חלום, קיין אויס־געטראַכט אָפּבילד פון צעפּייניגטע נעכט. ס'איז ז י — ז י ! — זיין——

— תמרה...

— אביגדור...

— ס'בין איך, ליבסטע.

— יאָ, דו... ביסט——

— פון ווייטקייטן געקומען צו דיר...

זי האָט צוגעדריקט איר באַק צו זיינער. אירע אַקסלען האָבן געצוקט. ער האָט דערפילט אויף זיך אירע פייכטע ברעמען.

— אָבער פאַרוואָס ווייגסטו, קינד?

— איך קאָן מיך ניט באַהערשן, אביגדור... איך——

— און ווי דערשראָקן דו ביסט?!
— אַזוי פּלוצים... אַזוי אומגעריכט...
ניין, ניט דאָס האָט זי געמיינט צו זאָגן. זי קאָן ניט...
— און דאָ האָט מען געזאָגט, אַז——
— אַז וואָס, תמרה?
— אַז... אַ, כ'ווייס אַליין ניט... ביי עזה... אפרים... דו...
די ווערטער זיינען אָפּגעשטאָרבן אויף אירע ליפּן. ווידער ניט דערזאָגט.
אַ שווערן איז געהאַנגען אַרום. די שווערן איז געפאַלן אויף זיין געמיט — ווי עפּעס פאַרהוילנס וואָלט גורל דאָ געהאַלטן פאַר אים. און ווי אַנדערש — ווי אינגאַנצן אַנדערש — האָט ער זיך דאָרט אויסגעמאָלט די שעה פון זיין צוריקקום, פון זייער באַגעגעניש! און דאָ? — זיין אָפּהענטיקייט, תמרהס דערשיטערונג, איר אויסערגעוויינטלעכער באַנעם... זיינע אויגן האָבן אומגעבלאָנדזשעט איבערן צימער, האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף דער אַנטקעגנ־דיגער וואַנט: צווישן ליכט און שאָטן איז דאָרט געהאַנגען אַ בילד — אַ מיליטער־בילד; אַ שוואַרצע ראַם אַרום, אַן אויפשריפט פון אונטן... עפּעס איז דאָ ניט קלאָר; עפּעס איז דאָ אונפאַרשטענדיק. דער שוויגן האָט אים געפּייניקט.
— אַלץ אַזוי מאָדנע, אַזוי אַנדערש...
ראובֿניס ווערטער — ניט זיינע.
— אַזוי לאַנג... אַזוינע שווערע טעג...
גאָט, ווי שווער ס'איז אים ווײ צו טאָן!
שטיל. אַ פאַרשטיקט געוויין. זיינע ליפּן האָבן באַרירט תמרהס שטערן.
— אָבער פאַרוואָס קושטו מיר ניט, תמרה?... אַזוי לאַנג געלעכצט נאָך דיינע ליפּן. גרויע טעג און צעפלאַמטע נעכט אויסגעגאַנגען אין בענקשאַפט נאָך זיי...
זי האָט אויפגעהויבן איר פּנים צו אים. זייערע ליפּן האָבן זיך צוזאַמענ־געזויגן אין אַ ליידנשאַפטלעכן קוש. זיי גאַנצער וועזן האָט געגיהנומט. פּלוצים האָט זיך תמרה אָפּגעריסן פון אים און האָט אים אָנגעקוקט צעשטרויט. זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן — שטום, שטוינענדיק, פרעגענדיק אָן ווערטער. און מיטאַמאָל האָט איר גאַנצער מהות אויפגעשוידערט, איר אונטערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן, און זי האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן אין זיינע אָרעמס. איר געוויין האָט אים דערשיטערט.
— באַרואיק זיך, קינד... איך בין צוריקגעקומען... געקומען——
— צו־שפּעט, אביגדור!... ס'לעבן האָט פון אונדז אַ בייזן שפּאַס גע־מאַכט; און אויסגעלאַכטע און צעוויטאָגטע שטייען מיר אַצינד——
ווערטער — ווערטער פון האַרץ אַ צעקלעמטער — טראָגן זיך פאַרביי

זיין געהער. ער האָרכט זיי יאָ, האָרכט זיי ניט. זיי טראָגן זיך פאַרביי שנעל, פייליג — קוים צו פאַרנעמען מיטן געפיל, קוים אויפצוכאַפּן זייער ציטער:

— ס׳איז דאָ שווער געווען, ס׳איז דאָ שלעכט געווען...

ווערטער — ווערטער — ווערטער. פעדים דינינקע, דורכזיכטיגע, ציען זיך, וועבן זיך אין אַ געוועב אַרום אים. קנוילן וויקלען זיך און פאַרוויקלען זיך און פאַרפּלאָנטערן זיך איינער אינ׳ם אַנדערן —

— דער פּראָנט האָט געדראָט נאָנט... דעם טאַטן האָבן די טערקן געפּייניגט, פאַרשיקט קיין דמשק... די מאַמע איז פאַר שבר־לב קראַנק געוואָרן... די ווירטשאַפט איז צו גרונט געגאַנגען...

ווערטער — ווערטער — ווערטער. כוואַליעס שטורעמדיגע גיסן זיך, יאָגן זיך, איינע נאָך די אַנדערע, איינע איבער די אַנדערע. אָפּגעריסנקייט — ווייטע וועגן — בענקשאַפט — שרעק — כוואַליעס — ווערטער — ווערטער... ווייגערטנער — ערד — שלאַכטפעלדער — גראָבנס — הונגער און נויט און שמאַכטונג — ווירבלען זיך, טראָגן זיך, איבער כוואַליעס, איבער ווערטער, איבער טרערן —

— פון דיר ניט געהערט אַזוי לאַנג... דערנאָך — די נאַכריכט: ביסט ביי עזה געפאַלן...

אָפּגרונטן — אָפּגרונטן — אָפּגרונטן. אָפּגרונטן פראַלן־אויף, גאַפן, רופן. איין אָפּגרונט טיפער פון אַנדערן, איינער מוראדיגער פאַרן אַנדערן. שיידונג — באַנגער — וואַרטונג און פאַרניכטונג — האָפענונג און אומקום — אַלץ, אַלץ ציט זיך, פּלאָנטערט זיך און שטויסט זיך צום אָפּגרונט — אַלץ קומט־אום אין תהום פון ניט־ווערן... תהומען — תהומען — תהומען —

— אָ, טראַכט קיין בייז פון מיר, אביגדור! קיינער איז ניט שולדיג דערין — קיינער...

ווערטער — ווייטאָג — געוויין. מיט ווערטער וויל זי דעם פּלאָנטער פאַנאַנדערקלייבן, מיט איר ווייטאָג — די ליידיגקייט פון אָפּגרונט אויספילן, מיט איר געוויין — דעם שלאָגן פון די כוואַליעס פאַרשרייען.

—...און מוראדיג איז געווען דער פּיין, און גרוילִיג די שרעק, און פאַר וועמען דאָס האַרץ אויפצובינדן איז ניט געווען... און דאָ איז דוד אָנגעקומען...

ווערטער — ווערטער — ווערטער. ווערטער נעמען זיך צוזאַמען, שנורן זיך באַנאַנדער. ער הערט, ער פאַרנעמט. מורא — לעכצונג נאָך שוץ — נאָענטקייט — פאַרבענקטע שקיעות — טויאיגע פרימאָרגנס — דער רוף פון בלוט... אין קאָפּ שוימט. פאַר די אויגן שווינדלט. קרייזן רויטע, געלע, גרויע, שוואַרץ און בלוי — קרייצן זיך, רינגלען זיך און פלעכטן זיך איינע אין די אַנדערע, איינער איבער די אַנדערע. קרייזן, רינגען, בויגנס — ציען־אָן און

צעציען זיך, הויבן זיך אויף און צעפּאַלן, צעשווימען. ליידיקייט. ליידיקייט. געבליבן איז אַ ליידיקייט...

— ...איין צער האָט אונדז פאַראייניקט — איין בענקשאַפט: ד ו ...

ווייסע שלייערן — חופּה־ליכט — רויטע הימלען — טויטע ברידער — אָפּגעפרעמדקייט — פאַרגעסונג... גענוג! גענוג! ער באַגרייפט שוין אַלץ! ער פאַרשטייט שוין אַלץ!... אַ, פאַרוואָס האָט ער עס פון ראובנ'ס ווערטער ניט אַרויסגעלערנט? וואו איז זיין פאַרשטאַנד געווען? אַצינד הערט ער עס, אַצינד באַגרייפט ער עס... די קני ברעכן זיך אונטער. די אויגן ברענען, גיסן זיך איבער, מאַכן זיך צו. דער קאָפּ זינקט אַראָפּ, אַראָפּ. אַ נ ד ע ר ש... אַ נ ד ע ר ש... אַלץ האָט געקאָנט זיין אַנדערש — אַלץ האָט געזאָלט זיין אַנדערש. פאַרלוירן. פאַרשפּילט. אָבער דער סוף?! דער סוף?! ער מוז הערן דעם סוף!

ס'געוויין פון אַ קינד האָט זיך דערטראָגן פון צווייטן צימער. תמרה האָט אויפגעציטערט, האָט אים אָנגעקוקט פאַרשולדיגט־צעבראָכן:

— אַ זון... אַ נאָמען נאָך דיר... אַן עדות פון מיין ניט־דערדערטן צער...

זי האָט זיך ווייך אָפּגעצויגן פון אים און איז פאַרשוואונדן אין דערבייאיגן צימער. ער איז געבליבן שטיין מיט ליידיגע אָרעמס און האָט מיט נאַקעטע בליקן נאָכגעקוקט דעם לעצטן שפּור פון איר שאָטן. איינזאַם. פרעמד. אַ ליידיגקייט אַרום, אַ ליידיגקייט אויף דער נשמה. מיט שווערע, פאַרלאָרענע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט צום דרויסן.

אַ בלויע נאַכט, אַ שטילע נאַכט. פייערפליגן האָבן געטליעט צווישן דעם געדיכטן געוויקס. אין דער לופט האָבן אומגעשוועבט ווייטע געזאַנגען פון יונגוואַרג אין די גערטנער. און מיטאַמאָל איז פאַר אים עפּעס קלאָר געוואָרן:

„...אַ שטורעם האָט זיך דורכגעטראָגן פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן. בעדרג פון זייער שטעל האָט ער אויסגעריסן, שטעט און מדינות חרוב געמאַכט, און אין זיין צאָרן האָט ער ניט געשוינט די צאַרטסטע בליטן. און אָט האָט זיך דער שטורעם איינגעשטילט. אַלטע בוימער האָבן אויסגעגלייכט זייער שטאַם און קרוין, האָבן אָפּגעשאָקלט פון זיך די איינגעבראָכענע צווייגן, און די יונגע קנאָספּן אויף זיי האָבן זיך צעבליט אַנטקעגן דעם פריש־באַזונטן הימל... אונדז אָבער האָט דער שטורעם מיטן וואָרצל אויסגעריסן, האָט אונדז אומגעיאָגט פון איין כף־הקלע צום אַנדערן, און האָט אָפּגעטרייסלט יעדער קערנדל ערד פון אַרום אונדזערע וואָרצלען! אַצינד ווילן מיר זיך צוריק איינוואָרצלען — אויפסניי צוזאַמענגעוואַקסן זיך מיטן באָדן, און —— פ ר ע מ ד איז אונדז די נייע ערד, פ ר ע מ ד — די נייע סביבה... און דאָרט, אינ'ם טאָל פון אומקום, אין די פאַרפייניגטע איבעררייסן צווישן פאַרניכטונג און טויט, האָבן מיר נאָך געחלומט פון צוריקקערן זיך צו אַ וועלט, וועלכע איז שוין לאַנג ניט

אונדזערע; פון צוריק־איינקנעטן זיך אין אַ לעבן, וועלכער האָט אונדז שוין לאַנג אויסגעשפּיגן... צו־יונג געווען צו פאַרשטיין, אַז מיט יעדער אויסגייענ־דיגן טאָג האָבן מיר זיך ניט נאָר ניט־דערנענטערט צום געגאַרטן סוף, נאָר אַלץ ווייטער פאַרשוואומען פון דעם איבערגעריסענעם אַנהויב. צו־נאַאיוו געווען צו באַגרייפן, אַז יעדער שאָס, וואָס מיר האָבן אָפּגעפייערט אינ׳ם שונאס לאַגער, האָט גאָר געטראָפן אונדז אַליין. מיר האָבן ניט איינגעזען, ווי מיט יעדער כלומרשטדיגן נצחון האָט זיך דער באָדן אַרויסגעגליטשט פון אונטער אונדזערע פיס... און דאָ, ה י נ ט ע ר א ו נ ד ז, איז זיך דאָס לעבן געגאַנגען זיין וועג מיט קאַלטער עקשנות, אָן ספקות, אָן קשיות; און וואו ס׳האָט זיך אויף אַ שטערונג אָנגעשלאָגן, האָט עס אין אַ שלייער פון פאַרגעסנקייט איינגעהילט...

תמרה — מיין איינציגער אָנלען, מיין לעצטער פעסטשטעל — איינגאָנצן אַ פּאָר שפּאַן פון מיר, און וואָס פאַר אַן אָפּגרונט, וואָס פאַר אַן אייביגקייט, לעבן האָט צווישן אונדז אויסגעלייגט!... וואָלט אפשר ס׳קינד ניט געווען, וואָלט נאָך אפשר אַנדערש געווען... אָבער צואוואָס דאָס הקרנען, דאָס נאָכקלערן?! מיר זיינען אויסגעשפּיגענע, פאַרגעסענע, פאַרמשפּטע פאַר קינס זינד — שולדיג אין די אויגן פון אַ מטורפער וועלט פאַר אונדזער אייגן לעבן, פאַר אונדזער דאָ־זיין... מיר זיינען טויטע־ניט־דערקוילעטע, און ריין־געוואַשן זיינען אַלע הענט פון אונדזער בלוט!... יאָ, מיר זיינען יונג געווען, מיר זיינען גלויביג געווען און זיינען נאָכגעגאַנגען ווי בלינדע שאָף נאָכן טייוולס פייפל... ביסט גערעכט געווען, טאַטע: ס׳האָט אונדז די איינגעוואָרצלטקייט, די טיפקייט אויסגעפּעלט... אָבער — צום טייוול! — וואָצו נאָך דערמאָנען דעם טאַטן אַצינד?!...״

די דרויסן־טיר האָט זיך אויפגעעפנט און צוגעמאַכט הינטער אים. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער. ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען חוה און האָט אים אָנגעקוקט באַנומען —

— גאָט מיינער! וואָס זעען מיינע אויגן? — אביגדור!

ער האָט שווייגנדיג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. חוה האָט זיך נערוועז געקנאָטן די פינגער. זי האָט זיך דערוואָגט אַ טראָט צו טאָן פאָראויס און האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן. אירע ווערטער זיינען געקומען בלייך, ציטערדיג, ווי זי וואָלט זיך פאַר איר אייגן קול געשראָקן:

— טאָקי דו?... זאָל איך מיינע אויגן גלויבן?...

— איך, אין פלייש און בלוט, חוה־לעבן. איך——

פון דערבייאיגן צימער האָט זיך געהערט תמרהס פאַרשטיקטער שלוכצן. חוה האָט זיך אומגעקוקט צעטומלט, האָט ניט געוואוסט אין וועלכן זייט צו ווענדן זיך —

— רבונו־של־עולם, וואָס טוט זיך דאָ?!... תמרהלע, קינד מיינס, זע נאָר...

— שרעקט זיך ניט, חוה־לעבן: זי האָט שוין... איך ווייס... נאָר, ווי איר זעט, לעב איך נאָך...

ער האָט צעקרענקט אַ שמייכל געטאָן.

חוה איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט מיט איר פוכקער האַנט געגלעט זיין אַקסל — ווייך, רחמנותדיג. די ווינקלען פון איר מויל האָבן געצוקט —

— אַי, נעביך, ניט באַשערט געווען... ניט באַשערט געווען, נעביך... אָרעמינקע מיינע!...

אביגדור האָט פאַרלאָרן אַראָפּגעקוקט אויף איר: אויסגעבליכט האָט זיך חוהס פנים, קנייטשן האָבן זיך אויסגעלייגט איבער אים, „קישעלעך" אונטער די אויגן. זי איז ווי נידעריגער געוואָרן דורך דער צייט. אָבער נאָך אַלץ די־זעלבע חוה.

חוה האָט זיך אויסגעווישט די אויגן מיטן פאַרטוך —

— און וואו־אַזוינס האָסטו זיך עס אויסבאַהאַלטן אַזוי לאַנג?

— אינ'ם גיהנום אויף ד ע ר וועלט.

— און גאָרניט געלאָזט הערן פון זיך די גאַנצע צייט — אַזאַ צייט!

— ניט געקאָנט, חוה־לעבן. פאַרוואונדעט געווען, דערנאָך — געפאַנגען.

— אַזוי?!... וויי־וויי! אָבער זאָגן, כאָטש איינמאָל אין אַ יובל אַ קאַרטל אַריינוואַרפן...

— פאַרריגלט געווען ווי אַ חיה אין אַ שטייג; אָפּגעריסן פון גאָר דער וועלט.

— און דאָ האָט מען שוין איבערגערעדט אַז גאָט ווייסט וואָס...

— כ'ווייס.

— און ווי אויסגעמאַטערט דו זעסט אויס!

— פון דעם וועג דעם לאַנגען, חוה.

— אין אַזאַ ברענענדיגן טאָג... און נאָך אודאי צופוס אויך?

— פאַרשטייט זיך.

— ווייי איז מיר ניט! — האָט זיך חוה פלוצים אַ כאַפּ געטאָן — וואָס לאָז איך דיר אַזוי שטיין מיט האַק־און־פּאַק?! מוזט אודאי זיין פאַרחלשט. אַזאַ טאָג! אַזאַ וועג! אַנו, לאָמיר דיר אַקאָרשט אויסקניפּלען און כ'גיי דיר שוין געבן עפּעס אין מויל אַריין... נו, נישט געלאָזט זיך בעטן!

— מ'דאַרף ניט, חוה־לעבן... איך בעט אייך... כ'על דאָ סיי־ווי לאַנג ניט——

— וואָס מיינסטו עפּעס מ'דאַרף ניט? געהערט אַביסל?!

און חוה האָט שוין אומגעפּאַדיעט אַרום דעם רוקזאַק. אירע פינגער האָבן אונטערגעציטערט. זי איז געווען אויסער זיך. זי איז אומגעלאָפן א י ן קיך, פ ו ן קיך; ט'געבראַכט געשיר, ט'זיי צוריקגעטראָגן — ט'אַליין ניט גע־

וואוסט וואָס זי טוט. אביגדור האָט די אויגן ניט אַרונטערגענומען פון דער צימער־טיר, הינטער וועלכער תמרה איז פאַרשוואונדן.

— אַנו, לאָמיר שוין זוכה זיין צו זען אַז דו זאָלסט עפּעס נעמען אין מויל אַריין...

אָה — ס'איז חוה!... יאָ. ער זיצט ביים טיש. פאַר אים ליגט דאָס עסן — היימיש, באַטעמט. אַנטקעגן אים זיצט תמרה, האַלט דאָס קינד ביי דער ברוסט. דאָס עסן שטעלט זיך אים אין האַלדז. ער קוקט אויף תמרהן, אויף איר פאַרטראַכטן שטערן, אויף אירע אַרונטערגעלאָזטע ברעמען, אויף איר פולער, ווייסער ברוסט. זי שווייגט. ביידע שווייגן. חוה איז די איינציגע, וועלכע קומט נאָך אַמאָל אַרויס מיט אַ לעבעדיק וואָרט.

— אָט האָסטו אַ קילישעקל קאָניאַק; טרינק. ס'עט דיר שטאַרקן... אַי, אַ שאָד וואָס דער אַלטער מיינער מיט דודן האָבן גראַד היינט געמוזט פאַר־בלייבן איבער־נאַכט אין שטאָט... גוואַלד, פאַרוואָס טרינקסטו ניט?... נו, ׳עט משיח געבוירן ווערן מיט אַ טאָג שפּעטער... טו מיר אַ טובה און פאַרזוך עפּעס...

און ווידער געשוויגן. ווידער שטיל. פאַרוואָס שווייגט מען? פאַרוואָס רעדט מען ניט? ס'איז דעם שוויגן ניט אַריבערצוטראָגן!...

— און פאַרוואָס דערציילסטו גאָרניט פון וואָס ס'האָט זיך דורך דער צייט מיט דיר פאַרלאָפן? — מיט דיר? מיט דייניגע?

אַי, חוה, חוה! גרינג צו זאָגן: דערצייל. וואָס דערציילן? וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן? מ'האָט זיך געראַנגלט — מיט אַנדערע, מיט זיך אַליין. ווער קאָן אָט די ראַנגלענישן אין ווערטער באַקליידן? ווער האָט דעם כוח זיי איבערצוגעבן? ווער וועט עס פאַרשטיין? ווער ד אַ ר ף עס פאַרשטיין?...

— און פאַרוואָס אַזוי פאַרזאָרגט, אַזוי פאַרדאגהט? געלויבט דער אויבער־שטער, ס'איז שוין אַלץ פאַרביי; ביסט, ברוך־השם, צוריקגעקומען, ביסט דאָ — — ביי זיך אַליין אויף קבר־אבות...

תמרה הויבט אויף אירע אויגן צו אים און לאָזט זיי באַלד צוריק אַרונטער. ער פאַרשטייט איר בליק. צום טייוול! ניט באַדאַרפט איר אַזוי ווײ־טאָן. תמרה אָבער זאָגט גאָרניט. זי זויגט דאָס קינד און ווייגט אין דער שטיל. חוה רופט זיך אָן מיט תרעומות:

— זינדיגסט, אביגדור! דו דאַרפסט דאַנקען זיין ליבן נאָמען וואָס דו ביסט מיט לייב־און־לעבן אַרויס. נישט איינער דיין גלייכן האָט אַ סך ערגער אָפּגעשניטן... אַי, אַזויפיל יונגע לעבנס! אַזויפיל אומגליקלעכע מאַמעס נעביך!...

און אַלע שוויגן. חוה אַליין איז אויך אַנשוויגן געוואָרן. זי האָט זיך אַ ווײלע פאַרטראַכט. אַ טריב וואָלקנדל האָט זיך פאַרצויגן איבער איר פּנים — — און מיט אים... מיט אפרימען... טאַקי אמת?...

צוויי פּאָר אויגן קוקן אויף אים, מאָנען אָן ענטפער. ער מוז —
— כ'האָב זיין זייגערל מיטגעבראַכט... איז נאָך געגאַנגען, ווען ער אַליין איז שוין געווען פאַרביי...

ער וויקלט לאַנגזאַם פונאַנדער דאָס צונויפגעקניפּלט טיכעלע, לייגט עס פאָרזיכטיג אויס אויפן טיש. תמרה פאַרבייסט די ליפּן און קוקט. חוה האַלט זיך פון דער ווייט, וואָגט זיך ניט צורירן צו דעם. זי קוקט אויף דעם און וויינט —

— אַזאַ יונג לעבן — אַזאַ בליענדיג צווייג! ווי איך וואָלט אים אונטער מיין אייגן האַרץ געטראָגן... ט'נאָך זיך אפילו קיין מאַמע ניט געלאָזט וואָס זאָל אים באַוויינען...

שטיל. אַ פאַרפייניגטע שטילקייט — ווי אַ מת וואָלט געלעגן אין הויז. קיינער באַוועגט זיך ניט, קיינער רעדט ניט. עס ווערט שפּעט. די נאַכטיגע קילקייט פאַרקלייבט זיך אין הויז. תמרהס אויגן — תמרהס שווייגן — תמרה פאַרשווינדט...

...אַ ווייס־געבעטע געלעגער. קילער ליינען. חוהס טרייע הענט קנעטן די קישנס אויס. גוט אַזוי צו ליגן. די אויגן שליסן זיך, רייסן זיך באַלד ווידער אויף. פינצטער. אַ פּאַסמע בלייכער לבנה־שיין ברעכט זיך אַריין דורכן פענצטער. ער וואַרפט זיך אום ווי אין אַ פיבער פון איין זייט צום צווייטן. חוה קומט אַריין, דערנענטערט זיך אויף די שפּיץ־פינגער, דעקט אים איין — גינציג, פאָרזיכטיג, ווי אַ מאַמע. ער גראָבט־איין דעם קאָפּ אין קישן, דרעמלט איין, כאַפּט זיך ווידער אויף דערשראָקן, און בלייבט זיצן אַ וואַכער אויפן געלעגער. דער קאָפּ ברענט, אין האַרצן איז אַ טומל. „ניין! איך קאָן דאָ לענגער ניט פאַרבלייבן! איך בין נאָך עפּעס געקומען אַהער — ס'איז מיינס געווען... בין געקומען ז י ך צוריקגעפינען, און—— פאַרבלאָנדזשעט ווי אַ פאַרוואָגלטע נשמה, וועלכע קאָן אין איר אייגענעם אומקום קיין טרייסט געפינען, און קומט שטערן די רו פון די לעבעדיגע... מאָרגן וועט ליפּשיץ קומען, דוד. ווידער דאָס אייגענע פון אָנהויב... ניין, איך באַלאַנג דאָ ניט מער... ניט דאָ!...״

ער האָט זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל, האָט פאַרצויגן דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס, האָט אַ לענגערע ווילע געקוקט מיט פאַרחלשטע אויגן אויף דער צוגעמאַכטער טיר פון תמרהס צימער, און האָט פאַרלאָזט די הויז.

4

ווען די טויטע דערוואַכן

ער איז אַרויס אויף דער גאַס און האָט זיך פֿאַרנומען רעכטס, צום וועג־צו.

דאָ און דאָרט האָט ער אָנגעטראָפֿן יונגע פֿאָרלעך צוריקגייענדיק געאָרעמט פֿונ׳ם „ליבע־באַרג״. ער האָט זיי אויסגעמיטן און האָט זיך געהאַלטן אינ׳ם באַשאָטנטן זייט פֿון דער גאַס. הינטער אים האָט אימעצער אַ לאַך געטאָן. ער האָט זיך צעטומלט אומגעקוקט, האָט שטייפֿער פֿאַרצויגן דעם רוקזאַק און האָט פֿאָרגעזעצט זיין גאַנג. ערגיץ־וואו האָט זיך אַ קינד צעוויינט אין שלאָף. דורך אַן אָפֿענער פֿענצטער האָבן זיך אַרויסגעפֿליגלט אין דער נאַכטיגער שטילקייט אָפּגעטויבטע קלאַוויר־קלאַנגען פֿון שאָפּענס לויה־ליד. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און צוגעהערט. די מידקייט האָט אים ווי מיטאָמאָל איינגאַנצן פֿאַרלאָזן. זיין גאַנג איז וואָס אַ ווײַלע געוואָרן האַסטיגער, געיאָגטער. באַלד זיינען די הייזער פֿון דער קאָלאָניע געלעגן הינטער אים. עס האָבן זיך פֿאַרבייגעטראָגן די לעצטע באַיאַרעס, די לעצטע עקאַליפּטוסן. אין דער ווייט האָט זיך נאָך געהערט דער איבערפֿייף פֿון שומרים און דער געהויל פֿון שאַקאַלן.

און אָט איז דער וועג —

ווי אַ זילבערנער שנור האָט ער זיך געשלענגלט אין דער בלויער נאַכט אַריין. ווי טיף־אויפֿגעשניטענע, ניט־פֿאַרהיילטע וואונדן האָבן געמיניעט איבער זיין רוקן די רעדער־שפּורן פֿון שווערע האַרמאַטן. אינ׳ם בלענד־בלאַסן לבנה־ליכט האָבן דידאָזיגע וואונדן אַרויסגעגאַפֿט אָפֿענער, שרייענדיגער. דער טראָט ווערט אומגעדולדיגער. אין די שלייפֿן האַמערט. דאָס האַרץ נאָגט, שטורעמט. אייפֿער? — ניין! עפּעס איז אים פֿאַרלאָרן געגאַנגען אין די טעג פֿון שטורעם. עפּעס איז אַנדערש געוואָרן אַרום אים, א י ן אים. ער קאָן דאָס מיט קיין נאָמען ניט אָנרופֿן; ער קאָן דאָס זיך אַליין ניט קלאָר מאַכן. נאָר ערגיץ־וואו, ערגיץ־וואו מוז דאָך זיין אַן אימעצער, וואָס זאָל דעם עפּעס

תופס זיין, וואָס זאָל די אַנדערשקייט פאַרשטיין... אימעצער... ערגיץ... ד אָ ר ט ן !...

ער האָט זיך אָפּגעניגט פון וועג.

פאַר אים זיינען געלעגן פעלדער צערויעטע, נאַקעטע. פון צווישן די דורכגעבראָכענע קוסטן־צוימען האָבן איינע איבער די אַנדערע אַרויסגעשטאַרט צאַבער־בלעטער, ווי אַ מענגע דערשראָקענע מענטשן־קעפּ. מיט דעם חוש פון אַ דערפאַרענעם זעלנער האָט ער דערפילט אַז זיינע פיס באַטרעטן אַ געוועזענעם שלאַכטפעלד. זיינע טריט זיינען געוואָרן געמאָסטענער, טעמפּער — די טריט פון אַן איינזאַמען פּאַטרול אונטערן צודעק פון דער נאַכט. אַ שאָרך האָט זיך דורכגעטראָגן צווישן די קוסטן. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַנידערגעוואָרפן און זיך צוגעזויגן צו דער ערד. דער באָדן אונטער אים איז געווען טויאיג, ווייך. די אַנגעקילטע ווייכקייט האָט דערפרישט זיין לייב. ער האָט אויפסניי דערפילט אַ פאַרגעסענע נאָנטקייט — די נאָנטקייט פון אַ מידן זעלנער צו דער געטרייער ערד. זיינע בליקן האָבן דורכגעשפּיזט די בלינדע גרויקייט, האָבן אויסגעשפּירט יעדן לאַנד־צייכן, יעדן אויפרייס־גרוב אַרום. דער שטח ווערט אים באַקאַנט; קלאָר ווערן פאַר אים די קאָנטורן פון דער לאַנדשאַפט: אין הינטערגרונט ציט זיך אַ בערגן־קייט — גרוי, צעהויקערט; אין די טיפע אויפשפּאַלטן נעסטיגט זיך אַן אומעט. אויף לינקס שאָטנט אַ וועלדל — אַ געוואונשט פּלאַץ צו פאַרהוילן שווערן געוועער... איבערן פלאַך פון טאָל ליגן אויפגעריסענע גליבעס ערד. בוימער אָפּגעסמאַליעטע שטרעקן־אויס זייערע נאַקעטע צווייגן־אָרעמס און זוכן אַן ענטפער אין דער פאַרחלשטער שטילקייט. דאָ ניט ווייט, געדענקט ער, איז אַמאָל אַן אַראַבישער דאָרף געווען — „דער נעסט פון די זינדיגע" האָט מען עס גערופן; אַצינד גאָפּן זיינע אויסגעפּיגערטע חורבות אין דער קראַנקער נאַכט אַריין און וועען־אויס זייער עלנט: דאָ איז אַמאָל אַ קוואַל געווען, דאָ איז אַמאָל פרייד געווען; אַצינד——

ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די צעפּאַל־מעסטע פעלדער. זיין טראָט האָט זיך פאַרשטרויכלט און אָפּגעשלאָגן מיט אַ טרוקענעם אָפּקלאַנג. ער האָט זיך אומגעקוקט: אַ מענטשן־שאַרבן לאַכט־אויס זיין ביטול, דורך אויסגעשטשירעטע ציין, צום ליידיגן הימל. די הוילע בליקן פון די בלינדע אויגן־לעכער האָבן נאָכגעפּאָלגט זיינע טריט ביז ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ געוועב פון שטאַכל־דראָטן. מיט שווערקייט האָט ער זיך באַפרייט פון דעם שטעכיגן געפלאָנטער און האָט דורכגעמאַכט זיין וועג איבער צעפוילטע זאַמד־זעק אין אַ האַלב־איינגעפאַלענעם שוצגראָבן.

דאָ האָט נאָך געהויכט מיטן קאַלטן אָטעם פון ניט־אָנגעזעטיגטן טויט. אין דער לופט האָבן נאָך געגליווערט די אַנגסטן פון גסיסה. איבערן ליימיגן באָדן האָבן זיך אומגעוואַלגערט אויסגעשאָסענע פּאַטראָנען־שעלכלעך, צעבויגענע עס־געשיר. פון אַן איינגעבראָכענעם באַלקן איז אַרונטערגעהאַנגען אַ רעשטל

פון אַ זעלנערשן מלבוש. ער איז אַ ווילע שטיין געבליבן; אַלץ איז דאָ אַזוי באַקאַנט, אַזוי נאָנט, אַזוי אָנגעוויטאָגט־ליב, אַזוי אינטים־אָפּשטויסנד. זײַנע אויגן האָבן געבישטערט, די הענט האָבן בלינד אומגעטאַפּט אין דער טונקל. אויפן פּייער־טרעפּ האָט ער דערטאַפּט אַ צעשמעטערטן פעלד־שפּאַקטיוו. „אַ פ ע ל ד ־ ש פּ אַ ק ט י ו ו ... אויגן האָבן אַמאָל דורך דעם, מיט דערוואַרטונג, דעם טויט אין די אויגן אַרײַנגעקוקט, האָבן אים אויסגעלאַכט און זײַנען ערגיץ־וואו פאַרגאַנגען...״ ער האָט עס פאַרזיכטיק באַטראַכט: די לינסגלעזער זײַנען געווען דורכגעשאָסן. ער האָט עס צוריק אַנידערגעלייגט. זײַנע פינגער האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געווער־הענטל. דער באַריר פון דעם איז אים געווען גוט־באַקאַנט. עס האָט זיך באַלד אַליין אײַנגעפּאַסט אין זײַן גריף. ער האָט עס אַרויסגעשלעפּט פון דער פאַרשאָטנקייט — אַן אָפּגעבראָכענער יאַטאַגאַן! מיט פאַכמאַנשער באַהאַוונקייט האָט ער דורכגעפירט דעם שאַרף פון געווער איבער דער דאַלאָנע. דער שטאָל איז געווען שטומפּיג, קאַלט. די וואָגיגקייט פונ׳ם געווער אין זײַן האַנט האָט צעשטרויט זײַן אײַנזאַמקייט. פון אַ באַהעלטעניש האָט זיך אַ פלעדער־מויז אָפּגעריסן און האָט זיך דורכגעטראָגן איבער זײַן קאָפּ. אַ צווייטע האָט איר באַלד נאָכגעפאָלגט. די שטילקייט פון גראָבן האָט אים אָנגעהויבן צו דערעסן. ער האָט געזוכט אַן אויסגאַנג.ביים זייט האָט ער דערזען אַ לייטער — אָנגעבויגן, ווי אַ פאַרגעסענער שומר פון וועמען צייט האָט ס׳פלייש אַרומגעגריזשעט און געלאָזט אים שטיין מיט נאַקעטע ביינער. „שטאַפּלען — טרעפּ צו אַ וועג אַ בלינדן, אַן אומזיכערן — דער וועג פון זײַין־ניט־זײַן...״ די שטאַפּלען האָבן זיך געוואַקלט אונטער אים. דער לעצטער שטאַפּל האָט זיך אײַנגעבראָכן מיט אַ קרעכץ. ער איז ווידער געווען אויף דער פלאַך.

ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט און׳ט אַוועקגעבראָדיעט ווייטער. באַלד האָט ער זיך געפונען שטיין פאַר אַ הויך־אָנגעהיפּט היגל מיט לויזע שטיינער אַרומגעצוימט: אַ ברודער־קבר. דער אויפשריפט האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים:

די הייליג־געפאַלענע
די לעצט־פאַרבליבענע
פון דעם 162טן אַלאַי —
אַללאַ, נעם זיי אויף
מיט דײַן גרויס חסד!

דער הונדערט־און־צוויי־און־זעכציגטער אַלאַי!... ז ײַ ן אַלאַי! ז ײַ נ ע קריגס־ברידער! — אַכמעד טשאַוּיש — איסמאַאיל ביי — כייקל...

עס האָט אויף אים אַ פריר געטאָן די הויט. אָנגעלענט איבערן גרויען

שטיין, איז ער געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, די אויגן איינגעגראָבן אין׳ם איינזאַמען בערגל ערד, זיינע ליפּן האָבן געציטערט:

— ברידער מיינע, אָן־אַ־צייט־געפאַלענע! ביז אַהער האָט איר אייערע מידע ביינער דערשלעפּט, אויף אָן ערד וואָס איז אונדז פרעמד געוואָרן אייער רו צו געפינען. ווער נאָך ווי איך קאָן פאַרנעמען דעם פּיין פון אייער אומקום; ווער נאָך ווי איר וואָלט געקאָנט באַגרייפן די נישטיגקייט פון מיין דאָ־זיין!... צוזאַמען האָבן מיר אויף אונדזערע פּלייצעס דורכגעטראָגן די קללה פון אונדזער דור. אַקסל־צו אַקסל האָבן מיר, פון על־אַריש ביז צו די טויערן פון יהודה, קעגן אַ שונא אַ שאַלקהאַפטיגן גרעניצן באַשיצט און מיט אונדזער בלוט זיי באַ־צייכנט. גוט, צי שלעכט — אין די יסורים פון הונגער, אין דער פרייד פון טויט — צוזאַמען זיינען אָבער זיינען מיר געווען. איין פּאָר־אונדז־אַליין־ניט־קלאָרער עפּעס האָט אונדז פון די וויטסטע ערד־ווינקלען צוזאַמענגעבראַכט און פאַרברודערט. אַצינד האָט מען דעמדאָזיגן עפּעס פון אונדז אויסגענאַרט, און מיר זיינען זיך אַליין פרעמד געוואָרן... ברידער מיינע! העלדן טויטע!...

אַ פאַרטאַיעטער געוויש צווישן די בוימער. אָן אַלטער בוים האָט טרוקן אָפּגעקרעכצט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אומגעקוקט דערשראָקן. נאַכט. אַ פאַרוואָרלאָזטע שטילקייט. ער איז אַליין... ניין! ער איז ניט אַליין! אין דעם פאַרקלעמטן שווייגן אַרום הויערן מענגעסוריז יונגע לעבנס ניט־דערלעבטע. בענקשאַפטן ניט־דערלעבצטע וויינען שטום אַראָפּ פון די צעריסענע סטרונעס פון די שטאַכל־דראָטן... עפּעס האָט אויפגעבליצט אין זיין מוח. זיין גאַנצער מהות האָט אויפגעשטורעמט. אין דער נאַכט אַריין האָט אויפגעדונערט זיין קול באַנומען און הויל:

— ברידער! אומזיסט געווען דאָס ליידן, אומזיסט — דער טויט! דאָס לעבן האָט אונדז אויסגעלאַכט!...

שטיל. לאַנג האָט נאָכגעציטערט אין דער לופט דער אָפּהילך פון זיין אויסגעשריי. אַ שאָס האָט אָפּגעקנאַלט אין דער וויט. באַלד האָט אַ צווייטער זיך דורכגעקייקלט און צעברעקלט. יעדער מוסקל אין זיין קערפּער האָט זיך אָנגעפּרענגט. זיינע פינגער האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין׳ם געווער —

— צום וואָפן, ברידער! מ׳האָט אונדז אָפּגענאַרט! מ׳האָט פאַר אונדז אַ שלום אויסגעטראַכט כדי דער שונא זאָל זיך אין אונדזערע פעסטשטעלן אַריינ־ברעכן... צום קאַמף, איר העלדן! געשלאָגן האָט די שעה פון אויפמאַנונג! — די שעה פון נקמה פאַר אונדזער באַגזלטן נעכטן, פאַר אונדזער אָפּגענאַרטן היינט, פאַרן צוגעזאָגטן מאָרגן וואָס וועט קיינמאָל ניט אויפגיין! ס׳איז די שעה פון דיין פאַר טעג און יאָרן געשאַכטענע אָן אַ צייט!... קיינער טאָר אין אונד־זערע רייען ניט פעלן! ניטאָ קיין רו פאַר די, וועלכע האָבן דעם טעם פון זייער אייגן בלוט פאַרזוכט!... צום געווער, צום קאַמף, ברידער!...

אַ טרוקענער געקלימפּער פון ביינער. אַטעמס הויכן־אַפּ הייס. הוילע בליקן שפּריצן פונקען. טריט פון אַן אַרמיי אַ שווייגנדיגער פאַלגן אים נאָך. פון אַלערהאַנד — פון מזרח, מערב, צפון, דרום, ים און מדבר, באַרג און טאָל — קומען זיי מחנותווייז און פאַלן אַריין אין די רייען. ניין, ער איז ניט מער דער איינזאַמער וואַנדערער איבער אַ פאַרלאָזענעם שלאַכטפעלד — ער איז ווידער אַמאָל דער אַבוקאַדיר עפּענדי פון 162טן אַלאַי — דער פירער פון אַן אַרמיי אַן אומצאָליגער, פון אַן אַרמיי אַ דרייסטער. זיין וואַרט ברענגט שטורעם, זיין באַפעל — טאַט... די רייען ווערן געקייטלט, די פּאָזיציעס — פאַרנומען, די געוועער־שטיקער — געלאָדן, גרייט. די לופט איז שווער, ברענט מיט עקשנות, מיט פאַרביסענעם נקמה־דורשט. פּנימער גלוטיגע וואַרטן אויף זיין באַפעל. ער טראָגט זיך פון איין רייע צו דער אַנדערער. גראַנאַטן צע־שפּליטערן זיך אַרום אים. ביים אָפּשיין פון די אויפרייסן שיילן זיך פאַר אים אויס די געשטאַלטן פון זיינע מיטמענטשן. ער דערקאָנט זיי אַלעמען. אין דער פאָדעררייע דערזעט ער כייקלען: זיין פּנים איז אָפּגעצאַרט, בלייך —

— כייקל?! — ביסט דאָך ביי עזה געפאַלן...

דער טויטער שמייכל לייגט זיך אויס אויף כייקלס ליפּן:

— ניטאָ קיין געפאַלענע, ניטאָ קיין אַנטרונענע: אַלע זיינען מיר טויט, אַלע — לעבעדיג אין דעם געפּעכט פאַר אונדזער ניט־זיין...

ער לאָזט זיך אַוועק צום פאָר־פּאָסטן. אימעצער שלייכט זיך אים נאָך אויף די הענט, אַ סימיטאַר צווישן די ציין.

— אַכמעד?!

אַכמעד טשאַואיש קוקט אויף אים מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן —

— איך, עפּענדי...ביידע פיס האָט מען מיר אַרונטערגעשניטן, האָב איך זיך אויף די הענט דערשלייכט אַהער. מיין בלוט, דיין בלוט — די קריוודע איז אונדזער אַלעמענס...

ביים סאַמע ראַנד פון גראָבן ליגט ווער צוגעזויגן צום מאַשין־געווער, גרייט צו עפענען פייער.

— ראובני — דו?!

— יאָ, אַט דאָס־אַ איזווירקלעכקייט, ברודער! ס'איז אַ צייט אַזאַ: אַ צייט פון מאַכט און וואָפן. אַצינד איז אַ ל ץ אַנדערש...

אין דער לויג־נאָרע טרעפט ער אדון שיפּריסן — דעם אַלטן ליבן אדון שיפּריסן.

— איר?!... וואָס האָט אייך אַהער געבראַכט?

— מיין שטענדיגער באַגער צו זיין מיט אייך, איר באַזיגטע און פאַרשטוי־סענע, — דעם צער און לייד פון אייערע טעג אויף די טאָוולען פון דער גע־שיכטע צו פאַרשרייבן פאַר דעם דור דעם קומענדיגן, פאַרן דור דורך אייך דעם דערלייזטן...

צוויי שטרענגע בליקן פאַרהאַלטן זיין גאַנג, שמידן אים צו צו זיך שטעל. בליקן קוואַליגע, טיפע, נעמען דורך זיין גאַנצן וועזן — בליקן וועלכע ער האָט איינגעזויגן אין זיך אַמאָל, אין אַ וועלט אַן אַנדערער, אין אַ פרימאָרגן אַ זוניגן —

— טאַטע מיינער! דאָ?!... וואָס——

— דיר צו וואָרענען, מיין זון, זאָלסט חלילה ניט צו־וויט פאַרגיין. ענג־געבונדן זיינען די גרעניצן צווישן ווייט און נאָענט...

ער וויל וואָס ענטפערן. ער קאָן ניט. די ווערטער בלייבן אים שטעקן אין קעל. ער בלייבט שטיין אָפּהענדיג. אַכמעד טוט צו אים אַ וואונק מיט די אויגן. ער דערמאָנט זיך, מונטערט־אויף. ער טוט אַ קוק אַרויס צום צווישן־שטח: אויפן האָריזאָנט רייסט זיך אָפּ אַ שאָטן און פאַרשווינדט. אַ צווייטער טויכט באַלד אויף אויף זיין פּלאַץ — בולטער, שאַרפער. אַ העלם. אַ קאָפּ. אויגן לאָקערן. אַכמעד שלעפּט־אַרויס אַ האַנט־גראַנאַט. ער טוט אַ צונד דעם קנויט — אַ שליידער. דער אויפרייס צעטרייסלט די לופט. אַ מחנה שאָטנס וואַקסט־אויס אַנטקעגן אים.

— דער שונא, ברידער!... אין די טעמפּלען האָט ער זיך באַפעסטיגט! ער קומט! — פייער!!

אַ פייף, און די שלאַכט צעפלאַקערט זיך — ווילד, פאַרביסן. די קאַנאָנען צעדונערן זיך — באַטויבנדיג, שווער. עס קייכן טייוויליש די מעטראַיאָזן. די שאַלקהאַפטיגע סווישטשעריי פון קוילן צעררייסט די לופט. דער הימל שפּייט מיט פייער פון זוים צו זוים. ראַקעטן קרייצן זיך אין בויגנס איבערן קאָפּ. שאָטנס קומען־אויף, שאָטנס פאַלן, שאָטנס ציען זיך צוריק. איצט איז די צייט! —

— אַנגריף! פאַראויס!!

הימל און ערד און טויט טראָגן זיך אויף די פליגל פון צאָרן. באַיאָנעטן בליצן־אויף. זיי פאַלגן נאָך, זיי שטורעמען. זיי קומען אַקסל־צו־אַקסל מיט די אַנטקעגן. צאָרן ווייסט ניט קיין אָפּהאַלט, שטאָל ווייסט ניט קיין רחמנות. אין דעם שונאס רייען דערקאָנט ער זיי: יוריסאָן — קאַץ — בענדער. ער כאַפּט אַרויס דעם סימיטאַר פון אַכמעדס מויל און וואַרפט זיך פאַראויס מיט אומגעהויערן אימפּעט. דער שאַרף פון געווער שפּלינטערט בלענדנדיג לייב־אין—לייב־אויס. זודיג בלוט באַגיסט זיינע הענט, טריפט־אַרונטער פון זיינע פינגער. דער טומל קוועלט־אָן — — —

מיטאַמאָל ווערט אַלץ שטיל. אָפּגעשטאָרבן איז יעדער באַוועג. די שטיל־קייט גליווערט. פון דער מיסטישער גרויקייט איבער די בערג שיילט זיך אַרויס אַ שלאַנק געשטאַלט, אין ווייסן געהילט. זיינע באָרוויסע, פרומע טריט באַרירן קוים דעם באָדן אונטער זיך. הענט, ווי טויבן־פליגל, שוועבן־אום

אין חלל שטיל. זיינע אויגן, פאַרחלומטע, קוקן לייטזעליג אַראָפּ אויף אים, אויף דער שטילער לײדיגקייט אַרום. פון זיינע ברעמען פאַלט אַ טרער. זיינע בלאַסע ליפּן טריפן־אויס אַ זאַנפט געפליסטער:

— ס'איז שלום אויף דער ערד... שלום אויף דער וועלט... שלום... ש ל ו ם . . . ש —

ער האָט זיינע אויגן אויפגעעפנט.

5

צווישן בערג — אַ וועג

תמרה איז דאָרט געווען, און דוד, און חוה האָט זיך גאָר קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען: אָט איז זי געשטאַנען נעבן תמרהן, אָט — נעבן דודן, און באַלד האָט זי ווידער אומגעפּאַדיעט אַרום זיין בעט. מ'איז אומגעגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, מ'האָט גערעדט אין אַ געפּליסטער, צעפלאָכטן. פאַרוואָס רעדט מען? פאַרוואָס פרעגט מען אים? ער האָט פאַרלאָרן, פאַרשפּילט אויף אַלע פראָנטן — איז אָפּגעפרעמדט פון אַלץ; פאַרוואָס פּייניגט מען אים נאָך מיט רייד? וואָס וויל מען נאָך פון אים?! פאַרוואָס——

חוה טראָגט אים צו אַביסל מאַראַנצן־זאַפט צום מול —

— נעם, איך בעט דיר...

ער פאָלגט. ס'איז אוממעגלעך חוהן ניט צו פאָלגן. איר פּנים איז אַזוי פאַרזאָרגט. די גלאָז ציטערט אין אירע הענט. און אפשר זיינען דאָס זיינע ליפּן... זי לייגט אים איבער דעם אייז־פּענכער אויפן קאָפּ. זי רוט ניט.

אָבער ווי, פונדעסטוועגן, טוט מען דאָס אָפּ אַזאַ זאַך? — אַזאַ זאַך! אויפהויבן זיך אינמיטן דער נאַכט, אָן אַ „זיי געזונט", אָן אַ וואָרט צו קיינעם און——גאָרניט! גוואַלד, גוואַלד, ווי ווערט עס אַ מענטש אַזוי?!...

ווי ווערט עס אַ מענטש אַזוי?...

ער האָט געשוויגן.

דאָס לייב ברענט. די ברעמען וועגן זיך אַרונטער. תמרה קומט־צו צו אים, דעקט אים פאָרזיכטיג איין. ער דערפילט דעם לייכטן באַריר פון אירע פינגער דורכן. דינעם צודעק, איר וואַרעמען אָטעם איבער זיך. ער זויגט דורשטיג איין דעם אָפּדופט פון איר וועזן. איר נאָענטקייט דערוועקט אַן אומרו אין זיינע אָפּהענדיגע גלידער, ברענגט־אויף דערמאָנונגען פון פאַרגאַנגענע טעג, לעכצונגען, פאַרווירונג. די אויגן רייסן זיך אויף: ס'איז זי — זי, וועלכע איז שוין ניט מער זיינע...

חוה טאַפּט אים ביים שטערן —

— ט'זיך שוין ווידער צעגיהנומט, וויי־וויי... און ס'איז נאָך מיט נסים

וואָס אַזוי. ווען מ'געפינט אים ניט אין צייט, גאָט ווייסט וואָס ס'וואָלט מיט אים חלילה געשען!...

ער האָט פיבערהאַפטיג אויסגעהעשעט:

— און ווען אַשטייגער וואָלט עס געקימערט?

— קימערט־שמימערט! געהערט דבורים אַביסל?! אַז אַ מענטש האָט אויף זיך אַליין קיין רחמנות ניט...

אַ פאַרביטערער שמייכל האָט זיך דורכגעבראָכן אויף זיינע דורכגעברענטע ליפּן —

— אַז אַ מענטש האָט זיך אַליין איבערגעלעבט, חוה...

זיין בליק האָט זיך איינגעגעסן אין תמרהן.

תמרה האָט זיך אָפּגעקערט פון בעט, און איז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ אַרויס פון צימער. דוד איז געשטאַנען ביים פענצטער אַ צערודערטער, זיינע ברעמען האָבן געצוקט. חוה האָט זיך כלומרשט אַ בייזער געטאָן:

— אַי, געזונט זאָלסטו נאָר זיין, שוויג שוין ליבערשט — שוויג! מ'איז־דיקיוועט זיך ניט אַזוי איבער אַ מענטשן אומזיסט־אומנישט.

אָבער ווי לאַנג קאָן חוה בייז זיין?

— נו, נעם שוין עפּעס צו די ליפּן, אביגדור; אַביסל לעשן דעם פייער...

ליפשיץ איז אַריינגעקומען.

— אַהאַ, ברוך מחיה מתים! קוים זוכה געווען צו זען דיר מיט די קוקערס אָפן. האָסט אודאי מיטגעבראַכט אַ גרוס פון עולם־האמת — פון מיין באָבע מירעלען, פון מיין פעטער שבתי־פיניען... גאָרניט אָנגעזאָגט?! זעסטו, דאָס איז שוין אַן עולה, תנ"כניק!

— גוואַלד, גאָט איז מיט דיר, עליע! הער שוין אַמאָל אויף צו קאַלע־קאַטקעווען אין קאָפּ! זעסט דאָך אַז דער יונג ליגט אין היץ. מאַל דיך, אַז מ'האָט שוין דאָ אַ ן דיר אויך גענוג אָנגעפּלוידערט...

אָבער ליפשיץ בלייבט ליפשיץ: ער מוז ריידן.

— אַי, שיין! אַי, פיין! ט'זיך אויסגעלערנט ביים טערק לויפן, און לויפט. כ'קוים צופאָרן אַהיים, ווער איך געוואָר, אַז דו ביסט דאָ אין אָוונט פון הימל אַראָפּגעפאַלן, און אינמיטן מיט דער נאַכט — והילד איננו! — אויסגערונען! וואו? וואָס? ווען? נסתלק געוואָרן און — אויס! גיי איך שוין מסתמא אַרויס אין גאַס. כ'ווייס, אַ קשיה אויף אַ מעשה?! — אַ פילעגאַווער חסיד, ט'ער אפשר מורא געהאַט צו שלאָפן מיט צווייַ ווייבער אונטער איין דאַך... כ'קום־צו צו דער פּאַטשט — אַהאַ, ס'איז פריילעך אין שטעטל! די שומרים, דערציילט מען מיר, האָבן געפונען אַ פאַרחלשטן יונגנמאַן — העט, אַזש ביי די טערקישע גראָבנס, נעבן דער טורבע ערגיץ — און געבראַכט אים אין דער קאַלאַביע קוים די נשמה. לויף איך דאָך מסתמא אַ קוק טאָן אויף בייז־וואונדער

און טאַקי ווי דאָס האָרץ האָט מיר געזאָגט! — ס'איז ער — דער גן־עדן־פויגל מיינער! ליגט און ברענט ווי אַ קאַלכאויוון און קאָמאַנדעוועט (דוקא אין טערקיש!) אַנגריף! ממיתן! הרגענען! — להרוג ולהשמיד!... משמעות, זיך נאָך ניט געננוג אָנגעשפּילט אין סאָלדאַטלעך ביים פעטער ישמעאל, עליו־השלום...

און ליפּשיץ רעדט. ער מוז ריידן — מוז זיך אויפבינדן. נאָר גראָד דאָס וואָס ער וויל אַראָפּריידן מיידט ער בכיוון אויס — פאַרשרייט זיך... נאָר ס'איז גוט ווידער צו הערן זיין קראַפטיג קול; צו ליגן און הערן דעם טיפן אָפּהילך פון זיין ברוסטיגער שטים, די וואַרעמע וויברירונג פון זיינע ווערטער. די אויגן מאַכן זיך צו... אַ ים... כוואַליעס... איבער די כוואַליעס טראָגט זיך אַ שיף — אַן איינזאַמע שיף אינמיטן ים... אין דער נאַכט גייט־אויף אַ געזאַנג:

און אַט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים,
כוואַליעס־לייבן, כוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום...

*

ער איז געזעסן איינער אַליין אויף דער וועראַנדע און האָט מיט נאָכגעביגן גלייכגילט געקוקט אין דער פאַרנאַכטיגער דעמערונג אַריין. אינעווייניג אין הויז האָט תמרה איינגעוויגט ס'קינד. פון צייט־צו־צייט האָט איר געזאַנג זיך איבערגעריסן און איז באַלד ווידער אויפגעגאַנגען ווי דורך אַרונטערגעשלונגענע טרערן. דאָס האָט אים געערגערט. פאַרן דמיון איז אויפגעשוואומען דער לעצטער אָוונט, ווען ער איז דאָ צוזאַמען מיט אפרים און כייקלען געווען, זיין לעצטער צוזאַמענזיין מיט תמרהן. אַ וואָכע נאַכט צווישן די גערטנער. „כ'וועל וואַרטן, אביגדור... כ'וועל וואַרטן...” וואַרטן אויף וואָס? פאַר וועמען?... אַצינד — דאָס קינד...

דוד איז צוגעקומען. ער איז געווען צעשטרויט, דערשלאָגן.

— ס'קאָן אַזוי ווייטער ניט אָנהאַלטן, אביגדור.

— פאַרשפּאַרסט עס מיר צו זאָגן; כ'על דאָ במילא לאַנג ניט בלייבן.

— ניין, ניט דאָס בין איך אויסן. כ'האָב נאָר געוואָלט איבעררײדן מיט דיר... פאַרשטייסט? תמרה...

— וואָס תמרה?

דודן האָבן אויסגעפעלט ווערטער, צוזאַמענגנעמונג. אביגדור האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי פאַרלאָרן.

— גייסט־אום אַזוי— און זי— איך דאַרף דיר ניט זאָגן, אביגדור— איך האָב ניט געמיינט צו באַרויבן דיר דיין— גלויב מיר אַז—

כ'ווייס עס זייער גוט, דוד. דו דאַרפסט זיך פאַר מיר ניט פאַרענטפערן. מיר האָבן איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל געהאַט אַ פאַרשטענדעניש וועגן דעם, און —— דו ביסט הפּנים געווען דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ מזלדיגן שטערן...

— כ'האָב געמיינט, אפשר פאַרדענקסטו... אפשר האָסטו פאַרגעסן... ביסט געווען אַזוי צעטראָגן דאַמאָלט...

— ניין, דוד, אַזוינע זאַכן פאַרגעסט מען ניט.

— האָב איך דיר געוואָלט זאָגן —— פאַרשטייסט? איך האָב עס געטאָן אויס ערליכקייט צו אונדזער פריינדשאַפט, צו אונדזער וואָרט. נאָר —— נאָר אויב דו באַשטייסט ——

אביגדור האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט —

— באַשטיין אויף וואָס?! וואָס פאַר רעכט האָבן מיר, וועלכע באַלאַנגען צו די באַזיגטע, צו באַשטיין?!... דוד! איר זענט מיר ביידע צו־ליב און טייער, אַז איך זאָל שטיין צווישן אייך און אייער גליק. ס'איז נאָר אַ שאָד — אַ גרויסער שאָד! — וואָס ס'איז געקומען צו דעם: וואָס מיר דריי דאַרפן זיך פאַנאַנדערגיין אויף אַזאַ אופן.

— פאַרוואָס פאַנאַנדערגיין? כ'זע ניט אין פאַרוואָס דו קאָנסט ניט בלייבן דאָ, מיט אונדז. דער שול־יאָר הויבט זיך אינגיכן אָן, 'עלן מיר זען צו קריגן פאַר דיר אַ לערער־שטעלע דאָ. דאַרפסט זיך ניט פילן אַזוי אָפּגעפרעמדט, אביגדור! מיר האָבן ביידע שטענדיג געשטרעבט צו זיין צוזאַמען, צוזאַמען אַרבעטן...

— ס'איז קיין פּעולה ניט, דוד! מיר זיינען מער קיין קינדער ניט. מיר קאָנען זיך מער מיט קיין ווערטער ניט שפּילן. די קאַלטעווירקלעכקייט שלאָגט אין פּנים. און —— ווי לאַנג קאָן אַ מענטש אַ לעבעדיגער פאַרלייקענען זיין אייגענעם ווייטאָג? ווי לאַנג קאָן אַ מענטש צוזען, ווי נאַכט נאָך נאַכט פאַר־מאַכט זיך די טיר פון אַ געוויסן צימער פאַר זיינע אויגן? און —— תמרה קאָן נאָר א י י נ ע ם ס זיין... ס'איז ניט דיין שולד, דוד, ניט תמרהס, אפשר אויך ניט מיינע; ס'איז ק י י נ ע ם ס שולד! און דאָס איז וואָס ס'קרענקט: ס'איז ניטאָ וועמען צו באַשולדיגן... אַ פלאָנטער!... און ס'איז ניט בלויז דו, און איך, און זי; ס'איז דער גאַנצער דור אונדזערער, און אין דעם דור — מיר... מיר, וועלכע זיינען אַנטקעגנגעקומען דעם רוף פון די ברויזנדיגע טעג. און איך ווייס ווען מיין דאָ־זיין איז מער ווי איבעריג... איך האָב עס געוואָלט אויסמיידן: כ'האָב געפּרוווט באַציִטנס ניט ווערן. ס'איז מיר ניט געלונגען... נאָך אַ טאָג — אפשר נאָך מאָרגן — און כ'וועל אַוועק. כ'וועל ניט זיין, וועט איר פאַרגעסן, וועט מיין געדעכעניש אָפּגעווישט ווערן פון אייער האַרצן... דוד! פאַרוואָס האָט עס ניט געקאָנט זיין אמת וואָס מ'האָט דאָ געזאָגט וועגן מיר?...

ער האָט איינגעדריקט דודס האַנט אין זיינער און איז אַנשוויגן געוואָרן.

דוד האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ט׳פאַרביסן אַ ליפּ. פאַרן שוועל האָט אַ שאָטן געטאָן תמרהס געשטאַלט.

*

זייט־ביי־זייט זיינען זיי געגאַנגען, תמרה און ער. ווייט הינטער דער קאָ־לאָניע האָבן זיי זייערע טריט געפירט איבערן שטילן וועג צווישן די כרמים. אין שעהן אַנדערע האָבן זיי אַמאָל ביידע באַטראָטן דעמדאָזיגן וועג, און וויפל סודותדיגע געפּליסטערס, וויפל ליכטיגע טרוימערייען האָט דאַמאָלט דידאָזיגע שטילקייט פאַרנומען! אַצינד האָט די שטילקייט ווי געשראָקן זייער טראָט, האָט באַהויכט די אַרומיגע אָפּגעשלאָסנקייט מיט דעם גליווערדיגן פּחד פון אַ פאַרוואָרלאָזט הויז. צוויי שאָטנס — צוויי לעבנס אינ׳ם שויס פון אַ פרעמדער נאַכט. טריט פון אַ פאַרחלומטן נעכטן אין אַ ניכטערן היינט —

— מ׳מוז פאַרגעסן, אביגדור! — אַלץ פאַרגעסן. מ׳מוז שטאַרק זיין...

— שטאַרק זיין... אַלץ פאַרגעסן... ז י י ן אַ ן אַ כ ז ר א י ב ע ר ז י ך אַ ל י י ן, האָסטו אַמאָל געזאָגט... און דאָס האָט דאָך דאַמאָלט אַזויפיל געמיינט. און דאַמאָלט איז עס געווען אַזוי לייכט אויסצופאָלגן... מיט דיין אָפּבילד פאַר מיר, האָט לעבן געהאַט אַ מיין, אַ צענטערפּונקט. געפאַר איז געווען שפּיל, ליידן — אַ פרידנאָפּפער צום גאָט פון מאָרגן. אין דער טיפעניש פון מיין בענקען האָט געקוועלט אַ האָפענונג, אין מיין פאַרצווייפ־לונג — אַ טרייסט. אַצינד——

— אָבער דו מ ו ז ט , אביגדור! דו ביסט נאָך יונג; האָסט נאָך דאָס לעבן פאַר זיך, דיין באַרוף; און—— איך בין ניט די איינציגע, ניט די לעצטע...

— פאַר וועמען — נ י ט, פאַר וועמען — י אָ... געדענקסט?...
אונדזער ליבע־נעסט — אַ באַשיידן הויז צווישן בוימער —

— אַ קינדער־שול אין אַ יונגן ישוב... קינדישע אויגעלעך אַרום...

— און דאָס אַלץ וואָלט דאָך איצט געקאָנט זיין אַ ווירקלעכקייט...

— וועט עס נאָך זיין.

— נישט אָן דיר, תמרה — קיינמאָל ניט אָן דיר!... און מאָדנע: צוויי לעבנס האָבן זיך באַגעגנט, זייערע הערצער האָבן זיך צוזאַמענגעקניפּט; איז מיטאַמאָל אויף זייער וועג אויפגעגאַנגען אַן עפּעס וואָס איז שטאַרקער פון פרייד, מאַכטיגער פון אייגענעם גליק, און אַצינד שטייען מיר אָפּגעפרעמדטע: איך און דו, און צווישן אונדז — אַ טויטער חלום...

— אַ חלום, אָבער ניט טויט. דו האַלסט נאָך ביים אָנהויב, אביגדור; דו האָסט נאָך גרויסע שליחות פאַר זיך: דעם יונגן דור.

— כ׳האָב גאָרניט מער, תמרה. הענט, וועלכע האָבן געטראָגן טויט, וואָס האָבן געזייט חורבן — די וועלן שוין קיינמאָל ניט זיין מסוגל צו באַוואַכן

די צאַרטע צוויטן, צו באַטויען זייערע הערצער מיט גלויבן; די וועלן קיינ־מאָל די גאולה פון גייסט צו מענטשן־קינדער ניט ברענגען!

— ד ו ק א ד י, אביגדור! איר, די גליטערע אינ'ם אייגענעם פּיין, וועלכע זענט אַליין אָפּגעגאַנגען מיט בלוט פאַר דעם אומרעכט פון אַ וועלט — נאָר א י ר זענט ראוי צו עדות זאָגן אויף דער גרויסער שאַלקהאַפטיגקייט, צו אויפווייזן די גאַנצע שווידערליכקייט פון בלינדן האַס, פון גוואַלדטאַטן און פון פאַרהייליגטן מאָרד! און עס איז אייער פליכט, אייער הייליגע שליחות, צו ווייזן דעם יונגן דור דעם וועג צו אַ וועלט אַ גערעכטער, צו אַ לעבן פון ער־ליכקייט און ברודערשאַפט, פון אייביגן שלום צווישן מענטש און מענטש.

— גערעכטיגקייט... יושר... שלום... און—— מיר — די וועגווייזער, די פירער, הע! מיר — די פסול־געוואָרענע כוהנים, וועלכע האָבן פאַרברענט זייער האַרץ אינ'ם אייגענעם פלאַם און דעם אַש צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימען! מיר, וועלכע קאָנען ניט געפינען דעם באָדן אונטערן אייגענעם טראָט! — וועלכע טראָגן אין זיך דעם נאָכוויי פון שטורעם, און האָבן אַליין פאַרלוירן יעדן גלויבן אין מענטשן! מיר, וועלכע זיינען אַזוי אומברחמנותדיג געשטאָכן געוואָרן אין נאַקן פון אונדזערע נאָנטסטע, פון אונדזערע ליבסטע, און זיינען אַרויסגע־שטעלט געוואָרן פאַרשעמטע פאַר אַן אויסגעלאָשענעם הימל, מיט אַ באַשפּיגן וואונד, און מיט אַ ווייטאָג וואָס איז נאָר אונדזערער!...

— אָ, רייד ניט אַזוי, אביגדור! — האָט תמרה איינגעגראָבן איר פּנים צווישן די הענט און האָט פאַרצווייפלט אומגעוואָרפן מיטן קאָפּ — מיין ניט אַז מ י ר איז עס אַזוי גרינג אָנגעקומען! מיין ניט אַז מ י ר איז עס אַזוי גרינג צו פאַרגעסן! דו האָסט געזען וואָס ס'גייט־אָן אין מיין לעבן, ווי דוד גייט־אום. און ער — דאָס אומשלדיגע באַשעפעניש וועלכע האָלט אונדזערע לעבנס צוזאַמען — ער וועט קיינמאָל ניט לאָזן פאַרגעסן... אָ, פאַרדענק מיר ניט, אביגדור! טראָג ניט קיין כעס אויף מיר...

ער האָט צעקרענקט אַ שמייכל געטאָן:

— אַ כעס אויף דיר?!... תמרה! ס'וועט שטענדיג מיין האַרץ דיר בענטשן פאַר די ליכטיגע שעהן, וועלכע זיינען אַמאָל געווען מיינע; פאַר דער לייטזעליגקייט, וואָס האָט געטריפט פון דיין האַנט צו מיר. דו האָסט געוועקט אין מיר כוח; האָסט אָנגעצונדן אין מיין בלוט אַ באַגער צו לעבן, אַ קאַמפּלוסט, און אַ גלויבן אין מיינע אייגענע כוחות. אָן דיר איז——

— אפשר נאָר צוליב דעם — און צוליב דעם אַליין — האָט מיר גורל באַשערט אויף דיין וועג?... איך האָב מיין שליחות געטריי דערפילט. איך האָב דיר מיינע שענסטע מתנות געשאָנקען. וואָס נאָך טראָגט מיין לעבן פאַר דיר?...

און דאָ האָט עפּעס דינס — זייער דינס — אין אים געפּלאַצט און האָט זיך צעגאָסן אין זיין בלוט. זיין גאַנצער וועזן האָט אויפגעציטערט. ער האָט זיך אַ צי געטאָן צו איר און האָט איר איינגעצוואָנגט אין זיינע אָרעמס —

— גאַרניט מער! נאָר—— דו אַליין!... ד ו !...

זיין קול איז געקומען אָפּגעריסן, באַווילדערט. זיינע אָנגעפּרעגטע פינ־גער האָבן אויפגעריסן איר בלוזע. עס האָט אַ בלאַנק געטאָן פאַר אים איר ברוסט — רונדיק־פול און צאַפּלדיק. זיינע ליפּן האָבן געברענט —

— ד ו ! ד ו !... ס'איז צו דיר וואָס מיין לעבן רופט! עס איז דיר — נאָר דיר — וואָס איך בין גערן! נ אָ ר ד י ר !... נ אָ ר ד ו !!

— אביגדור?!...

איר אָטעם איז געקומען דערשיטערט, אָפּגעחלשט. ער האָט דערזען פאַר זיך אירע דערשראָקענע אויגן — אויפגעפּראַלט, שטאַר. ער האָט זיך ליידנ־שאַפטלעך איינגעגעסן אין איר לייב —

— דו האָסט מיר געלערנט צו באַשטיין אויף מיין רעכט! — צו פאָדערן!

— צו אויפמאָנען! איצט פ אָ ד ע ר איך! איך מ אָ ן מ י י נ ס! דו מיינסט אַ ל ץ פאַר מיר! — ד ו !...

— אביגדור, באַדענק זיך...

— ניין! איך וויל ניט דענקען... איך וויל פון גאַרניט טראַכטן... איך וויל נאָר דיר — ד י ר!!... קיינער וויל ניט וויסן דעם צער פון מיין יוגנט, דעם פּיין פון מיין עלנט... איך וויל דיר! דער הונגער פון מיין בלוט שרייט צו דיר — נאָר צו דיר!!!...

— איך בין דיין חברס ווייב — אויב גאַרניט מער... גאָט! וואָס ביסטו אויסן?!...

— איך וויל זיין שלעכט! איך וויל זיין אומרעכטיג! איך וויל פילן מיין זינד!... אַ, פאַרשטויס מיר ניט, תמרה!...

זי האָט זיך נאָך אַ ווילע געווערט און האָט אים איינגעשלאָסן אין אירע אָרעמס —

— איך פאַרדענק דיר ניט, אינגל...

זייערע ליפּן האָבן זיך אויסגעזוכט.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעריסן פון איר און איז צוגעפאַלן אַ צעפלאָמטער צו דער קילער ערד —

— צום טייוול! קעגן איר קאָן איך קיין אומרעכט ניט באַגיין!...

אַ פאַרשטיקט געהויל — דאָס געוויין פון בלוט.

⁂

אינמיטן דער נאַכט — בערג. צווישן די בערג שלענגלט זיך אַ ווייטער וועג. איבערן וועג ציט אַן איינזאַמער וואַנדערער זיין גאַנג פון אַ פאַרלוירענעם פונוואַנען צו אַ בלינדן וואוהין.

6

זיבן זײַנען זיי געווען

זיבן זיינען זיי געווען —

זיבן יונגעלייט אויפן באַרג צופים וואָס קוקט אַראָפּ איבער ירושלים.

זיבן יונגעלייט — זיבן שטערנס פאַרוואָלקנטע — אַנטקעגן דער אַלטער שטאָט וואָס האָט זיך געבאָדן אין אַן אָפּגעפרעמדטער זוניקייט.

זיבן זיינען זיי געווען —

ווער ס'האָט זיך איינגאַנצן ניט צוריקגעקערט; ווער ס'האָט זיך דערשלעפּט צוריק און איז באַלד אַוועק וואו די אויגן האָבן אים געטראָגן; ווער ס'האָט ניט געווען קיין כוח, קיין וואוהין, פון זיך אַליין צו אַנטלויפן; און פונ'ם אַמאָליגן געזעמל זיינען אַצינד נאָר די זיבן פאַרבליבן — זיבן איבעריגע, זיבן פאַרשטורי־סענע — און די האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען. אויפן ברעג, פון וועלכן שטורעם האָט זייער שיפל פאַרטראָגן, האָבן זיי געזוכט ווידער צו פאַרוואָרפן אַנקער. זיי האָבן געפרואווט מיט גוטן, געפרואווט מיט גוואַלד. מ'האָט ניט געקאָנט זיך אַזוי לייכט אונטערגעבן — ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פונ'ם אַמאָל, פון זיך, און איינשטעלן זיך איז ניט געווען מער פאַרוואָס. מעשה־יוריסאָן האָט זיי קיין גוטס ניט געטאָן; און דערצו איז נאָך צוגעקומען נאָך אַ געשעעניש:

אומשלייכנדיג זיך איבער די גאַסן פון ירושלים, האָבן חברה איינמאָל דערזען אַ פריש־אויפגעקלעפּטע מודעה אויפן טויערל פון בית־עם. יואלי איז געווען דער ערשטער דאָס צו באַמערקן:

— חברה, בן־עמיהוד איז דאָ!

— וואָס?!

— אָט זעט! ער וועט היינט דרשנען אויף דער טעמע „פאַרוואָס טערקיי האָט געמוזט באַזיגט ווערן".

— די חוצפה פון אַ שטינקנדיגן צבועק!

— מ'עט אים דאַרפן אָפּזינגען אַ „ברוך הבא"...

— מ'האָט אַלץ־איינס גאָרניט צו פאַרלירן.

— לאָמיר אים וויזן אַז מיר זיינען נאָך אויך דאָ!...

און מ'האָט עס געטאָן.

מ'איז געווען אין בית־עם באַצייטנס. נאָך חברה, וועלכע האָבן געטראָגן אַ שווער האַרץ, זיינען צוגעשטאַנען צו זיי. מ'האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך די פאָדערשטע רייען און מ'איז געזעסן צוזאַמען. דער פאָרזיצער האָט פאָרגע־שטעלט דעם „גרויסן גאַסט". חברה האָבן געוואַרט. בן־עמיהוד האָט זיך אויסגעהוסט, ט'געמאַכט אַ תמימות פּנים און האָט זיך פאַרנומען ריידן:

— רבותי! ——

פון די פאָדערשטע רייען האָט אויסגעפּלאַצט אַ דונער פון שטימען:

אײַ־אײַ, אײַ־אײַ, אײַ־אײַ־אײַ,
נסים ונפלאות!
אײַ־אײַ, אײַ־אײַ, אײַ־אײַ־אײַ,
נסים ונפלאות!!

דער פאָרזיצער איז אויפגעשפּרונגען, האָט אויפגערעגט געקלונגען מיטן גלעקל, ט'געקלאַפּט אין טיש. מ'איז שטיל געוואָרן. בן־עמיהוד האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, ט'ווידער אָנגעהויבן:

— רבו——

חברה האָבן איבערגעחזרט ס'זעלבע לידעלע.

ווידער דער פאָרזיצער. ווידער בן־עמיהוד. די יונגען האָבן ניט נאָכגע־געבן. ס'האָט ניט געהאָלפן דעם פאָרזיצערס מוסר זאָגן, זיין אַפּעלירן. חברה האָבן אים בשעת־מעשה אויסגעהערט ווי די סטאַטיקעס; אָבער ווי נאָר בן־עמיהוד האָט געעפנט ס'מויל, זיינען חברה באַלד אַרויס מיטן מזמור. אייניגע צווישן עולם האָבן די יונגען דערמוטיגט. ס'איז געוואָרן אַ ליאַרעם, אַ טומל. מ'האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די חברה להרוג־ולהשמיד. די יונגען האָבן אויך ניט געשוויגן. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט געבן קלעפּ, און איצט איז געווען די צייט צו וויזן וואָס זיי קאָנען. ס'זיינען געפלויגן בענקלעך, שטולן, פאַר־עפּושטע אייער און קנאַכיגע פויסטן. דער פאָרטראָג פון דעם „גרויסן גאַסט" איז שוין יענעם אָוונט ניט געהאַלטן געוואָרן. דער „סקאַנדאַל" איז צעפּויקט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט, און דאָס האָט אינגאַנצן פאַרזיגלט זייער גורל...

זיבן זיינען זיי געווען —

זיבן יונגעלייט — זיבן טמאים פון זייער דור — אַנטקעגן דער גרוישטיי־ניגער מויער־שטאָט וואָס האָט געאָטעמט מיט גאָלע קדושה.

פרידמאַן איז געווען דער ערשטער איבערצורייסן דעם שוויגן.

— הייליג! הייליג! — האָט ער פאַרריסן די הענט אין דער

הויך און האָט פאַרגלאָצט די אויגן — ס'רינט קדושה פון יעדער ווינקל; ס'שפריצט מיט גאולה־שלמה פון יעדער שפּאַרונג! דער קודשא־בריך־הוא האָט ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער אָנגעשיקט אַ באַלפור־דעקלאַראַציע מיט אַ אידישע מלוכה, און אחינו בני־ישראל מיינען שוין אַז זיי האָבן אָנגעכאַפּט משיחן פאַרן עק!

— מ'קילט זיך מיט חלשות! — האָט יואלי זיך אָפּגערופן, קוקנדיג אויף די ווייסע צלמים פון די קברים־שורות פון'ם ענגלישן מיליטערישן בית־עלמין, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבערן אָפּזייט פון באַרג. — ס'איז ניט בלויז אַ צופאַל וואָס זיי האָבן אַריבערגעטראָגן אַהער דיביינער פון זייערע געפאַלענע און זיי אויסגעלייגט דאָ־אָ — פונקט דעם אוניווערזיטעט־פּלאַץ אונטערן נאָז. זעט: שורות־איבער־שורות מיט צלמימלעך איבער קברים — אין די מאות, אין די אלפים — ענגלענדער, אויסטראַליער, שאָטלאַנדער, אירלאַנדער; און אונטן־אַראָפּ, ביים סאַמע פראָנט — צוועלף מגן־דודלעך: „אָט דאָס האָבן אידן מקריב געווען פאַרן גרויסן כבוש!...” ס'שטעקט אַ בייזער כיוון אין דעם... ד אָ ס פון איין זייט, די טענות פון די אַראַבישע נאַציאָנאַליסטן אַז מ'האָט ז י י צוגעזאָגט ארץ־ישראל פ אַ ר אונדז — פון דער אַנדערער זייט, און דער סך־הכל איז אַ קלאָרער.

— יאָ... — האָט חפץ אָפּגאַטיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — איין שטיקל ארץ־ישראל, און אַלע שאַרפן זיך אויף דעם די ציין — אידעלעך, אַראַבער, די קריסטלעכע וועלט. אַלע פּאַטשן זיך איבערן בייכל מיט די שיינע הבטחות, און קריגן וועלן אַלע אַ פייג. ענגלאַנד קאָן נאָר נ ע מ ע ן; אויף צו ג ע ב ן איז זי קיינמאָל קיין בעלן ניט געווען. פאַר איר גילט נאָך די אַלטע רוימישע אַקסיאָמע: באַשאַף שפּאַלטונגען און רעגיר! זאָלן זיך די אידן מיט די אַראַבער אַרומהרגענען איבער דער פּאַפּירענער ירושה, און זי וועט דערווייל בלייבן דער מושל־בכפה... ענגלישער ספּאָרט!

פייגלזאָנען איז דער גאַנצער ענין ניט געקראַכן אין דער לינקער פּאה. ער האָט געהאַט זיינע דאגות:

— זאָלן ז י י זיך ברעכן די קעפּ! אַלץ וואָס איך וויל איז מיין די־פּלאָמע, און זיי וועלן מיר דאָ ניט אָנקוקן אויף אַ רפואה. נו, עקשנען זיי זיך, די נייע קאָפּעליוש־מאַכער אין סעמינאַר: אַ גוואַלד! איך בין דורכגע־פאַלן אין פּייערשטאַמס עקזאַמען!... כיבע ווייניג דייטש אַריינגעבראַקט אין זיך פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר — ביי די דייטשן, ביי די עסטרייכער. כאַטש נעם און זעץ זיך איצט אַוועק זוברעווען דייטש פאַר זיי, די ממזרים! מער, פאַרשטייט איר מיר, ליגט טאָקי קיינעם ניט אין קאָפּ...

— וואָס דען?! — איז פרידמאַן אַרונטערגעשפּרונגען פון שטיינער־צוים, אויף וועלכן די זיינען אַלע געזעסן — ווי קאָן עס סיידן אַ מענטש פּעכניען פאַר הונגער אָ ן אַ דיפּלאָמע?!

— זעץ זיך אַוועק און זיץ אין געהאַקטע וואונדן, פּטרן איינער! — איז שוואַרצבערג אויף אים אָנגעפאַלן מיט רוגזה — וואָס איז, די מערידן האָבן זיך ביי דיר צעבערנט?! דו מאַכסט מיר קאַליע דעם גאַנצן געמעל מיט דיין אומשליידערן זיך, אין דיין טאָטן אַריין!

— אַי־אַי־אַי! די מוזע האָט זיך שוין ביי אים צעשפּילט! גיי פאַרטרעטל דאָרטן צו אַלדי רוחות, אַבי האַלט דיין חזירשן פּיסק! געזען אַ יוכע אַביסל פון אַ „בצלאַלניק"?!...

טאַקי צעשריען זיך, נאָר אַוועקגעזעצט זיך האָט ער. שוואַרצבערג האָט זיך ווידער פאַרטאָן ביים מאָל־טאָוול. דער געשפּרעך איז אַרויפגעשוואומען אויף דעם ניט־לאַנג־פאַרגאַנגענעם אַמאָל, די „הקדש"־טעג, חברים — די וועמען דער טומל האָט נאָך צייטווייליק דערוויטערט, די וועמען עס האָט אויף אייביק אַוועקגעריסן. אימעצער האָט דערמאָנט כייקלען. אביגדורן האָט אַ ברי געטאָן ביים האַרצן. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט זייער צוריקקומען וואָס כייקלס נאָמען איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אין דער אָפּן. ער איז געבליבן זיצן שוויַיגנ־דיג ווי ביז איצט. די לעצטע איבערלעבונגען צוזאַמען מיט כייקלען, די נאַכט פון כייקלס טויט, האָבן זיך אַצינד געשטעלט בולט פאַר זיינע אויגן. „ס'איז גאָרניט... איך בין ניט דער איינציגער..." יאָ: כייקלס פּלאַץ האָט קיינער ניט געקאָנט פאַרנעמען...

— ער פעלט אונדז אויס, דער באַסיאַק. — האָט יואלי זיך אָנגערופן — וואָס־וואָס, ער וואָלט איצט די נאַז אַזוי גיך ניט אַרונטערגעלאָזט. כ י י ק ל!... ער וואָלט שוין, ווי ס'איז, געפונען אַן אויסוועג. ע ס מ ו ז דאָך זיין אַן אויסוועג...

פייגלזאָן האָט אַלץ געהאַט זיינס אין זינען:

— ער, לפּחות, דאַרף ניט מער דאגהן וועגן עקזאַמינעס...

מ'האָט אים ניט געהערט. אויף חפצן האָט געבערענט די הויט —

— אַן אויסוועג פון וואָס? ווי אַזוי? אַז מיר באַלאַנגען דאָ מער ניט; אַז מיר עקזיסטירן גאָרניט מער פאַר זיי! איצט איז אַלץ זיי — די קאַזאַקן פון גדוד.

— ס'קערט אַזש די גאַל פון דער גאַנצער זאַך! — האָט פרידמאַן אַ זאָג געטאָן מיט אַ קרענקלעכן ביטול — דער טאַראַראַם, דער טומל, און די קעל־בערנע התלהבות וואָס מ'האָט אָנגעבאַראַבאַנעוועט אַרום דעם! זיי קאָנען גאָרניט פאַרגעסן די התרוממות פון אַ אידישן טאַטן, וועלכער האָט צום ערשטן מאָל געזען זיין בן־יחיד אין די בגדי־מלכות פון אידישן לעגיאָן, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן באַטראַק און, מיט טרערן אין די אויגן, געמאַכט אַ ברכה „שהחיינו". אַ קלייניגקייט, אַזאַ גדולה!... און אַמאָל איז עס אַנדערש געווען; יאָ, אַנדערש, חברה!... אַמאָל האָט בויען ארץ־ישראל געמיינט: שטיין ביים באָדן, טאָן, גיין אויף מסירות־נפש — וואָס די אַרבעט זאָל ניט

זיין. היינט ווערט ארץ־ישראל געבויט אויף פּאַפּיר, אויף שטרויענע הבטחות, מיט קולות וברקים. אפילו אונדזערע פּועלים זיינען אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם טרומייטערן, און האָבן אויסגעביטן דעם פּיאַש אויף אַ ביקסל אין גדוד — אַ לעגיאָן, וועמענס עובדא עס איז צו זיין דאָרט וואו מ׳דאַרף אים ניט... כלל־טוער — מלמדים — זיינען געוואָרן פּאַפּירענע גענעראַלן מיט גענע־ראַלסקע פּענסיעס. מ׳חנפעט זיך ווי די זונות צו יעדן טאָמי מיט אַ קנעפּל, און מ׳קלאַפּט אין די פּושקעס, און אַמעריטשקע שיט מיט גאָלד. „ג ד ו ד ! ג ד ו ד !״ אַ קלייניגקייט עפּעס?! אידעלעך־ק——ס העלפן פאַרשטאַרקן די ענגלישע אימפּעריע! נו, איז עס סיידן אַ חידוש אַז מ׳האָט ניט קיין צייט זיך אומצוקוקן אויף אונדז?...

— זיי, אין גדוד, איז אויך ניט צו מקנא זיין; — האָט שוואַרצבערג אָפּ־געשטעלט דעם מאָל־טאָוול אויף אַ זייט און האָט זיך צוגערוקט נענטער צו די איבעריגע חברה. — ס׳איז זיי דאָרט אויך ניט אַזוי פריילעך ווי איר מיינט. די יונגען זיינען אַלעמען גרויס אין די אויגן — אי די ענגלענדער, אי די אַראַבער. מ׳האַלט אין איין זוכן פּריטשעפּקעס אויף זיי און—— מ׳געפינט. זעקס פון זיי זיינען, איבער אַ גאָרנישט, געשטעלט געוואָרן צום מיליטער־געריכט, און אונדזער גפן אויך בתוכם. לויטענאַנט באַשטאַנסקי האָט געזאָלט זיין זייער פאַרטיידיגער; אָבער זיין פאַרטיידיגונג־רעדע איז גאָר באמת געווען אַ שווערע באַשולדיגונג קעגן דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג פון אָקופּירטן געגנט. ער האָט ניט געזיפּט קיין ווערטער און האָט אָפן געזאָגט וואוהין זייער שפּיל איז געצילט...

— איינשטימיג מיט אים, צי ניט, — האָט אביגדור באַמערקט — איין זאַך אָבער מוז מען צוגעבן: דערדאָזיגער איד האָט פייער, מוט, פאַרנעם, און איז ערלעך צו זיין פּרינציפּ.

— און וואָס האָט ער געקראָגן פאַר דעם? — אַ האַפּטיגן זעץ אין בטן־מחילות! מ׳האָט אים בכבוד־גדול געבעטן אויסצוטאָן, במחילה, די שליפערס, און ער האָט רעזיגנירט. איצט — מיט די אַראַבער אין אַזאַ אויפגערייצטן צושטאַנד — ווערט דער גדוד פאַנאַנדערגעלאָזן; און די יונגען זיינען אש־להבה...

— צו וואָס וועט אָט דער היניטישער שפּיל דערפירן, דזשאַנעם? — האָט יואלי אַ פרעג געטאָן כלומרשט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— צו וואָס?! — האָט אביגדור אַרויסגעפּלאַצט — חפץ האָט פריער געזאָגט צו וואָס: הייס־בלוט צווישן די אידישע „נייטיווס״ און די אַראַבער, רייסערייען, צוזאַמענשטויסן, כדי ענגלאַנד זאָל האָבן אַ כשרן אויסרייד אויף צו לאָזן פילן איר לאַפּע און מאַכן פון ארץ־ישראל אַ צווייטע אינדיע, נאָך אַ מצרים...

— ווער—ווער, פאַר אונדז חברה איז דער גאַנצער טומל זיכער גע־

ווען כולו־רוח... געדענקט דעם ענטוזיאַזם, די התלהבות? וואָס סיידן איז פאַר אונדז דאָמאָלט שווער געווען? וואו, צו אַלדי שוואַרציאַר, איז דאָס אַלץ אַהינגעקומען? וואו זיינען די אַלע וועלכע האָבן געזאָלט זיין מ י ט אונדז? וויפל זיינען מיר געווען? וואָס איז פון אונדז געבליבן? און דאָס ביסעלע, מ'שטיינסגעזאָגט, קאָן פאַר זיך אויך מער קיין אָרט ניט געפינען...

די שטימונג איז געוואָרן אָנגעצויגן. פרידמאַן האָט עס ניט געקאָנט פאַרליידן —

— וואָס טויגן מיר אַלע קונצן? בעסער פון אונדז אַלעמען האָט פאָרט דוכס אָפּגעשניטן. נאָך אַלעמען, האָט ער כאָטש באַצייטנס אָפּגעשפּאַרט פאַר זיך אַ גוטן הספד פון אדון שיפּריסן. אַי, האָט דאָס דער אַלטער אָוועקגעלייגט אויף אים אַ פאַניעכידע, אַ מעבר־יבוק! כ'האָב גראָד יענע צייטונג ביי זיך. הערט אויף טשיקאָוועס: „אַ הייפעלע ערד אויפן ניט־באַצייכנטן קבר פון דעם יונגן דיכטער אביגדור דוכס.״ איצט הערט אַביסל מליצה: „...די סטרונעס האָבן זיך איבערגעריסן און דאָס ניט־דערזונגענע פריילינג־ליד איז שטום געוואָרן אויף אייביג... די נשמה פון אַ גאָט־געבענטשטן דיכטער איז אויסגעגאַנגען אויפן שלאַכטפעלד...״ און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער... וואָס אַשטייגער וועט ער איצט זאָגן, ווען ער וועט אויסגעפינען אַז די מעשה מיטן משורר'ס הסתלקות איז געווען אַ ב י ס י ט ש ק ע איבערגעטריבן?

— אַ, פאַרלייג עס אין זאַטל און גיי קוש אַ בער! — האָט אים דוכס אומגעדולדיג איבערגעשלאָגן.

— וואו איז ער אַצינד?

— ווער?

— אדון שיפּריס.

— אין חוץ־לארץ. אַ וויכטיגע קאָנפערענץ. וועט זיין צוריק אַרום יום־טובים.

— אפשר וועט ער עפּעס קאָנען פועלן פאַר אונדז.

— איך בין שטאַרק אין ספק. ער איז איצט אויס קאָפּעליוש־מאַכער.

— מ'שאַנעוועט הפּנים קיינעם ניט אין אַזאַ צייט.

— און וואָס, דענקט איר, האָט אים באַוואויגן צו רעזיגנירן פון זיין אַמט אין סעמינאַר? — האָט יואלי געוואָלט וויסן — אדון שיפּריס און דער סעמינאַר — איין איינס...

— וואָס? — האָט אביגדור זיך אָפּגערופן — ער איז צו־ערלעך פאַר זיי! בלאָף, מה־יפית, טאַראַראַם — דאָס איז איצט אַ גאַנגבאַרע סחורה! ער פּאַסט זיך ניט אַריין אין זייער רעמל...

שמחוני איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ צעשויבערטער, חושך ווי די ערד, און האָט געשוויגן. דער גאַנצער געשפּרעך איז אים ווי ניט אָנגעגאַנגען.

און מ׳האָט אים ניט געצויגן פאַרן צונג. ס׳איז אים געווען אָנגעכמורעט אויפן האַרצן. חברה האָבן דאָס געוואוסט און האָבן אים געלאָזט צורו. וועגן זיין גרוזינערקע איז שוין מער קיין סוד ניט געווען: איר דערפאָלג ביים קאָלאָגאָסי האָט געפירט צו באַקאַנטשאַפט מיט אַנדערע אָפיצערן. זי איז איבער־געגאַנגען פון־האַנט־צו־האַנט, פריער — פון שתדלנות־וועגן, דערנאָך — פאַר מזומן, ביז זי איז אַוועק לעבן מיט אַ טערקישן אָפיצער, און האָט פאַרענדיגט איר ליבעס־אַוואַנטורע אויפן שוועל פון אַ ביליגן שאַנד־הויז אין דמשק...

אַלע האָבן פון דעם געוואוסט, אַחוץ — פאַרשטייט זיך — שמחוני. און קיינער האָט ניט געהאַט ס׳האַרץ אים צו דערציילן. ביז ער האָט ענדלעך אויסגעפונען דעם אמת. צוערשט איז ער געוואָרן ווילד, ט׳געגרעוועט: „ס׳איז מיר — אונד־זער וואוילזיין — וואָס האָבן איר געשטויסן צום אָפגרונט!! אויף מיר — אויף מיינע הענט פאַלט די שולד פון איר בלוט!...״ און באַלד נאָכדעם איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. קיין גרויסער ריידער איז ער קיינמאָל ניט געווען; איצט איז פון אים גאָר קיין וואָרט ניט געווען אַרויסצוקריגן. חברים האָבן פון אים קיין אויג ניט אָפגעלאָזט, מיטגעשלעפט אים מיט גוואַלד וואו מ׳איז געגאַנגען. ער פלעגט מיטגיין, פלעגט זיך כלומרשט צוהערן — אָדער זיך נאָר געמאַכט הערנדיג — צו וואָס מ׳האָט גערעדט, און האָט געשוויגן. אַ שאָטן פון זיין אייגענעם וועזן... ביי אביגדורס לעצטע ווערטער האָט ער אויפגעהויבן דעם צעשויבערטן קאָפּ, ט׳אויסגעשטאַרט אַ פּאָר קאַלטע אויגן און האָט אַרויסגערעדט אין אַ טרוקן קול:

— קיינער פון אונדז פּאַסט זיך דאָ מער ניט אַריין! און וועמען קי־מערט עס? מיר זיינען דאָ ניט מער ווי אַ שייקע בשרפים אויף אַ פרעמדן חנוכת־הבית...

פרידמאַן האָט אים אָנגעקוקט פריטשמעליעט —

— אָהאָ! געפונען ס׳לשון אויפסניי! אַ שיינער לייט געוואָרן דאָרט ביים טערק, צווישן די בהמות...

— שוויג, דו לויזיגער פטרן! — האָט אים אביגדור אַ שטורך געטאָן מיטן פוס — ווער עס רעדט פון ווערן אַ לייט! וואָס איז פון דיר אַליין געוואָרן?! וואָס איז געוואָרן פון אונדז אַלעמען?! זעט: זיבן זיינען מיר — זיבן יונגעלייט, ביי אַלע חושים, ביי אַלע אברים — און ניט אַ זאַך צו טאָן, אָן שום אויסזיכט עפּעס צו קריגן, און וואָס ס׳איז ערגער פון אַלץ — אָן דעם מינדסטן ו ו י ל ן עפּעס צו טאָן!...

מ׳האָט אַ לענגערע ווילע געשוויגן.

יואלי האָט נאָך מיט דער פראַגע ניט שלום געמאַכט:

— וואָס אייגנטלעך איז דער מער מיט אונדז, דוכס? נאָך אַלעמען, ארץ־ישראל איז דאָך ארץ־ישראל; די גאַנצע זאַך איז דאָך אונדז פּאַרט ניט פרעמד;

די מענטשן — כמעט די אייגענע; פאַרוואָס קאָנען מיר זיך דאָ ניט איינ־לעבן?!

אביגדור האָט גאָליג אַ שמייכל געטאָן —

— פאַרוואָס?... ווייל מיר האָבן זיך אַליין איבער־געלעבט! מיר זיינען זיבן אַלטע לייט, אָן אַ ווילן צו לעבן און אָן מוט צו שטאַרבן... מיר זיינען זיבן אַלטע לייט — זיבן יונגע זקנים...

יואלי האָט שווער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

*

אין אָוונט איז שווארצבערג אַריינגעפאַלן צו אים בלייך ווי די וואַנט —

— שנעל, אביגדור! שמחוני איז פאַרביי!

— וואָס איז געשען?!

— ער האָט זיך אַרויסגעשאָסן די געהירן...

— דער אידיאָט!... — האָט אביגדור אַרויסגעקריצט דורך פאַרקלעמטע ציין און האָט זיך אַוועקגעלאָזט נאָך שווארצבערגן.

***

זיבן זיינען זיי געווען —

און זעקס פון זיי האָבן אַצינד געטראָגן די מטה פון אַ טויטן חבר.

7

אויפן באַרג נבו

„אנחנו גבורים !
דור אחרון לשעבוד וראשון לגאולה אנחנו !
ידנו לבדה, ידנו החזקה
את כבד העול מעל גאון צוארנו פרקה.”

(ח. נ. ביאַליק — „מתי מדבר”)

ווינטער.
כמורנע טעג. אָנגעברוגזטע, איינזאַמע אָוונטן.

פּייגלזאָן האָט מיט מאַטערניש אַרויסגעקוועטשט זיין דיפּלאָמע און איז אַוועק אין דער שווייץ. יואלי האָט זיך צוגעשאַרט צו אַ יונגער מלחמה־אלמנה מיט „קניפּלעך”, וואָס זי האָט באַוויזן אַרויסצוראַטעווען נאָך דער איבער־קערעניש אין רוסלאַנד. שוואַרצבערג האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן „אַ שפּיי געטאָן אויף די מנורהלעך מיט די בשמים־ביקסלעך” און איז ניט געוואָרן. שפּעטער האָט ער געלאָזט הערן פון זיך אַז ער געפינט זיך אין פּאַריז. פרידמאַן האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין גליל, אין אַ קבוץ, אַלס האַלב־לערער — האַלב־אַרבעטער. ראובני האָט באַלד נאָך זיין באַפרייאונג פון גדוד זיך אָנגעשלאָסן אין טרומפּעלדאָרס גרופּע אין תל־חי. חפץ און דוכס האָבן, דורך אדון שיפריסעס אונדערמידלעכער שתדלנות, געקראָגן לערער־שטעלעס אין אַ ניי־געגרינדעטער שול אינ׳ם געגנט פון „ימין־משה”. די שול איז געווען אַן אָרימע און איז באַשטאַנען מערסטנס פון ספרדישע און תימנער קינדער. חפץ האָט זיך דאָרט לאַנג ניט געהאַלטן, און האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס אַ פּקיד אין אַ הורטאָוון געשעפט פון אימפּאָרטירטע סחורות. דוכס האָט זיך מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן דער לערער־אַרבעט.

ער האָט תמרהן ניט געקאָנט פאַרגעסן. אַלץ אַרום אים האָט אים ניט געלאָזט פאַרגעסן. אַלץ אַרום איז געווען ווי באַהויכט מיטן אָטעם פון תמרהס יוגנטלעכן וועזן; פון אַלץ האָבן אַרויסגעקוקט צו אים די אויסגעלאָשענע האָפענונגען פון זיין אָפּגענאַרט גליק. דער וועג פון זיין וואוינונג צו דער שול האָט געפירט פאַרביי דאָס הויז וואו תמרה האָט אַמאָל געוואוינט, פאַרביי

דעם קינדער־גאָרטן אין וועלכן זי האָט געאַרבעט. ווי אַ זינדיגער, אַ פּאַר־שעמטער, מיט אַ צערודערט האַרץ און אויגן אַרונטערגעלאָזטע אויגן צו דער ערד, פלעגט ער זיך דורכטראָגן פאַרביי דידאָזיגע שטעלן און פון דער ווייט וואַרפן אַ פאַרבענקטן בליק אויפן פענצטערל פון׳ם צימער וואָס איז אַמאָל געווען תמרהס, אויפן טויערל פון קינדער־גאָרטן־הויף. ס׳איז געווען ווייטאָגדיג־פּריקרע ניט צו באַגעגענען דאָרט תמרהן, ניט אָנצוטרעפן זיך דאָרט מיט איר זוניגן שמייכל, ניט צו פילן איר שטאָלצן טראָט ביי זיין זייט. דער גאַנצער עלנט, די גאַנצע לײדיגקייט פון זיינע טעג, פלעגט אין די מאָמענטן זיך פאַנאַנדערוויק־לען פאַר אים. און מיט תמרהס אָפּגעשטאָלט פאַר זיין אויפגעפלאָמטן דמיון פלעגט ער אַוועקשפּרייזן מיט פאַרלאָרענע טריט.

ער האָט ניט איינמאָל באַשלאָסן ביי זיך אויסצומיידן דעמדאָזיגן וועג. זיינע טעגלעכע פליכטן האָבן עס געפאָדערט פון אים: עס פלעגט אים נעמען לאַנג ביז זיין געמיט פלעגט זיך באַרואיגן. נאָר איטליכס מאָל וואָס ער האָט געזאָלט אויספירן זיין באַשלוס, האָט ער זיך געפונען באַטרעטנדיג דעמזעלבן וועג — ווי אַ פאַרהוילענער כוח וואָלט געטריבן זיין טראָט אין יענער ריכטונג; ווי דער בייזער כיוון פון גורל וואָלט געזוכט צו פּייניגן אים מיט די דערזאי־נערונגען פון זיין אַנטוישטן אַמאָל. מיט דער צייט איז דידאָזיגע פּיינלעכקייט אים ליב געוואָרן.

ער האָט געזוכט פאַרגעסונג אין זיין אַרבעט. ער האָט געלייסטעט יעדן טראָפּן ענערגיע זיינע לערער־פליכטן. די קינדער האָבן אויסגעפילט זיינע טעג, און אין די פרייע שטונדן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט צוגרייטן מאַטעריאַל פאַר די קומענדיגע לעקציעס, מיט זוכן וועגן און מיטלען אויף צו געווינען דעם אינטערעס פון קלאַס. ער האָט פאַרבראַכט אַ סך צייט מיט די קינדער אין געשפּרעכן, מעשהלעך, געשיכטלעכע איבערדיכטונגען און דרויסנדיגע נאַ־טור־בעאָבאַכטונגען. דאָס האָט אים געבראַכט נענטער צו זיינע תלמידים, האָט געוואונען פאַר אים זייער פולסטע אויפמערקזאַמקייט, און ער האָט גע־פילט ווי פון טאָג־צו־טאָג קניפּט זיך אויס צווישן אים מיט זיי אַ אינערלעכע צוגעבונדנקייט. ער האָט זיך שטענדיג געפונען אַרומגערינגלט פון אַ מחנה קינדער — אין קלאַס־צימער, אויפן שול־הויף, אויף זיין וועג אַהיים, און אַמאָל פלעגן זיי אים אויך באַזוכן אויף זיין וואוינונג. ער האָט שטענדיג געפילט די ליבע וואַרעמקייט פון קינדישע אויגעלעך אויף זיך. און ער איז אָפּט געניגט געווען זיך אַליין איינצורעדן, אַז ס׳איז אים סוף־כל־סוף געלונגען אויסצוטאָן זיך פון דאָס פאַרגאַנגענע, פון זיין געוועזענעם איך. אָבער זיין גאַנצער קומען צום לערער־באַרוף, די עצם־אַרבעט, האָט שטענדיג אויפגע־בראַכט תמרהן אין זיין באַוואוסטזיין. ער האָט שטענדיג געהאַט דעם געפיל, אַז זיינע ליכטיגסטע מאָמענטן מיט די קינדער ציען זייער אָפּשטראַל פון אַן אַנהויב וועלכער ליגט ערגיץ ווייט, אין דער שפּלה, הינטער צוויי סודותדיגע

ציפּריסן; — פון אַ חלום, וואָס איז אַמאָל געווען זיינער; אַז זיין גאַנצער פּלייס איז ניט מער ווי אַ בלינדער פאַרזוך נאָכצוקומען דעם ווילן פון איינער, וועלכע איז די האַרנטע פון זיינע טעג... אין שעהן פון דערהויבונג, ווען ער אַליין פלעגט מיטגעריסן ווערן פון די טעמען וועלכע האָבן אַזוי באַגייסטערט די קינדער, און ער האָט געפילט ווי זיין יעדער וואָרט פאַלט אויף די יונגע הערצער — האָט ער אין זיין אייגן קול געהערט תמרהן: „דו מוזט, אביגדור!... דו מוזט...״ און זיין ענטוזיאַזם פלעגט זיך אויסלעשן, דער שוואונג פלעגט זיך אָפּטאָן פון אים, ער פלעגט זיך דערפילן אָפּהענדיג, אומבאַהאָלפן; און די טעג זיינען אים געפאַלן צו לאַסט.

און נאָך שווערער זיינען פאַר אים געווען די אָוונטן, די נעכט.

איינזאַם האָט געוואַרט זיין צימער פאַר זיין קומען. נאַקעטע ווינטן האָבן געשלאָגן אין די שויבן. אויפן טישל זיינען געווען אָנגעלייגט ביכער, נאָטיצן, שרייבהעפטן. אַן אויסגעמאַטערטער פון אַ גאַנצן טאָג אין דער שול, פלעגט ער צופאַלן צום טישל און מיט אָנגעשטרענגטע כוחות זיך נעמען איבערקוקן די היים־אַרבעט, די אויפזאַצן. די אַרבעט אויפן טישל האָט זיך אָנגעקליבן, איז געוואָקסן מיט יעדן טאָג — ער מוז עס דערליידיגן! אַ האַלבע שטונדע, אַ שעה — די אָנשטרענגונג קריגט די אויבערהאַנט איבער אים: אוממעגלעך צו קאָנצענטרירן זיך. ער פלעגט זיך טאָן אַ הויב־אויף פון זיין אָרט און מיט האַרטע טריט אומשפּרייזן הין־און־צוריק איבערן צימער. אומגעדולד האָט באַצוואונגען זיין געמיט. ס'איז אים געוואָרן ענג צווישן די ווענט. די איינזאַמקייט אַרום האָט אויפגעבראַכט פאַר אים דאָס וואָס ער האָט זיך געמיט צו פאַרגעסן דורך די טעג. דאָרט — מיט די קינדער אַרום זיך — איז נאָך ווי ס'איז מעגלעך געווען צו צעשטרויען זיך, צו פאַרטויבן זיך; דאָ — מיט זיך אַליין, אין דער עלנטער שטומקייט פון צימער — פלעגן אויפטויכן פאַר אים געשעענישן און אָפּגעשטאַלטן, מיט וועלכע חורבן האָט זיינע טעג פאַרקניפּט. דורך דער האַלב־שאָטנקייט אַרום, פון די צימער־ווינקלען, דורך די בלינדע שויבן — פלעגן זיי אַרויסקוקן צו אים, רופן, פרעגן: „און אונדז האָסטו שוין איינגאַנצן פאַרגעסן?...״ אַן אָנמאַכטיגער, אַ פאַרלאָרענער, פלעגט ער זיך אַרונטערלאָזן אויפן שטול אָדער אויפן בעטל און קוקן מיט צעטומלטע אויגן. אַמאָל פלעגט ער אויסלעשן דעם לאָמפּ, אַמאָל פלעגט ער עס לאָזן ברענען. דער רויך פון זיין ציבעק פלעגט קומען האַסטיגער, געדיכטער. די ליידיגקייט אַרום פלעגט ווערן טיפער. און דאַמאָלט פלעגט אויף די פליגל פון דמיון קומען צו אים תמרה אין אַ קלייד פון שוויגנדיגער ווייסקייט. שטיל פלעגט זי זיך אַנידערזעצן אַנטקעגן אים, און מיט נאַכטיגע אויגן פלעגט זי קוקן אויף אים, אויפן אָנגעלייגטן טישל. זיין האַרץ פלעגט שלאָגן שטאַרק. זיינע ווערטער פלעגן קומען דערשיטערט, קורצאָטעמדיג: „זע ווי עלנט איך בין, ווי אומבאַהאָלפן... אָט דאָס איז מיין גאַנצע וועלט, תמרה — מיין אַלץ.

און אַן דיר איז עס גאָרניט, גאָרניט... זעסט: איך ווייל פאַרגעסן. דו האָסט באַפוילן, און איך מי זיך אויסצופאָלגן דיין וואָרט. נאָר אַן דיר האָט זיך פון מיר מיין כוח אָפּגעטאָן... אָן דיר... אָן דיר..." און זי פאַרנעמט, און שוויגט, און שווייגט. און אויף איר אָרט דערשיינט אומבאַמערקט אַלעפּעאַ, און נאָך איר — הדסל...

אַ ניט־דערדרוטער, אַ צעבראָכענער פלעגט ער זיך אויפכאַפּן מיטן ערשטן שפּראַץ אויף טאָג, זיין גאַנצער קערפּער דורכגענומען מיט דער נאַכטיגער קעלט. אויפן טישל האָט נאָך געברענט דער לאָמפּ. מיט נערוועזן פליים פלעגט ער אָפּפאַרטיגן אַ היבשן טייל פון דער ניט־דערענדיגטער אַרבעט פאַר אים, פלעגט צורעכט מאַכן די קליידער אויף זיך און פלעגט זיך אַרויסיאָגן צו באַגעגענען אַ פרישן טאָג — אַן אַנדער טאָג.

די איינזאַמקייט פון זיין צימער האָט אים געטריבן ווי מיט בייטשן. רו האָט אים געשראָקן. נאָך די לאַנגע שעהן אין דער קינדער־שול האָט ער נאָך פרייוויליג אָנגענומען אָנצופירן אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער־גרופּן און פאַר ניי־אָנגעקומענע. ער האָט זיך פאַרמאָסטן בייצוקומען מידקייט דורך אַר־בעט, אָפּהענדיגקייט — דורך עקשנותדיגן פליים. ער האָט געפילט אַז ער מוז זיין צווישן מענטשן — מ י ט מענטשן — צו פאַרטומלען זיך אין דעם קול פון אַנדערע. ער האָט אָבער אויסגעמיטן צו שליסן נאָנטע פריינדשאַפט.

צייטנווייז איז ער באַהערשט געוואָרן פון אַ דראַנג צו שרייבן. אדון שיפּריס האָט אים געהאַלטן אין איין דערמוטיגן, איז צוגעשטאַנען צו אים אַז ער „מוז איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל זיך נעמען אין די הענט אַריין — שרייבן — אויפבינדן זיך..." ער האָט געפּרוּווט אים פאָלגן. און ווען דער דראַנג פלעגט אין אים אויפקומען, פלעגט ער מיטן גאַנצן ברען פון זיין צעווייטאָגטער נשמה צופאַלן צו די קורצע שורהלעך. ווי שטענדיג, האָט ער אַ סך געאַרבעט אויף יעדער געדיכט, ט'מיט פיינלעכער פּאַרזיכטיגקייט געקליבן יעדן וואָרט, געשליפן יעדן זאַץ. קיין באַפרידיגונג, קיין טרייסט, האָט עס אים אָבער ניט געבראַכט. די לידער האָבן אים אויסגעזען צו־שוואַך, צו־בלאַס. ס'האָט זיך געפילט אין זיי זיין אייגענע אַנטוישונג, זיין אייגענער גראַנגל — ווען אין אים האָט געוויינט דער צער פון אַ וועלט. ער האָט געפילט, אַז דאָס קראַפטיג וואָרט, וואָס האָט זיך געריסן פון זיינע טיפסטע טיפענישן, האָט ווי אים אַליין געשראָקן און, אין זיין געראַנגל מיט זיך, האָט ער דאָס דאָזיגע וואָרט דערשטיקט, צעמאָלן, און ניט דערזאָגט; און זיין ליד איז דערפאַר אַרויסגעקומען וואָגלאָז, סענטימענטאַל — ק ו ו אַ ט ש!...

גברת אמתי האָט געווירקט אויף אים אַז ער זאָל זיך צוריק אָנשליסן אין דער דראַמאַטישער אַמאַטאָרן־גרופּע, צו וועלכער ער האָט אַמאָל באַלאַנגט. ער האָט נאָכגעגעבן. ער איז דאָרט געוואָרן טעטיג. די אַרבעט האָט אים אימפּאָנירט, האָט פאַר אים געהאַלטן דעם רייץ פון אַמאָליגע טעג. מ'האָט זיך געגרייט

צו אַ גרויסער פאַרשטעלונג. אביגדורן איז איינגעטיילט געוואָרן אַ פּאַראַנט־וואַרטלעכע ראָלע. דער כאַראַקטער איז אים געווען צום האַרצן, די פּראָזע האָט אַנטהאַלטן שטאַרקע שורות, און מיט זיין גאַנצער איינבילדונגסקראַפט האָט ער זיך איינגעלעבט אין׳ם שפּיל. די ערשטע פאַרשטעלונג איז דורכגעגאַנגען גלענצנדיק. דער פאַרהאַנג איז געפאַלען אונטער אַ שטורעם פון אַפּלאַדיסמענטן. די קריטיק האָט זיך אָפּגערופן מיט באַגייסטערונג, האָט זיך באַזונדערס אָפּגעשטעלט אויף דוכסעס אויסטייטשונג פון דער ראָלע, צו וועלכער זיי האָבן צוגעשריבן דעם דערפאָלג פון דער אויפפירונג.

דעם צווייטן אָוונט, נאָכן ערשטן אַקט, האָט דוכס מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך דוד קאַפּלאַנען. יענער איז צוגעפאַלן צו אים אָן אָן אָטעם:

— האָסט זיך איבערטראָפן, דוכס! וואונדערבאַר! כ׳האָב דיר נאָך קיין־מאָל ניט געזען אַזוי שפּילן. תמרה איז דאָ אין זאַל... זי וועט באַלד צוקומען אַהער הינטער די קוליסן...

אביגדור האָט אים אַ ווילדע אַנגעקוקט צערודערט. ער האָט ניט געדענקט וואָס ער האָט קאַפּלאַנען געענטפערט — צי האָט ער אים בכלל געענטפערט. תמרהן האָט ער יענעם אָוונט ניט געזען. נאָר דורך די לעצטע צוויי אַקטן האָט ער זיך שוין מער אין זיין ראָלע ניט געקאָנט איינלעבן. ער האָט די גאַנצע צייט געפילט ווי ערגיץ דאָרט פון צווישן פּובליקום קוקן אַרויף צו אים אַ פּאָר אויגן — נ א ר א י י ן פּ א ָ ר א ו י ג ן — גרויס און פול און אויפגעפראַלט; זיי שפּיזן אים דורך, שלינגען אים איין, און שפּייען אים צוריק אויס אַ נאַקעטן, מיט זיין פאַרשטעלטער ליידיגקייט אַנטפּלעקט פאַר פרעמדע אויגן... ער האָט פאַרפעלט רעפּליקן, שטעלונגען, האָט „געבראָקט פּראָזע״. דאָס שפּילן האָט זיך געצויגן ווי פון פּעך. ער האָט קוים דערוואַרט צו זען דעם לעצטן פאַרהאַנג פאַלן, און ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון טעאַטער. עטלע־כע מיטשפּילער האָבן אים אַנגעיאָגט ביים אַרויסגאַנג —

— וואָס איז מיט אייך, דוכס?

— עפּעס איז מיט אייך געשען נאָכן ערשטן אַקט...

— איר האָט זיך קוים געהאַלטן אויף דער בינע.

— קראַנק?

ער האָט זיי אַנגעקוקט פאַרלאָרן, שולדיג —

קראַנק?... ניין. ניט דאָס. ס׳איז עפּעס מער. מ׳קאָן דאָס ניט דער־קלערן... נאָר ביי זיך האָט ער געוואוסט, אַז די בינע־וועלט איז שוין פאַר אים פון דאַמאָלט־אָן טויט...

ער האָט זיך איצט נאָך מער איינגעשלאָסן אין זיך. ער האָט זיך דערוויי־טערט פון מענטשן. זיינע נערוון זיינען געווען אָנגעפּרעגט. זיין געזונט האָט זיך געבראָכן. דער אומרו אין אים איז געוואָקסן פון טאָג־צו־טאָג. זיין צערו־דערונג האָט זיך גענומען אָפּרופן אויף זיין אַרבעט.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג האָט ער זיך פאַרנומען מיט דערקלערן פאַר די קינדער דעם וואַנדער־מאַרשרוט פון די שבטים אויף זייער וועג פון מצרים קיין כנען, אויף דער וואַנט איז געהאַנגען די לאַנדקאַרטע פון ארץ־ישראל.

— דאָ, אונטן, אויף לינקס, — האָט ער אויסגעטייטלט מיטן פינגער איבער דער גרויסער לאַנדקאַרטע — איז מצרים, דורכגעשניטן דורך איר גאַנצער לענג פון דעם טייך נילוס. און דאָ, אויבן, איז דאָס לאַנד כנען, ארץ־ישראל. און צוויי וועגן האָבן די שבטים פון ישראל געהאַט פאַר זיך: דעם לאַנגן וועג — דעם וועג פון מדבר, און דעם קורצן וועג — דורך דעם פלשתים־לאַנד — דורך דאַנען...

זיין פינגער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער באַצייכענונג פון דער שטאָט עזה. דער נאָמען האָט ווי אויפגעפלאַמט פאַר זיינע אויגן — ע ז ה!... ס׳בלוט האָט אַ גליווער געטאָן אין אים. ער האָט ווי ניט געקאָנט אָוועקרייסן דעם פינ־גער פון דעם אָנגעצייגטן שטעל.

— דאָס פלשתים־לאַנד... — האָט ער זיך געמיט פאַרצווזעצן — מיט דער שטאָט עזה ביים ברעג פון ים... ווער פון אייך, קינדער, ווייסט עפּעס צו דערציילן וועגן דערדאָזיגער שטאָט?

עס האָבן זיך געהויבן הענט.

— דערצייל דו, נעמן.

— אויף זיין וועג צו דערדאָזיגער שטאָט, האָט שמשון הגבור צעריסן אַ לייב, ווי מ׳צערייסט אַ ציגעלע. און ווען די פלשתים האָבן אים באַלאַגערט, האָט ער אַרויסגעריסן די טויערן פון שטאָט־מויער און האָט זיי פאַרטראָגן אין די בערג.

— ריכטיג. ווער נאָך האָט עפּעס צו דערציילן?

דער קליינער פראַנקאָ, מיט די קוואַליגע מזרח־אויגן, האָט זיך אויפגעשטעלט —

— איך, אדוני!

— לאָמיר הערן.

— אין דער שטאָט עזה, אדוני, האָבן די פלישתים געבראַכט שמשונען אַ געבונדענעם. זיי האָבן אים די אויגן אויסגעשטאָכן און געשטעלט אים צו שלעפּן מילשטיינער אויפן מיטן מאַרק. זיי האָבן דאָס געטאָן צו אים, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אויסמישן מיטן פלשתים־פאָלק און נעמען זייערע אַ טאָכטער פאַר אַ ווייב. פאַר איר האָט ער אַנטפּלעקט דעם סוד פון זיין גבורה, און זי האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון זיינע באַצווינגער, וועלכע האָבן אים געמאַכט צו שפּאָט...

אַ תימנער אינגעלע האָט דערצויגן די פאַרציילונג:

— און ווען די הערן פון די פלישתים האָבן זיך דאָרט, אין אַ יום־טוב־טאָג, פאַרזאַמעלט אינ׳ם אויבערשטיבל צו פייערן זייער זיג איבערן בלינדן

גבור, האָבן זיי געשטעלט שמשונען צו שפּילן פאַר זיי אויף זיין פידל. האָט אין שמשונען אויפגעבערענט דער פייער פון נקמה, און ער האָט אַרומגענומען די זיילן פון דאָס הויז און האָט אויסגעשריען: „זאָל מיין לעבן אומקומען מיט די פּלישתּים!" און ער האָט אומגעוואָרפן דאָס הויז אויף זיך און האָט אומגעבראַכט אירע אַלע מענטשן. און אַזוי האָט ער, אַ בלינדער, אויפגעמאָנט די ראַכע פון זיינע אויגן...

— דאָס איז אויך אמת, בדיחי. אַ מענטש טאָר זיך טעות ניט פאַרשוויגן... און פון די שפּעטערדיגע ציטן — פון ניט־לאַנג־צוריק — ווער ווייסט עפּעס צו פאַרציילן וועגן דעמדאָזיגן מקום?

קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט מיט נישטערנדיגע אויגן אומגעזוכט איבערן קלאַס־צימער —

— קיינער ווייסט גאָרניט? — האָט ער איבערגעפרעגט פאַרלעגן.

אשכנזי, דער עלטסטער אינגל אין קלאַס, האָט זיך געמאָלדן:

— אין ראַזאַ[1], אדוני, האָט דער ענגלישער שר־צבא צעשלאָגן די מחנות פון די טערקישע אַסקאַרים און האָט דערלייזט דאָס הייליגע לאַנד פון די שלעכטע.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— מיין פאָטער האָט דאָס מיר דערציילט, אדוני.

— דיין פאָטער?

— יאָ, אדוני, ער איז אַנטלאָפן פון די הענט פון די ביזווויליגע טערקן...

— אַ——ה...

ער איז געבליבן שטיין געטראָפן. דאָס איז אַלץ וואָס זיי ווייסן וועגן עזה; דאָס איז אַלץ וואָס זיי, די קינדער פון׳ם נייעם דור, איז דערלויבט צו וויסן; דאָס איז אַלץ וואָס דעראָזיגער נאָמען וועט מיינען פאַר זיי... זאָל ער זיי דערציילן, אַז דאָרט איז אַמאָל געוועזן אַ כייקל, אַן אוני, אַן אפרים, אַ איסמאַאיל ביי, אַן אַכמעד טשאַואיש? זאָל ער זיי זאָגן, אַז דאָרט זיינען אויפגעגאַנגען שעהן פון נסיון, שעהן פון מסירת־נפש, פון התפשטות־היש און פון אַנטריסונג? זאָל ער זיי דערקלערן, אַז עזה איז מער ווי אַ פּינטעלע אויף דער לאַנדקאַרטע, עפּעס מער ווי אַ נאָמען פון אַן אַלטער שטאָט? זאָל ער פאַר זיי אַנטפּלעקן, אַז דאָרט האָבן מער ווי „ביזווויליגע טערקן" געטראָגן זייערע לעבנס אין דערהויבונג; אַז דאָרט ליגן די טעג און יאָרן פון אַ גאַנצן דור; אַז דאָרט ליגט אַ גרויסער עפּעס, וואָס איז איצט טויט?... ניין! דאָס איז ניט פאַר זיי. זיי טאָרן דאָס ניט וויסן. פאַר זיי דאַרף ער איצט דער־

1. עזה.

ציילן וועגן די וואַנדערונגען פון מדבר־דור, וועגן די וועלכע זיינען געגאַנגען איינגענומען. און ער האָט זיך צוזאַמענגענומען און האָט דערציילט:

— ...און משה האָט פאַר זיי אויסגעקליבן דעם לאַנגן וועג, דעם שווערן וועג — דעם וועג פון מדבר. אַ מחנה פון זעכציק־מאָל־צען־טויזנט האָבן זיי זיך געלאָזט נאָך זייער לערער און וועגווייזער איבער די זאַמדן און פעלזן פון דער וויסטעניש. פעלקער און שבטים מאַכטיגערע פון זיי האָבן זיך געשטעלט קעגן זיי אין מלחמה. ווילן, און גלויבן אין זייער גרויסן פירער, און זייער יערונג צו דאָס לאַנד פון די פרייע, צום אבות־לאַנד, האָט זיי געגעבן מוט, האָט זיי געגעבן כּוח. און זיי האָבן דורכגעטראָטן דעם מוראדיקן מדבר שפּאַן־נאָך־שפּאַן, דורך הונגער און דורשט, אָן קלייד און אָן שוך, דורך בלוט און טויט — זיי, „דער דור דער לעצטער פון פאַרשקלאַפונג, דער דור דער ערשטער צו דערלייזונג...״

און ער האָט גערעדט צו זיי וועגן מדבר און וועגן מדבר־דור. די טעמע האָט אים מיטגעריסן, פאַרטראָגן. זיין פריערדיגע פאַרלעגנהייט האָט אים אינגאַנצן פאַרלאָזט. זיין קול איז געוואָרן וואָס־אַ־ווייליע וואַרעמער, קוואַליגער. ווערטער און בילדער זיינען אויפגעקומען פאַר אים ווי פון זיך אַליין. מאָמענטנוויז האָט ער זיך געזען אין דער געשטאַלט פון ר׳ משה־לייבן, ווען יענער פלעגט מיט אַ ניגון און מיט ברען באַפליטערן ענליכע שטעלן אין חומש. זיינע לירישע איבערדיכטונגען פון די מעשהלעך פון מדרש און פון „נשיקת משה״ האָבן איצט אויפגעבליט פאַר אים אין זייער פולן פאַרברייכן פּאַטאָס. און ער האָט זיי אויפגעכאַפּט, איבערגעשפּיבט, און איבערדערציילט אין אַן אַנדער שפּראַך, פאַר אַנדערע יאָשקעס, פאַר אַנדערע אברעמעלעך. פאַר זיי האָט ער איצט געלאָזט פריי זיין וואָרט, פאַר זיי האָט ער געעפנט זיין האַרץ, און זיי האָבן אים געהערט, און זיי האָבן אים פאַרנומען —

—...און פערציק יאָר אַזוי! פערציק יאָר אין שויס פון ווילדער וויסטעניש. פערציק לאַנגע יאָר — ביז דער גאַנצער דור איז געפאַלן. פון סוכות ביז רפידים, פון סין ביז פארן, פון קדש־ברנע ביז עציון גבר, און פון דאָרט ביז הור־ההר, האָבן זיי זייערע ביינער אויסגעלייגט איבער די זאַמדן פון מדבר. און ווען זיי האָבן דערגרייכט ביז צום באַרג נבו, איז אָנגעשטאַנען משהס צייט צו שטאַרבן. פון דעם באַרג־שפּיץ האָט דער אַלטער מוטיגער פירער אַראָפּגעקוקט איבער די בערג און טאָלן פון דער ברייטער וויסטעניש, וואו זיינע מיטהעלדן זיינען געלעגן טויט, און פון דאָרט — פון דער פרעמדער וווייט — האָט ער געלאָזט פאַלן זיין לעצטן בליק אויף „דאָס לאַנד פון מילך און פון האָניג, פון ווינשטאָק און פון פייגנבוים״, אין וועלכער אים איז ניט באַשערט געווען אַריינצוקומען. און אונטן אין טאָל האָט ער שוין געזען פאַר זיך די מחנות פון דעם ניי־אויפגעקומענעם דור, שפּרייזנדיג מיט שטאָלצע טריט צום צוגע־

זאָגטן לאַנד. אַן איינזאַמער האָט ער דאָרט, צווישן די וויסטע בערג, זיין רו געפונען, און דאָס פאָלק, וועלכן ער האָט פון שקלאַפהייט דערהויבן, האָט אפילו דעם אָרט פון זיין קבר ניט געוואוסט... ווייל די וועלכע שפּאַלטן־אויף דעם נייעם וועג מיט זייערע אייגענע לעבנס, די דערגרייכן קיינמאָל ניט דעם גע־גאַרטן ציל; די וועלכע שמידן־צו האַנט צום שווערד, די טראָגן קיינמאָל ניט אויף זייער קאָפּ דעם נצחון־קראַנץ. זיי זיינען ד ע ר ד ו ר ־ ה מ ד ב ר, קינדער; און איבער זייערע לייכן, איבער די לייכן פון זיינע גבורים, שפּרייזט דער דור דער קומענדיגער אויף זיין וועג צו געהאַפּטן זיג — צו באַצווינגען די פעסטונגען פון זיין מאָרגן... ווייל די וועלכע זיינען אַליין פאַרשקלאַפּט געוועזן, די קאָנען קיינעם ניט אונטערדריקן; די וועלכע זיינען אַליין אין געפעכט געוועזן, די ווייסן דעם צער פון בלוט! און דער דור המדבר, ער ווערט פאַר־געסן — ע ר מ ו ז פ אַ ר ג ע ס ן ו ו ע ר ן...

פאַר די אויגן האָט אַ נעפּל געטאָן. עפּעס האָט וואָרעמלעך אים אַ שטיק געטאָן אין האַלדז. זיין קול האָט זיך, אויף אַ רגע, איבערגעבראָכן.

דער גלאָק אויף אַהיים צו גיין האָט אויפגעקלונגען, ווען ער האָט אָקאָרשט פאַרענדיגט מיט פאָרלייענען די שורות פון ביאַליקס „מתי מדבר האחרונים":

ועל פסגת נבו מול השמש הבא,
נורא הוד כפני מלאך הקרב,
עומד יהושע בן־נון יתן קול
על ראש צבאו העצום ורב
— — — — — — — — — —
— — „ישראל! קום רש!"

— צייט אַהיים, קינדער.

די קינדער זיינען נאָך אַ ווילע געבליבן זיצן פאַרגאַפט. איינציגווייז האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם קלאַס־צימער. דוכס האָט, אַ מידער, זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן שטול נעבן דער קאַטעדרע, און האָט מיט נאַקעטע אויגן געקוקט אויפן ליידיג־געוואָרענעם צימער.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אימעצן שטיין ביי זיין זייט.

ס'איז געווען דער קליינער פראַנקאָ. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגט אויף זיין שטעל און האָט אַרויפגעקוקט צו זיין לערער מיט זיינע פולע שוואַרצע אויגן.

— ווילסט עפּעס פרעגן, פראַנקאָ?

— פאַרוואָס האָט אדון פריער געוויינט?

— ווען?

— ווען אדון האָט דערציילט פון די שבטים אין דער מדבר.

— איך?

— יאָ, אדוני. און אדון וויינט איצט אויך. פאַרוואָס וויינט אדון?

דעם קינדס תמימותדיגער, אָפֿענער פּנימל האָט אים ניט געלאָזט אָוועק־נעמען די אויגן פון אים, און ענטפערן אים האָט ער ניט געקאָנט. זאָל ער אים זאָגן, אַז דאָס האָט ער געערדט וועגן זיך, וועגן זייניגע פון יענע טומלדיגע טעג? זאָל ער אים דערקלערן, אַז ער האָט זיך געמוזט אויפבינדן — אַז אַ מענטש מוז זיך אַמאָל אויפבינדן — און אויב ניט פאַר זיי, פאַר וועמען־דען? זאָל ער פאַר אים אַנטפּלעקן דעם אמת — דעם גאַנצן אמת? און ער איז דאָך נאָך אַזוי יונג — אַזוי אומשולדיג־יונג...

ער האָט אים ווייך אַ גלעט געטאָן איבער די האָר, איבערן פולן פוכקן פּנימל, און האָט זיך געמיט אַ שמייכל צו טאָן —

— ס'איז גאָרניט, מיין קליינער פראַנקאָ — גאָרניט. ס'טרעפט אַמאָל... גיי אַהיים, קינד... שלום!

דאָס קינד האָט שווייגנדיג געקוקט אויף אים מיט ניט־דערזאָטיגטע אויגן און האָט שטיל פאַרלאָזט דעם צימער. דוכס האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער קאַטעדרע. די טרערן זיינען איצט געקומען גרינג...

און עפּעס האָט זיך אין אים אויסקריסטאַליזירט יענעם פאַרנאַכט. ער האָט איינגעזען, אַז דער טומל אין אים נעמט זיך ניט אינגאַנצן פון זיין פאַרלירן תמרהן, ניט פון דער אַנטוישונג אויף וועלכער ער און זיינע חברים האָבן זיך דאָ אָנגעטראָפן — נאָר פון זיין ניט־געלונגענעם פאַרזוך זיך אַליין צו פאַרשרייען, זיך אַליין אָפּצונאַרן. ער האָט איינגעזען, אַז — ווילנדיג־ניט־ווילנדיג — באַגייט ער אַ פאַרברעכן קעגן זיינע אייגענע איבערצייגונגען, קעגן דעם וואָס די שטורעם־טעג האָבן אים געלערנט; אַז בלינדערהייד פאָלגט ער נאָך אַ פּראָגראַם קעגן וועלכן ער אַליין האָט באַשלאָסן צו קעמפן; אַז אין זיין טאָג־טעגלעכער דערציאונג־אַרבעט העלפט ער איינוואָרצלען אין די יונגע קינדישע הערצער אַ ראַסן־באַוואוסטזיין, דעם געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אָפּ־זונדערונג; העלפט קניפּן דעם שנור פון אַלמענטשלעכער אָפּגעפרעמדקייט. ס'איז פאַרצווייפלונג וואָס האָט אים געטריבן צו וועלן זיך פאַרזינגען מיט אַ פרעמד ליד... ניין! ער מוז זיך אָפּטרייסלען פון דעם אַלעם! ער מוז זיין פריי! ער מוז פאָלגן די דיקטירונג פון זיין אייגענעם געוויסן, זיינע אייגענע איבערצייגונגען...

און ער האָט געפילט, אַז עפּעס אין זיין לעבן שטייט אויפן שוועל פון געשען — אַז עפּעס מוז געשען. ס'איז נאָר אַ פראַגע פון וואָכן, פון טעג, און ס'וועט געשען.

8

איבער דיינע מויערוועט, ירושלים...

איבער דיינע מויערוועט, ירושלים,
האָב איך אויסגעשטעלט וועכטער...

(ישעיה, סב)

די באַציאונגען צווישן דער אַראַבישער באַפעלקערונג און די אידן איז פאַרשאַרפט געוואָרן מיט יעדן טאָג. דער פאַרביסענער קאַמף איבער דער צוגעזאָגטער ירושה, וועלכער איז ביז איצט געהאַלטן געוואָרן אין די גרעניצן פון די נאַציאָנאַל־פּאָליטישע קאָמיטעטן פוןביידע געקריוודעטע צדדים, איז אַצינד אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דער אָפן. די כוואַליע פון דער נייער עליה האָט צוגעגעבן פייער צום פלאַם. עפנטלעכע דעמאָנסטראַציעס פון אָן אויפגעצייצט המון זיינען איצט געווען געוויינטלעכע דערשיינונגען אויף די גאַסן פון ירושלים. גיפטיגע אַגיטאַטאָרישע רעדעס, אויפגעפלאַקערטע שנאה, ווילדע אויסגעשרייען:

— מיר ווילן דאָ ניט האָבן די אידן!

— דאָס לאַנד פון די מוסלימאַנער פאַר די זין פון דעם נביא!

— פּאַלעסטינע איז צוגעזאָגט געוואָרן די אַראַבער איידער די אידן האָבן דאָס אויסגעבעטלט!

— די אידן האָבן דאָס אויסגענאַרט פאַר גאָלד־שטיקער! מיר האָבן פאַר דעם באַצאָלט מיט אונדזער בלוט, און דורך בלוט וועלן מיר דאָס אויסלייזן!

— נידער מיט די ציוניסטן!

געמיטער זיינען געווען אָנגעשטרענגט. ס'האָט געשמעקט מיט עפנטלעכע גוואַלדטאַטן, מיט מאַסן־קאָנפליקט, און די ענגלישע מאַכט האָט געקוקט אויף דעם פון צווישן די פינגער. די הויך־באַאַמטע פון דעם אָקופּירטן שטח האָבן זיך געהנפעט צו ביידע צדדים.

אביגדור האָט איינמאָל אין אַ פרייטיג נאָכמיטאָג זיך צופעליג אָנגעשלאָגן

אויף אַן אַראַבישער דעמאָנסטראַציע. דער המון האָט זיך געטראָגן פון דער אַלטער שטאָט — אַקאָרשט פון דער דזשאַמע. אויף דער יפור גאַס האָט זיך אָנגעטראָגן רייטנדיג אַנטקעגן זיי דער מיליטערישער אַדמיניסטראַטאָר, גע־נעראַל קראַם.

— מאַבסוטין, שאַבאַב ? ! [1] — האָט ער אַראָפּגעשריען צו זיי אין אַראַביש.

דער צוהיצטער המון האָט אים אויפגענומען מיט יובל־געשאַל, מיט גרילצנדיגע קוויטשערייען און מיט לאָזונגען פון פאַרדאַמונג קעגן די ציוניסטן און זייערע פריינט. איינער פון די אַראַבישע רעדלפירער האָט פאַר אים אָוועק־געלייגט אַ פייערדיגע באַגריסונג־רעדע אין אַ הויך־מליצהדיגער שפּראַך. דער המון איז וואָס־אַ־ווייַלע געוואָרן ברויזיגער, ווילדער. עס איז געווען באַ־שיינפּערלעך צו זען, אַז די גאַנצע זאַך איז ניט געשען אָן דעם גענעראַלס וויסן.

אביגדור האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי־אַזוי ער וואָלט, אין אַן אַנדער צייט, רעאַגירט אויף אַן ענליכן פאַל. איצט אָבער האָט ער זיך אַליין געוואונדערט אויף זיין דורכאויסיגן גלייכגילט צום גאַנצן ענין. די לעצטע טעג האָבן אים איינגאַנצן דערוויטערט פון דעם אַלעם. ער האָט זיך באַטראַכט אַלס איינעם וועלכער שטייט מחוץ־למחנה — ווי אַ פרעמדער, אַ זייטיגער, וועמען דער גאַנצער טומל איז ניט נוגע. ס'איז פאַר אים נאָר געווען אַ פראַגע פון צייט, און דאָס אַלץ וועט ליגן ה י נ ט ע ר אים, ווייט פון אים.

און דערווייל האָבן זיך פון גליל געטראָגן ידיעות וועגן אָרגאַניזירטע אַראַבישע רויבער־באַנדעס. בעדואינער, אונטער דער לייטונג פון אַראַבישע אָפיצערן, האָבן געמאַכט איין פאַרזוך נאָכן אַנדערן צו אָוועקרייבן די טשערע־דעס פון די אידישע קאָלאָניעס ביים סירישן גרעניץ. עס זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן די רויבער־שייקעס און די וואַכלייט פון דער טרומ־פעלדאָר גרופּע. דער לעצטער אויפשטאַנד פון די אַראַבער קעגן דער פראַנ־צויזישער הערשאַפט אין סיריע האָט געשטעלט דעם ישוב פון אויבערשטן גליל־טייל צווישן צוויי פייערן. באַשטאַנסקי האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אידישע זעלבסטשוץ־אָפּטיילונגען אין סטראַטעגישע שוץ־פונקטן פון לאַנד. ער האָט געפאָדערט פונ'ם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט מאַטע־ריעלע מיטלען פאַר דעמדאָזיגן צוועק. זיין רוף איז געפאַלן אויף טויבע אוי־ערן. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אים אויסגעלאַכט, האָט אים אָפּגעענט־פערט מיט פאַרדאַמונג, און האָט זיך געזיכערט אין דער גבורה און יושר פון דעם בריטישן לייב...

אין אַ שיינעם פרימאָרגן פון חודש אדר האָט די נייעס פון גליל ווי אַ דונער געטראָפן דעם גאַנצן אידישן ישוב : „כפר־גלעדי איז אַרומגערינגלט

1. צופרידן, חברה ? !

פון בעדואינער!... תל־חי איז געפאַלן נאָך אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד! אַכט פון דער קבוצה זיינען געפאַלן טויט... צווישן זיי — טרומפּעלדאָר, בן־טובים, שרה מייזלס און ראובני..."

אביגדור האָט אויפגעשוידערט. זיין גאַנצער נערוון־געפלעכט איז אין איין אויגנבליק אויפגעטרייסלט געוואָרן —

„ר א ו ב נ י ! ... אידיש בלוט פאַרגאָסן אויף ארץ־ישראלס ערד!... בלוט פון קדושים — בלוט פון נאָענטע מיטמענטשן! און בלוט טאָר ניט פאַר־שוויגן ווערן! בלוט מוז אויפגעמאָנט ווערן!..."

און צאָרן האָט זיך דערוואַכט און צעגאָסן אין זיין בלוט — דער בלוט־צאָרן פון אַ געוועזענעם מלחמה־מענטש. פאַר די אויגן האָט אויפגעפלאַמט רויט.

דעמזעלבן אָוונט איז ער געווען ביי באָשטאַנסקין אין הויז און האָט איינ־טיילגענומען אין דער געהיימער פאַרזאַמלונג. יואלי איז דאָרט געווען, און חפץ, און יונגען וועלכע זיינען דעמאָביליזירט געוואָרן פון גדוד. די שטימונג איז געווען אַ געשפּאַנטע. די לאַגע איז איצט געווען קלאָר: די אַראַבער גרייטן זיך, און בלוטיגע אויסברוכן איז צו דערוואַרטן איבערן לאַנד. מיטן יום־טוב פון נעבי מוססאַ אַזוי נאָענט, איז ירושלים די ערשטע אין געפאַר... באָשטאַנסקי האָט מיטגעטיילט, אַז ער האָט, אויף זיין אייגענער אחריות, זיך געווענדט צו דער מיליטערישער אַדמאַניסטראַציע פאַר אַ דערלויבעניש צו אָרגאַניזירן אַ אידישע זעלבסטשוץ אין פאַל פון נויט, און אַזאַ דערלויבעניש איז אים פאַרשפּראָכן געוואָרן. עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן באַשטימטע פּלענער, און די הגנה איז דעם אָוונט געקומען צו שטאַנד.

די אַרבעט איז צוגעגאַנגען פיבערהאַפטיג. די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין געוויסע קוואַרטאַלן, שוץ־פּונקטן און צענטער־פּונקטן. אין די פריע שעהן פון פרימאָרגן זיינען אויף די שול־הויפן פון יעדן געגנט אָפּגעהאַלטן געוואָרן איבונגען פאַר די מיטגלידער פון דער הגנה, אונטער דער אויפזיכט פון געוועזענע מיליטער־לייט, מיט באָשטאַנסקין אין דער שפּיץ. אביגדור האָט איצט געווידמעט זיין גאַנצע פרייע צייט דער הגנה. ער האָט זיך ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַרוואָס? קעגן וועמען? ער איז געווען ווי פאַרשיכורט פון דעם ריח פון בלוט וואָס איז געקומען פון גליל, פון דעם ריח פון בלוט וואָס האָט געהאַלטן ביים פאַרגאָסן ווערן. „אויב אומקומען, זאָל עס זיין אין געפעכט — ווי אַ מאַנספּאַרשוין!..."

— עס איז שוין א י ן א ו נ ד ז, יואלי; און איצט איז ניט די צייט אָפּצוגעבן זיך חשבונות.

— יאָ. און וואָס איך וואָלט נאָר געוואָלט, איז צו אָוועקלייגן מיין האַנט אויף די וואָס פירן די רעדל ביי זיי! ס'וועט ניט זיין קיין רחמנות, דוכס!... שוין לאַנג ניט געפילט די וואַגיגקייט פון אַ שטיקל כלי־זיין אין דער האַנט...

מ׳האָט אָנגעטראָפן שטערונגען. דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט מיט זײַנע יוצאי־משרתים האָט אָנגענומען אַן אַנטאַגאָניסטישע שטעלונג צו דער הגנה. מ׳האָט געסטראַשעט מיט מסירה. די יונגען האָבן זיך ניט אָפּגעשראָקן. די אַר־בעט איז אָנגעגאַנגען אין פולן ברען. מ׳האָט צונויפגעשלעפּט, פון וואַנען מ׳האָט נאָר געקאָנט, פייער־געווער, קאַלטן כלי־זיין, נאַבוטן, רערן. מ׳האָט געענישטערט, געזאַמלט אינפאָרמאַציע; מ׳האָט געהאַלטן סוד און געשטאַנען גרייט פאַרן טאָג פון געשעעניש.

און דער טאָג איז געקומען.

ס׳איז געווען דער ערשטער טאָג חול־המועד־פסח און דער יום־טוב־טאָג פון נעבי מוססאַ.

מחנותווייז האָט מען זיך געצויגן פון די אַרומיגע דערפער צום אָמאָר מאַשעי. אין כנופיות האָט מען זיך געהאַלטן גרייט פאַרן אויפגאַנג צום קבר פון דעם נביא. הייליגע פאַנען האָבן אומגעפלאַטערט איבער די קעפּ פון די עולי־רגל. שווערדן האָבן אומגעבלאַנקט אין דער זון. אַפּטע אָפּקנאַלן פון נאַגאַנען, קלאַפּעריי פון פויקן, טומבארינען, געשריי און געזאַנג. און אויגן האָבן געשאָסן שוואַרצאימהדיגן צאָרן. צווישן די אָנגעקומענע מענגעס האָט זיך דאָסמאָל געמערקט אַן אומגעהויערע צאָל פון יונגע אַראַבער. די אורזאַך איז געווען פאַרשטענדיג.

די יונגען פון דער הגנה זײַנען געווען אויף זייערע באַשטימטע פּאָסטנס. אביגדורן מיט זײַן אָפּטיילונג פון פערצן געקליבענע איז געגעבן געוואָרן „אַ פרייע האַנט״: זײַן דאָרט וואו ס׳איז ענג. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דער נאָכבאַרשאַפט פון דער אַלטער שטאָט. די שטימונג איז געווען אַן אָנגעצויגענע. די אידישע קלייטן אין דער אַלטער שטאָט זײַנען געווען באַצייטנס געשלאָסן. דער פרימאָרגן איז דורכגעגאַנגען רואיג.

אַרום מיטאָג־צייט, ווען די תפילות אין מאַשעי זײַנען געווען פאַראיבער, האָט זיך פלוצים אַ מחנה צעיושעטע אַראַבער אַרויסגעיאָגט פון יפור טויער און האָט זיך געלאָזט אַרויף־גאַס. בהלה. טומל. רציחה האָט געברענט אויף זייערע פּנימער. באַלד האָט זיך דערהערט אַ געבראַזג פון שויבן. שטיינער זײַנען געפלויגן איבער קעפּ. אַ צווייטע מחנה האָט זיי באַלד נאָכגעפאָלגט —

— אודרובו איל יאַהוד! [1]

— הענגאַ, יאַ׳שאַבאַב! [2]

— אוטב׳כוהום, ביל דין אַבוהום! [3]

---

1. שלאָגט די אידן!
2. אַהער, יונגען!
3. קוילענען זיי, אין זייער טאַטנס גלויבן אַריין!

— דאָוליע מאַאַנאַ! [1]

די רואיגע גאַס איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כאַאָס. אידן זיינען אומגעלאָפן צעטומלט, באַנומען:

— ראַטעוועט! מ'שלאָגט אידן!

— מ'הרגעט אידן אין דער אַלטער שטאָט!

אַן אַלטער בעל־הגלה איז אַרונטערגעשלעפּט געוואָרן פון זיין דעליזשאַנס און איז מערדערלעך געשלאָגן געוואָרן פון אַ באַנדע אַראַבער, ווען אביגדור מיט זיינע יונגען זיינען אָנגעלאָפן אויפן פּלאַץ. זיי זיינען באַפאַלן די אַראַבער הינטער־אַרום, מיט נאַבוטן איבער די פּיס, איבער רוקנס. עס זיינען אָנגעלאָפן נאָך אַראַבער. די יונגען האָבן זיך זיי האַפטיג אַנטקעגנגעשטעלט. אַ שאָס איז אָפּגעפּייערט געוואָרן אין דער לופטן. דעם בעל־העגלה האָט מען אַרויס־געשלעפּט פון אונטער זייערע הענט אַ צעממיתטן. איינער פון די יונגען האָט געקראָגן אַ שווערן זעץ איבערן קאָפּ. דאָס בלוט איז אים געראָנען איבערן פּנים; ער האָט נאָך באַוויזן אַריינצולאָזן אַן אַראַבער אַ מעסער אין זייט. דער טומל אַרום אַ קלייט אויף דער אַנדער זייט גאַס האָט אָפּגעצויגן די באַנדע אַראַבער אַהין. אַן אָפּטיילונג פון ענגלישע זעלנער האָט זיי פאַרשטעלט דעם וועג. מיט דיזעלבע געשרייען האָבן זיך די צעווילדעוועטע אַראַבער אַ לאָז געטאָן צוריק אין דער ריכטונג פון דער אַלטער שטאָט —

— אַ'דאַר איל יאַהוד! [2]

— טאַאַליו! [3]

אין דעם טומלדיגן געדראַנג איז אַ קינד אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון אַ לויפנדיגער מוטערס אָרעמס און איז צעטראָטן געוואָרן אונטער די פּיס פון דער צעיושעטער מחנה. דאָס בילד פון דער צעטראָטענער עופעלע אויפן מיטן גאַס האָט זיך שאַרף איינגעקריצט אין אביגדורס געדעכעניש. ביים שוועל פון אַ צעראַבירטער קלייט איז געלעגן אַ תימנער טרעגער אין אַ קאַלוזשע בלוט.

מ'האָט אויפשנעל אָפּגעשיקט דעם צעהרגטען בעל־העגלה מיט צוויי פאַר־וואונדעטע חברים אין שפּיטאָל.

— נאָך מיר, חברים! — האָט אביגדור מיט אַ שאַרפן וואונק אַ זאָג געטאָן צו די יונגען — אין דער אַלטער שטאָט אַריין!

דער דורכגאַנג פונ'ם יפור טויער איז געווען פאַרשטעלט פון אַ מיליטערי־שער וואַך. באַאַנעטן האָבן אַ בלאַנק געטאָן פאַר זיי —

— האַלט! [4]

1. די רעגירונג איז מיט אונדז!
2. אין דער אידישער גאַס אַריין!
3. קומט!
4. האַלט!

דער קאַרפּאָראַל האָט אָנגעכאַפּט איינעם פון די יונגען און האָט אים באַטאַפּט. ער האָט גראָד אָנגעטראָפן אויף איינעם וועלכער איז ניט געווען באַוואָפנט.

— איינציגווייז אָפּציען... — האָט אביגדור טעמפּ אַ ברום געטאָן צווישן די ציין — ניט פאַרלירן קיין צייט...

ער האָט געוואוסט פון אַ דורכגאַנג דורכן פראַנציזישן הויף, וואו ס'איז אַנומלטן געווען דער טערקישער הויפּטקוואַרטיר, דורך וואַנען מ'האָט זיך געקאָנט דערקלייבן צו דער אַלטער שטאָט. ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן דורכ־צוברעכן דורך דאָרט. אויפן באַטראַק האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ כלאָפּטע יונגע פּעלאַכן. ס'האָט אויסגעבראָכן אַ פאַרביסענער געשלעג. ווי פון אונטער דער ערד איז פאַר אביגדורן אויסגעוואָקסן יעקבי דער גרוזינער. ער האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות: צוויי קוילן פון רעוואָלווער, און די אַראַבער זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן. ס'האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון אַ מיליטער־פּאַטרול.

— דורך די הויפן, יונגען! אויפטרעפן זיך אין דער חורבה־שול!

אַריינשלייכנדיג זיך דורך אַ הינטער־וועג אין דער אידישער גאַס, האָט דאָרט אביגדור געטראָפן אַ מהומה, אַ געלאַף. באַנומענע קולות פון ווייבער. אידן זיינען אומגעלאָפן באַווילדערט, בלאַס. טירן האָבן זיך פאַרריגלט מיט אַ בראַזג. אַרויף־גאַס האָט געבושעוועט אַ פולשטענדיגער פּאָגראָם. קיין ענגלישן זעלנער איז ניט געווען פאַר די אויגן צו זען.

אביגדור האָט זיך אַריינגעריסן אין דער מיט. ס'איז דאָרט אָנגעגאַנגען אַ געפּעכט צווישן אַ גרופּע פון דער הגנה און אַ שייקע אַראַבער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין אַ אידישן חצר. ער האָט זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ גדר־וואַנט כדי וואָס־גיכער זיך אַריינצוכאַפּן אין דעם באַפאַלענעם הויף. אַי־מעצער האָט אויף אים אויסגעשאָסן. ער האָט באַוויזן צו נעמען דעקונג. ער האָט אויסגעלײדיגט דריי קוילן: צוויי — אין דער לופטן, איינע האָט געטראָפן דעם אַראַבער וועלכער האָט זיך געלאָזט נאָך אים. דערזען בלוט, האָבן די איבעריגע גענומען אויפשנעל זיך אַרויסרוקן פון דער גאַס.

— באַהאַגלען זיי, יונגען! — האָט אביגדור אַריבערגעשריען צו די חברה.

עס זיינען געפלויגן שטיינער, וואַסער־בלעכן, טאַנאַדזשעס — פון די דעכער־אַראָפּ אין דער אָפּציענדיגער מחנה אַריין. די גאַס איז באַלד ליידיג געוואָרן. אַ אידישער פּאָליציימאַן איז געבליבן ליגן מיט פיר מעסער־וואונדן אין ברוסט.

— פאַרריגלען די טויערן! יעדע צוויי הויפן — אַ טאָפּלטע וואַך פון אַי־נעוועניג.

מ'האָט געזען צו באַפעסטיגן וואָס מער הויזגעזינדטן אין איין חצר. די

איינוואוינער פון די אָפענע הויפן האָט אביגדור אָפגעשיקט אין דער חורבה־שול. די יונגען האָבן געהאַלטן וואַך.

עס האָבן זיך גענומען באַוויזן הינדוסישע פּאַטרול־אָפּטיילונגען איבערן אידישן קוואַרטאַל. מ׳האָט געמוזט זיין געהיט ניט אָנצוטרעפן זיך מיט זיי. מ׳האָט זיך אויך געמוזט שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן הגנה־צענטער אויף יענער זייט שטאָט־מויער: ס׳האָט אויסגעפעלט געווער, שיס־מאַטעריאַל. דוכס האָט אָפּגעשיקט איינעם פון די יונגען אויסצושפּיאָנירן אַ דורכגאַנג. ער איז באַלד צוריקגעקומען —

— אַלע דורכגאַנגען זיינען באַוואַכט פון ענגלישע זעלנער. קריג־צושטאַנד איז פּראָקלאַמירט געוואָרן איבער דער גאַנצער שטאָט. מ׳לאָזט קיינעם ניט אַריין אָדער אַרויס. די איינציגע וועלכע קאָנען דורכגיין דער וואַך, זיינען ענגלישע אונטערטאַנען און צייטונגסלייט.

— גוט! — האָט זיך אביגדור אָנגעכאַפּט — קום מיט מיר. שנעל!

זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צום האָטעל „מוריה״ אַנטקעגן דעם דוד־טורעם. דאָרט איז איינגעשטאַנען אַ אידיש־ענגלישער קאָרעספּאָנדענט פון אַ מאָנט־שעסטער צייטונג. אביגדור האָט זיך מיט אים אַנומלטן געהאַט באַקאַנט. אין אַ געלאָף האָבן זיי אַרויפגעקלעטערט די טרעפּ צום צווייטן גאָרן. אין דעם גרויסן עס־צימער זיינען געווען פאַרזאַמלט אַלע געסט — אַ סך ענגלישע אידן און אַמעריקאַנער טוריסטן, וועלכע זיינען געקומען צו פאַרברענגען פּסח אין ירושלים. זיי זיינען אַלע געווען דערשראָקן, באַזאָרגט. צווישן זיי איז אויך געווען מיסטער יוריסאָן. ער איז געווען שטאַרק אויפגעטראָגן איבער דעם וואָס מ׳האָט אים ניט דערלויבט אָפּצושיקן אַ נייעס־טעלעגראַמע קיין אַמעריקע.

אביגדור איז גלייך צוגעגאַנגען צו מיסטער דזשייקאָבסן:

— מיסטער דזשייקאָבס, מיר מוזן אייך אויף אַ ווייל זען פּריוואַט. זייער דרינגנד — פון דער הגנה.

— פון דער הגנה?! — איז מיסטער יוריסאָן באַלד אויפגעשפּרונגען און איז אַרויס מיט אַ טענה — פאַרוואָס טאַקי האָט איר ניט אַוועקגעשטעלט עטלעכע הגניסטן דאָ אין האָטעל? ווי לאָזט מען עס איבער מענטשן אויף גאָטס באַראָט?! זעט——

אביגדור האָט אים געטאָן אַ שטופּ־אָפּ פון זיך —

— די הגנה איז ניט פאַר אַזוינע טכוירן ווי איר, מיסטער יוריסאָן! איר גייט זיך לעקן צו אייערע ענגלישע „באַשיצער״ און שטערט יעדן פאַרזוך צו פאַרטיידיגן אומשולדיגע לעבנס! רוקט זיך אָפּ, פאַרשטונקענער שרץ!

מיסטער דזשייקאָבס האָט זיי אַריינגעפירט צו זיך אין צימער. אביגדור האָט צוגעשפּאַרט די טיר הינטער זיך.

— מיסטער דזשייקאָבס, — האָט ער מיט אַ האַרטער געמאָסטנקייט

אַרויסגערעדט — מיר האָבן אייך געזאָגט אין וועלכער אַנגעלעגנהייט מיר זיינען געקומען אַהער. איצט ווילן מיר פון אייך אייער קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטע.

— וואָס ?!

— שרייט ניט אַזוי און מאַכט ניט קיין לאַנגע מחזקות. מיר מוזן עס ש ו י ן האָבן! ס'איז אַ פראַגע פון לעבן־און־טויט.

— אָבער... — איז מיסטער דזשייקאָבס בלאַס געוואָרן און האָט אויס־געשטאַרט אַ פּאָר גרויסע אויגן. דער גערדאַטער רעוואָלווער אין אביגדורס האַנט האָט ביי אים אָפּגענומען ס'לשון.

— גיט עס אַהער אײדער ס'איז צו־שפּעט. איין שפּיי פון דעם וועט אָוועק־לייגן ווער ס'זאָל זיך אונדז איצט ניט אַנטקעגנשטעלן...

די אַנגעפּרעגטקייט פון זיין פּנים האָט פעסטגעשטעלט אַז ער מיינט וואָס ער זאָגט.

— שנעל, און ניט אַ וואָרט צו קיינעם וועגן דעם, פאַרשטאַנען?!... כ'באַדויער וואָס מיר מוזן זיך באַנוצן מיט אַזוינע מיטלען. אומשטענדן.

מיסטער דזשייקאָבס האָט מיט ציטערדיגע הענט איבערגעגעבן די קאָרעס־פּאָנדענטן־קאַרטע.

— אַ דאַנק! — האָט אָביגדור מיט אַ כיוון הויך אַ זאָג געטאָן, ווען ער איז שוין געווען צוריק אין עס־צימער, און האָט זיך אָפּגעטראָגן מיט זיין באַגליי־טער פון האָטעל.

צוויי מאָל האָט ער, יענעם פאַרנאַכט, זיך דורכגעשלאָגן דורך דער מילי־טערישער וואַך ביים שטאָט־טויער —

— האַלט!

ער האָט נאָנשאַלאַנט אַרויסגענומען די קאָרעספּאָנדענטן־קאַרטע.

— פּאַסס!

און ביידע מאָל האָט ער צוריקגעבראַכט מיט זיך אַ זאַפּאַס פון שיס־מאַטע־ריאַל און עטלעכע געווער־שטיקער, פאַרשטעקט אין לאַבנס ברויט און אין אַ שיידל פון אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. ס'איז געווען אַ ווייטער שאַנס, אָבער די יונגען האָבן עס געמוזט האָבן.

אַ יונג איז צוגעלאָפן צו אים פאַרסאָפּעט:

— שנעל! אַן אָנפאַל ביים שכמער טויער!

ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט אַהין מיט עטלעכע יונגען. מ'איז אָנגעקומען אין צייט. די אָנפאַלער האָבן אַקאָרשט איינגעבראָכן דעם טויערל פון אַ מוגראַבישן הויפל. הינטער־אַרום איז מען זיי באַפאַלן מיט אַ געפילדער און פייפעריי. עטלעכע פון די יונגען האָבן אַריינגעכאַפּט שווערע נאַבוטן. אביגדור האָט געקראָגן אַן אויפגעשפּאַלטענע ליפּ. דער טומל האָט געבראַכט אַ פּאָליציי־וואַך צום פּלאַץ. מ'האָט געמוזט אַפּציען, און צו דערזעלבער צייט האָט מען געמוזט פאַרהאַלטן דער פּאָליציי־וואַך פון נאָכפּאָלגן די יונגען. אביגדור

האָט אויפגיך איבערגעגעבן זיין געווער אַ חבר, און האָט זיך געלאָזט פאַר־האַלטן פון דעם ענגלישן פּאָליציי־אָפיצער. מ׳האָט אים באַזוכט, אויסגעפרעגט; געפרעגט צו ער נויטיגט זיך אין מעדיצינישער הילף, באַוואַכונג. ניין! ער חעט זיך אַליין דערקלייבן צו זיין וואוינונג — דאָ ניט ווייט... די יונגען האָבן זיך דערווייל דערשלאָגן צו זייערע פּאָסטנס.

נאַכט איז צוגעפאַלן.

מ׳האָט צונויפגעבראַכט מער הילפלאָזע פון די אונבאַשיצטע טיילן פון אידישן קוואַרטאַל אין דער חורבה־שול אַריין. מערסטע פון זיי זיינען געווען ווייבער און אַלטע לייט. מ׳האָט זיי איינגעאָרדנט פאַר דער נאַכט. די אַלטע לייט האָבן זיך אויסגעזעצט אונטן אין שול און געזאָגט תהילים: „פאַרוואָס, אָ גאָט, האָסטו אונדז אויף אייביג פאַרשטויסן? פאַרוואָס האָסטו אויסגעלאָזט דיין צאָרן אויף די שעפעלעך פון דיין טשערעדע?... דערמאָן זיך אָן דעם פאָלק וועלכן דו האָסט פאַר דיינס געמאַכט דורך דערלייזונג, דער באַרג ציון אויף וועלכן דו האָסט גערוט... ווייל איבער דיר ווערן מיר געשאַכטן יעדן טאָג; מיר ווערן געפירט ווי די שאָף צום שלאַכטהויז... זיי האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אויף ירושלימס גאַסן... צו געלעכטער זיינען מיר געוואָרן ביי אונדזערע שכנים, צו שאַנד־און־שפּאָט — צווישן אונדזערע נאָנטע... באַ־היט מיך פון מיינע פיינט, אָ גאָט, און העלף מיר פון מיינע קעגנער!... אין׳ם שאָטן פון דיינע פליגל וועל איך זיך אויסבאַהאַלטן ביז די בייז וועט פאַרביי... ווייל מאַכטיגע זיינען מיר באַפאַלן, און די שולד איז ניט מיין... דערוואַך זיך, אָ גאָט, און זע...״

אביגדור האָט אָפּגעשיקט אַ וואַך צום „בקור־חולים״־שפּיטאָל. די חולאים האָט מען געמוזט איינבאַריקאַדירן. די איבעריגע יונגען זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אויף פאַרשידענע פּאָסטנס. די בײדע שוץ־אָפּטיילונגען פון דער אַלטער שטאָט זיינען איצט געווען אונטער אביגדורס לייטונג. די אַראַבישע באַנדעס זיינען נאָך געווען צווישן די ווענט פון דער אַלטער שטאָט. מ׳האָט אויף די דעכער, ביי די דורכגאַנג־פּונקטן פון די באַוואַכטע געסלעך, אַנגעהיפּט שטיי־נער, דזשאַרעס, שטעקנס. מ׳האָט איינגעטיילט די יונגען געגוג קוילן.

— צו צוויי אויף אַ וואַך־פּונקט; — האָט אביגדור אָנגעזאָגט, — באַלד צו וויסן געבן פון דער מינדסטער געשעעניש!

אַליין האָט ער זיך פאַרקליבן אויפן דאַך פון דער חורבה־שול־הויף.

ס׳איז געווען אַ מיט־חודשדיגע לבנה־נאַכט. ווי אַ טשערעדע דערשראָ־קענע שאָף, האָבן זיך אונטן געטוליעט די רונד־שייטלדיגע דעכער איינע צו אַנדערע — בלייך, באַוועגלאָז. די גאַסן זיינען געווען פאַרלאָזן, אָפּגעשטאָרבן. פון צייט־צו־צייט האָבן זיך אין דער ווייט געהערט די האַרטע טריט פון אַ הינדוסישער פּאַטרול־אָפּטיילונג. אין דער נאַכטיגער בלויקייט, מיט מיסטישער גרין־ליכט באַגאָסן, האָט שוויגנדיג אַראָפּגעקוקט דער כותל־מערבי. איבער

אים — דער רחבותדיג־אויסגעלייגטער אָמאַר מאַשעי, ווייטער, אויף לינקס, האָט זיך געהויבן דער שטאָלצער קופאַל פונ׳ם נוצריס קבר. אונטן, פון דער חורבה־שול, האָט זיך געטראָגן דער טרערן־דורכגענומענער תהילים־זאָגן פון די זקנים: „רינגלט־אַרום ציון און נעמט איר אַרום. ציילט־איבער אירע פעסטונגען, באַקוקט אירע מויערוועגט, באַשטייגט אירע טורמעס, כדי איר זאָלט דאָס דערציילן דעם דור דעם לעצטן... אָ, שיק אַראָפּ דיין ליכט צו מיר, אָ גאָט, און דיין אמת; און זאָלן זיי מיר אָנווייזן דעם וועג און מיר דער־פירן צו דיין באַרג דעם הייליגן און צו דיין רו־אָרט...״ און איבער אַלץ האָט פאַר אביגדורס אויגן אומגעשוועבט דאָס בילד פון דער צעטראָטענער עופעלע אין דער מיט פון ירושלימס גאַס.

אין דער וויט האָבן דערשטוינט אַראָפּגעקוקט די בערג דורך נעפּלדיגער גרויקייט. אַ שטומע בערגן־קייט אַרום דער פאַרגוואַלדיגטער שטאָט. און ער האָט מיטאַמאָל געזען פאַר זיך ירושלים אין באַלאַגערונג... ירושלים אונטער דער שוץ פון די מאַקאַבעער־העלדן איבער אירע מויערן... ירושלים אין דעם פאַרצווייפלטן געפעכט פון די בריונים... און ירושלים אין שאָטן פון טויט־שרעק אונטער דער וואָך פון פרעמדע „דערלייזער״ פון צוואַנ־ציגסטן יאָרהונדערט...

יעקבי האָט זיך שטיל צוגעשאַרט נאָענט צו אים. ערשט איצט האָט אביגדור זיך דערמאָנט, אַז דעם יונג איז ניט געווען צו זען דעם גאַנצן פאַרנאַכט.

— וואו ביסטו געווען, יעקבי?

יעקבי האָט ניט געענטפערט. ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין גאַרטל, האָט פון דאָרט אַרויסגעשלעפט אַן אָפּגעשניטענעם אויער, און באַלד — נאָך איינעם, און האָט זיי אונטערגערוקט אביגדורן אונטערן נאָז —

— אַראַבערס... — האָט ער טרוקן אַ ברום געטאָן.

— וואָס?!

— צוויי... — האָט יעקבי אויסגעהאַרנט צוויי קנאָכיגע פינגער — נאָך איינעם, און מיר׳ן זיין גלייך־אויף־גלייך: דריי אידן — דריי אַראַבער.

— דו מיינסט——?

— ניט גערעדט! אָפּגעראַמט... זאָלן זיי נאָר קומען, די הינטישע זין!

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן אין דייך גרוזיבישן קאָפּ?!

יעקבי האָט געשוויגן. די אויגן האָבן ביי אים געבלישטשעט ווי ביי אַ טיגער. דאָס איז געווען אַ סימן אַז אין אים קאָכט. דאַמאָלט איז געווען ניט צו פאַרטשעפּן זיך מיט דעם יונג. ס׳איז ניט געווען קיין פעולה צו איבער־רעגן אים. זיין פאַרבייסן מיט די ליפּן איז געווען געגנוג.

אונטן, פון דער גאַס, האָבן זיך דערטראָגן פאַרדעכטיגע טריט. אביגדור האָט פאַרזיכטיג אַרונטערגעקוקט: ביים זייט גאַס האָבן זיך געאיילט דורכגע־טראָגן עטלעכע פאַרשוינען — איינציגוויז, איבערווינקענדיג זיך — און זייער

פאַרשוואונדן אין דער טיף פון די שאָטנס. אַ פאַרטאַיעטער פייף. נאָך עטלעכע זײַנען פון ערגיץ אַרויסגעקראָכן און זײַנען באַלד ניט געוואָרן.

— גרייט, חברה! — האָט אביגדור אַריבערגעשיקט ס׳וואָרט פון איין פּאָסטן צום צווייטן.

די יונגעון זײַנען געווען אויף זייערע פּלעצער איבער די אַרומיגע דעכער. אביגדור האָט נאָכגעשפּירט די פאַרהוילענע באַוועגונג אונטןביים זייט גאַס.

אַ שאָרך האָט זיך דערהערט אויף דער הינטער־וואַנט פון הויף. אביגדור מיט יעקבין זײַנען אויפגעשפּרונגען און זיך פאַרזיכטיק פאַרשטעקט הינטער דער מעקה. דאָס דראָפּן איבער דער הינטער־וואַנט איז געקומען נענטער. זיי האָבן דערשפּירט דעם פּלאַץ פון וואַנען דער געשאָרך איז געקומען, און גע־וואָרט אָנגעשטרענגט. באַלד האָט זיך איבערן ראַנד פון דער מעקה באַוויזן אַ האַנט, נאָך איינע. אַ קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן ביז צו די אויגן. אַ ברע־נענדיגער שטורקאַטש איז אַריבערגעשליידערט געוואָרן אויפן דאַך. אביגדור האָט געטאָן אַ שפּרונג־אויף. דער אַרויסגעשטעקטער קאָפּ איז אין אַן אויגנ־בליק געווען איינגעקלאַמערט אין זײַנע הענט. יעקבי האָט בליץ־שנעל גע־טאָן אַ צי־אַריבער דעם פאַרשווין איבער דער וואַנט אויפן דאַך־אַרויף. ס׳איז געווען אַ שטאַטישער אַראַבער. אביגדור האָט אים פאַרשטאָפּט ס׳מויל. דער רעוואָלווער האָט אַ בלאַנק געטאָן אין זײַן האַנט —

— אָפּפאַרטיגן!... שנעל!...

יעקבי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַנט־געלענק —

— משוגע?!... קאַלט... דעם גאַרגל — אָט וואָס...

און דעם אַראַבערס האַלדז איז שוין געווען צווישן יעקביס נעגל. דער האַמעטנער גוף האָט זיך עטלעכע מאָל אַ צאַפּל געטאָן אונטער אביגדורס גע־וויכט. אַ פּוס האָט זיך קאַנוואולסיוו געטאָן אַ הויב און איז געבליבן הענגען אויסגעבויגן אין דער לופטן. די מוסקלען פון זײַן פּנים זײַנען געוואָרן אָנגעג־פרענגט, די אויגן — גרויס, אַרויסגעזעצט. אַ טעמפּער זעץ איבערן שייטל, און די אָנגעצויגענע אברים האָבן נאָכגעגעבן, זיך אויסגעגלייכט.

— פאַרשטעקן! ניט לאָזן קיין שפּור...

יעקבי האָט שווער אָפּגעסאָפּעט. זײַנע ציין האָבן אַ בליאַסק געטאָן אין דער נאַכט.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. פון צייט־צו־צייט האָבן זיך געהערט אָפּגע־טויבטע פייף־סיגנאַלן. מ׳האָט געוואוסט וואָס צו דערוואַרטן, און מ׳האָט באַ־צייטנס פון אינעווייניג פאַרשאַנצט דעם אַרײַנגאַנג פון טויער און פאַרשטאַרקט די וואַך אויף די שכנותדיגע דעכער. באַלד האָט זיך פון אַרום טויער דערטראָגן אַ פרעגלדיג געמורמל. דער צוגאַנג פון דרויסן איז באַלאַגערט געוואָרן פון אַ מענגע אויפגערעגטע פאַרשווינען. אַ האַסטיגער קלאַפּן אין טויער. שטיינער זײַנען אַריבערגעשליידערט געוואָרן אין הויף אַרײַן. איין שטיין האָט געטראָפן

אַן אַלטער אידענע, וועלכע האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ צו כאַפּן אַביסל לופט. די יונגען האָבן באַלד אָפּגעענטפערט. אונטן אין שול איז געווען אַ פּאַניק. מ׳האָט געמוזט באַרואיגן די אַלטע. אביגדור איז אַראָפּגעלאָפן אונטן איינצונעמען די דערשראָקענע אידן און אידענעס. זיי האָבן נאָכגעגעבן, האָבן אים אַרויסבאַגלייט וויינענדיג, מיט ברכות אויף די ציטערדיגע ליפּן:

— גאָט ברוך־הוא זאָל אייך שטאַרקן!

— גוטע מלאכים זאָלן זיין מיט אייך, קינדערלעך!

— מיר׳ן תפילה טאָן פון אייערטוועגן...

אויבן, אויף אַ שכנותדיגן דאַך, האָט זיך אַנטוויקלט אַ האַפטיגער געפעכט צווישן די יונגען און עטלעכע אַראַבער, וועלכע האָבן זיך דערקליבן אַהין דורך אַ זייט־געסל. איינער פון דער הגנה האָט געקראָגן אַן איבערגעבראָכענע פוס. די יונגען האָבן אָבער געהאַט די אויבערהאַנט, און האָבן אַרונטערגעשליידערט צוויי צעממיתטע אַראַבער. פון אונטן האָט מען גענומען קלעטערן אויף דער וואַנט פון דער חורבה־שול־הויף. אביגדור האָט געכאַפּט דעם אויסגעלאָשענעם שטורקאַטש, האָט ער אָנגעצונדן און אַרונטערגעוואָרפן אין דער שאָטנדיגער מענגע פאַרן טויער. ביי איינעם האָט זיך אָנגעצונדן די אַבאַיע. די יונגען האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוואַגטן ווידערשטאַנד. צום אָפּפייערן איז עס נאָך דער־ווייל ניט געקומען. מ׳האָט זיך באַנוצט מיט וואַרף־מאַטעריאַל, שטיקער אַס־פאַלט, בליי־רערן. די אַראַבער האָבן זיך געהאַלטן אין אַ קנויל ביים טויער, און דאָס איז געווען ווי געוואונשן. דער האָגל פון שטיינער האָט אָנגעהאַלטן. קיין מיליטער־פּאַטרול איז ניט געווען צו זען אַרום. פּלוצים האָט זיך פון אַן אַריבערדיגער גאַס דערטראָגן אַ הילכיגער גוואַלדגעשריי פון אַ פרוי. אַ צווייטער האָט באַלד נאָכגעפאָלגט — מאָוימדיגער, פאַרצווייפלטער. אביגדור האָט אַ צי געטאָן יעקבין:

— שנעל, מיט מיר!... אָנהאַלטן, חברים! — האָט ער אָנגעזאָגט, איבער־געבנדיג דעם אויפזיכט איינעם פון די יונגען — באַנוצן דעם פייער־געווער נאָר אַלס לעצטן מיטל. אָפּפייערן אין דער לופטן צוערשט. אָפּציען ווען דער פּאַטרול קומט־אָן. איבערלאָזן איין חבר, אומבאַוואָפנט, צו עפענען דעם טויער. זיך אויפטרעפן אין „בקור־חולים״־שפיטאָל... נאָך מיר יעקבי!

זיי האָבן זיך אומבאַמערקט אַרונטערגעלאָזט פון דער הינטער־וואַנט און זיך אַוועקגעיאָגט דורך אַ זייטיגן הויף אין דער ריכטונג פון וואַנען דער גוואַלד־געשריי איז געקומען. איצט האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן נאָר אויסגעצויגענע קרעכצן. דער הויף־טויערל איז געשטאַנען אויפגעפּראַלט. געאיילטע טריט. אַ יונגער אַראַבער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעיאָגט צעכראַשטשעט, גלייך זיי אַנטקעגן. יעקבי האָט אים פאַרשטרויכלט מיטן פוס. אביגדור איז באַלד גע־ווען אויף אים. די אַבאַיע איבערן קאָפּ, דעם גאַרטל איבערן מויל, אַרום די אָרעמס.

— לאָז אים ניט אָפּ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו יעקבין און איז אַרייַנ־געלאָפן אין שטוב.

אַ יונג מיידל איז דאָרט געלעגן אַ שענדלעך־פאַרפּייניקטע. אויפן דיל איז געלעגן אַן עלטערע פרוי מערדערלעך צעשלאָגן. ער האָט זיי ביידן דערמינ־טערט און אַפּגעפירט אין אַ שכנישן הויז. יעקבין האָט ער געטראָפן שטיין אַליין.

— וואו איז דער קערל?

יעקבי האָט אים אָנגעקוקט שווייגנדיק מיט זיינע שטאַרע, שוואַרצע אויגן, האָט אַ ריב געטאָן איין דאַלאָנע אָן דער אַנדערער — אַרויף, אַראָפּ, און האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן ביים גאַרטל צי דער מעסער איז אויפן ריכטיקן אָרט.

דאָס איז געווען גענוג.

צוקומענדיק צום „בקור־חולים״־שפּיטאָל, האָט יעקבי אַראָפּגערעדט ווי צו זיך אַליין:

— איינס אויף מיין חשבון...

— אַ——ה...

מיטן פרימאָרגן האָט זיך חפץ אָנגעטראָגן אַן אַ נשמה, בלאָס ווי די וואַנט —

— געשווינט, דוכס, צי־אָפּ!... מ'האָט אַרעסטירט באַשטאַנסקין מיט צוועלף מיטגלידער פון דער הגנה. מ'האָט זיי געכאַפּט מיט געווער אין צענ־טער... יואלי און דיין אמתי זיינען צווישן די אַרעסטירטע... מ'זוכט דיר אום ווי מיט ליכט. אויפגיך, צי־אָפּ! באַהאַלט זיך!... ס'איז ערנסט, דוכס!

אביגדור האָט אַראָפּגעקוקט צו אים קאַלט, פאַרביסן.

— ביי אונדז אַנטלויפט מען ניט. — האָט ער האַרט אַרויסגערעדט — איך קום ניט פון אַזעלכע וואָס באַהאַלטן זיך.

— אָבער דו מוזט, דוכס! עס שמעקט מיט——

— איך אַנטלויף ניט, האָב איך געזאָגט! מיר 'עלן זיי קיין לעבעדיגן ניט נעמען!

— איצט איז ניט קיין צייט צו פּראָווען עקשנות, דוכס. — איז יעקבי צוגעשטאַנען צו אים און האָט אים אַ האַסטיגן צי געטאָן צו זיך — ווער ניט, האָט מען דיר געזאָגט!

— און אַז ניט?

— איז אַט וואָס!... — איז יעקבי אים פאַרפאַרן מיט אַ האַרטן פויסט אין קינבאַק. פאַר די אויגן האָט זיך פאַרצויגן רויט, געל, און דערנאָך — שוואַרץ. ער איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך געפונען אין אַ קעלער־שטוב, מיט יעקבין אַלס זיין שומר. זיין רעוואָלווער האָט געשטעקט ביי יעקבין אין גאַרטל.

— וואָס זאָל דאָס באַטייטן? — האָט ער אים פאַרווירט אָנגעקוקט.
— אָט דאָס וואָס דו זעסט. האָסט ניט געוואָלט גיין מיט גוטן, איז אָט——! דו בלייבסט מיט מיר, ד אָ.
— איך גיי אַרויס!
יעקבי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג —
— דו האָסט געהערט וואָס מ׳האָט דיר געזאָגט.
— לאָז־אָפּ!
— דו בלייבסט דאָ, זאָג איך, און דאָ וועסטו בלייבן ביז כ׳על פאַר דיר געפינען אָ בעסערן פלאַץ. אויס מיט די שטיק!

דורכן טאָג איז דער אידישער קוואַרטאַל עוואַקואירט געוואָרן. יעקבי האָט אביגדורן איבערגעפירט, אָ פאַרשטעלטן, אויף אָ זיכערן פלאַץ אין „שערי־צדק". ער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט פון אויג. די צאָל פון די אידישע קרבנות איז אָפיציעל אָנגעגעבן געוואָרן אַלס זעקס טויטע און צוויי־און־צוואַנציג פאַרוואונדעטע. די צאָל פון די אַראַבישע קרבנות איז אָפיציעל אין דער צייטונג ניט געמאָלדן געוואָרן. עס איז נאָר דערמאָנט געוואָרן, אַז אָ געווי‍סע צאָל אַראַבער פעלן. אביגדור מיט יעקבין האָבן זיך דערביי איבערגעשמייכלט מיט די אויגן...

אָ מעת־לעת. צוויי. דאָס ליגן באַהאַלטן האָט אביגדורן דענערווירט. ער האָט פאַר זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. יעדע מינוט איז געווען אָן אייביגקייט. אויפן דריטן טאָג האָט די מיליטערישע וואַך אַביסל נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון שטאָט און, אונטערן צודעק פון דער נאַכט, זיך אָפּגעטראָגן קיין יפו.

9

נעפּל־ען

תל־אביב איז געווען אין אַ צערודערונג. די געשעענישן אין ירושלים האָבן אָנגעיאָגט אַ שוואַרצע כמאַרע איבערן גאַנצן ישוב. אידן זיינען געווען פאַרביטערט, אידן האָבן זיך געפילט דערשלאָגן, און לאָנדאָן האָט מכלומרשט געשיקט אויספאָרשונג־קאָמיסיעס, און בריטישער „יושר" האָט דערוויל אויסגעטיילט „גערעכטיגקייט": באָשטאַנסקי מיט די צוועלף מיטגלידער פון דער הגנה זיינען געשטעלט געוואָרן צום מיליטער־געריכט אין ירושלים. גענעראַל קראָם איז אַרויסגעטראָטן אַלס הויפּט־עדות קעגן באָשטאַנסקין. ער האָט געלייקנט שטיין־און־ביין אַז ער זאָל האָבן דערלויבט צו אָרגאַניזירן אַ אידישע זעלבסטשוץ, כאָטש זיין אייגענער אַדיוטאַנט, קאָלאָנעל שיק, האָט אין געריכט באַשטעטיגט באָשטאַנסקיס באַהויפּטונג. דער מיליטער־געריכט האָט געפונען די אָנגעקלאָגטע שולדיג אין „אויפרייצן איין טייל פון דער באַפעלקערונג קעגן דער אַנדערער און אין פאַראורזאַכן ראַיאָטן און טעראָר אין דעם אָקופּירטן שטח", און האָט זיי פאַרמשפּט צו דריי יאָר געפענגעניש מיט שווערער אַרבעט, באָשטאַנסקין — צו פופצן יאָר.

דערדאָזיגער אורטייל האָט צוגעגעבן מוט די אַראַבישע אַגיטאַטאָרס, האָט אַריינגעבראַכט האָפערדיגקייט אין פיינדלעכן לאַגער. באַלד האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, אַז מ'גרייט זיך צו באַפאַלן תל־אביב, די קאָלאָניעס אַרום יפו; אַז גאַנצע אַראַבישע דערפער שטייען גרייט און באַוואָפנט פאַר אַן אויפשטאַנד קעגן די אידן. און תל־אביב האָט זיך געפרעגלט, תל־אביב האָט אָפּגעהאַלטן אימפּאָזאַנטע הזכרה־אָוונטן, פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, און תל־אביב האָט ניט אַריינגעטאָן אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער.

אביגדור האָט זיך דורכגערעדט מיט געוועזענע אַרמיי־חברים. עפּעס ממשותדיגס האָט געמוזט געטאָן ווערן. ירושלים איז געווען אַ געווגנדע אָנלערנונג. מיט די אייגענע האָט מען ניט באַדאַרפט קיין סך ריידן: מ'האָט זיך פאַרשטאַנען. און דער פּלאַן פאַר אַ זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע איז אויס־

געלייגט געוואָרן. מ׳איז באַלד צוגעטראָטן צו קאָנקרעטע אַרבעט. געוועזענע סאָלדאַטן זיינען דאָרט געווען גענוג, און זיי האָבן צוגעצויגן נאָך יונגעלייט, אויף וועלכע מ׳האָט זיך געקאָנט פֿאַרלאָזן. דער יונגער תּימנער עלעמענט איז געווען שטאַרק פֿאַרטראָטן און האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר אויסערגעוויינטלעך וויכטיג. דאָ, נאָך מער ווי אין ירושלים, האָט מען געמוזט האַלטן סוד: די שטאָט איז געווען פֿול מיט ענגלישע געהיים־אַגענטן. די תּימנער חברה האָבן זיי דערשמעקט פֿאַר אַ מייל. אביגדור האָט דורך די טעג זיך זעלטן באַוויזן אויף דער גאַס. ער האָט געוואוסט אַז מ׳זוכט אים, און ער האָט גענעכטיגט יעדע נאַכט ביי אַן אַנדער חבר. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט מסירת־נפשדיגן ברען. די יונגען זיינען געווען גרייט צו יעדער מינוט.

אַ וואָך. צוויי. די אָנגעשטרענגטע שטימונג איבערן לאַנד האָט נאָכגעלאָזט. די שטראָף פֿון די פֿאַרמשפּטע ירושלימער הגנה־מיטגלידער איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף זעקס מאָנאַטן געפֿאַנגענשאַפֿט אין דער עכּו פֿעסטונג. פֿון לאָנדאָן איז געקומען די ידיעה, אַז ענגלאַנד האָט באַשטימט אַ אידישן נציב צו פֿאַרוואַלטן איבער ארץ־ישראל. אַ אידישער נציב!... געמיטער האָבן זיך באַרואיגט. מ׳האָט אויפֿגענומען די פֿאַרגיטיגונג ווי אַן אָפּגעשמיסן קינד נעמט־אויף אַ צוקערלעקעכל. מ׳האָט פֿאַרגעסן די געפֿאַלענע אין תּל־חי, דאָס פֿאַרגאָסן בלוט אין ירושלים, די געפֿאַנגענע אין דער עכּור פֿעסטונג־תּפֿיסה. בן־עמיהוד איז אַרויסגעקומען מיט אַ באָמבאַסטישן לייט־אַרטיקל — „בדמיך חיי!“ — און האָט באַגריסט ענגלאַנדס ברייטהאַרציגקייט און די גרויסע געווינסן וואָס דער ישוב האָט גענאָסן דורך די לעצטע געשעענישן. מ׳האָט עס אָנגענומען פֿאַר גוט. מ׳האָט זיך באַרעכנט, אַז נאָך אַלעמען האָט מען איינגעהאַנדלט אַ מציאה: אַ קלייניגקייט — אַ א י ד י ש ע ר נ צ י ב!... די הגנה איז זיך ביסלעכווייז צעפֿאַלן, און דאָס לעבן אַרום האָט אָנגענומען זיין אויסערלעך־רואיגן גאַנג.

אביגדור האָט זיך אָבער ניט געקאָנט באַרואיגן. ער האָט אַלץ ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט דער אַלגעמיינער האָפֿערדיגקייט אַרום אים. ס׳איז צו שטוינען ווי שנעל מיר אידן קאָנען פֿאַרגעסן אונדזער אייגענע באַליידיגונג! ווי לייכט מיר קאָנען פֿאַרגעבן אונדזער אייגן פֿאַרגאָסן בלוט! — זיינען אים געקומען אויפֿן געדאַנק תּמרהס ווערטער. ער האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזען אַז, נאָך אַלעמען, איז דאָך דער גאַנצער טומל פֿון די לעצטע טעג גאָר ניט זיינער; אַז די, וועמענס בלוט ער האָט געזוכט, זיינען ניט מער שולדיג ווי די, וועמענס בלוט ער האָט געוואָלט אויסקויפֿן. ס׳איז געווען דער שגעון פֿון בלוט וואָס האָט זיך אין אים דערוואַכט, די חיה אין מענטשן, וועלכער ס׳איז לייכט אויפֿצורייצן... וואו שטורעם, דאָרט בין איך! — האָט אַמאָל אַלעפֿאַ געזאָגט... און איצט, מיט דעם שטורעם אַרום אים איינגעשטילט, האָט ער, נאָך מער ווי פֿריער, געפֿילט די גאַנצע אָפּגעפֿרעמדקייט אַרום אים,

די גאַנצע נישטיגקייט פון זיינע כוחות. ער האָט איינגעזען, אַז אין די שעהן פון באַרוישונג און צאָרן האָט ער אַליין פאַרגוואַלדיגט זיין אייגענעם געוויסן; אַז דאָ וועט שטענדיג אַזוי זיין; אַז דאָ איז יעדער קלייניגקייט עלול צו דער־פירן צו אומזיסטע בלוט־פאַרגיסונג, און —— בלוט וועט קיין דערלייזונג ניט ברענגען... ניין! די סיבה איז אַ סך אַ טיפערע. דער אָנהויב פון דערלייזונג ליגט ווייט... און ער האָט געפילט, אַז זיין דאָ־זיין איז ווי שטיין איבער דאָס בלוט פון זיין אייגענעם קרבן; אַז ער איז דאָ איצט מער ווי אי־בעריג און טאָר דאָ לענגער ניט פאַרבלייבן. אָבער ווי־אַזוי? צו וועמען? וואוהין?!...

איינמאָל, גייענדיג אויף דער אחד־העם־גאַס, האָט ער אָנגעטראָפן ליפשיצן מיט נאָך אַ אידן.

— אָ, תנ״כניק! אַקאָרשט טאַקי גערעדט וועגן אייך מיט דעם אידן. טאַקע אייערער אַ בן־עיר.

ס'איז געווען מאַלקין.

אַן איינזאַמער, אַ צעבראָכענער, האָט ער זיך דערשלעפּט צו דעם לאַנד פון זיין חלום. אויסגעקנייטשט, גרוי געוואָרן פאַר דער צייט, האָט נאָך אין זיינע בלויע אויגן געטליעט עפּעס פון דעם אַמאָליגן מאַלקין מיט דעם ספרים־אַלקערל. ער האָט דערציילט אין אַ פאַרעלטערט קול:

—... פאַריאָגט געוואָרן מיט די בעזשעניצעס קיין טיף ראַסיי... די גאַנצע משפּחה פאַרלאָרן אין די מלחמה־טעג. נאָר איינע — איין טאָכטער — טאַקי איי־ער קוזינעס אַ חברטע — זי איז געבליבן. אין כאַרקאָוו איז זי, מיט די באָל־שעוויקעס — טאַקי מיט דערזעלבער קוזינע אייערער — הדסל, אויב איך מאַך קיין טעות ניט. אַ תלמידה מיינע געווען... יאָ, ביידע פאַרקאָכט אין דער „גדולה" — אין דעם באָלשעוויזמוס... אגב־אורחא, זי — אייער קוזינע, מיין איך — איז פאַרהייראַט צו איינעם אַן ארץ־ישראלדיגן — טאַקי אַ געווע־זענער סעמינאַריסט — איינער אַ שאַפּירא. ער איז גאָר עולה־לגדולה געוואָרן ביי די רויטע: איז אַ קאָמיסאַר ביי זיי... נו, און אין דערהיים — וואָס קאָן איצט זיין אין דערהיים? קיין דערפרייענדיגע נייעס אודאי ניט... נאָך אייך — ווייסט איר דאָך מסתמא — איז מען שוין, ניט היינט געדאַכט, אָפּגעזעסן שבעה. זיך דערוואוסט דורך דער שווייצאַרישער ביוראָ פון רויטן קרייץ. נו, אַ דאַנק גאָט, אָבי ס'איז אַ ליגן... דעם טאַטן אייערן האָט עס בשעת־מעשה געטראָפן שווער — זייער שווער: צווי זין!... און די מאַמע — ווייסט איר דאָך שוין אודאי... האָ, וואָס? איר ווייסט גאָרניט?!... כ'מיין, פון וואַנען זאָלט איר וויסן?... ניין, ניטאָ מער די מאַמע... ס'טוט מיר לייד וואָס איך דאַרף זיין דער מבשר פון אַזאַ בשורה. נישט געמיינט אייך מצער צו זיין. נאָר אַז איר האָט זיך נאָכגעפרעגט... יאָ, טאַקי באַלד נאָך יענער ידיעה וועגן אייך... האָט איר, ווי איך זע, נאָך גאָרניט געהערט פון דערהיים...

מאַלקינס ווערטער האָבן ביי אביגדורן ווי אָפּגענומען דעם אָטעם —
הײם!...

ווי לאַנג איז שוין זינט ער האָט געטראַכט פון אַ היים? ווי לאַנג איז שוין זינט ער האָט געדענקט אַז אַזאַ זאַך עקזיסטירט נאָך פאַר אים? ווי לאַנג איז שוין זינט ער האָט געפילט די ליבלעכע פיינלעכקייט פון בענקען נאָך דער היים?
הײם! —

אַ ווינקעלע אין דער גרויסער, קאַלטער וועלט, צו וועלכן מ'קאָן זיך צוטוליען און פילן אַז דאָרט באַלאַנגסטו; אַז דאָרט איז דיר אימעצער, עפּעס, נענטער ווי נאָגט...
הײם!...

און הײם — אַן דער מאַמען... מיט הדסלען ווייט אַוועק... און דער טאַטע——?... אָבער פאָרט הײם...

און יענעם אָוונט, ווען ער איז געשטאַנען ביים ברעג־ים און האָט גע־קוקט אויף אַן אָפּגייענדיגער שיף איבערן האָריזאָנט, אויף די ווייטע פענצטער־פייערלעך וואָס האָבן געציטערט און פאַרגאַנגען אין דער נאַכטיגער טונקל־קייט — האָבן נאָך זיינע ליפּן נאָכגעפליסטערט פאַרבענקט: הײם... הײם...

און זיין באַשלוס איז רייף געוואָרן.

ער האָט זיך דערוואוסט, אַז קאַלאַנעל וואודס איז גראָד דאַמאָלט געווען אויף אַ באַזוך אין ירושלים פאַר זיין אָפּפאָרן קיין ענגלאַנד. ער האָט זיך גע־ווענדט צו אים שריפטלעך, האָט פאַר אים אויסדערציילט דעם גאַנצן אמת פון די לעצטע טעג, און האָט אים געבעטן צו זען פאַרגלעטן דעם ענין מיט דער מיליטערישער אַדמיניסטראַציע: ער מוז קריגן אַ רייזע־פּאַספּאָרט. קאַלאַנעל וואודס האָט אים באַלד געענטפערט. נאָך אַ לענגערע פאַרציע מוסר, האָט ער אים פאַרשפּראָכן צו באַנוצן זיין איינפלוס אין דעם הויפּט־קוואַרטיר פון דער אַדמיניסטראַציע פון אָקופּירטן שטח, און האָט אים געראָטן צו שטעלן זיך באַלד אין פאַרבינדונג מיט אַ געוויסן לויטענאַנט פיליפּס פון דער פאָרט־ביוראָ. ער האָט שוין יענעם געלאָזט וויסן וועגן דער אַנגעלעגנהייט, און ער וועט אים שטיין צו הילף. צום בריוו איז געווען צוגעלייגט אַ באַנק־אָנווייזונג אויף פינף פונט.

ער האָט זיך געזען מיטן לויטענאַנט פיליפּס, און אין אַ וואָך אַרום האָט יענער אים איבערגעגעבן דעם רייזע־פּאַספּאָרט, אין וועלכן ס'איז געווען אַריינ־געשריבן אַ באַדינג, אַז ער „מוז באַלד פאַרלאָזן דאָס לאַנד און קיינמאָל ניט צוריקקומען צו די ברעגן פון פּאַלעסטינע און עגיפּטן״.

*

ס'איז געווען פאַרנאַכט ווען די שיף איז אָפּגעשוואומען פון יפור האָפן. דער ברעג האָט זיך געוויקלט אין פאַרנאַכטיגן נעפּל. וואָס־אַ־ווײלע זיינען

גרויער געוואָרן די ווייסע זאַמדן און די הייזער פון תל־אביב. דער הייזער־באַרג פון דער אַלטער האַפן־שטאָט האָט זיך איבערגעגאָסן אין ווייכע פיאַלעט פאַרבן.

אביגדור איז געשטאַנען אויפן אויבערדעק פון שיף. זיינע אויגן זיינען געהאַנגען אויפן פאַרשווינדנדיקן ברעג. דער דינער נעפל פאַר אים איז וואָס־אַ־ווילע געוואָרן געדיכטער. און דאָרט, הינטער יענעם נעפל, זיינען געלעגן שטורעמדיקע טעג, חלומות, באַגערן... אין אַ פרימאָרגן אַ זוניקן איז ער אַהין דערשוואומען, האָט דאָרט זיין יוגנט־ליד אין שטורעם אויסגעזונגען, און אַן אויסגעשפּיגענעם טראָגט אים איצט די שיף פון דאָרט אַוועק...

און דורך פאַרלאָפענע אויגן האָט זיך נאָך לאַנג געריסן זיין בליק צום פאַרשוואומענעם ברעג, ווען אַרום אים האָט זיך שוין געוויקלט אַ פרעמדע נאַכט, ווען אַרום אים האָבן שוין געברויזט אַנדערע כוואַליעס.

10

וואַנדערער, וואוהין?

מאַלטאַ — די פאַרלאָרענע אינזל־שטאָט אין דער האַרץ פון מיטלאַנדישן ים, מיט אירע באַיאָרנטע טורעם־ווענט און טשאַטעס שטאָל־גרויע ים־הינט — די שומרים פון דער בריטישער אימפעריע — ביי אירע ברעגן... נעאַפּאָל — די זון־באַקושטע באַרג־שטאָט, מיטן אָנגעכמורעטן וועזוּוויוס איבער איר בלויען האָריזאָנט... רוים — „די אייביגע שטאָט“ — די שטאָט פון פאַרהייליגטער שטייניגקייט, פון פאַרגליווערטער קדושה אין דער קאַלט־שאָטנדיגקייט פון בלינדע קאַלאָנאַדן, פון ריזיגן שטומען גראַניט, פון טויערן וואָס דערציילן פון וויטן נצחון־קאַפּריז און צעשטערונג... ווייסער יום־טוב איבער די שניי־באַדעקטע אַלפּן־הויכן... אוראַלטע שלעסער אין דער טיף־גרינער צעוואָקסנקייט פון דער לעגענדאַרער באָהעמיע... די פלאַכן פון פּוילן וואָס איז אַמאָל רוסלאַנד געווען... וואַרשע.

דאָ האָט ער זיך דערוואוסט, אַז פּילענאָווע איז אַקאָרשט פאַרנומען געוואָרן פון די רוסישע חיילות אין זייער דראַנג נאָך וואַרשע. דער וועג קיין פּילע־נאָווע איז געווען אָפּגעשניטן. די סאָוועטישע מחנות האָבן זיך מיט אומגעהויערער שנעלקייט אַלץ טיפער איינגעשניטן אין דער האַרץ פון פּוילן. וואַרשע האָט מיט אַלע חושים דערפילט די דערנענטערונג פון געראַנגל; וואַרשע איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ שרעק־פיבער; און וואַרשע האָט זיך געליידיגט. דאָס ביסל געלט, וואָס אביגדור האָט געהאַט מיט זיך, האָט זיך כמעט ווי אויס־געלאָזט. דאָרט צו וואַרטן איז געווען אומגעזונט, דערעסנדיג. דורך ווין, איבער דער שווייץ, איבער דער צעשאָסענער, חרובער בעלגיע, האָט ער, אין זיין ציללאָזן וואַנדערן, אָנגעשלאָגן דעם פראַנצויזישן גרעניץ. אַ ניט־דער־לאָשענער פאַרנאַכט האָט אים געפונען אַרונטערגיין פון די טרעפּ פון גאַר דע ליאָן אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך —

פ אַ ר י ז !

פאַריז — די מעטראָפּאָליס פון דער מערב־וועלט, די כישוף־מלכּה פון אייראָפּעס שטעט.

פאַריז — די שטאָט פון יוגנט, די שטאָט פון אויפשטאַנד, די שטאָט פון אויפברויז און פרייד.

פאַריז — די תמיד־לוסטיגע, די אייביג־מיידלשע, וועלכע שטייט ביזן גאַרטל פאַרזונקען אין די מ״ט־שערי־טומאה, און מיט די אויגן כישופט זי מלאָכים פון די הימלען אַרויס; וועלכע טרינקט דעם זינגענדיגן געטראַנק פון בלוט און וויין מיט לאַכנדיגע ציין, און רופט צום שטורעם־יום־טוב דעם אייביגן, צום פלאַמען־טאַנץ דעם ענדלאָזן...

אָ, וועמען האָט דיין צויבער ניט באַצוואונגען, פאַריז?! וועמען האָבן דיינע רייצן ניט פאַרפירט? אין וועמענס האַרצן האָסטו ניט דערוועקט אַ ווייסן חלום? אין וועמען האָסטו ניט געצונדן אַ רויטע גלוסטונג ביז צום וואַנזין? און טראַכטנדיג פון דיר — ווער האָט דיר ניט געבענטשט, ווער האָט דיר ניט געשאָלטן? ווער האָט איבער דיינע גאַסן־שוועלן זיינע שפורן ניט געלאָזט? — נואף און נזיר, בעטלער און קעניג, דענקער און טאַט־מענטש, העלד און פאַר־רעטער, דערלייזער און פייניגער — אַלעמען צוגלייך האָט דיין איינציג ליד — דיין יובל־שאַל — באַגלייט אויף זייער וועג צום נצחון־טויער, צו די טרעפּ פון דער גילאָטין; און אַלעמען צוגלייך האָסטו מיט דענקמעלער אויף דיינע גאַסן פאַראייביגט — מזבחות פון תשובה אַנטקעגן דער זון... גאַס האָט די געשיכטע פון דיינע קאַפּריזן געשריבן, פאַריז! און אויף דער גאַס טראָגסטו דיין פרייד אַרויס...

פאַריז — די לייכטזיניגע, פאַריז — די געלייטערטע, מיט אירע אויסגע־כאַוועטע גאָטלאָזע קירכן, און מיט אַזאַ געטלעכער שפּילעוודיגקייט אין איר פרייזין; וועלכע האָט דערהויבן איר זנות צו די הויכן פון קונסט, און האָט איר קונסט באַהויכט מיט אַזאַ דורכגעגיהנומטער ליידנשאַפט. און——

פאַריז — די פאַרגוואַלטיגטע, פאַריז — די געפאַלענע, מיט דעם קויט און נויט וואָס וויינט־אַראָפּ פון די שלעפּן פון איר יום־טוב־קלייד — דער שרייענדיגער דלות ביי די ברעגן פון דעם סעין; מיט אירע אומצייליגע מענגעס פון מלחמה־קאַליקעס, וועלכע בראָדיען־אום איבער אירע גאַסן, ווי די הייליגע קי אין אינדיע... מענטשן אין גרויע קליידער, מענטשן מיט גרויע אויגן, מענטשן פון גרויע טעג. אַזויפיל פרויען אין טרויער־שוואַרץ איבער פאַריזער זוניגע בולוואַרן...

פאַריז — די פּיל־פּנימדיגע, די פילפאַרביגע — אַ וועלט־פּאַליטרע, אויף וועלכער יעדע פאַרב טוליעט זיך אין שכנות מיט דער צווייטער און האַלט־אָן איר אייגענעם קאָליר... יעדע פאַרב — אַ שטיק פאַריז, יעדער ווינקל — אַ שטיק וועלט־האַרץ, און אַלץ אינאיינעם — פ אַ ר י ז.

— פּ אַ ר י ז —

און איבער די פּאַריזער גאַסן האָט ער זיך אומגעשלייכט אַ הימלאָזער, אַן עלנטער — אַ פּינטעלע, אַ שטויבעלע אַ גרויעס אין דעם רייכן פאַרבנ־שפּיל. רו דע ריוואָלי — פּלאַס דע לאַ קאָנקאָרד — שאַם עליסעי — בולוואַר סעין גערמעין...

אין אַ רוסישער קאַפע־הויז, אין דעם סעין מישעל געגנט, האָט ער זיך צופעליג אָנגעטראָפן מיט שוואַרצבערגן. דערזעלבער „בצלאלניק" מיט דער פליושענער באַרעט, נאָר מיט אַביסל מער אָנשטעל —

— דוכס! פון וואַנען ביסטו דאָ, צו אַלדי שוואַרציאַר, אויסגעוואַקסן?!

— אָט, ווי דו זעסט — פון הימל אַראָפּגעפאַלן...

— כ'וואָלט זיך גיכער געריכט אַז דער פּראָפעסאָר פון די מנורהלעך מיט די טאַבעק־פּושקעס זאָל זיך אויסלערנען מאָלן, איידער דיר צו טרעפן אין פּאַריז! און נאָך דאָ — צווישן די קאַפּאַצעס...

— וואָס מאַכט עס אויס, פאַרבלאָנדזשעט אַהער, צו ערגיץ־אַנדערש־וואו? מיט די קאָן מען נאָך, לפּחות, זיך צוזאַמענריידן; מיט דיינע פּאַנפּעוואַטע פּראָווינציזן איז דאָך אַ וואָרט ניט!

— האָבן מיר שוין, הייסט עס, דיר אויך אויף ד ע ר זייט ים־הגדול. און אָט אַזוי, ביסלעכווייז, פּעקלט זיך אונדזער הייליגער „הקדש" אַריבער קיין חוץ־לאָרץ.

— ווער סיידן נאָך פון אונדזערע איז דאָ?

— אָט, פייגלזאָן, דער מרה־שחורה, האָט זיך, ניט־לאַנג־צוריק, אַהער אַראָפּ־געוואָרפן. ס'האָט אים ניט פאַליובעט די שווייצאַרישע לופט, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזט אין דער גאָלדענער מדינה אָנצונעמען אַ מלמדות. ס'איז שוין הפּנים אין די בלוט... און וואוהין אַשטייגער שלעפּט זיך עס אַ ירושלמי ווי דו, לאָמיר הערן?

דוכס האָט אים דערציילט.

— קיין פּילעגאָווע, זאָגסטו? — האָט שוואַרצבערג נייגעריג איבערגע־פרעגט. — פּילעגאָווע... וואָרט! איך קאָן דאָ, דאַכט זיך, אַ בן־עיר דיינעם: אָבער שוין איינמאָל אַ יונג!

— ווער אַזוינס?

— אַ מאָלער. פון די יונגע. סעפּיר — רעמיל סעפּיר — הייסט ער. אַ בחור מיט אַ נאָמען אין פּאַריז. מ'האָט דערוואָרט פון אים גאָר גרויסע זאַכן, נאָר—

— נאָר וואָס?

— נאָר גאָרניט. וועסט אַליין זען. איך מוז מיט דיר אַריבערגיין צו אים. ער האָט ליב צו ריידן וועגן זיין געבורט־שטעטל; און ווען דו האָסט דערמאָנט פּילעגאָווע, איז ער מיר באַלד געקומען אויפן זין. אָה, ער וועט זיך מיט דיר

גאַר מחיה זיין! אַי, איז דאָס אַ טאַלאַנט! אַ וואולקאַן פון שאַפונגקראַפט! אַ גאָניע! נאָר וואָס איז די פעולה?

— וואָס איז דען?

— אַ, די מלחמה, צו אַלדי שוואַרציאָר! דו ווייסט וואָס פאַר אַ „לייענען" דאָס איז, וואָס עס קאָן מאַכן פון אַ מענטשן. ער אָבער האָט אַריינגעכאַפּט דעם אמתן „מפטיר"...

— און ווי, האָסטו געזאָגט, הייסט ער?

— סעפיר — רעמיל סעפיר.

— סעפיר... סעפיר... כ'קאָן זיך ניט דערמאָנען פון אַזאַ משפחה ביי אונדז אין שטעטל... סעפיר...

— ווי איך פאַרשטיי, איז זיין פאָטער געווען אַ סופר. אין זיין משפחה זיינען געווען סופרים מדור־דורות. ער איז אין אונדזער עלטער.

— אַ סופר... רעמיל... אַ סופרס אַ זון...

און עס האָבן זיך פאַר אביגדורן אַ מיש געטאָן צוריק ווייטע יאָרן — זיין שטעטל — חדר־טעג — פרייע, זוניגע שעהן ביים ברעג־טייך —

— ניט אַמאָל אברעמעלע — אַברעמל, ביים אמתן נאָמען?! — האָט ער זיך פלוצים אַ כאַפּ געטאָן — אברעמעלע יונה דעם סופרס! — איז ער דאָס?!

— אפשר.

ס'איז געווען אברעמעלע.

אויף אַ דאַך־שטיבל, אין אַ זייטיג געסל פון לאַטייניש קוואַרטאַל, האָבן זיי אים געטראָפן זיצנדיג פאַר דער מאַל־ראַם. באַוואַקסן, צעשויבערט. די פאַליטרע צווישן די קני. דער רעכטער העמד־אַרבל איז אַרונטערגעהאַנגען לײדיג, פאַרכאַפּט מיט אַ זיכער־שפּילקע אַרויף, דאָרט וואו ס'האָט געזאָלט זיין אַן עלנבויגן. אַרויף, ביי דער זייט־וואַנט, איז געזעסן אַ יונגע פראַנצויזערן און האָט זיך מיט עפּעס באַשעפטיגט. שוואַרצבערג האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט איר אין אַ שטילן שמועס. פון דעם טונקל־גרויען הינטערגרונט פון דער אַטעליע האָט אַרויסגעבליכט איר פלאַסטישער, לאַנגער שוואַנען־האַלדז, איר צאַרט מיידלש פּנים; ס'האָט זיך בולט אויסגעשיילט איר שטאַלצער, שוואַרצקרויזיגער קאָפּ. רעמיל האָט געפלאַטערט פון אויפרעגונג. ס'איז געווען אַ מאָדנע באַגעגעניש: צוויי מענטשן, וועמען גורל האָט אין דער פריסטער יוגנט פאַנאַנדערגעשיידט, האָבן איצט, אויף אַ זייט־וועג פון לעבן, זיך צוזאַמענגעטראָפן — ביידע מיט בראַנדוואונדן פון לעבן־פלאַם אויף די נשמות; ביידע האָבן געזוכט אויפצוכאַפּן די לויזע פעדים פון די שטורעמדיגע צווישן־יאָרן, וואָס זיינען געלעגן צווישן זיי, און זיי צונויפקניפּן מיטן זוניגן אַמאָל; און ביידע האָבן זיך געמיט צו דערשטיקן אין זיך די געפילן. רעמיל האָט גערן גערעדט וועגן יענע זאָרגלאָזע, פאַרחלומטע קינדער־יאָרן; פון די ליכטיגע וועלטן, וועלכע זיי האָבן צוזאַמען אויסגעדמיונט אין זייערע „פאַרבאָרגענישן"

אויפן אַלטן בית־עלמין, אויפן שולהויף, אין וואַלד אויסערן שטאָט; פון זייערע בשותפותדיקע, נאַאיווע באַגערן. צעבראָכן, דענערווירט ווי ער איז געווען, האָבן בשעת־מעשה זיינע צערודערטע אויגן אויפגעשלאָגן מיט דער פּאַרטרוימטער בלויקייט פון׳ם אַמאָליגן אברעמעלע. זיין צוגעזשאַווערט קול האָט מאָמענטנוויז אָפּגעקלונגען מיט דער צאַרטער פאַרבענקטקייט פון זיינע פייפיאַל־טענער. נאָר וואָס ווייטער ער איז פאַרגאַנגען אין דער פאַרציילונג, וואָס נענטער ער איז צוגעקומען צום דאַמאָלט — צום איבערברוך־פּונקט פון זיין לעבן — אַלץ קורצאָטעמדיגער, אָפּגעהאַקטער זיינען געקומען זיינע ווערטער, אַלץ צעשטרויטער האָבן זיך געפּלאָנטערט די זאַצן. ער האָט זיך ווי צוזאַמענגעדרייט אין אַ נערוון־קנויל. פון מאָל־צו־מאָל האָט ער געוואָרפן אַן אַנטריסענעם בליק אויפן ניט־דערמאָלטן לייוונט און האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט. זיין שטים איז איצט געקומען דורכגעברענט, ברוסטיג־טעמפּ:

—...דערגרייכט פּאַריז. געהונגערט, געשטרעבט. זיך דערדינט צו אַן אויסשטעלונג אין דער אַקאַדעמיע. 1914. אַ מענטש ווערט מיטגעריסן. מענטש איז געוואָרן טייוול. די שלאַכטן ביי ווערדאַן. און—— און—— ס׳האָט גראָד געדאַרפט זיין דער ר ע כ ט ע ר אָרעם... אויס! אָבער אַ מענטש קאָן דאָך ניט, אויף איינמאָל, זיך אָפּזאָגן פון זיין גאַנצן אַלץ. כ׳האָב אַלץ געפּרוווט. כ׳פּרוואו נאָך עד־היום. דו זעסט. ס׳איז אָבער ניט דאָס, אביגדור — עס קאָן מער קיינמאָל ניט זיין דאָס...

זיין מויל האָט קאָנוואולסיוו אַ צוק געטאָן. זיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין אביגדורן. אביגדור האָט דערפילט אויף זיך דעם ברי פון רעמילס בליקן איבער דער גאַנצער לענג פון זיין רעכטן אָרעם, פון אַקסל־געלענק ביז צו די שפּיץ־פינגער. ער האָט ווי ניט געוואָגט צו באַוועגן יענעם טייל פון זיין קערפּער.

— און דו ביסט אַרויס גאַנץ, ברודער... — האָט רעמיל טרוקן אַרויסגערעדט — גאַנץ... ביסט מזלדיג: ביסט אַרויס גאַנץ...

— א ו י ס ע ר ל ע ך אפשר. — האָט אביגדור זיך ווי פאַרענטפערט — אינערלעך אָבער זיינען מיר קיינער... זיינען מיר אַלע... איך מיין צו זאָגן: אַלע זיינען מיר——

— פאַרקריפּלט! פאַרקריפּלט! — האָט רעמיל ווי אַרויסגעכאַפּט פון זיין מויל דאָס וואָרט, וועלכן אביגדור האָט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אין זיין געגנוואָרט — זאָג עס: קריפּלס! וויסטע קאַליקעס! שעם זיך ניט און רוף עס אָן ביים ריכטיגן נאָמען! איך ווייס: גייסטיגע בעלי־מומים... אמת. אַלע זיינען מיר אַזוי. און ווי איז נאָך אַז דערצו איז מען פ י ז י ש א ו י ך צעקאַליעטשעט? — פ י ז י ש א ו י ך אומבאַהאָלפן?! און מ׳וויל זיך נאָך אַלץ אַליין איינריידן, אַז מ׳קאָן זיך אַליין בייקומען, אַז מ׳איז ביכולת צו באַווייזן דאָס וואָס ס׳איז פיזיש אוממעגלעך; און מ׳פאַלט דורך,

און ס'לאָזט זיך ניט גלויבן — מ׳ וויל זיך ניט אונטערגעבן, ס'ווילט זיך ניט אונטערגיין; און מ'פייניגט זיך, מ'ווערט זיך, און מ'פּרוּווט זיך ווידער, און דער ביטערער אמת וואַקסט־אויס פאַר די אויגן, שלאָגט מיט באַקעטער שאַנד אין פּנים אַריין. די טרוקענעווירקלעכקייט וויל ניט וויסן פון קיין רחמנות — וויל ניט איינגיין אויף קיין פּשרות. און ווילנדיג־ניט־ווילנדיג הויבסטו־אָן צו צווייפלען אין דיינע אייגענע כוחות, הויבסט־אָן אָפּצופרעגן די ביישטענדיגקייט פון דיין ווילן, דעם באַטרעף פון דיין זיין, פון דיין ליידן. און דו פילסט אַז דו מוזט, און דו פאַרשטייסט אַז דו טאָרסט ניט, און דו ווייסט אַז דו וועסט... וואָס זאָל אַ מענטש אַזאַ, אין אַ שעה אַזאַ אַ בייזער, זאָגן?!

אביגדור האָט געזוכט ווערטער אין זיך.

— כ'פאַרשטיי. ס'איז דיר געפאַלן שווער. נאָר ס'איז נאָך אפשר ניט אַזוי שוואַרץ ווי דו מאָלסט עס, ניט אַזוי האָפענונגסלאָז... געדענק אויגוסט רע־נואַר... — האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ געדאַנק — מיט הענט שטייפע ווי די ברעטער, האָט ער זיך געלאָזט צו די אויסגעקרימטע, באַוועגלאָזע פינגער אַ פּענזל צובינדן. און דו ווייסט וואָס פאַר־אַ גרויסע מייסטערווערק ער האָט אין אָט דעם מצב געשאַפן...

— יאָ... — האָט רעמיל זיך געהאַמפּערט פאַרביסן — ער האָט אָבער געהאַט אַ רעכטע האַנט, צו וועלכער דעם פּענזל צוצובינדן!... ס'איז דער כוח הינטער דעם פּענזל — דער ריטם פון דיין בלוט, דער גאַנצער סך־הכל פון דיין אינערלעכן איך, וואָס ריזלט דורך דורך אַלע דיינע אברים, וואָס שטעלט דיין גאַנצן מוסקל־געבוי אין שפּיל און ברייט זיך אויס אויף דיינע שפּיצן־פינגער — דאָס איז וואָס גיט דעם שטריך מאַציע, וואָס גיט־אַריין לעבעדיגן אָטעם אין די פאַרב, לשון — דעם געמעל!... דער רעכטער אָרעם... אָבער אַז אַ מענטש איז האַלב? אַז אַ מענטש איז ניט מער ער? אַז אַ מענטש איז טויט־שטום צו זיך אַליין? און איך האָב דאָס געזאָלט זיין אַ קינסטלער — הו—ם!...

דער גאַליגער שמייכל איז געבליבן פאַרגליווערט אויף זיינע ליפּן. זיינע אויגן זיינען מיטאַמאָל גרויס געוואָרן. אַ גרינער פייערל האָט אויפגעברענט אין זיי — יענע שפּיזלדיגע גרינקייט, וועלכע זאָגט קיינמאָל ניט פאַראויס קיין גוטס. באַלד האָט ער געטאָן אַ שפּרונג־אויף פון זיין אָרט און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער מאָל־ראָם. זיין גאַנצער וועזן האָט געציטערט פון אויפ־רעגונג —

— אָט־אַ דאָס־אָ!... — האָט ער מיט צאַפּלדיגע פינגער געטייטלט אויפן לייוונט — שוין וואָכן־לאַנג ווי איך אַרבעט אויף דעם, און—— קוק: ס'האָט, דאַכט זיך, קאָליר, בילדלעכן צוזאַמענשטעל, באַלאַנס, אַנדייט; נאָר עפּעס פעלט אין דעם — אָט דער עפּעס, וועלכער דאַרף מאַכן דעם געמעל צו ריידן, וועלכער דאַרף דיר מאַכן צו קוקן אויף דעם מיט מיינע אויגן, וואָס דאַרף געבן

די פאָרמען אַ באַוועגלעכקייט, אַ ריטם, וואָס איז מ י י נ ס. אָן דעם איז עס גאָרינט — שאַבלאָן! אַ געמייזעכץ! טויטער פאַרב אויף שטומען לייוונט! וויזיעס אָן פליגל... און די זעאונג פון וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין טראָג איך א י ן מיר — אָט־אָ דאָ־אָ! — אין מיינע געהירן! — אין מיין בלוט! עס ברענט אין מיר מיט העלישן פייער! עס ברענט טיף, טיף — אָט־אָ דאָ־אָ!...

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פלאַש קאָניאַק פון פענצטער־שוועל אַראָפּ, האָט מיט די ציין אויפגעפּראַלט דעם קאָרעק און האָט האַסטיג געגאָסן אין זיך איין גלאָז נאָך דער אַנדערער —

— עס ברענט א י ן מיר!... עס ברענט!!...— האָט ער, פאַרכלינענדיג זיך צווישן די פולע שלוקן, געליאַרעמט ווי ניט מיט זיין קול — אָט דער רויט! — אָט דער פּורפּור! — אָט די אָנמאַכטיגע, געבראָכענע ליניע! — קאַלט!... אויסגעזויגן!... בלאַס!... און איך ברען! איך ווער דער־שטיקט! אָ דיאַבל! אָ דיאַבל![1]...

ער האָט אַ שליידער געטאָן די אויסגעליידיגטע גלאָז אויפן געמעל און באַלד נאָך דעם — די פלאַש, די פּאַליטרע. דער לייוונט איז דורכגעריסן געוואָרן פון אַ גוואַלדריס אין דער מיט. איבערן צימער איז מיט געבראַזג געפלויגן אַלץ וואָס איז אים נאָר געקומען אונטער דער האַנט. ער איז געווען איין שטיק ווילדער צאָרן, איין אָפּגעריסענער דונערשלאַג —

— איך בין פאַרשאָלטן! איך בין געבונדן! און פאַר מיר צאַפּלען זיך אין פלאַמען די פריידן און ליידן פון שאַפן אויף פינגער וועלכע זיינען ניט מיי־נע!... אַ, פינגער מיינע אָפּגעשניטענע — קייטן מיינע פלאַמיגע! זעאונגען אין רויט פון מיין אייגן בלוט, פון מיין אייגענעם אומקום!...

די פראַנצויזערן איז אַ בלאַסע צוגעלאָפן צו אים און האָט אים גענומען איינגעמען מיט אירע מיידלשע לאַסקעס. זי האָט באַדעקט זיין שוויס־באַשלאָ־גענעם פנים מיט ליידנשאַפטלעכע קושן, האָט געגעלעט זיין שטערן מיט ווייכע פינגער —

— רעמיל... מאָן שער רעמיל! מאָן פּעטי ענפאַן![2] באַרויאיג זיך...

אָן אָנמאַכטיגער, אָן אויסגעלאַשענער האָט ער, אונטערן באַריר פון אירע פינגער, זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן דערבייאיגן בעטל. זיינע אַקסלען האָבן געצוקט. דער אָפּגעשניטענער אָרעם האָט זיך קאָנוואולסיוו אַ צאַפּל געטאָן אַרויף —

— אָה, מאָן טעט! מאָן טעט![3] — האָט ער, ווי אַ קראַנק קינד, אַרויס־געוויינט.

1. צום טייוול!
2. מיין ליבער רעמול! קינדעלע מיינס!
3. מיין קאָפּ! מיין קאָפּ!

די מיידל האָט אים געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צום שטערן. די מיידל האָט אים געצערטלט. זי האָט אַ וואונק געטאָן צו שוואַרצבערגן און אביגדורן אַז זיי זאָלן שטילערהייד אַרויסגיין.

— אַזוי איז ער שוין, — האָט שוואַרצבערג זיך אָנגערופן, ווען זיי זיינען שוין געווען דרויסן. — אַרבעט־אָפּ וואָכן־לאַנג, חדשים, אויף אַ לייוונט און צעררייסט זיי אײנעם נאָכן אַנדערן. גיסט אין זיך, ווי אויף הייסע שטיינער. די גאַנצע פּענסיע, וואָס ער קריגט פון דער רעגירונג, גייט ביי אים אַוועק אויף קאָניאַק. נאָר די בתולה זיינע — ע, אַ טייערע שטיקל בתולה! ווען ניט זי, וואָלט ער זיך שוין לאַנג כ׳וויס ניט וואָס אָנגעטאָן...

אביגדור האָט זיך ניט אָפּגערופן. ער האָט נאָכגעפאָלגט שוואַרצבערגן מיט בלינדע טריט.

„...און דאָס איז אַברעמעלע...” האָט ער געטראַכט, „אָן אָדלער האָט ער אַמאָל געוואָלט זיין; זיך אויפהויבן א י ב ע ר דער זון; און—— וויזיעס אָן פליגן — פלאַמען ניט־דערצאַפּלטע...”

*

שוואַרצבערג האָט געהאַט אָן איינלאַדונג צו אַ סוואַרע אין דער אַטעליע פון אַ רוסישן סקולפּטאָר. ער איז באַשטאַנען אַז אביגדור זאָל מיט אים מיטגיין:

— קום! סט׳זיך אַביסל אויסלופטערן. וואָס־וואָס, קיין מרה־שחורהס זיינען די חברה ניט.

און אַז שוואַרצבערג, דער קלעק, האָט זיך אָנגעזעצט, איז שוין ניט געווען צו אָפּטשעפּען זיך פון אים.

ער איז מיטגעגאַנגען.

די רוסישע קאָלאָניע פון פּאַריז איז דאָרט געווען שטאַרק פאַרטראָטן — קינסטלער, בעזשעניצעס, ראַדיקאַלן פון אַלערליי ריכטונגען, אַ היבש ביסל אָנ־טרונענע ווייסע־אַרמעער און געוועזענע אַריסטאָקראַטן. די הוליאַנקע איז שוין געווען אין פולן גאַנג. ס׳האָט די רוסן לאַנג ניט גענומען צו דערוואַרעמען זיך. אַ טייל פון די געסט זיינען שוין געווען רעכט אונטערן גלעזל און האָבן געטרונקען „ברודערשאַפט” נאָך איידער מ׳האָט דעם מיטטרינקערס נאָמען גע־וואוסט. אַ קאַפּיטשקע פאַרגלוטנט, האָט נאָך אָבער אַלץ די עכטע רוסיש־ציגיי־נערשע אַטמאָספערע געהאַט די אויבערהאַנט. באַלאַלייקעס, האַרמאָניקעס, האָפּקאָס און קאָמאַריזקעס, פאַרבענקטע ראָמאַנסן און האַרציגע מעלאַנכאָ־לישע געזאַנגען פון ווייטע סטעפּן, און די וואַרעמע נאָכוויברירונג פון טיף־ברוסטיגע שטימען.

שוואַרצבערג איז שוין דאָרט הפנים געווען אַ בן־בית, און איז באַלד פאַרשלונגען געוואָרן אין דעם פריילעכן געווירבל. אביגדור האָט זיך אַריינ־געלאָזט אין אַ שמועס מיט אַ יונגן רוסישן אָפיצער, מיט וועלכן שוואַרצבערג

האָט אים באַקאַנט. זיי האָבן זיך ביידע אָפּגעזונדערט אין דער טיף פון דער גרויסער אַטעליע און זיך פאַרקליבן צווישן צוויי גרעסערע סטאַטועס, וואו זיי האָבן אָנגעהאַלטן זייער געשפּרעך אומגעשטערט. אביגדור איז געווען צו־געשפּאַנט צו באַמערקן, אַז זיין אָנוועזנהייט האָט פאַרכאַפּט אימעצנס אויג. אַ יונגע דאַמע האָט עטלעכע מאָל זיך דורכגעטראָגן פאַרביי זיי, האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט אַנטקעגן און האָט ווי געזוכט צו צוציען אביגדורס אויפ־מערקזאַמקייט. און אפשר האָט זיך עס אים נאָר אויסגעדוכט. באַלד אָבער האָט ער דערפילט אויף זיך דעם לייכטן באַריר פון אַ פרויען־האַנט —

— אַנטשולדיגט מיין געוואַגטקייט... נאָר אויב איך מאַך קיין טעות ניט——

ער האָט זיך פאַרוואונדערט אומגעקוקט —

— שוועסטער אַלעפּעאַ! — האָט ער אויסגערופן דערשטוינט.

— לויטענאַנט! זענט איר דאָס טאַקי!...

ער האָט געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, האָט איר אַריינגעקוקט אין פּנים, און האָט אויף דער מינוט זיינע אייגענע אויגן ניט געגלויבט. ער האָט איר געזען פאַר זיך אין שוואַרצן געקליידט — געהילט אין בלענדנדיגן ווייס — אַ בלויאויגיגע סודותדיגקייט צווישן גרויע מאַנאַסטיר־ווענט; ער האָט אָבער בשום־אופן ניט געקאַנט איינפאַסן דעמדאָזיגן פּנים אין איר איצטיגער קליי־דונג, אין דער איצטיגער אומגעבונג. פּאַריז... אברעמעלע... אַלעפּעאַ...— אַלץ האָט עפּעס אויסגעזען אַזוי אונרעאַל, אַזוי אויסטערליש, ווי ער וואָלט עס געזען דורך דעם שלייער פון אַ ווייטן חלום. ס'איז אָבער פאַרט געווען זי! — אירע פאַרקלערטע ברעמען, אירע רויט־פלאַמיגע האָר, איר מעלאָדיש קול. און זי האָט אויסגעזען אַזויפיל אינגער אין איר פאַרברייכער, אויסגעהאַפּטער קלייד; און זי איז געווען אַזוי פלאַטערדיג; און זי איז געווען אַזוי אַנדערש. און זי האָט אים געהאַלטן אונטערן אָרעם, און זי האָט אים צוגעפירט צום בופעט. ס'האָט אַ פינקל געטאָן דער געטראַנק אין די באַקאַלן, ס'האָבן גע־פינקלט אירע אויגן —

— צו אונדזער ווידערבאַגעגעניש!

— פריינדשאַפט!

ער האָט געטרונקען דעם ווײַן און האָט געקוקט אויף איר. אירע ליפּן האָבן זיך געבראָכן אין אַ שמייכל... ווען האָט ער צוערשט דעמדאָזיגן שמייכל אויפגעכאַפּט? ווען האָט ער צוערשט דידאָזיגע אויגן אַנגעטראָפן?... און ווידער ווערן די באַקאַלן פול, און פולער ווערן באַלד די אויגן. ס'קושן זיך די איבערגעפילטע גלאָז־ראַנדן —

— צו די דעראינערונגען פון פאַרגאַנגענע שעהן!

— צום לעבן! — צום היינט!

— ראַזאָם!...

— נאָך איינס!...

ווי לאַנג האָט ער מיט איר אַזוי געטרונקען? וואָס האָט דער דאָ אין אים צעצונדן? וואָס האָט ער איצט געוואָלט אין זיך אַליין פאַרשרייען?... נאָר ס'איז ניט געווען קיין דאָ, ס'איז ניט געווען קיין איצט. אַלץ אַרום איז ווי מיטאַמאָל צעשוואומען, זיך אַוועקגערוקט אין אַן אונזיכטבאַרן הינטערגרונט. בלויהימלדיקער פרימאָרגן ביי אַ ווייטן, זוניקן ברעג... אַ פאַרטראַכטער גלאָקן־טורעם איבער צערויטלטע בערג־שפּיצן אין אַן אָטעמלאָזן פאַרנאַכט... אַ סומנער נאָנע־צימערל אין דער פאַרבאַרגעניש פון אַ מאָנאַסטיר... אַ ציטעריק פלעמעלע פון אַ פרומער לאַמפּאַדקע אין ווינקל... ער און זי... און מיט איר איז ער איצנד געשטאַנען אויפן באַלקאָן. פאַר זייערע פיס האָט זיך געשפּרייט די נאַכטיקע פאַריז. אין דער ווייט האָט דער גאוהדיקער איפל־טורעם שימערירט מיט זיין צאַפּלדיקן ליכטן־שפּיל. ווי צווילינגדיקע פערל־שנורן, האָבן די גאַסן־לאַמפּן זיך שורותווייז געשלענגלט איבער די בריקן פון דעם סעין. און צווישן זיי ביידן — אַ בריק פון ניט־דערדערדטע ווערטער, פון ניט־דערטראַכטע נאָכשווייגנס. אַלעפּעאַ האָט אַ לענגערע ווילע אַריינגעקוקט אין דער נאַכט.

— און ז י ? — האָט זי ראַפּטאָם אַ פרעג געטאָן.

— צוואָס פרעגן? ס'איז געווען — ס'איז אַוועק — ס'איז פאַרלאָרן. דער משפּט פון צייט איז אויסגעפירט געוואָרן.

— מיטן ווינט פאַרטראָגן, ווי אַלע?

— וואָס איז דער אונטערשייד ווי ? איצט בין דאָס וואָס איר זעט מיר: אַן איינזאַמער וואַנדערער — אַ וואַגאַבונד — אַ זוכער, אויב איר ווילט עס אַזוי אָנרופן; און אפשר דאָס אויך ניט...

דער פריילעכער געפילדער אינעווייניק אין דער אַטעליע האָט זיך צעוואַקסן, איז געוואָרן וואָס־אַ־ווילדע הילכיקער, ווילדער. די ווערטער זיינען אָפּגעטויבט אַראָפּגעפאַלן פון די ליפּן און פאַרשלונגען געוואָרן אינ'ם בוזעם פון דער מילדער נאַכט. אונבאַמערקט האָבן זיי זיך דורכגעשפּאַרט צווישן די טאַנצנדיקע פאַרלעך, און דורך אַ זייט־טיר זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גאַס. ציללאָז, מיט באַזאַכטע טריט, האָבן זיי געצויגן זייער וועג איבער די געמיטלעכע זייט־שאָטנדיקע פאַסאַזשן, ליכט־באַשטראַמטע בולוואַרן, און איבער די סודות־דיקע שטעגן פון פאַרק. נאַכט האָט גערופן צו אויפבינדונג, צו דערניכטערונג; און מיט שניידנדיקער דייטלעכקייט האָבן זיך פאַר זיי געוויקלט די געשעענישן פון די איבערגאַנג־טעג, פון נאָך־שטורעם־צייט:

...ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט זי פאַרלאָזן דעם מאָנאַסטיר און איז געקומען אַהער. דאָ האָט זי געטראָפן איר מוטער, און דאָ זיינען פאַר איר צעפאַלן די שפּינוועב פון איר חלום... „יאָ, ער לעבט; ער האָט דערגאַרט דעם טאָג. מיטיאַ איז באַפרייט געוואָרן, מיטיאַ האָט זיך דערשלאָגן צום

אויבנאָן פון דעם נייעם רעזשים, און מיטיאַ איז ניט בייגעשטאַנען דעם נסיון. ווי אַ סך אַנדערע אין זיין שטאַנד, האָט ער, מיטן גאַנצן אייפער פון זיין ברויזנ־דיגער נאַטור, זיך געלאָזט אויפצומאַנען די קריוודעס פון זיין באַרויבטער יוגנט, צו אויסקויפן מיט בלוט דעם פיין פון טעג און יאָרן וואָס ער האָט געשמאַכט אין די תפיסות. און דער פאָטער איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות פון מיטיאַס צאָרן. מיטיאַ האָט אים אויסגעזוכט, און מיטיאַ האָט אים געשיקט צו זיין טויט... און מיט דער דערמאָרדונג פון פאָטער איז אָפּגעשטאָרבן אַלץ וואָס מיטיאַס וועזן האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט; זיינען אונטערגעשווענקט געוואָרן די יסודות פון דער וועלט פון גרויסן חלום. דער געגאַרטער טאָג, וועלכער האָט געזאָלט ברענגען דערלייזונג און גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען, האָט געבראַכט כאַאָס און פאַרניכטונג; האָט פאַרוואַנדלט דעם זיג פונ'ם געהאָפּטן אמת אין אַ רוימישן יום־טוב, אין אַ וועך־וועמען־שטרייט. דאָרט וואו ס'האָט אַצינד געזאָלט אויפגיין די זון פון שלום און ברודערשאַפט פאַר אַ פאַרפייניגטער וועלט; וואו אַ מענטשלעך לעבן האָט געזאָלט פאַרהייליגט ווערן — דאָרט האָט, נאָך דער „גרויסער דערגרייכונג", אויפגעפלאַמט אַ גיפטיגער האַס, אַ דורשט נאָך מאַכט, פערזענלעכער אייפער און מאַסן־מאָרד... און מ'קאָן ניט ליב האָבן דאָס לעבן און טראָגן אַ האַס צו מענטשן. גערעכטיגקייט קאָן דורך אומרעכט צו שטאַנד ניט קומען. מאָרד איז מ אָ ר ד — וואָס דער אויסרייד דאַפיר זאָל ניט זיין! בלוט איז ב ל ו ט — אונטער וועלכער פאָן עס זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן!..."

דער וועג האָט זיי געפירט פאַרביי דעם טריאומף־טויער. אביגדור האָט אויף אַ ווײלע פאַרהאַלטן זיין גאַנג. עפּעס אַנטקעגן האָט פאַרכאַפּט זיין אויג: אין דעם האַלב־טונקעלן אויסהויל פון דער אַרקע האָט, ווי פון דער טיף־אַרויס, געפלעמלט אַ מיסטיש פייערל. אַ זעלנער אין פולער רעגאַליע איז געשטאַנען וואַך.

— ס'איז דער קבר פון דעם אומבאַוואוסטן סאָלדאַט. — האָט אַלעפעאַ אים דערקלערט.

— ד ע ר א ו מ ב אַ ו ו א ו ס ט ע ר ס אָ ל ד אַ ט... — האָט אביגדור נאָכטראַכטנדיג אַרויסגערעדט, ווען ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעריסן פון זיין שטעל — דער אומבאַוואוסטער קרבן פאַר אַ נאָך־ווייניגער באַוואוסטן ענד־ציל...

— יאַ... — האָט אַלעפעאַ פאַרגעזעצט אין דעמזעלבן פאַרטראַכטן טאָן — און ליכטיג און גרויס איז געווען דער חלום אינ'ם ווייטן גאַרן, און הערלעך זיינען געווען די שעהן פון וואַרטן, און מאַכטיגער און ענטשיידענער פון זיי ביידן איז די אַנטוישונג וואָס האָט נאָכגעפאָלגט... איצט איז דאָס אַלץ אויס־געלאָשן, טויט. דער מיטיאַ פון אַמאָל עקזיסטירט ניט מער פאַר מיר. אַצינד איז פאַר מיר דאָ נאָר דער היינט — ד ע ר ב אַ ל ד י ג ע ר ב אַ ל ד, —

און צו די שדים מיטן מאַרגן! מאָרגן איז אַ שווינדלער, אַ באַעולער — דער פיבער־חלום פון אַ קראַנקן, פון אַן אומבאַהאָלפענעם. איך וויל לעבן! ל ע ב ן! — האָט זי מיט וויברירנדיגן פּאַטאָס אַרויסגערעדט — אויסזויגן פון לעבנס בעכער די פרייד פון איצט, פון שוין, ביזן לעצטן טראָפּן! איך וויל צוריקגעפינען די לעבעדיגע היינטן, וועלכע איך האָב אין בלינדן וואַרטן אויפגעאָפּפערט צום גאָט פון מאָרגן וואָס איז שוין לאַנג טויט!...

זיי זיינען צוגעקומען צום אָפּצווייג פון פלאַס דע לאַ קאָנקאָרד. די גאַסן זיינען געווען אָפּגעלײדיגט. די דרויסן־ליכטער פּאַר די קאַפע־הייזער האָבן זיך איינציגוויז געלאָשן. דער הימל צווישן די הייזער האָט זיך געבלאָסט.

— ס'ווערט שפּעט — האָט אַלעפעאַ באַמערקט.

— זאָלן מיר זיך צוריקקערן?

— ניין. איך וועל אייך צוערשט באַגלייטן ביז אייער וואוינונג. איך איז נאָך וואַרשײנלעך די שטאָט פרעמד. וואו איינגנטלעך וואוינט איר?

אביגדור האָט איר שוויגנדיג אָנגעקוקט.

— וואו וואוינט איר, האָב איך געפרעגט... — האָט אַלעפעאַ איבער־געחזרט.

אַ פאַרשוולדיגטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אביגדורס ליפּן. אַלעפעאַ האָט דעמדאָזיגן שמייכל אויפגעכאַפּט מיט דערשטוינונג:

— איר מיינט צו זאָגן אַז——

— דאַרפט איר נאָך פרעגן?

— גאָט מיינער! פאַרוואָס־דען האָט איר וועגן דעם די גאַנצע צייט גאָר־ניט געזאָגט?!

— צואוואָס?

— שוויגט ליבערשט, איך בעט אייך!...

*

ער האָט די נאַכט די נאַכט איבערגענעכטיגט ביי איר, און מער נעכט האָבן נאָכ־געפאָלגט. איר מוטער האָט, מיט מיטיאַס הילף, באַוויזן אַרויסצוראַטעווען מיט זיך פון רוסלאַנד אַ באַדייטנדן טייל פון איר מזומנעם פאַרמעגן און אַ סך פון אירע ווערטפולע צירונג־שטיקער. די היים איז געווען אַ באַקוועמע, אַ גאַסטפריינדלעכע. די הויז האָט שטענדיג געווירבלט מיט יוגנט, האָט שטענ־דיג געשפרודלט מיט פרייד, מיט לוסט. און אַלעפעאַ האָט געטרונקען פרייד, אַלעפעאַ האָט געזוכט באַרוישונג, אַלעפעאַ האָט געיערט נאָך פאַרגעסונג. הו־ליאַנקעס. וועטשערינקעס. לוסט־עקסקורסיעס. ספּאָרטן. פּאָלי בורזשעי — מאָולען רוזש — נאַכט־לעבן אין קאַפע־שאַנטאַנען — מוזיק־האָלעס — טאַנץ־זאָלן. אביגדור איז מיטגעריסן געוואָרן. דאָס לייכטע, שפּילעוודיגע פאַריזער לעבן האָט אים פאַרכאַפּט. ליכטיגער אויפבליק פון שוואַרצע פרויען־אויגן.

אויגן בלוי, און לאָקן רויט, און רייצנדיגע בויגעוודיגקייט פון מיידלשער לייב־נאַקעטקייט. ברויזיגע טעג. לינדע, סאַמעט־ווייכע פאַרנאַכטן. נאַכטיגע שעהן פון גלוסט און געניוס ביזן בלאַסן פרימאָרגן. ווייַן. געזאַנג. „ל ע ב ן ! ל ע ב ן ! איז דאָס נישט סיידן אַלץ וואָס די טעג אונדזערע די אויסגעבעטלטע האָבן אונדז צו שענקען ?...”

נאָר ווען וואָכן האָבן זיך אויסגעניכטערט אין חדשים, האָט ער דערפילט די גאַפּנדיגע ליידיגקייט הינטער דער שכרותדיגער באַרוישונג, די שרייענדיגע אויבערפלאַכקייט פון דער אויפגעשוימטער פרייד ; און אים האָט דאָך אַזוי געצויגן צו גרונטיגקייט, צו ממשותדיגקייט, צו עפּעס וואָס זאָל געבן אַ מיין צו זיינע טעג, וואָס זאָל אים לאָזן פילן דעם באָדן אונטער די פיס...

ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין באַשעפטיגונג, און אויף צו זעצן זיך לערנען די שפּראַך פון לאַנד האָט ער ניט געהאַט קיין געדולד. דער וואַנדערלוסט האָט אים אויפסנייַ באַזועסן. פון פאַרן אַהיים האָט איצט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. אפשר לאַנדאָן... ער האָט וועגן דעם גערעדט מיט אַלע־פּעאָן. זי האָט אים פאַרנומען, זי האָט אים פאַרשטאַנען.

דריי זיינען זיי געווען צו באַגלייטן אים ביי דער באַן : רעמיל, שוואַרצבערג און זי. דריי העַנט האָבן זיך געצויגן צו אים אַריבער דער גרויער פּלאַטפאָרמע : צוויי רעכטע, איינע אַ לינקע. און מיטגענומען מיט זיך פון דער פריידיגער שטאָט האָט ער שוואַרצבערגס ברייטהאַרציגן ביטול־שמייכל, רעמילס שטאַרע בליקן, און דעם טויביגן פלאַטער פון אַ ווייס טיכעלע איבער אַלעפּעאָס הימל־בלויע אויגן...

„אַ ש מ ע ט ע ר ל י נ ג... אַ פאַרבלאָנדזשעטער שמעטערלינג אין אַ וואָלקנדיגן טאָג...” האָט ער נאָך געטראַכט פון איר מיט די טראַכטונגען פון אַמאָל, ווען דער צוג האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלאָזן פאַריז הינטער זיך.

11

טורעמס אין נעפל

דער נעפּל איבערן שטאָט איז געהאַנגען נידעריג. דורך דער געדיכטער גרויקייט האָבן, ווי בייזע חיה־אויגן, אַרויסגעגלאָצט די פּראַנט־ליכטער פון די אָמניבוסן. ווי פון אַ וועלט אַן אַנדערער, האָבן פון צווישן די נעפּל־ריסן אַראָפּגעקוקט די באַלויכטענע פענצטער פון די הויכשטאָקיגע טורעמס־הייזער. לאָמפּן־ליכטער אין מיטן טאָג — טורעמס אין נעפּל. און אונטן, צווישן די שאָטנדיגע גאַסן־שפּאַלטן, האָט די יחסנדיגע לאָנדאָן אָנגעהאַלטן איר גאַנג מיט מאַסיווע, פעסטגעזעצטע טריט.

דייבעס האָט פאַרלאָזט דעם פּיקאַדילי פּלאַץ און האָט זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג פון פּאַרק. דער ציללאָזער אומשפּאַצירן איבער די נעפּל־איינגעהילטע לאָנדאָנער גאַסן איז אים געוועזן צום געמיט. עס האָט אים ווי געגעבן אַ בעסערע מעגלעכקייט צו פאַרטיפן זיך אין זיך, צו פאַנאַנדערקלייבן זיך בעסער אין מחשבות.

אין דעם האַיד פּאַרק געגנט איז ער שטיין געבליבן פאַר אַן אימפּאָזאַנט הויז. דער נאָמען אויפן באַשיידענעם מעשענעם שילד ביים אַריינגאַנג האָט אים ווי ניט געלאָזט ווייטער גיין —

זאָל דאָס זיין ער? איז עס ניט מאָדנע, וואָס ער זאָל אַקאָרשט האָבן געטראַכט פון אים, און דאָ——? זאָל עס זיין ער?

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם אויפשריפט אויפן שילד:

וויינסטאָן גראַהאַם

כ י ר ו ר ג

באַראַטונג־שטונדן: 1 — 3 נ.מ.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַשן־זייגערל: אַ פערטל צו דריי. נאָך פופצן מינוט. זאָל ער אַריינגיין?

ער האָט זיך אָנטשלאָסן און איז אַרויף.

אַ בייניגער לאַקיי, מיט אַרונטערגעפאַלענע אויגנדעקלעך און מיט אַ פאַרעוון פּנים, האָט פאַר אים געעפנט די טיר אין וואַרט־זאַל.

— גוטן נאָכמיטאָג, סעיר. קאָן איך אייך באַהילפיג זיין, סעיר?

— איך בין ניט דורכאויס זיכער צי דאָס איז דער דאָקטער גראַהאַם וועלכן איך בין אויסן צו זען. קאָנט איר מיר, פּליז, זאָגן צי דאָקטער גראַהאַם האָט געדינט אין דער אַרמיי?

— יעס, סעיר. מיסטער גראַהאַם איז געווען קעפּטען אין דער ראָיאַל אַרמי מעדיקאַל קאָר פון זיין מאַיעסטעטס אַרמיי אין דער צייט פון וועלט־קריג, סעיר.

— איז ער געווען אין עגיפּטן?

— יעס, סעיר. מיסטער גראַהאַם איז געווען מיט דער עקספּעדיציאָנעלער אַרמיי אין עגיפּטן און אין הייליגן לאַנד, סעיר. ער איז געווען כירורג אין אַ שפּיטאָל אין קאַירא, עגיפּטן, סעיר.

— אין 1917?

— זייער ריכטיג, סעיר.

— דאָס שטימט! קאָן איך זען דעם דאָקטער?

— האָט איר אַ באַשטימונג צו זען מיסטער גראַהאַם, סעיר?

— ליידער, ניין.

— אייער נאָמען, סעיר?

— דייכעס.

— אַ דאַנק, סעיר. וועט איר זיין אַזוי געפעליג און זיך צוזעצן דערווייל, סעיר.

— איך דאַנק.

דער לאַקיי איז מיט אָנגעקראָכמאַלעטע טריט פאַרשוואונדן הינטער די פאָרטירן פון אַ זייט־צימער. דייכעס האָט זיך געמאַכט באַקוועם אויף איינעם פון די הויך־וועגטלדיגע שטולן אין דעם גערעמען, ווייך־באַלויכטענעם וואַרט־זאַל. צוויי עלעגאַנט־געקליידעטע דאַמען האָבן זיך אַרויסגעטראָגן פון דער טיר וואָס האָט געפירט צום פּריוואַטן קאַבינעט. אַ באַליווערירטער שאָופער האָט זיי אָפּגעוואַרט ביי דער דרויסן־טיר. דער לאַקיי האָט מיט אַ מעסיגן נויג פאַרבעטן דייכעסן אין אַ דערבייאיגן צימער. אַ שלאַנקע קראַנקנשוועסטער, מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין דער האַנט, האָט אים גענומען אויפן פאַרהער:

— אייער פולער נאָמען, סעיר?

— וויקטאָר מ. דייכעס.

— אייער אַדרעס, פּליז?

ער האָט איר געזאָגט.

— און פון וועמען קומט איר רעקאָמענדירט, מיסטער דייקעס?

ער האָט זיך באַלד אָנגעשלאָגן אויף איר טעות.

— איר וועט מיר אַנטשולדיגן, מאַדאַם; נאָר מעג איך קלאָר מאַכן: איך בין ניט געקומען אין אַ פּראָפעסיאָנעלער אַנגעלעגנהייט. עס איז בלויז אַ פּערזענלעכער באַזוך. כ'האָף אַז איך בין ניט צו באַלעסטיגונג.

— דורכאַויס ניין, סעיר. וועט איר אַזוי גוט זיין און צוואַרטן דאָ אַ מינוט אָדער צוויי? איך וועל מעלדן דעם דאָקטער.

זי האָט זיך באַלד ווידער באַוויזן אין טיר —

— דאָקטער איז גרייט אייך צו זען, סעיר.

דאָקטער גראַהאַם האָט אים אויפגענומען אין זיין פּריוואַטן באַראַטונג־צימער. אין דער ציווילער קליידונג האָט דאָקטער גראַהאַם אויסגעזען נידעריגער, גרויער. אַ באַהערשטע מידקייט איז געלעגן אויף זיין פּנים. ער האָט דורכגענומען דייכעסן מיט זיינע שפּיזלדיגע, קלוגע אויגן —

— דייקעס... דייקעס... דייקעס... — האָט ער לאַנגזאַם איבערגעחזרט דעם נאָמען, האַלטנדיג דייכעסעס האַנט אין זיינער, און האָט אים גראַד אַנגעקוקט, ווי ער וואָלט געוואָלט וואָס אַראָפּלייענען פון זיין פּנים — דייקעס... איך בין ניט זיכער אַז איך זאָל האָבן דעם נאָמען געהערט, נאָר אייער אויסזען איז מיר באַקאַנט — שטאַרק באַקאַנט, וואָלט איך זאָגן. וואו האָב איך אייך געהאַט געזען?... ניין! זאָגט ניט! זאָגט ניט! איך מוז מיך אַליין דערמאָנען... איך דענק ניט אַז איך האָב אייך ווען ד אָ געזען. אין דעם בין איך זיכער. וואו־דען ה אָ ב איך אייך געזען?... דייקעס...

— וועט אייך גרינגער זיין צו דערמאָנען זיך אויב איך וועל אייך אָנגעבן מיין נומער? — האָט דייכעס אים געפּרוווט אַרויסהעלפן.

— אין דעם לאָנדאָן רעגימענט?

— ניין, סעיר! נאָר עפּעס ענלעך צו דעם.

— עגיפּטן?

— זייער ריכטיג, סעיר.

— אָה, אין דעם שפּיטאָל פאַר די געפאַנגענע! דאָס איז דאָס! — האָט דאָקטער גראַהאַם אויסגעשאָלט מיט נצחון — איר זענט געווען מיט די טערקן, ריכטיג? אָה, איצט געדענק איך אייך. זיכער. ווי איז די פוס אייערע? — האָט ער אים אַ טאַפּ געטאָן ביים שאַנק — אין גוטן אָרדענונג? לאָמיר אייך זען דורכשפּריזן דעם צימער... פיין! פיין! אויסגעצייכנט! ס'איז ווירקלעך גוט צו זען אַז איר האָט צוריקגעוואונען דעם פולן נוצן פון דער פוס. ס'איז אַ באַפרידיגונג... יאָ, איך געדענק אייך איצט זייער גוט. איר האָט דאַמאָלט אַרויסגעוויזן אַ סך אויסדויער, יונגערמאַן. איך בין העכסט צופרידן וואָס איר האָט געדענקט פון מיר און זענט אַריינגעקומען, מיסטער —— דייקעס. זעצט זיך, איך בעט אייך. איצט זאָגט מיר, פּליז, ווי לאַנג זענט איר דאָ אין לאָנדאָן?

— אַרום דריי מיט אַ האַלבן מאָנאַט, סעיר. איך האָב צופעליגערווייז

באַמערקט אייער נאָמען אויפן שילד, און האָב מיך גענומען די פרייהייט אַרויפ־צוקומען. איך בין אייך שולדיג אַ סך דאַנקבאַרקייט, דאָקטער.

— ס'איז זייער העפלעך פון אייך. און וואָס טוט איר דאָ, מעג איך פרעגן — אויף אַ באַזוך?

— אויב איך געפעלט עס אַזוי אָנצורופן. איך בין אייגנטלעך געפאָרן ערגיץ־וואו־אַנדערש, און האָב זיך דאָ פאַרהאַלטן. פאַר די לעצטע פאַר מאָ־נאַטן בין איך אָנגעשטעלט אַלס איבערזעצער אין אַ רייזע־ביוראָ. היינט האָב איך געהאַט מיין וועכנטליכן פרייען נאָכמיטאָג און האָב גראָד באַזוכט דעם געגנט, און אַזוי־אַרום בין איך געקומען פאַרן שוועל פון אייער הויז. איר זענט שטענדיג געווען אַ דערהאַבענע דעראינערונג פאַר מיר פון יענע גרוי־זאַמע טעג, דאָקטער.

— זייער געהויבן פון אייך, סעיר. און מאָדנע: איך האָב גאַנץ אָפט גע־טראַכט פון אייער קראַנקן־פאַל, פון אייך אין אַבסטראַקט. איך האָב ניט גע־דענקט אייער נאָמען; צייט האָט אָפגעבלאָסט פאַר מיר אייער אויסזען; נאָר אייער פאַרהאַלטונג, אייער עקשנותדיגע געדולדיגקייט דורך דער צייט וואָס איר זענט געווען אונטער מיין אויפזיכט אין געפענגשאַפט־שפּיטאָל, האָב איך שטענדיג באַוואונדערט. זאָגט מיר, מיסטער דייקעס: אויב איך מאַך קיין טעות ניט, זענט איר, לויטן אָפּשטאַם, ניט קיין טערק — ריכטיג?

— ניין, סעיר. איך בין אַ איד, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין אַ טייל פון רוסלאַנד, וואָס איז איצט פוילן; האָט געלעבט אַ צייט אין פּאַלעסטינע, און וואַנדערט־אום איבער דער וועלט מיט אַן ענגלישן פּאַספּאָרט אַלס אַ טער־קישער אונטערטאַן.

— עכטער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס?

— אויב איך געפעלט עס בעסער אַזוי, סעיר. פאַר מיר אָבער צייגט עס נאָר די אַזויגערופענע „שטאַנדהאַפטיגקייט" וואָס דער צושרייבן פון אַ נאַ־ציאָנאַליטעט צו אַ מענטשן האָט; די וויכטיגקייט וואָס די אָפיציעלע וועלט לייגט דערויף; און — מער פון אַלץ — די וואַנזיניגע שווידערלעכקייטן וועלכע אַ מענטש איז פעאיג צו באַגיין אינ'ם נאָמען פון דעמדאָזיגן לעגאַ־ליטעט.

דאָקטער גראַהאַם האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ שאַרפן זייט־בליק —

— יעס, דאָס איז קאָמיש — טראַגי־קאָמיש, זאָלט איך זאָגן... נאָר איך מוז אייך וואָס נאָך פרעגן, מיסטער דייקעס: עפּעס קאָן איך ניט געדענקען אַז מיר זאָלן האָבן גערעדט צווישן זיך ענגליש; מאַך איך אַ טעות אין דעם?

— ניין, סעיר. מיר האָבן גערעדט דייטש.

— דאָס איז ריכטיג. דאָס וואָס מיר האָבן גערעדט — דייטש. און ווען האָט איר באַוויזן צו אויסלערנען זיך אַזאַ פיינעם ענגליש?

— דורך דער צייט פון מיין געפאַנגענשאַפט, סעיר — אין געפאַנגענשאַפט־לאַגער.

— ווירקלעך?! וועלל, ס'איז גוט צו וויסן אַז געפאַנגענשאַפט־לאַגער האָט כאָטש אימעצן וועלכע ס'איז נוצן געבראַכט; אַז אימעצער האָט געהאַט דעם פאַרזוכט אויסצונוצן יענע אונפּראָדוקטיווע טעג צום גונסטן. אָט האָט איר, צום ביישפּיל, באַוויזן זיך אין עפּעס צו פאַרפאָלקאָמען: איר האָט זיך אויסגעלערנט אַ נייע שפּראַך.

— דאָס איז אפשר זייער ריכטיג, סעיר. נאָר עפּעס מער — עפּעס אַ סך וויכטיגער — ווי אַ שפּראַך האָב איך דאָרט אָפּגעלערנט.

— נעמלעך?

— אַז אין דעם לאַנגן סך־הכל זיינען מיר אַלע מ ע נ ט ש ן , סעיר. נעמט אַרונטער פון די מענטשן די אוניפאָרם, די אַרויפגעצוואונגענע אָפּצייכענונגען, די געקינצלטע אַנדערשקייט, די אָפּגעפרעמדקייט — און מיר זיינען אַלע ברידער אונטער דער הויט...

דאָקטער גראַהאַם האָט אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן דאָס אַנשטאָפּן פון טאַבעק אין ציבעק און האָט פאַרחידושט אַרויפגעקוקט צו דייכעסן. ער האָט זיך געקליבן עפּעס צו פרעגן, נאָר אַנשטאָט האָט ער געזאָגט:

— איך מוז אייך קאָמפּלימענטירן, מיסטער דייקעס, פאַר אייער קאָרעקטן ענגליש. און איר מיינט צו זאָגן, אַז איר האָט קיינמאָל פריער ניט געהאַט קיין סיסטעמאַטישע אונטעריכט אין דער שפּראַך?

— ליידער, ניין, סעיר. מערסטנס, זעלבסט־אונטעריכט. אַ סך האָט מיר אין דעם היגזיכט קאָלאָנעל וואודס אַרויסגעהאָלפן.

— האָב איך אייך געהערט זאָגן קאָלאָנעל וואודס?... אָה, יעס! ער איז געווען דער קאָמאַנדאַנט פון די געפענגנשאַפט־לאַגערן. זיכער.

— און ער איז דער, וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען פאַר מיין איצטיגער שטעלע. — האָט דייכעס צוגעגעבן.

— אים? ווי קומט עס?

דייכעס האָט אים דערציילט.

ער האָט אים דערציילט פון די באַציאונגען צווישן אים מיט קאָלאָנעל וואודס דורך דער גאַנצער צייט פון זיין געפענגנשאַפט; פון זיין פאַרלאָזן ארץ־ישראל; וועגן זיינע ערשטע טעג אין לאָנדאָן — ווען ער איז אומגעגאַנגען אַ הונגעריגער, אַ פּענילאָזער, איבער דער פרעמדער שטאָט, ניט־האָבנדיג קיין אָרט דעם קאָפּ אַנצושפּאַרן. ער האָט געזוכט עפּעס צו טאָן. עס זיינען געווען געצוג אָ ן א י ם . זיין לאַגע איז געוואָרן וואָס אַ טאָג מער פאַרצווייפלט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן קאָלאָנעל וואודס' צוזאָג ביי זיין פאַרלאָזן דעם געפאַנגענשאַפט־לאַגער. ער האָט באַשלאָסן צו שטעלן זיך מיט אים אין פאַרבינדונג. ער האָט געהאַט אַ טאָפּלטן כיוון דערביי: ס'איז געווען ליט־

ברירה; און צווייטנס, האָט ער געוואָלט זען ווי ווייט דערדאָזיגער ענגלישער דזשענטלמאַן וועט האַלטן וואָרט, אָדער ווי אַזוי ער וועט זיך אַרויסדרייען פון זיין פאַרשפּרעכן. אָבער קאָלאָנעל וואודס האָט ניט געמאַכט דעם מינדסטן פּאַרזוך זיך אַרויסצודרייען. וואודס האָט מיט זיין שאַרפן חוש־הריח באַלד דערשפּירט די בייסיגקייט אין דייכעסעס דירעקטן באַריר פון דער פראַגע. און וואודס האָט אים פריינדלעך אויפגענומען און האָט אים באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט דעם הויפּט פון דער רייזע־ביוראָ. ס'איז דורך וואודס' רעקאָמענדאַציע און דורך זיין איינפלוס וואָס ער האָט געקראָגן די שטעלע. די שטעלע איז אַ גוטע, דער געהאַלט — געהעריג, די אַרבעט — מער אָדער ווייניגער אינטערעסאַנט, נאָר——

דער לאָקיי איז אַריינגעקומען —

— ס'טוט מיר לייד אייך צו שטערן, סעיר; נאָר איר האָט אַ באַשטימונג צו זיין אין קליניק פיר אַזייגער. דער אָטאָמאָביל איז גרייט, סעיר.

— אָה, יעס! יעס! — איז דאָקטער גראַהאַם אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט — איך קום גלייך אַרויס... איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיגן, מיסטער דייקעס. האָט איר ניט געזאָגט, אַז איר זענט פריי דעם נאָכמיטאָג? ווי וואָלט איר געוואָלט מיטפאָרן מיט מיר אין קליניק? כ'גלויב, אַז כ'וועל זיך דאָרט לאַנג ניט זאַמען. מיר'ן נאָכדעם האָבן מער צייט. ווירקלעך, איך קאָן אייך אַזוי ניט אָפּלאָזן. וואָס ט'איר זאָגן צו דעם, מיסטער דייקעס?

— מער ווי צופרידן, סעיר.

דער אָטאָמאָביל האָט זיי געטראָגן פונ'ם פאָרמעגלעכן האַיד פּאַרק געגנט אין דער ריכטונג פון דער איסט ענד. דער שאופער האָט זיך קונציג דורכגע־שלענגלט צווישן די האַמעטנע אָטאָבוסן אין דעם געדראַנג פון לאָמבאַרד סטריט, פּאַטערנאָסטער ראָו און די ווירבלענדיגע טהאָראָפיערס. דער לאָנדאָן בריק האָט זיך באַלד באַוויזן פאַר זיי.

— וועלל, ווי געפעלט אייך לאָנדאָן, מיסטער דייקעס? — האָט דאָקטער גראַהאַם, איבעררייסנדיג זייער ביזאָהעריגן שמועס, אַ פרעג געטאָן — אַ היבשע שטאָט, וואָס?

— זייער... — האָט דייכעס באַזאָכט אָפּגעענטפערט — פעסטגעזיכערט, מאַסיוו, שטאָלץ — אַביסל צו־שטאָלץ, וואָלט איך געזאָגט. צו זיין אָפּג־האַרציג, סעיר: לאָנדאָן מאַכט דעם איינדרוק פון אַ וועלט־שטאָט, נאָר אָן דעם גייסט פון וועלטליכקייט. צו־פאַרנומען מיט זיך, מיט איר אייגענער חשיבות; אפשר שוין צו——

— זעצט פאָר; איך פאַרנעם.

— וועלל, מעגלעך, אַז ס'איז ניט העפלעך פון מיין זייט אַזוי צו ריידן; נאָך אַלעמען, בין איך דאָ ניט מער ווי אַ פרעמדער. נאָר טאָקי דער עצם פאַקט וואָס אַ מענטש פילט זיך דאָ פרעמד, איז אַ געוועגנדער באַווייז אַז אַלץ

איז אפשר ניט ווי ס'האָט באַדאַרפט צו זיין; אַז ס'איז שוין צייט אַז מענטשן זאָלן איינזען, אַז קיינער האָט נאָך קיינמאָל קיין קריג ניט געוואונען — אַז ס'איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַבסאָלוטער נצחון פון מענטש איבער מענטשן...

— נאָו, איצט רעדט איר מיין שפּראַך, יונגערמאַן! איצט רעדט איר מיינע ווערטער!

— איך דערלויב מיר אַזוי צו ריידן אין אייער געגנוואַרט, דאָקטער, ווייל איך בין אַלץ אונטערן איינדרוק, אַז איר זענט געווען דער, וועלכער האָט דערוועקט דידאָזיגע געדאַנקען אין מיר — אונדירעקט אפשר — לאַנג צוריק — אין שפּיטאָל נאָך...

דאָקטער גראַהאַם האָט קלוג אַ שמייכל געטאָן מיט די אויגן —

— עס פרייט מיר זייער צו וויסן אַז מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען, יונגערמאַן...

דער קליניק איז געווען אין אַ רחבותדיגער געביידע אין דער האַרץ פון דער איסט ענד. דער גרויסער אויפנאַם־צימער איז געווען געפּאַקט מיט מענער און פרויען פון אָרימן קלאַס: מיטליאַריגע אַרבעטער, פאַר־דער־צייט־פאַרעלטערטע פרויען און אַרויסהעלפער ביי די „דאָקס״, היגע און פון פרעמדן אָפּשטאַם. דאָקטער גראַהאַם איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ סוויטע אַסיסטענטן, קראַנקנשוועסטער און אינגערע דאָקטוירים, וועלכע זיינען געווען אַנגעשטעלט אין קליניק. מיט אָפּגעפרישטן מוט האָט דאָקטער גראַהאַם זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, האָט זיך געלאָזט מיט זיינע מיטבאַגלייטער פון איין באַראַטונג־צימערל צום צווייטן. די מידקייט, וואָס איז געלעגן אויף זיין פנים פאַר זיין קומען אַהער, איז ווי מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. אַ פרישער קוואַל פון ענערגיע און אַרבעט־פלייס האָט אין דעם מענטשן אויפגעשפרודלט. דייכעס האָט באַמערקט דעם טיפן אָפּשיי וואָס זיינע מיטאַרבעטער האָבן געפילט צו דאָקטער גראַהאַמען, די שטומע דאַנקבאַרקייט וואָס האָט אַרויסגערעדט פון די אויגן פון די פּאַציענטן, און ער האָט באַוואונדערט דאָקטער גראַהאַמס ריין־מענטשלעכע, איבערגעגעבענע באַהאַנדלונג פון די וועלכע זיינען געקומען אונטער זיין אויפזיכט — אַ זאַך וואָס איז אַזוי זעלטן צו געפינען צווישן די אינגערע דאָקטוירים אין פרייע קליניקס און אין וואוילטעטיגע אַנשטאַלטן...

ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם קליניק, האָט דייכעס וועגן דעם באַמערקט צו דאָקטער גראַהאַמען.

— וועלל, איר מוזט עס פאַרשטיין, יונגערמאַן, — איז געקומען דאָקטער גראַהאַמס ענטפער דורך אַן אָפענעם שמייכל — דאָרט, אין מיין פּריוואַטן קאַבינעט, פאַרדין איך צ ו ם לעבן; דאָ ל ע ב איך. יענע דאָרט ב ו צ ן מיר; די דאָ ב ו י ט י ג ן זיך אין מיר. און ס'איז ניט מער ווי נאַטירלעך אַז דאָס זאָל זיך אָפּרופן אויף מיין באַציאונג צו זיי.

— וואָס אייך איז באמת צו מקנא זיין, דאָקטער, איז דעם געפיל, אַז

איר דערפילט אַ גרויסע שליחות — אַ נאָבעלע שליחות — אַז אירביישטייערט עפּעס פון זיך אין לעבן.

דאָקטער גראַהאַם האָט אים ווייך אַ דריק געטאָן ביים אָרעם און האָט אים אַ ווילע גראַד אַריינגעקוקט אין די אויגן —

— מיין ליבער יונגערמאַן, אַ ל ע האָבן מיר אַ שליחות אין לעבן — יעדער איינער פון אונדז. מ׳מוז עס זוכן א י ן ז י ך; מ׳מוז עס ביי ז י ך א ל י י ן דערפילן; אָבער אַלע האָבן מיר עפּעס ביי־צוּשטייערן אין לעבן... איר וועט האָבן אָוונט־ברויט מיט אונדז, מיסטער דייקעס, — האָט דאָקטער גראַ־האַם געבעטן די טעמע פון געשפּרעך — איך האָב שוין וועגן דעם געלאָזט וויסן ליידי גראַהאַם און זי דערוואַרט אונדז. גייען מיר?...

ער האָט פאַרבראַכט אַן איינגענעמען אָוונט ביי די גראַהאַמס. די היים איז געווען אַ געמיטלעכע, אַן עכט־ענגלישע, מיט איינגעפונדעוועטע מנהגים און באַנעמונגען. די האַלטונג ביים טיש איז געווען לויט אַלע כּללים פון ענגלישן עטיקעט, נאָר אָן דער איבערדריסיגער אָנגעצויגנקייט. דאָקטער גראַהאַמס צוויי בלויאויגיגע, שלאַנקע טעכטער האָבן צוגעגעבן אַ געוויסע יוגנטלעכע פרישקייט צום לייכטן הומאָר, וואָס האָט זיך דורכגעוועבט דורכן געשפּרעך ביים טיש און דורך די פרייע שעהן פון אָוונט וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט. דאָק־טער גראַהאַם האָט זיינע באַמערקונגען געמאַכט כּלאחר־יד, פאַרבייגייענדיק — ווי ער וואָלט אויסן געווען אַז מ׳זאָל ניט לייגן צופיל געוויכט אויף זיי. זייער קערנדיקייט האָט זיך אָבער שטענדיק געלאָזט פילן. און מיט יענעם אָוונט האָט דייקעס געפונען פאַר זיך אַן אָפענע טיר צו אַ פריינדלעכער הויז אין דער נעפּלדיגער פרעמדער לאָנדאָן.

אין דער קערנדל, וועלכער איז געפאַלן אויף זיין האַרצן ביי די זוניגע ברעגן פון נילוס, האָט דאָ, ביי די נעפּלדיגע ברעגן פון טיימס, זיך אויסגע־בריט און געשלאָגן וואָרצלען אין זיין געמיט. דאָקטער גראַהאַמס ניט־דערערד־טע, כּלאחר־ידיגע באַמערקונגען האָבן זיך ביסלעכווייז אויפגעפורעמט אין יאָ־דערדיגע קאָנאָספן, האָבן אויסגעשיילט פון זיך בליטן פון האַפטיגן מיין. דער געדאַנק פון אַלמענטשליכקייט האָט, מיט באַנייטער פרישקייט, באַהערשט דיי־כעסעס טראַכטונגען. די לאָנדאָנער גאוהדיגע שטייפקייט איז אים וואָס־אַ־טאָג געוואָרן מער דערווידער. ער האָט מער ניט געטראַכט פון פאָרן אַהיים. פאָרן אַהיים וואָלט פאַר אים איצט געמיינט זיך אַליין אויפגעבן; און ער האָט גע־פילט אַז ער האָט אַ שליחות פאַר זיך — אַ שליחות, וועלכע ער מוז אָנהויבן מיט זיך... ער האָט נאָך דערווייל ביי זיך אַליין קלאָר ניט געוואוסט דעם צו־גאַנג צו דעם, ניט וואו דער אָנהויב פון דעם ליגט; נאָר געוואוסט האָט ער אויף זיכער איין זאַך, אַז דאָרט וואו מומיפירטע טראַדיציעס און דער גייץ פאַר געוועלטיגן שפּילן די ערשטע פידל — דאָרט קאָן דער געדאַנק פון אַל־מענטשלעכער פאַרברידערונג און גלייכהייט ניט געפינען קיין אָנהאַלט...

ער האָט געטראַכט וועגן אַמעריקע — „דאָס לאַנד פון די פרייע", דער קיבוץ־גלויות פון וועלטס פאַרטריבענע זין; יענער וועלט־טייל, וואו די אָפּגרעניצונגען פון אָפּשטאַם און קלאַס זאָלן האָבן פאַרווישט געוואָרן דורך דעם פאַראייניגטן ווילן צו לעבן, צו זיין פריי; וואו די גייסטיגע ווערטן פון די ווייטסטע ערד־ווינקלען — די אויסערדערוויילטע מתנות פון דער אַלטער וועלט — ווערן דורכגעלייטערט און איבערגעשמאָלצן אין דעם שמעלצטיגל פון דער נייער וועלט, פאַר אַ ניי לעבן...

און זיין באַשלוס האָט זיך אויסגעצייטיגט.

און אין אַ ווינטערדיגן פרימאָרגן איז ער, צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַנדערע עמיגראַנטן, געשטאַנען אויפן אויבערדעק פון שיף. אַלע אויגן געווענדט צום ברעג. די שיף האָט אַ מידע זיך געצויגן צום האַפן פון עליס־איילאַנד. איבערן פאַקל פון דער פרייהייט־סטאַטוע איז אויפגעגאַנגען די ערשטע מאָרגנליכט. אין אויגן זיינען אויפגעגאַנגען טרערן. פון פרימאָרגנדיגן נעפּל האָבן זיך אַלץ בולטער אויסגעשיילט די וואָלקנקראַצערס פון דער שטאָט ניו־יאָרק.

דייכעס איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו דער פאַרענטשע פון אויבער־דעק, די בליקן נאַקעט, ס'האַרץ פול.

„די נייע וועלט... אַ ניי לעבן..."

אַזוי איז ער אַמאָל געשטאַנען אונטער אַן אַנדער הימל, פאַר אַן אַנדער ברעג. אַזוי האָט ער אַמאָל באַגעגנט אַן אַנדער פרימאָרגן, אַזוי האָט ער אויפגענומען אַן אַנדער וועלט.

צווייטער טייל:
אויסגעלאָשענע הימלען

12

די סימפאָניע פון שטאָל און אײַזן

Towered cities please us then,
And the busy hum of men.

(*John Milton*)

באַנען אונטער ערד, באַנען איבער בריקן; איבער אָדערן פון שטאָל יאָגט אימפּעט זיך מיט צייט. ווערט געשריי פון טעג און שעהן, צעמאָלענע אונטערן ריטמישן געבראַזג פון רעדער, פאַרשלונגען אין דער ס י מ פ אָ נ י ע פ ו ן ש ט אָ ל א ו ן א י י ז ן.

אימפּעט, אימפּעט אומעטום! אימפּעט יאָגט אָן אויפ־הער, אימפּעט שפּאָלט דורך ווייטן. אימפּעט — מענטשנס שקלאַף — מענטשנס אויבערהאַר. און אין אימפּעטדיקן טומל יאָגט זיך מענטש און קאָן זיך אַליין ניט דעריאָגן אין דער וואַזיניקער טעמפּאָ פון דער ס י מ־פ אָ נ י ע פ ו ן ש ט אָ ל א ו ן א י י ז ן.

האַמער איבער אייזן, עגבער איבער שטאָל, און ריפּ נאָך ריפּ טורעמען זיך אויס ריזיגע סקעלעטן, גיגאַנטישע וואָלקנקראַצערס. מענטש גראָבט זיך איין אין די טיפענישן, מענטש רייסט זיך צו די הויכן; מענטש לעשט־אויס די זון פון אויבן, מענטש פאַרשאָטנט דעם הימל איבערן קאָפּ; און אין אַ לאַבירינט פון גאָוהדיקע מויער־פעסטונגען ווירבלט איבערן גרוי־שטייניקן וועג, ברוזיג און באַנומען, אַ פלאַנטערדיקער קנויל פון מענטשן־מוראַשקעס,

מענטשן־שטויבעלעך, און טאַנצן־נאָך די גבורה־קלאַנגען פון דער סימפאָניע פון שטאָל און אייזן.

מיטן פרימאָרגן שפּייט ערד זיי אויס פון אירע אויסגעהוילטע איינגעווייטן, אָפּגעריסענע פון געבאָרגטן שלאָף; שטויסט זיי כוואַליעסוויז אַרויס איבער איר שטייניגער הויט, געטריבענע פון אומרו — זיי ווידער איינצושלינגען, אויסגעזויגענע, אין דער לעצטער שעה פון טאָג. און צווישן אויסשפּיי און ווידעראיינשלונג טראָגט געדראַנג זיי פאַרמשפּטע צום מוז... ראָד און רעדער, טראַם און אָטאָ, גראָב־מאַשין און שלעפּ־קייט, אַספאַלט און שטיין, און דאַמף און רויך. ראָד טרייבט, ראָד רעשט; ראָד האָט ניט קיין אָנהויב, ראָד ווייסט ניט פון קיין ביז דאַנען; ראָד מוז אָפּענטפערן אימפּעט, קראַפט מוז געפינען אויספלוס אין דער סימפאָניע פון שטאָל און אייזן.

באַנען סאָפּען, גלאָקן שאַלן, געבראַזג, גערויש, געבריל און פייף: בוי און לויף, און פלי און טרייב, און מיש און יאָג, און פּלאַץ און קלייב און שפּרייז און שטייג, און פאַל און אויף — אַזוי מויערט מענטש זיין נעכטן איין, אַזוי בויט ער אויף אַ מאָרגן, אַזוי פאַריאָגט אַ מענטש זיין הייגט. און אויף גומענע רעדער, דורך שטילע אַלעען, יאָגט אַ בר־מינן זיך אַוועק צו געפינען רו. אַ פערד בלייבט שטיין אונטערן לאַסט ביים זייטוועג, באַגלייט אים מיט אַ גלייכגילטיגן בליק. און אימפּעטדיגער גייט־אָן די סימפאָניע פון שטאָל און אייזן.

און טאָג גייט־אויס קאָלירלאָז צווישן רויך און שטויב. נאַכט פאַלט־צו צערודערט, שטאַרט מיט אויגן גלעזערנע אַראָפּ. ס'בלענדן ווענט מיט פייער־פאַרבן, ס'צעגליען טורעמס זיך אין ליכט. גאַס גיסט זיך איבער ווייס, גאַס שפּרודלט־אויף מיט ליכט־פאַנטאַנען. ס'בליצן פייער־שילדן, שרייען, רופן — איבער קלייטן, קינאָס, קאַבאַרעטן. און צווישן בלינדן הימל און לײדיגער ערד פלאַטערן־אום מחנותוויז די שמעטערלינגען פון דער נאַכט, זינגען־אַריין דאָס ליד פון ליכט און רייץ אין דער סימפאָניע פון שטאָל און אייזן.

חלל ווערט מיט שיין פאַרטרונקען, חלל פלאַמט מיט לוסט און זינד. ס'ברענען טריט אויף טראָטואַרן; אויגן צינדן זיך, רופן, מאַניען; ליפּן שמייכלען־אויס געבאָרגטע פרייד. געמיש, געדראַנג — מענטש זוכט פון זיך אַליין אַנטרינונג אין צווישן־שעהן, מענטש זוכט פאַרגעסונג אין ניט־געשטילטן אומרו... הויך און העכער שפּאַלט די לופט איצט דער קול פון מעטאַל, דער קלאַנג פון מעש: אין דער סימפאָניע פון שטאָל און אייזן געוועלטיגט איצט דער ווילד־געבראַזג פון דזשעז — — — בענדזשאָס, טראָמבאָנס, סאַקסאָפאָנען — נעגערס, ווייסע, וואַלץ און שימי — אַלץ ווערט אַרומגעכאַפּט פון קלאַנג, אַלץ ווערט אויסגעמישט אין טאַנץ! אַלץ וואָס כוואַליעס האָבן אַהער

דערטראָגן מוז ווערן איינס, מוז ווערן אַ טייל פון דער סימפאָניע פון גאַנצן איינס —
פון דער סימפאָניע פון שטאָל און אייזן.

דזשעז — סימפאָניע — געפילדער — פרייד; מענטש ברילט־אויס דאָס געזאַנג פון איבערפליסנדיגע כוחות, מענטש שטורעמט־אויס דעם טאַנץ פון שפע. און ביים זייט גאַס שלייכט אַ גאַסן־מיידל זיך דורך דער־שראָקן, רופט מיט אַ שמייכל אַ פאַרגליווערטן אויף אָנגעפאַרבטע ליפּן. אַ הינטל פלאָנטערט זיך אין געדראַנג און זוכט אַ בעל־הבית. ביים גאַס־ווינקל הילט אין שאָטן זיך אַ מענטש אַ פאַרגעסענער, שטעקט פאַרלאָרן אויס אַ הונגעריגע האַנט:

— ברודער, אַ ניקל פאַר אַ שעלכל קאַווע... אַ ניקל פאַר אַ נאַכט־לעגער...

דייכעס איז געבליבן שטיין פאַרווירט —

„ווער האָט עס אויף דעם אינזל פון שפע געטריבן אַ מענטשן־קינד צו שאַנד, צו בעטל־ברויט? ווער האָט עס דעם איינזאַמען שפּילער פון זיין עלנט אַרויסגעשטויסן פון דער אַלגעמיינער קאַפּעליע? וואָס האָט דאָ אַ מענטשן פרעמד געמאַכט? וואָס האָט אָפּגעשטומט זיין פאַרהונגערט קול אין דער סימפאָניע פון שטאָל און אייזן?!...“

14

צעלטן פון וואַנדערער

Friends of my youth, my last adieu!
haply some day we meet again;
Yet ne'er the self-same men shall meet;
the years shall make us other men.
(*Abdu Haji Al-Kasidah*)

מיט דעם קאָשמאַר פון דער באַרוישנדיגער נייקייט ביסלעכווייז אויס־געלייטערט, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דער נייער אומגעבונג; האָט געזוכט צו דערשפּירן זיין וועג אינ׳ם אַרומיגן טומל; האָט געוואָלט געפינען אַן אָנהאַלט פאַר זיך אין דעם נייעם לעבן. און איין זאַך איז פאַר אים מיט דער צייט קלאָר געוואָרן: אַז דער צוגאַנג צו דער האַרץ פון דער וועלט איז ניט דורך דעם ציבור, דורך דער צוזאַמענגע־שמאָלצענער מאַסע — נאָר דוקא דורך דעם יחיד, דעם אינדיווידואַל, די איינהייט פון וועלכע די גרויסע מאַסע ווערט געשאַפן — דורך אים, וועמענס קול עס ווערט אָפּגעטויבט אין דעם אַרומיגן גערויש, וועמענס פערזענלעכער נויט־און־פּיין ווערט פאַרזען אינ׳ם אַלגעמיינעם געדראַנג צום אויסגעחלומטן מאָרגן . . .

מיטן אָפּגערוך פון בלוט נאָך פריש אין זיינע נאָזלעכער, מיט דעם צער פון נאָכוויי נאָך שאַרף אין זיין געדעכעניש, איז איצט זיין ציל געווען פאַר אים ווי פון זיך אַליין באַשטימט. ווידערקלאַנגען, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער וועלט וואָס ער האָט געלאָזט הינטער זיך אינ׳ם נעפּל פון טומל, האָבן געצייכנט זיינע טריט. מעדיצין און כירורגיע! — ווידמען זיינע כוחות דער היילונג־פּראָפעסיע; שטעלן זיך אין דינסט צו די, וועלכע זיינען דורך אַ בלינדן צופאַל פון דער נאַטור אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונ׳ם אַלגע־מיינעם שטראָם, וועלכע זיינען צוליב אַ שולד וואָס איז ניט זייערס געבליבן

אָפּגעשטאַנען און פאַרגעסן אויפן לעבנסוועג; צו לינדערן דעם גורל פון זייערע טעג; צו אויפמינטערן אין זיי דעם ווילן, וועלכער איז צעמאַלן געוואָרן אונטערן לאַסט פון איינזאַמער אונבאַהאָלפנקייט — דעם ווילן צו זיין, צו געניסן די פרייהייט און ברודערשאַפט, צו וועלכע יעדע לעבעדיק באַשעפעניש איז באַרעכטיגט; צו דערהויבן דעם איינצעלנעם, און ד ו ר ך דעם איינצעלנעם דערהויבן די מאַסע... דער וואווילזיין, די זעלבסטשטענדיקייט פונ׳ם יחיד — ליגט ניט צומאָל אין דעם ענטפער צום אייביגן גראַנגל?...

ער האָט אָנגעטראָפן שוועריקייטן אין קריגן אָנערקענונג פון אוניווערזיטעט פאַר זיין ביזאַהעריגער בילדונג, וואָס זאָל אים באַרעכטיגן צום אַרייַנטריט אין מעדיצינישן פאַקולטעט. מ׳האָט אָפּגעלייגט זיין מעטריקולאַציע פון איין מאָל צום צווייטן: „מ׳עט צוערשט מוזן פעסטשטעלן דעם סטאַטוס פון דער שול וואָס ער האָט געענדיגט...” שווערער נאָך איז פאַר אים געווען צו געפינען באַשעפטיגונג, וואָס זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו שטודירן. ער האָט געזוכט, געזנישטערט. אַליין אין דער פרעמדער שטאָט, אָן שום באַקאַנטשאַפט וואָס זאָל אים העלפן צו געפינען וועלכן־ס׳איז אָנהויב אינ׳ם נייעם לעבן, מיט דאָס ביסל געלט וואָס איז אים פאַרבליבן כמעט ווי אויסגעלאָזט — זיינען די אויסזיכטן צו דערשלאָגן זיך צו עפּעס געוואָרן מיט יעדן טאָג שוואַכער. דער ריזיגער קעסלגרוב — ניו־יאָרק — האָט געלויערט אויף אים, ווי אויף מיליאָנען אַנדערע, צו פאַרשלינגען זיינע טעג אין אַ שאָפּ, צו פאַרשקלאַפן אים אין איינגייען קנעפּלעך און אויסנייען לעכלעך אין הויזן.

אין זיין זוכן האָט ער זיך צופעליגערוויז אָנגעטראָפן מיט גרישען דעם סטודענט, דער געוועזענער אָנפירער פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג צווישן דער יוגנט אין זיין היימיש שטעטל. יעגער איז דאָ אָציינד געווען אַ דערפאָלגרייכער פאַבריקאַנט פון קליידער — אויסגעפליכט, אויסגערונדיגט, מיט באַיזוועלירטע, פוכקע פינגער. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט. ער האָט געשטוינט צו זען די גוואַלדיגע ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען מיט דעם גרישען, דעם אידעאַליסט. אידעאַלן האָבן ביי אים איצט געהייסן „פליגן אין נאָז”; ליבעראַלן — „שלעפּערס”, „לאַבעדראַנצעס”; יוניאָן־אַרבעטער — „סלאָגערס”; אָן אָרגאַניזירטער שאָפּ — „אַ קלייזל”.

— דו ליבערשט פאָלג מיר, לאַנדסמאַן, און שלאָג זיך אַרויס די נאַרישקייטן פון קאָפּ; — האָט ער אים געעצהט מעשה־גוטער־ברודער — אַמעריקע איז ניט דער אָרט אויף אַרומצוגיין מיט פליגן אין נאָז. פּ ר אַ ק ט י ש — אָט וואָס מ׳דאַרף דאָ זיין! מוזט אודאי מיינען אַז דאָ איז אַ יקרות אויף געענדיגטע, וויליגע דאָקטוירימלעך יאָגן זיך טאַקי דאָ אַרום מיט טערטשעלעך און פעכניען צען מאָל אַ טאָג פאַר הונגער — פעלסטו נאָך דאָ אויס. און וואָס ׳עט דיר שוין אַרויסקומען אַז דו׳סט שוין פאַרשוואַרצט ווערן די עטליכע יאָר אין קאָלעדזש, און׳סט שוין אַרויסהענגען אַ שינגל און זיך אויסרייבן די הויזן זיצנדיק אויפן

הינטן און ווארטן אויף פאציענטן? פון די לאבעדראנצעס ׳עסטו זיך גארניט דערלעבן! זיי האלטן נאר אין איין ריידן פון רעוואלוציעס, סטרייקס, פריי־הייט־שמייהייט, און אלץ וואס זיי קריגן פון דעם איז קאנסאמפשן[1] און אנדערע חולאתן. זיי ׳עלן דיר נאך טאן א טובה און קומען זיך ביי די היילן — אין א פרייען קליניק... דו הער זיך בעסער צו וואס איך זאג דיר, און טו א שפיי אויף דעם אלעם. צו אלדי שווארציאר מיט די סלאגערס! דו פאר־קאטשער די ארבל און זע צו קומען צו א תכלית. קוק אויף מיר: בין געקומען קיין אמעריקע מיט אט די צען פינגער, און——

נאר וואס מער דערדאזיגער אלרייטניק האט זיך צעלייגט אין ברייטל וועגן זיינע גליקן: דעם פלאץ וואס ער פארנעמט אין דער מאנופעקטשורערס אסאשיאיישן, אין דער קאמיוניטי, אין טעמפל, אין דער זייאניסט ארגאניזיישן; וויפל עס קאסט אים אפ טשארטי א יאר, וויפל ער האט באצאלט פארן אטא־מאביל — אלץ מער האט זיך אין דייכעסן געשטארקט דער באגער צו גיין זיין אייגענעם וועג — דעם וועג צו זיין אפירגעשטעלטן ציל. ער האט געוואוסט אז ניט איין חלום איז צעשמעטערט געווארן אנשלאגנדיג ד ע ם ברעג; ניט איין האפענונג איז צווישן די מויערן פון ד ע ר שטאט צעברעקלט געווארן. טעג האבן צייטנווייז אויסגעזען שווארץ. ער האט זיך אבער געהאלטן ביי זיינס. גרינג, צי שווער — ער וועט זיינס דערגרייכן, וועט זיינס געפינען: זיין חלום וועט פארווירקלעכט ווערן.

נאך וואכן פון אומזוכן, האט ער פון אן אנאנס אין א צייטונג זיך דער־וואוסט, אז אין שיקאגא פאדערט זיך א מאדערנער לערער פאר א העברעאישער שול. פונ׳ם אנאנס האט ער זיך משער געווען, אז די שול איז א מער אדער ווייניגער מאדערנע. ווי ס׳איז אים ניט געווען צום הארצן צו פארבינדן זיך אויפסניי מיט דעם סארט לערעריי, האט ער דאך געפרואווט איינגיין מיט זיך אליין אויף א קאמפראמיז: „ס׳איז א צייטווייליגע זאך — נאר א מ י ט ל צו א ציל. נאך אלעמען, איז עס דאך זיין פאך; וואס איז דער אונטערשייד וואס ער וועט מיט זיי לערנען — העברעאיש, צי האטענטאטיש? ס׳איז א שפראך, און אלס אזעלכער וועט ער עס באהאנדלען...” ער האט זיך אפגע־רופן מיט א בריוו, האט אנגעגעבן זיינע קוואליפיקאציעס, זיין דערפארונג אלס לערער, האט זיך נאכגעפרעגט אויף די באדינגונגען און האט ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור. ער וועט פרואוון. דער ענטפער האט אים איבערראשט. ער האט זיך ניט געקאנט פארשטעלן וואס אזוינס אין זיין בריוו האט ארויסגע־רופן ביי דעם דארטיגן סעקרעטאר פון דעם שול־קאמיטעט אזא לאנגאטעמ־דיגן ענטפער, מיט אזא אויסגוס פון מליצה, מיט א לכבוד החכם המופלג, הידען הענקי, משכיל ונבון, ספרא רבא ומליץ מהיר, כשם תפארתו וכו׳ וכו׳...

1. שווינדזוכט.

נאָר וואָס ער האָט יאָ געקאָנט אויסזיפּן פון די באַפּעפּערטע מליצהדיגע שורות איז, אַז די באַדינגונגען זיינען געווען גינסטיג: קורצע אַרבעט־שטונדן (פיר שעה אַ טאָג, נאָכמיטאָג), געהעריגער געהאַלט (הונדערט־און־דרייסיג דאָלאַר אַ מאָנאַט), און אַן אויסזיכט אויף אַ העכערונג אין די שכירות נאָכן ערשטן זמן; און ער לאָזט אים וויסן בשם הקאָמיטע דנן, אַז זיין אַפּליקאַציע האָט געפונען חן און לייטזעליגקייט אין זייערע אויגן און ער זאָל באַלד קומען אָננעמען די שטעלע. גלייכצייטיג האָט ער זיך דערקונדיגט, אַז דאָרט, אין דער מיטל־וועסט, וועט אים גרינגער זיין אָנצוקומען אין אוניווערזיטעט. דאָס האָט פאַר אים אַרונטערגעוואויגן דעם וואָגשאָל פון זיין קווענקלען לטובת אָנצונעמען די לע־רער־שטעלע.

מיט זיין גאַנץ ביסל אייגנס פאַרפּאַקט אין איין רייזע־טאַש, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו דער צענטראַלער אייזנבאַן־סטאַנציע. דורך אַ טונעל האָט דער צוג אים אָפּגעטראָגן פון דער רוישיגער האַפן־שטאָט — די שטאָט אָן נאַכט און טאָג. ס'האָט זיך פאַרבייגעטראָגן דער בלויער האָדסאָן־טייך; די געמיטליכע, באַשיידענע וואוינונגען אין דער פאָרשטאָט פון ניואַרק; די רחבותדיגע פעלדער פון ניו־דזשוירסי הינטער די פעסטונג־ווענט פון ריזיגע רעקלאַמע־פלאַקאַרדן; די וויסטע בערג פון דעם קוילן־מינען־געגנט אין פּענסילווייניע; די שוואַרצוואָלקנדיגע פּיטסבורג — די שטאָט פון שטאָל־זשאַ־ווער און רויך. נאַכט איז צוגעפאַלן. איבערן צוג איז געוואָרן שטיל, גענעצדיג. דער וואַגאָן איז ווי באַשנייט געוואָרן מיט צעשויבערטע צייטונגען. ווער פון די רייזנדע ס'האָט זיך באַשטעלט אַ געלעגער אין דער שלאָף־אָפּטיילונג, ווער ס'האָט זיך געמאַכט באַקוועם אויף אַ שכנס אַקסל, אויפן אָנשפּאַר פון אייגע־נעם אָרעם, און האָט געמעלה־גרהט קיי־גומי אין שלאָף. פון צייט־צו־צייט פלעגט די דרעמלענדיגע שטילקייט פון וואַגאָן דורכגעשפּאָלטן ווערן פון אַ האַסטיגן קלאַפּ מיט דער טיר. אַ כוואַליע ווינט. אַ צוגעלעגן, געפּלאַצט בת־קול:

— קאַליפאָרניע פּיטשעס! עפּלס! אָרענדזשעס!... טשאָקלעד־באַרס! קענדיס!...

ברעמען פלעגן זיך פויל אויפרייסן. אין דער האַלב־טונקל פון וואַגאָן פלעגט זיך פאַרבייטראָגן דער שוואַרצהויטיגער קעלנער — אַמאָל מיט אַ טאַץ סענדוויטשעס, אַמאָל מיט אַ קרוג הייסע קאַווע. די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנגווייליג, נודנע. די פרימאָרגנדיגע קילקייט האָט זיך איינגעגעסן אין די אָפּגעזעסענע, ניט אויסגערוטע גלידער. אינ'ם פרימאָרגנדיגן נעפּל האָבן דורכ־געבלישטשעט די סאָווע־אויגן פון פאַרביילויפנדיגע אָטאָמאָבילן איבער אַ דער־בייאיגן וועג. ביסלעכווייז האָבן זיך אויסגעשיילט די רויט־שייערדיגע פאַרמען פון אָהייאָ און אינדיאַנאַ.

מיטן פאַרמיטאָג איז ער אָנגעקומען קיין שיקאַגאָ, אין דער מעטראָפּאָליס

פון דער מיטל־וועסט, אין דער שטאָט פון אייזנבאַנען און ווינט, אין דער יאַנקי־שטאָט פון דער וועלט.

ער האָט זיך דערפרעגט צום פּרעזידענט פון דער שול, מיסטער מילנער.

אַ צווי־שטאָקיג הויז אין דער האַרץ פון דעם פּאַרמעגליכערן דאָגלאַס פּאַרק געגנט, נעבן בולוואַרד. פון דרויסן — אַ טיפּישע אַמעריקאַנער רעזי־דענץ־הויז; נאָר ווי ער האָט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל אויף אינעווייניג, האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז ווי פּלוצים פאַרטראָגן געוואָרן אין אַ אידיש־בעל־הבתיש הויז ערגיץ אין דער ליטע אָדער פּוילן. די ברייטראַמיגע מעבל־שטיקער האָבן שוין הפנים געהאַט דורכגעלעבט בעסערע צייטן, און האָבן, אויף זייער וועג באַרג־אַראָפּ, פאַרבלאַדזשעט אַהער פון אַן אַנדער וועלט און זיינען שוין דאָ פאַרבליבן. גאַרניט: טויטע חפצים — מ׳האָט זיי אַוועקגעשטעלט, שטייען זיי. דאָ, צי ערגיץ־אַנדערש־וואו — וואָס איז דער חילוק? שטייען זיי אַ ז ו י — ניט ווי זיי זייענען לכתחילה געמיינט געווען — איז וואָס? מענטשן געמיטלעכע פאַדיען זיך אַרום זיי אַרום, פּילן זיך מיט זיי באַקוועם, היימיש, און צופיל טשעפּן טשעפּעט מען זיי ניט — האַלטן זיי זיך ווי־ס׳איז. עלטערע מענטשן האַלטן אַלטע חפצים בכבוד. דערפאַר טאַקי האָבן זיי נאָך אַ שטיקל קיום. אַט אַזוי... די גאַנצע אויסשטאַטונג — די פאַמיליע־בילדער אויף די ווענט, דער רייך־באַמאַלטער מזרח און דער אויסגעניייטער סאַמעטענער טלית־זעקל אונטער דעם, די בילד פון ר׳ יצחק־אלחנן און פון ליאַדיער רבין גלייך אַנטקעגן, די זילבערנע מנורה און די לעדער־געבונדענע ספרים אין דער וואַנט־שאַפע וואָס איז געמיינט געווען פאַר פאַרצעלייי־געשיר, דער פילפאַרביגער געשטיקטער טישטאָך און דער סאַמאָוואַר אויפן רונדן טיש, און אפילו דער ריח פון די געקעכצן וואָס האָט זיך דערטראָגן פון קיך — דאָס אַלץ האָט אָפּגעשלאָגן מיט אַ ווייטער היימישקייט, וועלכע האָט זיך געקלאַמערט אויפצוהאַלטן אויף אַ פרעמדער ערד.

מיסטער מילנער — אַ איד אין די יאָרן, מיט אַן אָפענעם פּנים, אַ זאָרג־פאַרכטיג אַרומגעשוירן בערדל און מיט אַ זיידן קאַפּל איבערן הויכן שטערן — האָט אַנידערגעשטעלט די גלאָז טיי, האָט לאַנגזאַם צוגעמאַכט דעם ספר און איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ ברייטן „שלום עליכם״:

— אַה, דאָס זענט איר טאַקי דער נייער לערער אונדזערער!... כ׳האָב ניט אויפגעכאַפּט אייער ווערטן נאָמען...

— דיקענס.

— אַזוי. אַן ארץ־ישראלדיגער נאָמען, משמעות?

— ניין, דווקא אַ חוץ־לארצדיגער — אַ היגער שנוי־השם.

— מהיכי תיתי, אַבי ס׳לאָזט זיך פאַרטייטשן... קומט, זעצט זיך צו, ׳על מיר טרינקען אַ גלעזל טיי. ווי איר זעט, בין איך מיר נאָך נוהג אויפן היימישן שטייגער: כ׳האָב ליב צו טרינקען טיי פון אַ סאַמאָוואַר. פון אַ

סאַמאָוואַר האָט עס גאָר אַן אַנדער טעם. און נאָך אַ היימישער סאַמאָוואַר — אַן אמתער טולער!

דיקענס האָט באַטראַכט דעם אַלטן אידן. ער איז אים געווען געפעלן. טראָץ זיין הויכער עלטער, איז ער נאָך געווען ביי אַלע חושים, זשוואַוו, ספּריטנע, האָט זיך געהאַלטן אויפגעראַמט און האָט פאַרמאָגט אַזוינע יונגע אויגן און אַזאַ מיושבדיגן שמייכל. זיין אידיש — אין פאַרגלייך מיטן אַמעריקאַנעם גאָסן־זשאַרגאָן — האָט געקלונגען פריש, אַפּגעהיט, היימיש־גאַנץ. דעם טיי האָט ער געטרונקען איבערגעגאָסן פון דער גלאָז אין אַ שעלכל אַריין, אָפּבייסנדיג פון מאָל־צו־מאָל אַ שטיקל פון דער ציגעלע צוקער, און האָט בשעת־מעשה אָפּגעמאָסטן דיקענסן מיט די אויגן —

— פאַרשטייט איר מיך, איך האַלט שטאַרק פון אַ געשענדיגטן. ווי נאָר איך האָב געהערט אַז איר זענט אַ געענדיגטער, און נאָך פון ירושלים, האָב איך באַלד געזאָגט: כי הוא זה! — אָט דאָס איז דאָס! אָט אַזאַ דאַרפן מיר האָבן פאַר אונדזער תלמוד־תורה!...

דיקענסן איז אפילו צומאָל אויסגעקומען פריקרע וואָס דער אַלטער פאַררופט זיך אויף דער העברעאישער שול אַלס תלמוד־תורה; ער האָט אָבער ניט געלייגט צופיל אַכטונג אויף דעם. ער האָט עס פאַררעכנט אַלס אַן אונפאַרזיכטיג־אַנגענומענעם נאָמען פאַר דעמדאָזיגן אַנשטאַלט צווישן די היגע אידן.

— און אַ געבוירענער זענט איר, הייסט עס, טאַקי אַן ארץ־ישראלדיגער, האַ? — האָט דער אַלטער געצויגן דעם שמועס.

— ניין. איך האָב נאָר דאָרט שטודירט, געלערנט.

— אַזוי. איז פון וואַנען אַשטייגער איז אַ איד, לאָמיר הערן?

— פון רוסלאַנד. פון דער ליטע.

— אַלץ?

— פון פּאָלעסיער געגנט.

— דהיינו? — איז דער אַלטער געוואָרן אַלץ צודרענגליכער.

— פון אַ שטעטל מיטן נאָמען פּילעניאָווע. נישט אַזאַ גוואַלדיגער כרך וואָס זאָל זיך לאָזן הערן איבער דער וועלט.

מיסטער מילנער איז געבליבן זיצן מיט דער שעלכל טיי אין דער האַנט און האָט אים אַנגעקוקט באַשטירצט —

— פּילעניאָווע האָט איר געזאָגט?!... איר מיינט צו זאָגן, אַז איר זענט אַ פּילעניאָווער?!

— יאָ. איך סיידן באַקאַנט?

— אַ שאלה, צי מיר איז באַקאַנט פּילעניאָווע?! צי איך האָב געהערט פון פּילעניאָווע?! איך בין אַליין אַ פּילעניאָווער. געהערט אַביסל?!... זיינען

מיר גאַר, הייסט עס, לאַנדסלייט — טאַקי אמתע לאַנדסלייט. גאַר אַזוי אַ מעשה?! און ווי, האָט איר געזאָגט, הייסט איר? די—— די—— וואָס?

— דיקענס. דייכעס — פון דערהיים.

— אָה——ה, דייכעס — אַזוי־זשע רעדט! אַ שאלה, צי איך קאָן די דייכעסעס?! איך אַליין בין אַ מילנער. כשמו כן הוא — נאָך פון דערהיים אַזוי; פון די מילנערס בין איך. דו קאָנסט מיר ניט געדענקען; — איז ער ראַפּטאַם אַריבער אויף דו — כ'בין אַוועק קיין אַמעריקע נאָך לאַנג איידער דו ביסט אויף דער וועלט געקומען...

דיקענס האָט זיך אויף דער מינוט דערמאָנט, ווי נאָך אין זיין קינדהייט האָט מען אין שטעטל געהאַלטן אין איין ריידן פון איינעם אַ חיים דעם מילנערס — „אַ יונגערמאַן אַ מושלם, מיט אַלע מעלות” — וועלכער האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אויפגעהויבן און איז אַוועק קיין אַמעריקע. צוואָס אַזאַ איידעלער יונגערמאַן, „מיט אַ פען אין דער האַנט, מיט אַן אַנזען ביי גאָט און ביי לייטן, וואָס ביט ער און ניט אבות־אבותיו זיינען געווען בעל־מלאכות” — צוואָס ער האָט זיך געדאַרפט לאָזן קיין אַמעריקע — דאָס איז געבליבן אַ רעטעניש. באַשערט געווען. איז ער אַוועק, און נאָכגעגאַנגען איז אים דער גוטער מזל. און ס'האָבן זיך גענומען טראָגן בריוו איבערן ים — פון אים צו שטאָט, פון שטאָט צו אים. און יעדער בריוו פון דאָרט איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט וואונדערים פונ'ם ווייטן לאַנד. ווען ער, דער קליינער אביגדורקע, האָט צוערשט געהערט דערציילן וועגן אים, איז שוין דער נאָמען פון דעמדאָזיגן מענטשן געווען אַ לעגענדע. מ'האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט גענוג אָנדערציילן פון אים. „געוואָרן אַ גביר עצום, קיין עין־הרע — אַ מיליאָנטשיק! האָט זיך דאָרט געלאָזט אויפבויען אַן אייגענעם טאָרטעק פון ברעטער, וואָס פאַרנעמט יאַקבי אַ גאַנצן קוואַרטאַל... אַ מ ע ר י ק ע!” און אַמעריקע האָט געמיינט חיים דעם מילנערס — דער עושר, דער לב־טוב. האָט שטאָט זיך גענויטיגט אין אַ הכנסת־אורחים, איז אַוועק אַ בריוול מיט חתימות קיין אַמעריקע, און ס'איז געוואָרן אַ הכנסת־אורחים מיט וואָדאָפּריוואָד, מיט אַ טאַבליציע מיט אַ „בנדבת הנדיב הידוע הרב ר' חיים ברב יצחק־אייזיק מילנער דק"ק ציגאַגע שבמדינת אַמעריקע”. דער הקדש האָט אָפּגעברענט, האָט דער אַמעריקאַנער גביר באַלד געלאָזט הערן פון זיך. אַ פּריאוט, אַ בית־יתומים — אַמעריקע איז ניט געשטאַנען פון דער ווייט. „שייך?! אַז ביי יענעם איז פּילעניאָווע מי־יודע וואָס!”... אין זיין קינדישן דמיון האָט ער זיך דאַמאָלט אויסגעמאָלט דעמדאָזיגן מיליאָנטשיק, דאָרט אין אַמעריקע, ווי ער זיצט אַ גאַנצן טאָג ביי זיך אין פּאַלאַץ מיט אַ גרויסן טייסטער אָנגעשטאָפּט מיט גילדענע אימפּעריאַלן און וואַרט נאָר אויף אַ בריוועלע פון זיין היימיש שטעטל אַז ער זאָל זיי קאָנען מהנה זיין פון זיין גרויס עשירות...

מיט בולטער דייטלעכקייט האָט אויפגעלעבט אין זיין געדעכעניש אַ

געוויסער טאָג, ווען דאָס גאַנצע שטעטל איז „אַוועק אויף רעדלעך", די שול האָט געקאָכט ווי אַ קעסל:

— געהערט? געהערט?! אַ בריוו פון אַמעריקע — און נאָך וואָס פאַר אַ בריוו!

— נו, האַ? וואָס זאָגט איר עפּעס אויף אונדזער ר' חיימען, האַ?

— מיט מיר צוזאַמען אין חדר געגאַנגען; איצט איז ער דאָרט געוואָרן דער וואָס גייט קלייבן אַ פּרעזידענט פאַר גאַנץ אַמעריקע! ער, הייסט עס, האָט צו זאָגן ווער עס זאָל דאָרט זיין מלכות!...

— טאַקי אַ גדולה, כ'לעבן. לאו כל אדם זוכה.

— פאַרשטייט, אַ קאָפּ, קיין עין־הרע! ער אַליין 'עט משמעות באַלד ווערן דער הויפּט־מיניסטער...

— דאָס איז נאָך גאָרניט! אָט הערט אויף טשיקאַוועס: דער איצטיגער מלכות — טאַקי דעם־אָ וואָס מ'וויל אַראָפּזעצן פון בענקל — איז אַליין געקו־מען צו אונדזער ר' חיימען אין שול און האָט דאָרט געהאַלטן אַ דרשה, און האָט זיך געבעטן רחמים ביי די בעלי־בתים אַז מ'זאָל אים האַלטן כאָטש נאָך אַ פיר־פינף יאָר, ביז ער'ט למזל אויסגעבן די קינדער. און האָט אַוועקגע־לייגט דאָרט אַזוינע שירות־ותשבחות וועגן אידן — גאָר־גאָר! ער האָט הפנים געוואָלט זיך אונטערחנפענען צו ר' חיימען...

— אַז אַ מענטש איז עולה לגדולה, איז דאָך ניט שייך.

— און וואָס מיינט איר? אַזוינע מענטשן זיינען טאַקי דאָרט פאַראַן זייער וויניג. וואָרים ווער לאָזט זיך קיין אַמעריקע? — בעלי־מלאכות! — שוסטער, שניידער, פּראָסטע בעל־גופים. האָט מען טאַקי דערזען פאַר זיך אַזאַ כלי, האָט מען עס אויסגעכאַפּט ווי אַ צוקערלעקעכל. זיי האָבן אים שוין הפנים דער־קאַנט אויפן קוק!...

— היינט דער זונער זיינער — דער עלטערער, משמעות — איז גאָר גע־וואָרן אַ סודיאַ — אַן אוגאָלאָוונער סודיאַ! — העט־העט!

— הערט אַ פּאַצעכיע!

— אַ איד — אַן אוגאָלאָוונער סודיאַ — וואָ! טאַקי ווי ביי פּאַניעז, להבדיל...

— שאַ, און דאָס? — איז אויפגעשפּרונגען סראַליע דער שרייבער, וועל־כער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצן ידען אין לאַטיין, מיט אַ קאָנווערט אין דער האַנט — קוקט, אידן! קוקט! זעט נאָר וואָס שטייט אָפּגעדרוקט אויף דעם קאָנווערטל! אַבע מילנער... גענעראַל מערכאַנדיז—ע!... דעם ע צום סוף־וואָרט לייענט מען ניט: ס'איז אַ נח־נסתר — מאַכט עס מערכאַנדיז. אַ גענעראַל מערכאַנדיז! דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַבעלע, דער מוזשיביק זיינער, איז דאָרט געוואָרן אַ גענעראַל! און נאָך וואָס פאַר אַ גענעראַל? — אַ

מערכאַנדיז! אַי, אידן! דער קאָפּ דרייט זיך מיר אוש!...

— אָט אַ מדינה! אָט אַ לאַנד!

— אַמעריטשקע!...

— כ'מיין, דאָרט קאָן מען טאָקי ברענגען קינדער צו אַ שטיקל תכלית...

— אַי, אַ מ ע ר י ק ע!...

אַצינד איז פאַר אים געזעסן אָט דער „נדיב הידוע" פֿון זיבע קינדער־יאָרן, דער „גביר עצום", דער מענטש „וועמען מ'האָט אָנפאַרטרויט אויסצו־קלייבן דער מלכות פאַר גאַנץ אַמעריקע", דער טאַטע פֿון אַזויגע גראָטענע קינדער, וואָס איינער איז אַן „אוגאַלאָוונער סודיאַ" און דער אַנדערער — אַ „גענעראַל מערכאַנדיז"; צו וועמען אַ שטאָט מיט אידן האָבן אַרויפגעקוקט מיט אינערלעכן שטאָלץ, מיט פאַרגעטערונג און ניט אינגאַנצן אָן שטילער קנאה — ער איז איצט געזעסן פאַר אים אין דער געשטאַלט פֿונ'ם אַלטן מיסטער מילנער און האָט פאַרציילט אין אַ פּשוטן, האַרציגן מאַמע־לשון די געשיכטע פֿון זיינע טעג:

—...און אַזוי ווי דו זעסט, איז עס שוין אַ קימאַ־לן פֿון איבער פערציג יאָר אַז איך בין דאָ. יאָ, שוין טאָקי געוואָרן דריי־און־פערציג יאָר אָט דעם נאָך־סוכות. כ'האָב זיך, אַ דאַנק גאָט, ניט וואָס צו באַקלאָגן. כ'האָב צו אַמעריקע גאָרניט דערלייגט. די קינדער — אַזוי די זין, אַזוי די איידעמס, זאָלן געזונט זיין — האַלטן מיר, גאָט צו דאַנקען, בכבוד און, קיין עין־הרע, פיינע קינדער. דער עלטערער מיינער איז אַ דזשאָדזש[1] — גאָר־גאָר! דער מוזשיניק מיינער האָט ניט געהאַט אַזאַ גוטן קאָפּ צום לערנען, אָבער אויך אַ וואויל קינד. איז ער צוערשט אַריין אין ביזנעס פאַר זיך: ט'געעפנט אַ נאַישן סטאָר — ווי מ'רופט עס ביי אונדז — גאַלאַנטעריי. ס'איז אים, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, ניט געגאַנגען נעביך, האָב איך אים אַריינגענומען צו זיך אין לומבער יאַרד,[2] צוזאַמען מיט די איידעמס. איצט האָב איך איבערגעלאָזט אַלץ צו זיי — צו די קינדער, זאָלן געזונט זיין, און איך קריג מיר מיין וואָכער. ס'איז, ברוך השם, גענוג. און אַז דער טאַטע דאַרף אַמאָל האָבן אַן איבעריגן טאָלער, איז מען אים, חלילה, אויך ניט קאַרג. און מ'שטיינסגעזאָגט, וויפל דאַרף איך מיט איר האָבן? זעסטו. ז י י אָבער, אין פילעגאָוועע, ז י י דאַרפן נע־ביך — דאַרפן אַ סך. אַי, דאַרפן זיי!... נו, צייט האָב איך, ברוך השם, גענוג; גיי איך מיר אַרויס יעדן פרימאָרגן, זע זיך מיט דעם לאַנדסמאַן, מיט יענעם. איך קאָן זיי אַלעמען פֿון דעם ערשטן טאָג־אָן וואָס זיי זיינען געקומען אין לאַנד. זיי רופן מיר „דער פילענאָווער קאָנסול", כע־כע... אַזוי־אַרום געפין איך אויס וואָס לאַנדסלייט מאַכן, ווי ס'גייט זיי. אַמאָל דאַרף מען איינעם דאָ

1. ריכטער.

2. געהילץ־הויף.

אַרויסהעלפֿן: אַמאָל קומט אַ בריוו פֿון דערהיים; נו, איז מען דאָך אייגענע מענטשן — לייגט מען זיך צענויף און איך שיק אַוועק די עטלעכע טאָלער אַהין — קיין פּילעניאָווע... אַי, פּילעניאָווע!... זיך אַלע יאָרן געקליבן אַריבער־צופֿאָרן אַביסל אַהין, זיין אין דערהיים; ס'האָט זיך אָבער אַלץ ניט געמאַכט. פֿון דער ערשטער צייט איז דאָך אָפּגערעדט: ווער האָט עס גאָר געקאָנט טראַכטן פֿון אַזאַ זאַך?! וואָס האָט מען מ'שטיינסגעזאָגט געהאַט? אין דערהיים האָט מען זיך געדרייט ביי די מילן, האָב איך, אַריבערקומענדיג אַהער, צוגעפּעדלט[1] צווישן די לאַנדסלייט מיט אַביסל האָלץ, אביסל קוילן; געוואוינט מיט מיין הויזגעזינט הינטער דער סטאָרקע,[2] ניט היינט געדאַכט; קוים פֿאַרדינט ס'שטיקל ברויט — היינט ווער האָט עס גאָר דאַמאָלט געקאָנט טראַכטן פֿון פֿאָרן אַהיים?! נאָכדעם, אַז דער רבונו־של־עולם האָט שוין געהאָלפֿן און מ'האָט זיך אַביסל אַרויפֿגעאַרבעט, ניט באַדאַרפֿט זיך מער אַרומשלעפּן מיטן פֿערד־און־וועגעלע — איז געווען דער יאַרד. איז מען געווען פֿאַרהאַוועט, פֿאַריאָגט — ביזע![3] האָב איך, פֿאַרשטייט זיך, געהאַלטן אַלץ אין איין אָפּלייגן „נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר." בינו־לבינו איז דער טאַטע מיינער, עליו השלום, געשטאָרבן — איז שוין ניט געווען וואָס צו איילן זיך. עס האָט נאָך אָבער אַלץ געצויגן אַהין: זיין כאָטש ביים טאַטן אויפֿן קבר; כאָטש נאָכאַמאָל זען דעם טאַטנס שטוב, די ישיבה וואו מ'האָט אַמאָל געלערנט. און אַ שטאָט אין שול האָט דער טאַטע, עליו השלום, איבערגעלאָזט; געווען דער משפּחהס מכמה דורות. איז כל־זמן דער שטאָט איז נאָך געווען, האָב איך נאָך געפֿילט אַז ס'איז דאָ צו וואָס צו קומען, אַז דאָרט איז נאָך פֿאַראַן עפּעס וואָס איז מיינס. איצט אָבער, זינט די שול איז דאָרט פֿאַרברענט געוואָרן, בין איך געבליבן ווי עפּעס אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון דאָרט אינגאַנצן פֿרעמד. ניטאָ מער די שול, ניטאָ דעם טאַטנס שטאָט; גאָרניט געבליבן דאָרט אין דערהיים — אין פּילעניאָווע...

דעם אַלטנס אויגן האָבן זיך אַביסיטשקע פֿאַרגלעזערט, האָבן אַ לענגערע ווילע אויסגעמיטן צו קוקן אין דיקענסעס ריכטונג, ביז דער אַלטער האָט זיך געכאַפּט אַז די גלאָז טיי אין זיין האַנט איז קאַלט געוואָרן.

— יאָ, אַזוי, מיין פֿריינט, — האָט ער, אָנגיסנדיג אַ פֿרישע גלאָז טיי, ווידער אָנגעהויבן, פֿאַרקלערט — שוין אַ שיין ביסל יאָרן פֿאַרלאָפֿן זינט איך בין פֿון דאָרט; שוין אָפּגעלעבט דאָ, קאָן מען זאָגן, מער ווי דאָרט; דאָ זיך איינגעפֿונדעוועט; דאָ קינדער אויסגעהאָדעוועט און צו לייט געמאַכט; דאָ אַ תלמוד־תורה אויסגעבויט; אַן אייגענעם בית־עלמין פֿאַר די לאַנדסלייט

1. אונטערגעהאַנדלט (קליין מסחר).
2. קלייטל.
3. פֿאַרנומען.

געקויפט: בין שוין מכמה־יאָרן אַ פּאָלנער סיטיטשענער; אָבער ציען ציט נאָך אַלץ אַהין. ס'בייניקט זיך נאָך אַלץ אַהין. דאָרט, פאַרשטייסטו מיר, איז נאָך אַלץ די היים. דאָרט איז שטענדיק געווען די היים...

אַ האַסטיגער צומאַך פון דער הינטער־טיר האָט איבערגעריסן זייער שמועס. באַלד האָט זיך פון קיך אַריינגעיאָגט אַ בלאָנד אינגל פון אַ יאָר צוועלף־דרייצן, צעשויבערט, פאַרשוויצט, אין אַ וואָלענעם אויבערלייבל, מיט אַ לע־דערנעם פוסבאָל אין דער האַנט —

— העללאָו, דיידי! גיב מיר אַ קוואָ׳דער פּליז. האָררי![2]

— וואָרט אַ ווײַלע. וואָס אַזוי פאַרסאָפּעט? זעסט עס זיצט אַ פרעמדער מענטש, אַ גאַסט, פליט מען ניט אַריין ווי אַ זאַווערוכע. דאָס איז דער נייער לערער פאַר אונדזער תלמוד־תורה, מילטע.

— העללאָו, רעבײַ... — האָט דער יונג אַרויסגעברומט, אַפּמעסטנדיק דיקענסן מיט אַ פאַרכמורעטן בליק — קאָן־אַו, דיידי, גיב מיר דעם קוואָ׳דער און לאָמיר גיין!

— שוין ווידער די פּילקע, האַ? נאָר די פּילקע ליגט אים אין קאָפּ. געזען אַזוינס אין דיין לעבנסטאָג?! שוין, קיין עין־הרע, אַ בר־מצוה־בחורל, און אַלץ וואָס ער ווייסט, איז נאָר פּילקע און פּילקע!...

— אָ דזשי, דיידי! — האָט דער יונג אַ צאַפּל געטאָן מיט די געזונטע אַקסלען — מ'וואַרט אויף מיר! — איך מוז גיין!

— אַ בהלה אויף מיינע שונאימס קעפּ — מ'וואַרט אויף אים! און אַז מ'וואַרט אויף דיר, איז וואָס? דאָס פּילקע־שפּילן 'עט חלילה קאַלט ווערן? אַ גלות־פּילקע אין אַמעריקע! גיי וואַש זיך צוערשט אָפּ דעם פּרצוף דיינעם... ס'גאַנצע לעבן איז אים אַריינגעטאָן אין אָט דעם־אָ — אין דער פּילקע! און איז גראָד גוט דאָרט, אין דער ענגלישער סקול![3] נאָר אויף עפּעס רעכטס — לאָמיר זאָגן, אויף צו נעמען אַ אידיש וואָרט אין מויל אַריין — אויף דעם סטאַיעט אים ניט קיין קאָפּ, קיין ווערטער. ווייל דעם נאָז אין דער תלמוד־תורה ניט אַריינשטעקן. מ'וואָלט געקאָנט מיינען אַז מ'קוילעט אים דאָרט אַוועק... פּרואוו זיך, אויף טשיקאַוועס, אפשר 'עסטו אים מחזיר לטובה זיין, האַ? דאָס, זעסטו, וואָלט ביי מיר ווערט געווען כל־הון־דעלמא! טו, איך בעט דיר, אַ רייד־איבער מיט אים. און ווען דו קאָנסט עס נאָך טאָן אויף ענגליש, וואָלט עס געווען גאָר גוט — האַ?

— כ'וועל זיך אַ פּרואוו טאָן.

1. אַ פערטל דאָלאַר.
2. שנעל.
3. שול.

— אַי, דאָס ׳עט זיין ווי געפונען! קום אַהער, מילטע!... שוין, גענוג — שוין אָפּגעוואַשן זיך... קום, דער טיטשער[1] וויל דיר עפּעס פרעגן.

דער יונג איז געבליבן שטיין פון דער וייטן און האָט אים אָנגעקוקט מיט אומגעדולדיגער פאַרהאַפטונג.

— וואָס האָסטו מורא, וואָס?! גיי־צו נענטער; קיינער ׳עט דיר דעם נאָז ניט אָפּבייסן. דער טיטשער רעדט ענגליש...

דעם יונג האָט געברענט אונטער די פּיאַטעס.

דיקענס האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט דעם יונג אין אַ שמועס. וויסנדיג אַז דער ייִדעס פאַרשטייט ניט צופיל די שפּראַך, איז דער יונג געווען גאַנץ אָפנהאַרציג אין זיין דערקלערן פאַרוואָס ער האָט פיינט „היברו". די רעבייס אין היידער זיינען אַזוינע גרינהאָרנס, ריידן אַן אַלד־טיים דזשוּאיש אַז ס׳איז ניט צו פאַרשטיין אַ וואָרט; האַלטן אין איין איבערקייען דאָסזעלביגע נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל — ס׳האָט ניט קיין זין; און—— נאָך אַלעמען, מיט וואָס איז ער ערגער פון די אַנדערע אינגלאַך — טהאַז קידס אָן טהע סטריט[2]? פאַרוואָס זאָל ער ניט האָבן קיין פאַן[3] נאָך סקול ווי זיי, און דאַרפן זיצן אין היידער?...

— בלעמס פּיסק! — האָט דער אַלטער, נאָך דעם ווי דער יונג האָט זיך אָפּגעטראָגן, אַ זאָג געטאָן — אָט דאָס זיינען דיר אַמעריקאַנער קינדער: פאַריענקעטע! דערפאַר טאַקי האַלט איך אין איין טענהן, אַז מ׳מוז זען אַז דער יונגער דור זאָל פון אונדז ניט אָפּגעפרעמדט ווערן — זאָלן בלייבן אידן! און מ׳דאַרף זען צו טאָן אַז די קינדער זאָלן וועלן גיין אין תלמוד־תורה — צוציען זיי; אַז די תלמוד־תורה זאָל זיין אַ מאָדערנע. אַ מאָדערנע, אָט וואָס! אַנדערע בעלי־בתים האָבן זיך איינגעשפּאַרט און ווילן דוקא „עברית בעברית" — אַ מאָדע אַזאַ — זאָל זיין אַזוי; אָבער נאָר מאָדערנע! פאַרשטייסט? ווייבאַלד נאָר מאָדערנע, איז שוין גוט. אַ וועלט אַזאַ... ביסטו, הייסט עס, גאָר אַ פילענאָוועך? — איז ער מיטאַמאָל צוריק אַרויפגעקומען אויפן פריערדיגן שמועס — און נאָך אַ דייכעס. אַזוי־אַזוי... נו, איז וואָס הערסטו עפּעס פון דערהיים, וואָס?

דייכעס האָט ניט באַוויזן צו ענטפערן, ווען דער טיר־גלעקל האָט אויפגעקלונגען דריי מאָל נאָכאַנאַנד — האַסטיג, צאַפּלדיג.

— אַהאַ! דאָס איז אונדזער מיסטער צימבל, דער סעקרעטאַרי אונדזערער. איך דערקאָן שוין זיין קלונג.

ס׳האָט זיך אַריינגעוואָרפן אַ דריבנער אידעלע מיט אַ צעכוואַליעטן קאַפּעליוש, קורץ, בייניג, מיט אַ פּאָר דיקע ברילן אויף דער רויטאָדערדיגער

1. לערער.
2. די קינדער אויף דער גאַס.
3. שפּאַס, פאַרגעניגן.

נאָז, זיין אויסגעקניײטשט פּנימל באַשאָטן מיט אַ טונקל־געלן נאָדלדיקן געװיקס. ס'איז געװוען פון יענעם מין געוויקס, וואָס איז ניט ממשותדיק גענוג צו אָנרופן עס אַ באָרד, און טונקל גענוג אַז מ'זאָל ניט קאָנען טרעפן ווי לאַנג ס'האָט שוין ניט פאַרזוכט אַ גאָלמעסער. זיינע באַוועגונגען זיינען געװוען האַסטיג, צאַפּלדיג, ווי זיין אָנקלינגען אין'ם טיר־גלעקל. זיין גאַנג, זיין האַלטונג, איז געװוען פּרוזשינעמעסיג — אונטערהויבנדיג זיך אויף די שפּיץ־פינגער, ווי ער וואָלט זיך נאָך געצויגן צום וואַקסן.

ווי נאָר ער איז דערשינען אויף ד ע ר זייט טיר, האָט ער באַלד אַ טייטל געטאָן אויף דיקענסן מיט אַ קנאַכיגן, אויסגעשפּיצטן פינגער, קוקנדיג בשעת־מעשה אויף מיסטער מילנערן —

— אַלבעטשע, דאָס איז דער יונגערמאַן מיטן שיינעם פּאָטשערעק! איאָ, געטראָפן?! זעט איר שוין?!... נו אויב אַזוי, איז טאָקי שלום עליכם!... גלעטשעמיטשיע... אַ וואָזשנער פּאָטשערעק — אַ יופי! און אַז איך זאָג איך א יופי, ווייס איך וואָס איך רייד...

און נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצונעמען זיין האַנט פון דיקענסעס, האָט ער שוין מיט דער אַנדער האַנט אַ טאַפּ געטאָן דעם סאַמאָוואַר —

— אַ——ה, הייס? גוט! 'עלן מיר טאָקי טרינקן אַ גלעזל טיי. זעט איר, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן אויף אונדזער ווערטן פּרעזידענט, אָבער אַ הייסער איד איז ער. ביי אים אין שטוב קאָן מען קיינמאָל ניט פאַרפראָרן ווערן: ס'איז שטענדיג פאַראַן אַ הייסע גלעזל טיי...

און תוך־כדי־דבור איז ער שוין געווען אין קיך, און באַלד צוריק מיט אַ גלאָז און שעלכל, און רגע־כמימרא איז שוין דער קאַפּעליוש געהאַנגען ביי אים אויפן שפּיץ פּאַטיליצע און דער שטערן האָט געשלאָגן מיט שווערע טראָפּנס שוויס אַריבער דער גלאָז טיי. ס'מויל האָט זיך ביי אים אויף אַ רגע ניט צוגעמאַכט: אַ זשליאָקע דעם טיי, אַ סמאָקע מיט די ליפּן, און דער צונג איז געװוען אין פולן גאַנג. ער האָט גערעדט אין אַ פּרעגלדיג, צוגעלעגן קול — מיט די הענט, מיט די עלנבויגנס, מיט די פּלייצעס, מיטן פאַרריסענעם שפּיץ קראַגן: ער האָט געזאָדן, געברענט — הייס! — הייס! — הייס־ס־ס! — געשווינט! ער האָט ניט געלאָזט קיינעם אַ וואָרט אויסריידן —

— טיי איז אַ טייערע זאַך! ס'איז געזונט. איבערהויפּט, הייסער טיי, און ניט אַזוי דער טיי, ווי דער שוויצן: ביקאָז[1] שוויצן שטעלט־אַיין די בלוטן. דער שוויצן איז דער עיקר!... איז פון וואָס האָבן מיר דאָ גערעדט, פון וואָס? אָ, יעס! טאָקי פון אייך — וועגן אייער פּאָטשערעק. אַלץ הייסט אַ פּאָטשערעק! פאַרשטייט איר מיר? איך בין אפשר ניט קיין גוואַלדיגער תלמיד־חכם, כע־כע, אָבער אַ טביעת־עין, קיין עין־הרע, האָב איך. איך דאַרף נאָר איין קוק טאָן

1. ווייל.

איף אַ מענטשנס פּאַטשערעק, און מיניה־וביה ׳על איך איך זאָגן וואָס פּאַר אַ סאָרט נפש דאָס איז. אַ פּאַטשערעק, פאַרשטייט איר מיך, איז אַ גלאָז, אַ שפּאַקטיוו, וואָס קוקט אַריין גלייך אין מענטשן אַריין — אין זיינע חדרי־חדרים. און וואָס מיינט איר, נאָר איך זאָג עס אַזוי? אָט, פּעראַינסטנס,[1] זיינען פאַראַן אַזוינע פּראָפעסאָרן, וועלכע קאָנען דורך אַ מענטשנס כתב — דורך זיין חתימה אַליין — איך זאָגן וואָס פּאַר אַ נאַז דער בעל־דבר האָט, וואָס מיט זיין עלטערזיידן איז געשען, ווי זיין שוויגער הייסט, און אַפילו וואָס ס׳וועט מיט אים זיין לעתיד־לבוא. אויף אַזוי ווייט! און דאָס, פאַרשטייט איר מיר, זיינען פּראָפעסאָרן — ניט גלאַט קיהע־שפּיהע, סתם־סאָמבאָדי[2]! דאָס קאָן מען ניט אָװעקמאַכן מיט דער האַנט, יו נאָו. ביי מיר שטייט אַ מענטשנס פּאַטשערעק העכער פון אַלץ. אַ פּאַטשערעק איז ביי מיר דער עיקר! פאַרשטייט איר מיך, וויבאַלד נאָר——

ס׳האָט זיך ביי דעם אידן גאָר די לופט ניט אויסגעלאָזט. אַ ווינטמיל אין אַ זאַווערוכע! ס׳איינציגע שטיקל גליק איז געווען, וואָס סוף־כל־סוף האָט ער דאָך פאָרט געמוזט אַמאָל פאַרקלעפּן דאָס בויגעלע פּאַפּיראָספּאַפּיר מיטן אָנגעשטאָפּטן טאַבעק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין צוזאַמענדרייען בשעתן ריידן. מיטן צונג איבערן זוים פון׳ם סיגאַרעטל, האָט ער שוין געמוזט אויף אַ רגע אָנשוויגן ווערן. דאָס האָט געגעבן דעם אַלטן מיסטער מילנער אַ געלעגנ־הייט אַריינצוואַרפן אַ וואָרט:

— אַ לאַנדסמאַן מיינער; — האָט ער איבערן אַקסל אַ טייטל געטאָן אין דיקענסעס ריכטונג, — אַן אמתער לאַנדסמאַן. ס׳איז מיר אַפילו באַקאַנט די משפחה זיינע: אַ פיינע משפחה — גאָר־גאָר!

— אַזוי גאָר?! טפּוי... — האָט מיסטער צימבל זיך געגראַנגלט מיט אַ שטיקל צוגעקלעפּט פּאַפּיראָספּאַפּיר אויף דער ליפּ — הערט אַ מאַנסע! נו, אויב שוין יאָ אַזוי... טפּוי... איז דאָך מה טוב!... טפּו——י!...

— און רעדט ענגליש ווי אַ וואַסער! — האָט דער אַלטער צוגעגעבן ניט אינגאַנצן אָן אינערלעכן שטאָלץ — שוין גאַרניט ווי קיין גרינער, כ׳לעבן.

— פּטור, נו. ס׳שאַדט ניט אַז מ׳קאָן. מ׳געוויינט זיך צו צום לשון. אָט נעמט מיר, פּעראַינסטנס...

און ער איז שוין ווידער געווען מיט די רעדלעך אויף די רעלסן; האָט געטריבן פון זיך רויך, טומל — אַ פּאַראָוויק! אַ שנעלצוג! עס איז אים איצט גאַרניט געווען אָפּצוהאַלטן. אַ קליינינקייט! יענער האָט זיך ענדלעך אַרויפּ־געשלאָגן אויף דער טעמע וואָס פאַרנעמט ביי אים דעם מיטלפּונקט פון אַלץ: ער האָט גערעדט פון דער פּערזענלעכקייט וואָס הייסט שמחה צימבל! און

---

1. צום ביישפּיל.
2. אַבי־ווער.

טאַקי פאַרוואָס ניט? זאָל טאַקי אַ נייער מענטש וויסן מיט וועמען ער רעדט, מיט וועמען ער האָט דאָ צו טאָן. העט־ע־טע, וואו אָט דער שמחה צימבל וואָלט ניט אָנגעשפּאַרט, ווען— ווען— ווען... נאָר ווי קאָן זיך איין מענטש אויף אַלץ צערייסן? אַז אַחוץ וואָס ער איז דער סעקרעטאַר פון דער תלמוד־תורה, איז ער אויך דער שמש אין דער שול, אַ משגיח אין אַ וואורשט־פאַבריק, און אַ „ספּעשיאַליסט מוהל״... „אָט איז מיין קאַרטל — מיטן אַדרעס, מיט אַ טעלעפאָן, מיט מיין פּיקטשע[1], מיט אַלדעם־באַנאַנדער. שוואַרץ אויף ווייס: רעווערענד דאָקטער (דעם „דאָקטער״ דאַרף מען האָבן פון דאָקטוירימס־וועגן — ווי אַ זאַך מאַכט זיך, פאַרשטייט?) רב שמחה צימבעל (די קינדער לייגן זיך שוין אַנדערש: קימבל — מיט אַ קוף...) מוהל מומחה־ספּעשעליסט ומסדר קידושין מיט און מיט אָן שפּיצעס (מיט שפּיצעס קאָסט, פאַרשטייט זיך, טייערער)...״ דערצו איז ער נאָך אַ שיינער בעל־תפילה („האַ, וואָס זאָגט איר, ר' חיים?... כ'מיין״) — טאַקי גאָרניט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. „וואָס־דען, די אַמעריקאַנער מלאָקאָסאָסן, די היגע חזנימלעך — די בעזבאָראָדקעלעך מיט די גלחימשע יאַרמולקעס — ווייסן אייך עפּעס פון אַ נוסח, פון אַ פּירוש־המלות?...״ נו, און אַ נוסח אויף אַ מצבה אַז מ'דאַרף, באַהיט גאָט, איז ער אויף דערויף גאָר אַ מאַידים — „טאַקי מיטן גראַם, מיטן נאָמען אַראָפּ ביי די ראשי־שורות, מיטן בגימטריא, מיט אַלע גליקן — אַבי מ'באַצאָלט!...״ היינט, ס'איז דאָך עפּעס אַ שול: מאַכט זיך אַ לויה, אַ מצבה־שטעלן, צי אַזוי אַ שמחה ביי אידן; ס'איז ניטאָ ווער — דאַרף מען שטענדיג קאָנען זיך אַוועקשטעלן און זאָגן אַ פּאָר ווערטער. אַ מויל, אַ דאַנק גאָט, האָט ער. אָבער טאַקי אויף דער מינוט קאָן ער זיך אַוועקשטעלן און זאָגן — אָבער טאַקי ז אָ ג ן! ער, שמחה צימבל, דאַרפט איר וויסן, איז ניט דער רב, זאָל געזונט זיין: ער האָט פיינט איבערצומעלה־גרהן דיזעלבע דרשה זיבעציג מאָל. ער האָט פיינט, ווי מע רופט עס, סקאַרבאָווע דרשות. ער האָט רעיונות, בליצן, און אַזוינע איינפאַלן! תמיד עפּעס ניי. ניי — דאָס איז דער עיקר! עה, ווען ער וואָלט זיך נאָר געקאָנט אַוועקזעצן און פאַרשרייבן און מסדר זיין די אַלע זאַכן, וואָלט ער געקאָנט מאַכן אַ ספר־הדרשות, וואָס וואָלט מאַסליאַנסקין מיט זיין געמבע געמאַכט אויסצוקוקן כקוף בפני אדם! און וויבאַלד ער וואָלט זיך שוין יאָ גענומען די טרחה און די צייט, וואָלט ער עס אויסגעשריבן אין אַ פּערלדיגן, אויסגעצוקטן כתב, אין אַ נופת־תטופנהדיגן לשון־קודש, אַז דער לשון אַליין וואָלט צעגאַנגען אין מויל. טאַקי מיט דער אמתער ריינער מליצה, מיטן קנאַק. אַי, דאָס וואָלט געווען אַ זאַך! (נישקשה, אַז שמחה צימבל וויל, קאָן ער... „האַ, וואָס זאָגט איר, ר' חיים?... כ'מיין...״) נאָר גיי זעץ זיך אַוועק... היינט איז ער נאָך אַ גאַנצער מאַכער ביי די ציוניסטן (אין דעם „מזרחי״, פאַר־

---

1. בילד.

שטייט זיך) און אַן עמוד־התוך אין דעם ועד־הכשרות. נאָר דער עיקר איז ביי אים ארץ־ישראל. „ער פאַר ארץ־ישראל!" ווען ער וואָלט זיך נאָר געקאָנט אויפהויבן און אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָלט ער שוין פון דאָרט קיינמאָל ניט צוריקגעקומען. אַ קלייניגקייט ארץ־ישראל?! און דער עיקר איז לשון־קודש. „ער פאַר לשון־קודש!" ווען ער וואָלט נאָר געהאַט מיט וואָס, וואָלט ער זיך געלאָזט אויסבויען אַ קאָלאָניע (טאַקי אפילו דאָ אין אַמעריקע) פון עטלעכע מנינים אידן וואָס זאָלן ריידן צווישן זיך נאָר לשון־קודש — אָבער טאַקי דעם אמתן לשון־קודש! — ניט דעם בלעכענעם לשון־קודש וואָס מ׳שרייבט היינט. דאָרטן, אין דערהיים, בחורוויז נאָך, האָט ער טאַקי געהאַט אַזאַ חברה. „אַי, דאָס — דאָס — דאָס!..." וואָס־דען, ענגליש איז ביי אייך אַ לשון? אַז „איט" איז ביי זיי אי אַ לשון־זכר, אי אַ לשון־נקבה, אָדער ניט דאָס און ניט דאָס — אַ טומטום־לשון!...

— בקיצור, בקיצור, וואָס טויג מיר דאָס ברייען? יונגערמאַן, די זאַך איז שוין בעניי ווי געצעטלט[1]! האַ, וואָס זאָגט איר, ר׳ חיים?... כ׳מיין, אַז וויבאַלד אַז אייערער אַ לאַנדסמאַן א י ז ער; און אַ פּאָטשערעק, ווי איר זעט, האָט ער גאָר אַזוינס־ווי־אַזעלכעס; און אַ מורה־מוסמך איז ער אויך; און אַלץ וואָס מ׳דאַרף איז דורכריידן זיך מיט דער קאָמיטע, און פאַרטיג! ס׳הייסט, וואָס, פּעראינסטנס, איז דאָ נאָך פאַראַן זיך דורכצוריידן? מיסטער קאָהען איז דאָך — ניע! — אַ פינפטע ראָד אין וואָגן; הערדי לעדערמאַן איז דאָך געווען דער וואָס האָט געשריען „עברית בעברית", ׳עט ער דאָך אודאי זיין צופרידן; נו, און דער רב אונדזערער, זאָל געזונט זיין, איז דאָך, זאָלט איר מיר מוחל זיין, אַ אידענע: אַז די מעמבערס[2] ווילן, ׳עט ער ניט זאָגן ניין. איז אַזוי: היינט האָבן מיר אַזוי גוט ווי מיטוואָך; מאָרגן איז שוין דאָנערשטיג, בין איך פאַרנומען אין בוטשער־שאַפּ[3]; בלייבט עס, זאָל עס הייסן, אויף זונטיג, אם ירצה השם. זונטיג זייגען די מעמבערס ניט אַזוי ביזי, ׳עט מען זיך צוזאַמענקומען אין דער תלמוד־תורה, מיר׳ן זיי באַקאַנען מיטן נייעם טיטשער און איר׳ט זיי ווייזן וואָס איר קאָנט, מיסטער דיקענס... האַ?... אָט, וואָס איר׳ט מיט זיי ניט לערנען. דער עיקר אַז זיי זאָלן זען ווי איר לערנט מיט די קינדער — פאַרשטייט? — די מעטאָדע... ׳עט איר טאַקי זיין דאָרט זונטיג אינדערפרי. פיין!... נו, האָבן מיר שוין, ברוך־השם, אַ נייען טיטשער, און נאָך אַן ארץ־ישראלדיגן, מיט אַ דיפּלאָמע, מיט אַלדעס־באַנאַנדער, אַז ס׳וועט זיי דאָרט — די „בני־ישורון" תלמוד־תורה — רינען די סלינע פון מויל! און אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ גיט זשע טאַקי אַהער אַביסל פון אייער

---

1. געשליכטעט.
2. מיטגלידער.
3. פלייש־געשעפט.

ווישניאַק, און לאָמיר נעמען צו קאַפּיטשקעס... זייט זיך ניט מטריח, איכ׳ל עס אַליין ברענגען — איך ווייס וואו איר האַלט עס... נו, זאָל זיין מיט מזל! גוד לאָק!... לחיים, ר׳ חיים! לחיים, טיטשער!... אַי, גוט! פּאָרט אַביסל משקה פונ׳ם אמתן שטאָף — נאָך פון פאַר „מתן־תורה״,[1] כע־כע... נאָך אַ קליין ביסעלע... דערגיסט, דערגיסט... גענוג...

— אַן אײדעלער יונגערמאַן, פון פיינע טאַטע־מאַמע. — האָט דיקענס געהערט דעם אַלטן זאָגן, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין — זייער אַ וואוילער יונגערמאַן.

— שייך? מ׳זעט דאָך טאַקי, מ׳זעט! — איז געקומען מיסטער צימבלס ענטפער, באַסמאַקעווענדיג זיך איבער דער לעצטער גלעזל ווישניאַק — ס׳האָט נאָך דעם היימישן טעם...

מיסטער מילנער האָט אָנגעיאָגט דיקענסן ביי דער טיר —

— הער זיך נאָר איין, לאַנדסמאַן מיינער: דו דאַרפסט דאָך מסתמא דערווילע אַ פּאָר טאָלער, דאַרפסטו זיך ניט שעמען. קאָנסט עס האָבן עד־לחשבון.

— צופיל האָב איך ניט, אָבער——

— טאָ נעם עס! סט׳קריגן די ערשטע שכירות, ׳עסט עס מיר אָפּגעבן... געדענק: זונטיג, אם ירצה השם, צען אַזייגער אינדערפרי. פאַרשרייב ביי זיך דעם אַדרעס פון דער תלמוד־תורה. האָסט אַ ביכעלע?... גוט. אָט אַזוי. און גיב אַכטונג וואו דו פאַרשטעקסט ס׳ביסל מזומן: דאָ איז ניט אין דערהיים. פאַרשטעק עס גוט...

ס׳זיינען דאָרט געווען דריי פינף־דאָלאַר־שטיקער. דיקענס האָט עס צוגענומען מיט אַ געמישט געפיל פון דאַנקבאַרקייט און פאַרטאַיעטער מורא: האָט ער צומאָל ניט פאַרקויפט זיין נשמה צום טייוול?...

ער האָט זיך געדונגען אַ באַשיידן צימערל ביי אַן אַרבעטער־משפחה אויף דער וועסט סייד, און צומאָרגנס איז ער אַוועק זיך מעטריקולירן אין אוניווערזיטעט. ער האָט אַן שוועריגקייטן געקראָגן פולע אַנערקענונג פאַר זיין ביזאַהעריגער בילדונג. ס׳איז שוין דאָרט געשאַפן געוואָרן אַ פּרעצידענט דורך אַן ענלעכן פאַל. דער געהילף־דעקאַן האָט אים אויפגענומען געשעפטס־מעסיג־פריינדלעך, האָט אים אָנגעצייגט די געגנשטאַנדן אין וועלכע ער וועט זיך דאַרפן פאַרפאָלקאָמען כדי צו דערגענצן זיין פּרע־מעדיצינישן קורס. דער שטודיום־פּראָגראַם איז פאַר אים אויסגעאַרבעט געוואָרן. קאָלעדזש ענגליש, אָרגאַנישע כעמיע און ביאָלאָגיע. מיט דעם גאַנצן זומער פאַר זיך, וועט ער עס זיכער קאָנען באַוויזן. דאָס וועט אים באַרעכטיגן אַריינצוטרעטן אין דער

1. דער וואָלסטעד געזעץ, וועלכער האָט פאַרבאָטן דעם פאַרקויף פון שטאַרקע געטראַנקען אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

מעדיציז־שול דעם קומענדיגן האַרבסט־סעמעסטער. ער האָט פאַרלאָזן די אוני־
ניווערזיטעט־געביידע אַ דערמוטיגטער, אַ צופרידענער: ער איז אויפן וועג
צום ציל — אויפן וועג צו זיך!...

זונטיג, צו דער באַשטימטער צייט, איז ער געווען אין דער העברעאישער
שול. אַחוץ דעם אַלטן מיסטער מילנער און מיסטער צימבלען, האָט ער דאָרט
געטראָפן די אַנדערע מיטגלידער פון דעם שול־קאָמיטעט. די מערסטע פון זיי
זיינען געווען מיטליעריגע, באַקערפּערטע אידן און קענטיג ניט שלעכט איינ־
געפונדעוועט פינאַנציעל: ווער אַ ריעלעסטייטניק, ווער אַן אַרויפגעאַרבעטער
אייזן־ברוך־הענדלער, ווער אַ פאַרהאַוועטער גראָסערימאַן. איינער פון זיי איז
געווען אַן אויסגעוויקטער, פאַרקלערטער יונגערמאַן מיט קרענקלעכע אויגן,
וועלכער האָט זיך וויניג־וואָס אַנגעקערט מיט די איבעריגע. אפילו אין זיין
אַמעריקאַנעם אַנטועכץ האָט ער נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ היימישער אידעם
אויף קעסט. דיקענס האָט זיך באַלד אַנגעשטויסן, אַז דאָס מוז אודאי זיין דער
וועלכער איז באַשטאַנען אויף „עברית־בעברית". צווישן די קאָמיטעט־מיטגלי־
דער איז אויך געווען איינער אַ מיסטער שקאָלניק — אַן עלטערער תלמוד־
תורה־לערער, וועלכער איז גערופן געוואָרן אַלס דער מומחה און מבין אין דעם
ענין. ער האָט נאָכאַנאַנד דורכגענומען דיקענסן מיט שטומע ביטול־בליקן און
מיט אַ פאַרדאַגהטער מינע. מ'האָט געוואַרט אויפן רב. דערווייל האָט מען
זיך פאַנאַנדערגערעדט — ס'הייסט, גערעדט האָט נאָר מיסטער צימבל, די אַנ־
דערע האָבן נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין
וואָס פאַר אַ מציאה זיי האַנדלען דאָ אין אין דעם נייעם לערער. און הערנדיג
די שבחים, וואָס מיסטער צימבל האָט וועגן אים אַנגעוויכערט, האָט דיקענס
שיעור ניט אַנגעהויבן צו צווייפלען צי מ'מיינט עס אים —

— פאַרשטייט? — אַ ס ע מ י נ אַ ר י ע ! וואָס דאָס איז נאָך אפשר
העכער פון קאָלעדזש מיט יוניווערסיטי צוזאַמען. און נאָך אַ לשון־קודשדיגע
סעמינאַריע! מיט אַ תעודה — טאַ־טאַ־טאַ! — מיט גמרא, מיט היסטאָריע,
מיט ראשונים, מיט אחרונים — שיעור־שיעור ניט אַ רעגעלע סמיכה!...

פון אַ דערבייאיגן צימער האָט זיך דערטראָגן אַ געפּילדער פון אינגלעך,
וואָס איז געוואַקסן מיט יעדער מינוט. מיסטער שקאָלניק האָט זיך פון מאָל־
צו־מאָל אַריינגעלאָזט אַהין און פלעגט פון דאָרט אַרויסקומען מיט אַ צעפלאַמט
פנים און מיט רוגזה אין די אויגן. ס'פלעגט אַ וויילע שטיל ווערן, און באַלד —
ווידער דערזעלביגער געפּילדער. מיסטער צימבל האָט געכאַפּט אַ קוק אויף
זיין טאַשן־זייגער —

— ס'ווערט שוין שפּעט. ווי ס'זעט־אויס, 'עט שוין דער רב אונדזערער,
זאָל געזונט זיין, ניט קומען. דער מאָגן איז ביי אים אודאי לאַ־עליכמדיג
נאָך דער נעכטיגער דרשה... קומט לאָמיר אַריינגיין, אידן!

מיסטער שקאָלניק האָט זיך אַריינגעלאָזט פאַראויס. נאָך אים האָבן זיך

אין קלאַס־צימער אַריינגעשאַרט די קאַמיטעט־לייט. מיסטער צימבל איז נאָך אַ ווײַלע פֿאַרבליבן מיט דיקענסן אין פֿאַרוואַלטונג־צימער —
— כ׳מיין, וואָס איר זאָלט מיט זיי ניט לערנען: אַ האַלבע שעה — אײן זאַך, אַ האַלבע שעה — עפּעס־אַנדערש; דער עיקר איז — איך דאַרף איך דאָך ניט זאָגן... — האָט ער אים געעצהט אויף איין פֿוס און איז באַלד ניט געוואָרן.
לויט זיין געוואוינהייט אין דער פּאַלעסטינער שול, האָט דיקענס איבערגע־לאָזט זיין הוט אין פֿאַרוואַלטונג־צימער און איז אַריין אין קלאַס. ער האָט ניט באַמערקט די פֿאַרחידושטע בליקן וואָס די קאַמיטעט־לייט האָבן אויף אים געוואָרפֿן. ער האָט פֿאַרנומען זיין פּלאַץ ביים לערער־טישל און, נאָך עט־לעכע קורצע באַמערקונגען אין ענגליש, איז ער צוגעטראָטן צום לער־געגנ־שטאַנד אין העברעאיש. ס׳איז געווען די וואָך פֿון ל״ג בעומר, האָט ער מיט זיי געלערנט די געשיכטע פֿון בר־כוכבאס אויפֿשטאַנד קעגן די רוימער; האָט פֿאַר זיי דערציילט פֿון רבי עקיבאַן, פֿון זיינע תלמידים, פֿון זיין השפּעה אויף יענעם דור. ער האָט באַנוצט אַ צוגענגלעכע, לייכטע שפּראַך אַז די קינדער זאָלן אים קאָנען לייכט פֿאַרשטיין. פֿון זיין רייכן רעפּערטואַר האָט ער פֿאַנאַנ־דערגעוויקלט לעגענדן וואָס ווערן דערציילט וועגן דידאַזיגע פֿאָלקס־העלדן, וועגן זייער מסירות־נפשדיגער העלדישקייט און וועגן זייער פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף פֿאַרן אמת, וועלכער האָט באַהערשט זייער לעבן. ער האָט געפֿילט, אַז ער באַהאַנדלט זיין מאַטעריאַל מיט געניטער פּאַכמאַנשאַפֿט, אַז ער האָט די פֿולע אויפֿמערקזאַמקייט פֿון קלאַס.
פֿון צייט־צו־צייט האָט ער געכאַפּט אַ קוק אויף די בעלי־בתים אַרום: מיסטער מילנער האָט זיך געקוויקט מיט יעדן וואָרט; מיסטער קאָהען, דער פֿוזאַטער ריעל־עסטייטניק, האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע אָנגעגאָסענע, אַרויסגעזעצטע אויגן און האָט זיך געמיט עפּעס אויפֿצוכאַפּן, נאָר ס׳איז אים הפּנים ניט געגאַנגען; מיסטער שמולעוויץ, דער אייזן־ברוך־הענדלער, האָט געהאַלטן די טשאַבע באַרינגטע פֿינגער פֿון ביידע אָנגעדראָלענע הענט איינגע־שלייפֿט, דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזט אויפֿן גוידער, און פֿלעגט זיך צייטנווייז טאָן אַ כאַפּ־אויף ניט־טויט־ניט־לעבעדיג; מיסטער צימבל איז געזעסן פֿאַרמוחט און האָט זיך געצופּט די שיטערע וואָנצעס; מיסטער שקאַלניק האָט געהאַלטן אין איין טיוכקען דעם אויסגעבלייכטן יונגנמאַן און שושקען אים אין אויער; די אַנדערע צוויי האָבן זיך צוגעהערט מיט פֿרומע מינעס, האָבן צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו אַ מגיד. אָבער ס׳איז גע־ווען עפּעס איז זייער אַלעמענס בליק, וואָס ער האָט ניט געקאָנט גענוי אויפֿכאַפּן.
פֿון געשיכטע איז ער אַריבער צו דערקלערן פֿאַרן קלאַס די גרונט־פּרינ־ציפּן פֿון משקל אין די פּועלים. ער האָט זיך באַנוצט מיטן טאָוול־ברעט און

האָט זיך געגעבן די מי צו מאַכן דעם געגנשטאַנד קלאָר און פאַרשטענדיק. מיסטער לעדערמאַן האָט צוגעלעגט די האַנט צום אויער און האָט זיך צוגע־הערט מיט קאָפּ. מיסטער צימבל האָט עטלעכע מאָל אָפּגעענטפערט ווען אַ פראַגע איז געשטעלט געוואָרן די קינדער. „דקדוק — דאָס איז ער! ער פאַר דקדוק!...” מיסטער קאָהען האָט געכראָפּעט שטאַרק.

נאָכן פאַנאַנדערלאָזן די קינדער, זיינען די קאָמיטעט־לייט נאָך אַ ווײַלע געבליבן אין קלאַס־צימער. זיי האָבן זיך צוזאַמענגענומען אין אַ רעדל אַרום מיסטער מילנערן. מיסטער שקאָלניק האָט זיך וועגן עפּעס געקאָכט. מיסטער צימבל איז נאָכגעלאָפן דיקענסן אין פאַרוואַלטונג־צימער אַריין —

— פיין! פיין! הפלא־ופלא! אויף צו האַלטן אַ חדר זענט איר עי־נאָמבער־וואַן! נאָר איין זאַך 'על איך אייך בעטן, מיסטער דיקענס: ווען איר קומט אַריין לערנען מיט זיי, זאָלט איר אָנטאָן די העט[1]. איר פאַרשטייט, מ'קאָן דאָך ניט שטיין בגילוי־ראש און לערנען מיט די קינדער אידישקייט, כ'מיין...

דיקענס האָט אים אָנגעקוקט פאַרווירט:

— וואָס מיינט איר מיט אידישקייט?

— ס'הייסט, וואָס? מ'דאַרף אייך נאָך זאָגן וואָס אידישקייט איז? אָט כ'מיין: דאַוונען, פּעראַינסטנס, אַ פרשה חומש, די הפטורה מיטן טראָפּ — ס'הייסט, וואָס?

— אָה—ה. ווי איך האָב אָבער פאַרשטאַנען דאַרף איך מיט זיי לערנען העברעאיש, געשיכטע...

— אודאי! אודאי! העברעאיש טאַקי אויך, און געשיכטע טאַקי אויך; אָבער דאָס איז דאָך, יו נאָו, פון די קלייניגקייטן. דער עיקר, פאַרשטייט איר מיר, איז אַריינצוקלאַפּן זיי אין קאָפּ אַביסל אידישקייט. מאַכן זיי פאַר אידן — ווי זייערע טאַטעס, ווי זייערע זיידעס, פּעראַינסטנס. זען אַז זיי זאָלן וויסן אַז זיי זיינען ניט קיין מיקס, קיין יענקיס פון דער גאַס — אָט וואָס!

— דאָס מיינט איר?

— וואָס־דען? — האָט זיך אַריינגעמישט מיסטער שמולעוויץ — היסטערי מיט די אַנדערע חזירייִ לערנען זיי זיך אָן גענוג אין פּאַבליק־סקול. דאָרט מוזן זיי עס לערנען. וואָס איך וויל איז, אַז מיין קינד זאָל קאָנען נאָך מיר קדיש זאָגן — דאַטס־אָלל![2] אָט די אַלע מאַנסעס 'עלן מיר אין גן־עדן אַריין ניט פירן!

---

1. הוט.
2. דאָס אַלץ!

— ביי מיר איז היסטערי — חומש, אַביסל סוואַרבע — דאָרט, מיט די מלכים, יו נאָו... — האָט זיך אָנגערופן איינער פון דעם קאָמיטעט, וועלכן דיקענס האָט גאָר פריער ניט באַמערקט, — און פאַר גוד מעזשער[1] — די מגילה; דאַ׳צי׳נאַף![2]

— און קאָרס, טיטשער, — האָט זיך צוגערוקט מיסטער סאַפּיר — איר ווייסט אייך אייערע ביזנעס און איך ווייס מיר מיינע ביזנעס. מיינע ביזנעס איז גראָסערי. איך בין אַ גראָסערימאַן, בין איך. אָבער זאָגט מיר פּליז, וואָלט עס ניט געווען מער פּראַקטיקל[3] אַריינצוקנעלן מיט זיי נאָך אַ שייטל עברי, איידער אָט דעם לאָונדרי־צעטל?[4]

דער שווערער מיסטער קאָהען האָט אויך ניט געשוויגן:

— היסטערי מיט וואָטשעמיקאָליט[5] וואָלט אפשר געווען אָללרייט, ווען די באָיעס קאָנען כאָטש האָבן אַ יוז[6] פון דעם. דער מעין פוירפּאָז[7] פון אַ תלמוד־תורה איז צו זען אַז די באָיעס זאָלן ניט זיין אויף דער סטריט און קאָנען עפענען אַ מויל אין שול. מיינער איז שוין באַלד בר־מצוה; דזשאָגראַפי[8] מיט וואָטשעמיקאָליט קאָן ער אָלבעטשע[9] בעסער פון אונדז אַלעמען, נאָר די ברכות, לעט׳ס סיי[10], אָדער אַ פּלעין שבתדיגן דאַוונען — איז פון אָרט ניט! די תלמוד־תורה קאָסט מיר געלט, און איך וויל אַז מיין באָי זאָל עפּעס קאָנען דאַוונען — אָט וואָס מ׳דאַרף מיט זיי לערנען!

— וואָס טויגן מיר די קונצן? — איז מיסטער שמולעוויץ אַרויס פון די כלים — אַ חדר איז געמאַכט געוואָרן אויף אויפצוהאַלטן אידישקייט און דאָטסיאָלל! די אַנדערע שמאָנצעס זיינען ביי מיר ניט ווערט קיין שמעק טאַבעק!

— ווי אַזוי ט׳איר קאָנען אויפהאַלטן אידישקייט, אַז דער מלמד אַליין שטעלט זיך אַוועק באַלאַקען פאַרן חדר אָן אַ היטל?! — איז מיסטער שקאָלניק צוגעקומען מיט אַ חניפה־שמייכעלע — פאַטשערעס ׳עלן זיי זיך אויסלערנען זאָגן מיט אַזאַ קנעלן! אדרבה, טוט אים נאָר אַ פרעג צי ער ווייסט אַליין ווי צו מאַכן אַ המוציא אויף אַ דונער?...

---

1. גוטער מאָס.
2. דאָס איז גענוג.
3. פּראַקטיש.
4. וועש־צעטל.
5. ווי מ׳רופט עס.
6. נוצן.
7. הויפּט־ציל.
8. געאָגראַפיע.
9. איך שווער אייך.
10. לאָמיר זאָגן.

מיסטער לעדערמאַנען איז געווען הייס אונטערן קאָלנער. ער האָט אין דער שטיל גערעדט מיט מיסטער מילנערן. די דינע פינגער האָבן ביי אים אַזש געציטערט פון אויפרעגונג. מיסטער צימבל האָט געפּרואווט איינגעמען ס'געזעמל:

— איצ'אָרייט, אידן — איצ'אָרייט! אַלץ וואָס מ'דאַרף, איז זאָגן דעם טיטשער וואָס מיר ווילן, און ער'ט שוין דעליווערן די גודס[1]. ער קאָן — אַי, קאָן ער! וואָס אַרט אייך? ס'עט זיין אָרייט!... וואָס זאָגט איר, מיסטער דיקענס, האַ?

דיקענס האָט געשוויגן. ער האָט איצט איינגעזען דעם גאַנצן טעות. און ווען ער האָט פאַרלאָזן די תלמוד־תורה, האָט ער ביי זיך געוואוסט, אַז ער וועט שוין אַהין מער ניט צוריקקומען. ניין! ער וועט זיך קיינמאָל ניט קאָנען איינלעבן צווישן דידאָזיגע אידן. זיי — אָט די קאָהענס, און די שמולעוויצעס, און די צימבלס, און אפילו די מילנערס — זיי לעבן נאָך אין פּילעגאָווע, און אין בערדיטשעוו, אין מינסק און אין לעמבערג — אויף אַן אַמעריקאַנעם אַד־רעס... דאָס זיינען מענטשן, וועלכע האָבן אין זייערע קלומיקעס און שטרוי־ענע קוישלעך מיטגעשלעפּט מיט זיך אַהער פון יענער זייט ים די גלות־פּסי־כאָלאָגיע — די נייגונג צו אָפּגעזונדערטקייט, צו געטאָ־איינגעשלאָסנקייט, און אַ מיסצוטרוי צו אַלץ וואָס איז ניט ווי דאָרט... ניין, עס איז ניט איינגאַנצן דער ווילן אויפצוהאַלטן די אמונה, אויפצוהיטן די טראַדיציעס, דעם קדושת־שבת און די קדושת־יום־טוב — ניט דאָס איז דער הויפּטמאָטיוו וואָס באַוועגט אָט די מענטשן צו אַנטקעגנשטעלן זיך די אימפּולסן פון דעם היגן לעבן. ס'איז מער די איינגעבוירענע מורא פון דער האָרדע, דער פּסודאָ־נאַציאָנאַליזם, דער פאַרלאַנג צו זיין אַנדערש, וועלכער האָט זיך מיט זיי צוזאַמען אַריבער־געגנבעט דעם גרעניץ, און זייער אימפּאָטענטע בענקשאַפט נאָך אַן עפּעס וואָס איז דאָ פרעמד. און די מענטשן, ניט־האָבנדיג אַ ל ל י ין דעם ווילן, דעם מוט, אָט די בענקשאַפטן זייערע נאָכצוקומען, זוכן מיט אַלע מיטלען דאָס צו פאַראייביגן אין דעם נייעם דור, אין דעם הי־געבוירענעם — איבערגיסן זיין לעבן אין זייער פורעם — „אָ פּ ר י י ס ן א י ם פ ו ן ד ע ר ג אַ ס" — אויסשיילן אים פון זיין נאַטירלעכער אומגעבונג און שטעלן אים פרעמד צווישן זיינע מיטמענטשן — לערנען אים צו גיין מיטן פּנים אויף הינטער, ווי זיי... און דאָס ווילן זיי אַז ער זאָל טאָן פאַר זיי; פאַר דעם צוועק האָבן זיי אים געדונגען... ניין! אויף אַזויפיל קאָן ער מיט זיך אַליין ניט קאָמפּרימיטירן! ער איז געקומען אַהער אָנצוהויבן אַ ניי לעבן; ער גלויבט אין לעבן; און אַ מענטש קאָן ניט ליב האָבן ס'לעבן און בלייבן אָפּגעפרעמדט

1. וועט צושטעלן די סחורה.

פון ברודער־מענטש... ס׳איז טאַקי אַ צייטווייליגע זאַך — נאָר אַ מיטל צו אַ ציל, צו עפּעס גרעסערס; אָבער ער קאָן זיך אַליין ניט פאַרקויפן. ער וועט פאַרדינגען זיינע הענט, דעם כוח פון זיינע מוסקלען, וועט פאַרמשכונען די שעהן פון רו — אָבער ע ר אַ ל י י ן מוז קומען אָן אינערלעך־גאַנצער צו זיין געגאַרטן ציל!

14

אַ פרעמדער בין איך געווען

> אַ פרעמדער בין איך געווען, און
> איר האָט מיר צו זיך אַריינגענומען...
>
> (מתי, 25 ; 35)

אַיצט האָט ער זיך דערפילט ווי אײנגאַנצן אַרויסגעשטעלט אויף דער גאַס, נאָך־מער אַליין אין דער גאָך־פרעמדער שטאָט. אין דער רחבות־דיגער צעשוואומענקייט פון דער מיטל־וועסטיגער מעטראָפּאָליס איז שווער געווען פאַר אים צו אָריענטירן זיך, צו אויפכאַפּן אַ וועלכן־ס׳איז אָנהויב. ער האָט זיך געלאָזט זוכן אַרבעט — וואָס ס׳זאָל ניט זיין ; איז געגאַנגען פון פלאַץ צו פלאַץ — באַשעפטיגונג־אַגענטורן, פאַבריקן, געשעפט־הייזער — איז געשטאַנען אין רייע, ט׳געוואַרט. די ענטפערס זיינען געווען ווי פון איין שטעמפּל אָפּגעדריקט :

— צום באַדויערן...

— נאָר־וואָס אימעצן אָנגעשטעלט...

— לאָזט איבער אייער נאָמען און אַדרעס...

— מיר׳ן אייך לאָזן וויסן...

— איר זענט צו־גוט פאַר דער שטעלע ; וואָס מיר האָבן געמיינט איז——

אויף איין פּלאַץ האָט ער געוואַרט צוויי שטונדן אין דער רייע. ס׳איז אים געוואָרן איבערדריסיג דאָס צוהערן זיך צו די פראַגן וואָס מ׳האָט גע־שטעלט די וועלכע זיינען געווען פ אַ ר אים. אַלענפאַלס, די רייע איז גע־ווען צו־לאַנג. ער האָט זיך אַרויסגערוקט אין קאָרידאָר, כלומרשט נאָר צו פאַררויכערן אַ סיגאַרעט, און איז מער ניט צוריקגעקומען.

איין שטעלע האָט אויסגעזען צו זיין ווי „ביי זיך אין קעשענע״. ס׳איז געווען אַ מין קאָמבינאַציע פון נאַכט־וועכטער, פראַכט־עלעוויטאָר־מאַן און נאַכט־קאָמיס אין אַן אַלטמאָדישן שאַפּ. דאָס געהאַלט איז געווען קליין, אָבער

די אַרבעט־שטונדן זיינען פאַר אים געווען ווי געוואונשן. דער אייגנטימער פונ׳ם שאַפּ — אַ מיטליעריגער מענטש מיט שווערע באַוועגונגען — האָט זיך געלאָזט מיט אים פון איין שטאָק צום צווייטן און האָט אים אָנגעצייגט אין וואָס די אַרבעט דאַרף באַשטיין.

— דענקסט אַז דו׳סט קאָנען באַאַרבעטן אָט די מעכאַנאַציע? — האָט ער מיט אַ גלייכגילטיגן, אָפּגעלעבטן קוק אָנגעוויזן אויפן אַלטן צי־עלעוויי־טאָר, פון וועלכן זיי זיינען אַקאָרשט אַרויסגעשטיגן — ס׳איז אַביסל האַמעטנע, ווי דו זעסט.

— כ׳זע ניט איין פּאַרוואָס ניט.

— עהע. ווען ס׳איז באַאַרבעט אַ פּראַכט־עלעוויי־טאָר? — האָט ער זיך ווי אַקאָרשט דערמאָנט צו פרעגן.

— ב־ניין; נאָר איך בין זיכער אַז כ׳וועל עס קאָנען טאָן.

— קיינמאָל ניט געטאָן אַזאַ זאַך, עהע... — האָט יענער ווי איבער־געטייטשט דיקענסעס ענטפער, דורכגראַבלענדיג די פינגער דורך די שיטערע, גרויע האָר — קיינמאָל ניט געטאָן אַזאַ אַרבעט... וועלל, איכ׳ל דיר זאָגן, יונגערמאַן: איך דענק ניט אַז מיר קאָנען זיך דערלויבן צו נעמען שאַנסן; מ׳גיט אונדז ניט אַרויס קיין אַסעקוראַציע קעגן אַן אומגליק־פאַל אין דעם אַנשטאַלט... און אַזוי איז דער אויסזיכט אַוועק אין רויך.

אויף אַן אַנדער פּלאַץ, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין מיט גאָרניט, האָט אַ בלאָנדע סטענאָגראַפיסטן אים אָפּגערופן אַן אַ זייט און האָט אים אָנגעגעבן אַן אַדרעס —

— ביי דידאָזיגע וועסטו זיך גאָרניט דערלעבן. דו גיי־אַריבער וואוהין איך שיק דיר און פרעג זיך דאָרט נאָך אויף דזשערין. ער איז דאָרט דער הויפּט־לאַקיי. זאָג אים אַז מיטצי האָט דיר געשיקט. ער וועט דיר אויפ־ריכטן.

עס איז געווען אַ מיטלמעסיגער האָטעל אויף דער נאָנטער נאָרד סייד. דער הויפּט־לאַקיי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט איין קוק פון זיינע כיטרע אויגן —

— איך גלויב אַז דו קאָנסט זיך דאָ מאַכן נוצלעך. נאָר האָב דאָס אין זינען: דאָ ביסטו טויב־שטום־און־בלינד. ווען אַ טיר איז צוגעמאַכט, איז עס ניט קיינעמס עסק וואָס הינטער דעם גייט־אָן — כאַפּסט־אויף?... דו פאָלג־אויס וואָס מ׳הייסט דיר, און דו וועסט קריגן דיינס. פאַר דעם באַצאָלן זיי... און זיי אויף דער וואַך! די שטאַט־שמשים האָבן אַמאָל ליב אָפּצולאָזן די פאַ־דאָ ביסטו טויב־שטום־און־בלינד. ווען אַ טיר איז צוגעמאַכט, איז עס ניט אַריין אין אַ קלעם. דאַמאָלט איז דאָ נאָר איין זאַך: נעם־איין דיין מעדיצין און ניט געפּלאַפּלט! דאַמאָלט איז יעדער איינער פאַר זיך — פאַרשטאַנען?

ער האָט פאַרשטאַנען צו־גוט. ער האָט באַלד דערשפּירט מיט וואָס עס

שמעקט, האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעשאַרט אַזוי שנעל ווי ער האָט געקאָנט, און איז ניט געוואָרן.

גאַסן — היילן, הייזער — ריזן; טירן, שוועלן, שוועלן. פאַר יעדן שוועל — אַ דערוואַרטונג, אַריבער יעדן שוועל — אַן אַנטוישונג, און צווישן דערוואַרטונג און אַנטוישונג האָבן זיך געצויגן די טריט פון פרעמדן וואַנדערער אויפן בלינדן וועג פון זוכן. טרעפּ און ווינדע — אַרויף, אַראָפּ — צום אויבערשטאָק, צום אונטערקעלער — ווענט, ווענט, ווענט. שרייב־מאַשינען, קראַפּט־מאַשינען, שטויב, שווייס, שאָטנס, שטראַלן, שמייכלען נאַקעטע און קאַלטער חשבון —

— ס'פּרייט צו קאָנען...

— ליידער ניט איצט...

— ניין, ניט נויטיג...

— צו־שפּעט...

— שפּעטער...

— מאָרגן...

— אפשר...

טריט, טריט, טריט. טריט לאָזן ניט איבער קיין שפּור אין טומל, אויגן קוקן ניט צוריק אין בעפל. שוועלן, שוועלן; פאַר יעדן שוועל — אַ דער־וואַרטונג, אַריבער יעדן שוועל — אַן אַנטוישונג. שפּעטער — מאָרגן — נאָך אַ טאָג — נאָך אַ וואָך — אפשר — ווייטער —

פון איין פלאַץ האָט מען אים, עטלעכע טעג שפּעטער, צוריקגערופן פאַר אַ ווייטערדיגן אונטעררייד. דאָס האָט געזאָלט מיינען אַז מ'איז פאַראינטערע־סירט אין זיין אַפּליקאַציע, אַז ס'איז כמעט ווי אַ זיכערע זאַך. דאָסמאָל האָט אים אינטערוואוירט אַן עלטערער באַאַמטער. אַלץ איז צוגעגאַנגען כשורה. ס'האָט אויסגעזען, אַז סוף־כל־סוף וועט ער איצט קריגן אַ שטעלע. ניט אינגאַנצן ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אָבער דאָך — עפּעס. דער מענטש האָט זיך באַנומען צו אים פריינדלעך. ווי פון יוצא־וועגן האָט ער נאָכאַמאָל דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבערן אַפּליקאַציע־בלאַנק —

— וואָס איז מכוח רעפערענצן? — האָט ער ווי פאַרבייגייענדיג אַ פרעג געטאָן — עס זיינען דאָ קיינע רעפערענצן ניט אָנגעגעבן געוואָרן — ?

— איך האָב ניט קיינע אָנצוגעבן, סער.

— ווי קומט עס?

— כ'קאָן דאָ פשוט קיינעם ניט.

— קיינעם ניט?! ווי איז עס געמאָלט? וואו האָסטו, יונגערמאַן, זיך אויסבאַהאַלטן — לאָמיר זאָגן — די לעצטע עטלעכע יאָר?

ס'איז געוועזן פאַרדאַכט אין זיין בליק. דער אונטערגעדאַנק פון דעמדאָזיגן בליק האָט אים אַ ברי געטאָן: „אַ תפיסה־פויגל, וואָס?" —

— דאָרט וואו די אַלע אַנדערע פון מיין דור האָבן זיך אויפגעהאַלטן: —

איז געקומען דיקענסעס ענטפער מיט בייסנדיגן גלייכגילט, — אין דער אַרמיי.
די מאָמענטאַלע אָנגעצויגנקייט האָט נאָכגעלאָזט.

— געווען אויך אויף יענער זייט? מיין זון איז דאָרט אויך געווען. צו וועלכער אָפּטיילונג האָסטו באַלאַנגט, זון?

ער האָט ניט איינגעזען קיין אורזאַך צו פאַרלייקענען —

— צופעליגערוויז, בין איך געווען אין דער טערקישער אַרמיי, סעיר.

— אין דער טערקישער גאָר?! זיינען ניט די טערקן צומאָל געווען אויף דער זייט פון די דייטשן?

— ריכטיג, סעיר.

— אַ פרעמדער דאָ, הייסט עס?

— אויב איך געפעלט עס אַזוי אָנצורופן.

אַ פּלוצלינגדיגע ענדערונג איז געקומען איבער דעם מענטשן —

— וועלל, דאָס איז שוין אַ פויגל פון אַ גאַנץ אַנדער קאָליר, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט שניידנדיגער קרירות, אַוועקשאַרנדיג דעם אַפּליקאַציע־בלאַנק אָן אַ זייט. — איך באַדויער זייער דעם פאַקט, אָבער מיר מוזן צוערשט באַזאָרגן אונדזערע אייגענע יונגען, וועלכע זיינען געקומען פון דאָרט. כ׳האָב מורא, אַז אונטער די אומשטענדן, וועלן מיר מוזן וועגן דעם פאַרגעסן.

— אָבער אַלץ וואָס איך פאַרלאַנג, איז אַ שאַנס, אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען מיין ברויט כדי צו קאָנען אָנגיין מיט מיין שטודיום... — האָט דיקענס אַרויפגעקוקט צו אים פאַרצווייפלט — אַ מענטש מוז דאָך ערגיץ־וואו געפינען אָן אָנהויב.

— איך פאַרשטיי דיר, זון, אָבער איך קאָן גאָרניט העלפן דערין. ס׳וואָלט ניט געווען רעכט צו לאָזן די אייגענע אומגיין ליידיג און אַוועקגעבן די שטעלעס צו פרעמדע. ס׳טוט מירווירקלעך לייד, אָבער אַזוי ווערן דאָ זאַכן ניט געטאָן...

ס׳איז ניט געווען קיין פּעולה צו בעטן זיך מער.

מיט אַרונטערגעלאָזטע, אויפגעפלאַמטע אויגן, די ליפּן פאַרביסן ביז בלאַסקייט, האָט ער פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. זיין גאַנצער וועזן האָט געציטערט פון איבערלעבער אויפרעגונג: מיר — זיי! אייגענע — פרעמדע! צום טייוול! קאָנען שוין מענטשן קיינמאָל ניט פאַרגעסן?! האָבן שוין מענטשן קיין כוח ניט איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל זיך אַרויסצורייסן פון די שאָטנס פון גרויליגן נעכטן?! ס׳איז געווען אַ טעות — אַ ל ע מ ע נ ס טעות — זיגערס אַזוי גוט ווי באַזיגטנס. מ׳האָט זיך אונטערגעגעבן — וואָס נאָך קאָן מען פאַרלאַנגען פון די וועלכע זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט?! און מ׳האָט שלום געמאַכט: אַ וועלט איז געשטאַנען צום משפט און איז דערקלערט געוואָרן צייטווייליג משוגע; מוזן שוין מענטשן אויף אייביג טראָגן די צוואַנגיאַקע, דעם שאַנד־צייכן פון וואַנזין? איז שוין ניטאָ גאָר קיין פאַרגעבונג אין

די הערצער פון די, וועמען צופאַל האָט, אין אַ קראַנקער שעה, געשטעלט אַלס קעגנער?... ס׳איז געווען אַ פלאָנטער — אַ שווידערלעכער פלאָנטער! פאַרוואָס אָבער קאָנען איצט קינדער פון איין גורל זיך ניט אויספּלאָנטערן און זיך לאָזן דערקאָנען? פאַרוואָס קאָנען ניט קינדער פון איין ערד זיך געבן די הענט און אויסמעקן פון מענטשנס ווערטערבוך דעם מיר און זיי? פאַרוואָס קאָן מענטש ניט ווערן מענטש צוריק?!...

אָן אויסגעמאַטערטער, אַ דערשלאָגענער פלעגט ער, אין די אָוונטן, צוריקקומען אין זיין צימער און אַנידערפאַלן אויפן בעטל. גוט וואָס ער האָט נאָך באַצייטנס — ווען ער האָט געקראָגן די לערער־שטעלע — באַצאָלט דירה־געלט פאַר אַ חודש פאָראויס; איז כאָטש דערווייל געווען וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. פון עסן צו זאַט האָט איצט קיין רייד ניט געקאָנט זיין. „די זיבן זאַטע יאָר זיינען פאַרביי!" האָט ער ביי זיך געטראַכט. אַלץ וואָס ער האָט זיך געקאָנט פאַרגינען איז געווען איין שפּאָרן מאָלצייט אַ טאָג, אַרום מיטאָג־צייט, ווען פון אַרומיאָגן זיך אויף אַ ליידיגן מאָגן פלעגט נעמען שווינדלען אין קאָפּ. איצט האָט דער הונגער אים ניט פאַרגונען קיין שלאָף. דאָ, אין דער אָפּגעשלאָסנקייט פון זיין צימער, האָט די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט פון זיין מצב זיך געצייכנט פאַר אים אין אירע גרויסטע פאַרבן: אָט איז ער אין דער וועלט וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן פאַר זיינער — איינער אַליין אין דער אומבאַקאַנטער, קאַלטער שטאָט, אָן שום אויסזיכט צו קריגן באַשעפטיגונג, מיט זעקס דאָלער און צוואַנציג סענט ביי דער נשמה. דאָס וועט אים מוזן קלעקן ביז... ביז... ביז וואַנען? ווי לאַנג נאָך? און דערנאָך, וואָס?... האָט ער זיך צומאָל ניט פאַרפּלאָנטערט אין אַן אַנדער טעות? שפּילט ער זיך ניט ווידער־אַמאָל מיט חלומות? מענטש איז זעלבסטזוכטיג, גייציג; ביי דער מינדסטער אָנרעגונג איז די חיה אין אים וואָס קריגט די אויבערהאַנט איבער זיין באַנעם. ווי קאָן ער זיך פאַרמעסטן איינצופּאַסן זיין חלום אין אַן איינגעפונדעוועטן סיסטעם, וואו יעדער איינער איז פאַר זיך, וואו מ׳מוז זיין פּראַקטיש, אין וועלכן דער מורא־אינסטינקט דערלאָזט ניט צו נעמען שאַנסן אין צוטרוי צו מענטשן, אין וועלכן עס ליגט נאָך אַזאַ טיפער אָפּגרונט צווישן אייגענע און פרעמדע?!...

ווי קאָן ער — אַ מענטש אַליין — זיך לאָזן שווימען קעגן שטראָם, זיך שטעלן קעגן לעבן? איז ער ניט צומאָל אויסן צו טאָן דאָסזעלביגע וואָס די מילנערס און די צימבלס און די קאָהענס טוען, נאָר אויף אַן אַנדער אופן?...

אין דידאָזיגע מאָמענטן פלעגט זיין געשטעלטער ציל אים אויסזען ווייט — אונדערגרייכבאַר־ווייט. ספקות האָבן געגריזשעט זיין האַרץ. און ער האָט שוין אפילו ניט איינמאָל געטראַכט פון שרייבן גרישען און זאָגן אים, אַז ער האָט איינגעזען אַז ער, גרישע, איז גערעכט: אַז „די פליגן אין נאָז" זיינען ניט ווערט דעם הונגער און ליידן; אַז ער האָט באַשלאָסן „אַרויסצושלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ" און זען קומען צו „אַ תכלית"; אַז ער איז גרייט אָנצו־

נעמען גרישעס חברשן אָנבאָט און שטעלן זיך אַרבעטן פאַר אים און „מאַכן גוט״, אויב ער וועט אים נאָר שיקן אויף רייזע־הוצאות קיין ניו־יאָרק...

אָבער אפילו בשעתן טראַכטן וועגן דעם, האָט ער ביי זיך געוואוסט, אַז ער וועט עס נ י ט טאָן; אַז ער וועט זיך ניט אונטערגעבן, ווי שטאַרק די קעגנקראַפט זאָל ניט זיין; אַז קוים האָט ער פאַרנומען דעם רוף פון זיין האַרץ, איז ער שוין ניט מער דער בעל־הבית איבער זיך, און וועט נאָכגיין דעם קול אויפן שווערן וועג. ער האָט געוואוסט, אַז אונטער דעם שוימיגן לעבנשטראָם פליסט דער טיפשטראָם — דער נאַרונג־שטראָם פון לעבן — דער האַרץ־שטראָם פון דער וועלט — ד אָ ס מ ע נ ט ש ל ע כ ע א י נ ׳ ם מ ע נ ט ש. און צו דעם שטראָם טרייבן אים זיינע טריט; אַהין וועט ער מוזן דורכברעכן זיין וועג...

ער האָט איצט געמוזט זיין שפּאָרעוודיג מיטן פאַר־געלט; פלעגט ער יעדן פאַרטאָג זיך אַוועקלאָזן צופוס אויף זיין טעגלעכן געיעג צו זוכן אַרבעט. זיין וועג האָט אים געפירט דורך מעדיסאָן סטריט, צווישן האָלסטעד און קאַנאַל. דערדאָזיגער געגנט האָט פאַר אים געהאַלטן אַ באַזונדער צוציאונגס־קראַפט, אַ באַזונדער נייגער, ווי עפּעס מיסטישעס וואָלט געהאַנגען איבער דעם — דער שטומער רייץ פון אָפּגעלעבטקייט: אַן אָפּגעלעבטע נאַכבאַרשאַפט; אָפּגע־לעבטע געשעפטן פון אָפּגענוצטע מעבל־שטיקער, פון פאַרעלטערטע קוריאָ־זיטעטן; ביליגע קינאָס פון לאַנג־אָפּגעשפּילטע בילדער; קראַנקליכטערדיגע וואָדעוויל־טעאַטערס און בורלעסק־הייזער מיט אָפּגעבליאַקעוועטע, ציטערין־הויך־טיגע טאַנץ־מוידן; שמאָל־טיריגע, שטויב באַוואָקסענע האָטעלן מיט פאַרהאַנ־גענע פענצטער; לאָמבאַרדן מיט ראַשיגע שוי־פענצטער און מיט קאָרטן־שפּיל־צימערן און שיס־גאַלערעען אין דער טונקעלער טיף; פרום־שטאָנדיגע מיסיאָן־זאַלן מיט אָפּגעריבענע, ווינט־צעפּאַטשטע מוסר־השכלדיגע אויפשריפטן איבער די אויסגעגלאָצטע טירן; און איבער דער גאַס — אָפּגעלעבטע, אָפּגע־נוצטע מענטשן. אויף די גאַס־ווינקלען, ביי די טראָטואַר־זייטן זיינען זיי גע־שטאַנען, גרופּנווייז, איינציגווייז — הויכפּוסיגע, לאַנגהאַלדזיגע, ביינעיגע יענקיס; דיקליפּיגע, פלאַכפּוסיגע נעגערס; קופּערהויטיגע, רונדשולטערדיגע מעקסיקאַ־נער; באַבערדלטע, אַסקעט־פּנימדיגע שוועדן — אָפּגעטראָגן, צעקנייטשט. האָבאָס, טרעמפּס — וואַגאַבונדס. מערסטע פון זיי האָבן שוין היינטער זיך געלאָזט מער ווי אַ האַלבן לעבן; איניגע האָבן נאָך אין זייערע פריע צוואַנציגער אַרויפ־געשלעפּט אַן עלטער אויף זייערע יונגע פּלייצעס. יעדער איינער פון זיי איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט, דורך אַנדערע וועגן; איינער מיטן צווייטן האָט זיך גאָרניט אָנגעהערט; נאָר צוזאַמען האָבן זיי געשאַפן אַ מחנה — די מחנה פון די אויסגעשפּיגענע, פון די געוועזענע — די מחנה פון אָן אַן ערגיץ — די מחנה פון גאָרניט... זיי זיינען געשטאַנען, געקוקט מיט נאַקעטע אויגן אין ליידיגן, גרויען רוים און געשוויגן. דאָ איז ש ט י י ן געווען אַן עובדאַ;

דאָ איז ש ו ו י י ג ן געווען אַ זאַך. צוואָס ריידן? — אַזוי פאַרשטייט מען זיך בעסער. דאָס וואָס איז געווען מוז פאַרשוויגן ווערן, מוז פאַרגעסן ווערן; דער איצט איז גרוי — גרוי פאַר אַלעמען גלייך, און מאָרגן——? מאָרגן — דאָס איז דאָך געווען דער בייזער שפּיל פון נעכטן — דער קיינמאָל־ניט־דערפילטער צוזאָג פונ׳ם אַמאָל — די פאַלשע נבואה פונ׳ם בוך וואָס מוז בלייבן פאַרזיגלט... שטייט מען, שוויגט מען. אַמאָל רייסט זיך איינער אָפּ פון זיין שטעל, שלייכט זיך אַוועק מיט פוילע, נאָכלעסיגע טריט. צוואָס איילן זיך? צוואָס געבן זיך די טרחה? מ׳עט קומען אַהין — ו ו א ו דער אַהין זאָל ניט זיין, ו ו י מ׳עט אַהין ניט דערגיין... „מענטשן אין מיטשטראָם — אָן ווידערשטאַנד, אָן ווילן צו דערשווימען. ערגיץ־וואו אויף זייער וועג האָט זיך דער רודער אין זייער שיפל איבערגעבראָכן, און ווינט און כוואַליעס זיינען איצט זייער איינציגע שטויסקראַפט, זייער איינציגער וועגווייזער. און די אַלע האָבן דאָך הינטער זיך געלאָזט אַן אַנהויב, האָבן דאָך אַמאָל געהאַט אַן ערגיץ, האָבן זיך דאָך צו עפּעס געצויגן. וואָס האָט אויסגעלאָשן דעם ווילן אין זייער האַרצן? וואָס האָט אויסגעזויגן דעם כוח פון זייער טראָט? וואוהין וועט זייער וועג דער־פירן?...” האָט ער נאָך געטראַכט פון זיי, ווען זיינע טריט האָבן זיך שוין לאַנג געפּלאָנטערט צווישן די וואָלקנקראַצערס פון דאַון־טאַון.

טעג האָבן זיך געצויגן לאַנג, שווער — די וואָכן, נאָר דער סוף־חודש האָט זיך אָנגעיאָגט ווי אַ בייז געוויטער. ס׳האָט ניט געהאַט קיין זין צו אויס־באַהאַלטן זיך מער פון די מענטשן ביי וועלכע ער האָט געוואוינט. קיין סך האָבן זיי אַליין ניט פאַרמאָגט, צו באַצאָלן זיי האָט ער ניט געהאַט, און צוזאָגן זיי איז ניט געווען אויף וואָס. האָט ער איינמאָל אין דער שטיל פאַרקליבן ס׳ביסל זאַכן און האָט עס אַוועקגעטראָגן אין דעם וואַי־עם־סי־עי־האָטעל פאַר סטודענטן „ביז ער וועט צוריקקומען”. זיין מעטריקולאַציע־קאַרטע פון אוני־ווערזיטעט האָט אים אין דעם אַרויסגעהאָלפן. גוט וואָס ס׳איז נאָך געווען זומער, פלעגט ער די נעכט איבערשלאָפן אַמאָל אויף אַ באַנק אין פאַרק, אַמאָל ביים ברעג פון לייק מישיגאַן. און ס׳איז געווען עפּעס רייצנדיגס אין דעם ליגן דאָרט ביינאַכט אויפן גראָז, אין גראַנט פאַרק, און לאָזן די אויגן אומ־וואַנדערן זאָרגלאָז אַרום: פון איין זייט — דער נאַכטיגער לייק מיט זיין דינעם נעפּל אויפן סודותדיגן האָריזאָנט, דער מאַניענדיגער אָפּבלאַנק פון אַ זוכנדיגן ווייסן זעגל איבערן טונקעלן וואַסער־פלאַך; און פון דער אַנדערער זייט — מישיגאַן בולוואַרד מיט זיינע שימערירנדיגע ליכט־שנורן, מיטן שטראַליגן פּראָפיל פון די געביידע־טורעמס אַנטקעגן דעם נאַכטיגן הימל, דער ראַשיגער געבלענד פון באַוועגלעכע עלעקטרישע שילדן אין דער לופטן, דער מאַסיווער סילועט פון די לייבן־פיגורן ביים קונסט־אינסטיטוט אַנטקעגן דעם העל־באַלויכטענעם פאַסאַד פון ווייסן וריגלי־טורעם, און מיט דעם ענדלאָזן שטראָם פון פיבער־אויגיגע אָטאָמאָבילן איבערן ליכט־באַגאָסענעם וועג. ליכט און

שאָטן, פאַרהוילענער נאַכט־סוד און שטאַרע ווירקלעכקייט, און צווישן זיי ביידן — ער, אַן איינזאַמער וואַנדערער מיט אַ ווייסן חלום אין זיין האַרצן, מיט נאָר אַ פרעמדן הימל איבער זיין קאָפּ. צוויי וועלטן — צוויי עקסטרעמען. צו וועלכן פון די צוויי וועט גורל דורכשפּאַלטן פאַר אים אַ וועג? אין וועלכן פון זיי וועט לעבן געפינען פאַר אים אַן אָרט?...

דער גראָז אונטער אים איז געווען קיל, דער הימל פון אויבן — טיף, אויס־געשטערנט. פון לייק האָט זיך דערטראָגן אַ דערפרישנדיג אָוונט־ווינטל, האָט זיך פאַרגנבעט אונטער זיין צעשפּיליעט העמד, צווישן זיינע האָר. די אויסגעמידטע גלידער האָבן נאָכגעלאָזט. און ער האָט זיך געזען אַ קינד צו־ריק, פאַרשטעקט מיט הדסלען הינטער די אַגרעס־בוימלעך ביים זיידן אין גאָרטן; הדסלס העלטעלע אַרום זיין האַלדז, הדסלס אויגעלעך העגגען אויף זיינע ליפּן, און ער פלעכט פאַר איר זיינע באַיקעס פון קרישטאָלענע בערג און פון זעגל־שיפן, פון אַקרעגטן איבער ווייטע ימען און פון פאַרכישופטע אינזלען, און פון אַ ווייטער, ווייטער וועלט וואָס ליגט אונטער דר'ערד:

— .... און אַחוץ אונדזער שטאָט, הדסל, זיינען דאָ נאָך שטעט, און אַחוץ אונדזער מדינה זיינען דאָ נאָך מדינות, און אַחוץ אונדזער וועלט איז דאָ נאָך אַ וועלט.

— אודאי, ווער ווייסט עס ניט? — יענע וועלט!

— אַ ח ו ץ יענער וועלט, הדסל, איז דאָ נאָך אַן אַנדער וועלט — אַ וועלט אונטער דר'ערד... די ערד איז דאָרט פון אויבן, און דער הימל פון אונטן. און אוצרות זיינען דאָרט פאַראַן לרוב! — גינגאָלד, און זילבער, און דימענטן, און ברילִיאַנטן, און אונדזער גאָלד לאָזט מען דאָרט איבער אויף דער גאַס... נאָר קיין לוח פון צייט איז דאָרט ניטאָ, הדסל, און קיין שבת, קיין יום־טוב... מיט פאַרמאַכטע אויגן שפּרינגט מען פון אונדזער וועלט אַריין אַהין, און צוריקקומען פון דאָרט קאָן שוין קיינער קיינמאָל ניט...

און ער דערציילט, און הדסל פאַרנעמט, און הדסל פאַרטראַכט זיך, און הדסלס זוניגער געלעכטערל——

נאָר, ניין! דער געלעכטער איז ניט הדסלס. דער געלעכטער איז נאָנט, דער געלעכטער איז מיידליש, אָבער עפּעס איז ער צו־רייף, צו־רעאַל... ער האָט זיינע אויגן אויפגעריסן און האָט זיך אומגעקוקט פאַרווירט. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. ניט ווייט פון אים זיינען געווען צוויי מיידלעך: איינע איז געשטאַנען איבער אַ מאָל־ברעט, מיטן פּנים צום לייק; די צווייטע איז געזעסן אַנטקעגן אים, מיט אַ צייכענונג־העפט אויפן קני. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און האָט זיך געמאַכט קוקנדיג אין אַן אַנדער ריכ־טונג. איינע פון די מיידלעך, האָט ער געפילט, פאָלגט אים נאָך מיט אַ גע־שפּאַנטן בליק. ער האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם און האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין. די מיידל מיטן צייכענונג־העפט איז באַלד צוגעגאַנגען צו אים —

— אַנטשולדיגט מיר, מיסטער. וועט עס זיין צופיל צו פאַרלאַנגען פון אייך אַנצונעמען דיזעלבע פּאָזע אין וועלכער איר זענט פריער געלעגן? איך בין זייער גערן צו פאַרענדיגן די צייכענונג.

— מוז איך?

— נ־ניין; נאָר איך וואָלט אייך זייער דאַנקבאַר געווען פאַר דערדאָזיגער געפעליגקייט.

איר צודרענגלעכער טאָן, דער שטיפערישער ערנסט פון אירע אויגן און איר דרייסטע, נאַנשאַלאַנטע האַלטונג האָבן ווי אָפּגעטעמפּט זיין פאַרביסנקייט.

— ווען איר באַשטייט אַזוי, זע איך ניט אַיין קיין אַנדער אויסוועג ווי צו זאָגן יאָ... — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ באַזיגטן שמייכל — אָלרייט.

— דאָס איז גוט פון אייך... ניין, לייגט זיך אַוועק אויפן זעלבן אָרט וואו איר זענט פריער געלעגן... די אַנדער האַנט אונטערן קאָפּ... אַזוי איז בעסער!... ניין, ניין! ניט אַזוי פאַרריסן דעם קאָפּ, מיסטער. אַביסל מער אַרונטערגעלאָזט די מאָרדע אויף דער ברוסט... נאָך איין ביסעלע... דאָס איז אויסגעצייכנט! אָט אַזוי ליגט. ניט באַוועגט זיך... אַביסל מער אויף דער זייט... טהאַט׳ס איט![1]

ער האָט געפאָלגט. ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט דערקלערן פאַרוואָס ער איז אַזוי נאָכגעביג צו איר. נאָר ס׳איז געווען עפּעס אין איר ווייבערירנדיגן, וואַרעמען קול וואָס מ׳האָט געמוזט פאָלגן. זי האָט ווי מיטאַמאָל געקראָגן די פולע איבערמאַכט איבער אים. און ס׳האָט אים ניט געאַרט. ער איז ווי גערן געווען אַז זי זאָל אים באַפעלן; גערן געווען צו הערן איר שטים, צו פילן אויף זיך דעם פאַרהוילענעם פייער פון אירע קאַרע אויגן. מיט ספּריטנע, זיכערע באַוועגונגען פון אירע לאַנגע פינגער האָט זי אומגעפירט דעם בליישטיפט איי־בערן מאָל־בויגן. פון מאָל־צו־מאָל פלעגט ער בגנבה פאַררייסן אַ ברעם און כאַפּן אַ קוק אויף איר. זי האָט אים אָבער באַלד געכאַפּט ביי דער העלמה:

— דאָס וועט ניט גיין, מיסטער! די אויגן צוגעמאַכט.

— סאָררי.[2]

— ניט גערעדט, פּליז.

— אָלרייט.

די אויגן זיינען אָבער באַלד ווידער געשטאַנען אָפּן.

— פּליז, פּלי—ז, מיסטער! וויפל מאָל מוז מען אייך בעטן איין זאַך?

— דענקט איר ניט, פרייַלן, אַז איך בין צומאָל אויך באַרעכטיגט צו אַ קוק, נאָך אַזויפיל בייזע בליקן וואָס איר וואַרפט אויף מיר? — האָט ער זיך דערלויבט אַ שפּאַס צו טאָן.

---

1. דאָס איז דאָס!
2. ס׳טוט מיר לייד.

זי האָט אָפּגעענטפערט מיט פייער:

— איר הרגעט מיר אַוועק די צייכענונג, מיסטער! אַ מענטש זאָל נאָר האַלטן אין איין שטערן!

— זאָל איך זיך אויפהויבן און אַוועקגיין?

— אַ ניין! אַלץ וואָס איך וויל פון אייך, איז אַז איר זאָלט ליגן רואיג און ניט פאַרשווענדן צייט אויף גאַרניט.

— עכטער קינסטלערישער טעמפּעראַמענט, ווי איך זע...

— קיינע איבעריגע באַמערקונגען! די אויגן צוגעמאַכט, פּליז...

זי האָט אויסגעפּירט.

— ס'איז אַ פּערטל צו ניין, נען; — האָט די אַנדער מיידל זיך פּלוצים אָנגערופן, — מיר'ן זיין שפּעט.

— איז עס שוין ווירקלעך אַזוי שפּעט?! — האָט די נעבן אים זיך אַ כאַפּ געטאָן — אַ דזשי! די צייכענונג גייט־צו אַזוי גוט! ס'וועט זיין אַ פאַרברעכן עס איבערצולאָזן אין דער מיט.

דיקענס האָט זיך דערווייל אויפגעזעצט. די מיידל איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט —

— שאַקס! איך ווייס ניט וואָס איך זאָל טאָן; איך מוז עס פאַרענדיגן...

די אַנדערע האָט געאײַלט צונויפגעלייגט דעם מאָל־ברעט און האָט אויס־געווישט די פּענזילס —

— דער קלאַס הויבט זיך אָן פּינקטלעך ניין אַזייגער, קידאָ; — האָט זי אָנגעהאַלטן איר גלייכגילטיגע וואָרנונג — מיר האָבן אײַנגאַנצן פופצן מינוט.

— אָ, טהעו העק מיטן קלאַס! — האָט נען וואָוליוונגעריש אַ קנאַק געטאָן מיט די פינגער און האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט — דו קאָנסט גיין אויב דו מוזט, פּעג; דו דאַרפסט זיך איבער מיר ניט פאַרזאַמען.

— און דו?

— אויך מיר אַ דאגה! איכ'ל ליבערשט נעמען אַ שאַנס צו פאַרבלייבן דאָ אַליין מיט דעם פויגל, איידער צו פאַרלאָזן זיך אויף זיין יושר צו קומען אָן אַנדערשמאָל. „ניט אַלע טאָג איז יום־טוב"...

— אָקי־דאָק!

— סאָ לאָנג!... אָלרייט, מיסטער, גענוג געבעטלט! לאָמיר זען ווי איר וועט זיך אַצינד באַנעמען.

אַצינד איז ער געלעגן רואיג. ער האָט איצט געהאַט אַ גוטן באַגריף פון איר אויסזען: שלאַנק, בויגיג, מיט אַ לענגלעך־רונדיגן פּנים, קראַפטיגע גע־זיכטצוגן, געזעצטע מויל־ווינקלען, שאַרף־געשניצטע, ענערגישע ליפּן, אַביסל פאַראויסגעצויגענעם, שיין־געטאָקטן קין און אויסגעווינקלטע, שעלמעריש־פאַר־ריסענע ברעמען. אירע בלאָנדע האָר מענעריש אַרומגעשוירן און הפקרדיג

אַרויפגעקאָמט איבער איר קלאָרן שטערן. די געשטריקטע בלוזע האָט אַרויסגע־בראַכט די אויסגעפֿורעמטע קאַנטורן פֿון איר רייף־מיידלשער פיגור.

ווי לאַנג איז ער אַזוי געלעגן? וואָס פֿאַר אַ כוח האָט די פֿרעמדע מיידל געהאַט איבער אים, וואָס האָט אים לפּי־שעה געמאַכט אַן אַלץ פֿאַרגעסן? וואָס־אַזוינס אין דעם קאַפּריזנעם וועזן האָט אים באַוואויגן אַוועקצולייגן זיך פֿאַר אירע פֿיס אין מיטן העלן טאָג און וואַרטן נאָר צו הערן איר קול, צו הערן איר ריידן?... נאָר זי האָט ניט גערעדט; זי האָט ניט געלאָזט הערן איר קול; זי איז געזעסן פֿאַרטאָן אין איר אַרבעט, אין דעם געמעל פֿון זיין אויסערלעכקייט... ווי קאָן מען, ניט־קאָנענדיג אַ מענטשן, אים מאָלן? וואָס איז געמעל, אין בעסטן פֿאַל, אויב ניט נאָר אַן א ו י ס ע ר ל ע כ ע ענלעכקייט צו אַ געזעענעם עפּעס — אַ צוזאַמענבונד פֿון געבראַכענע ליניען און שאַטירונגען — אַ פֿלאַכע אָפּשאַטענונג פֿון אַן אויסדעאונג אין רוים? וואָס פֿאַר אַ באַטייט האָט עס אַלץ אַן דער „פֿינפֿטער דימענציע” — אָ ן ד ע ם א י נ ע ר ל ע כ ן ט י ף? ס'איז דעם קינסטלערס דמיון וואָס פֿאַר־כאַפּט אונדזער אויג אין אַ געמעל; ווייל מיר זעען עס ווי דער קינסטלער האָט ג ע וו אָ ל ט אַז מיר זאָלן עס זען; און ס'איז דער א י נ ע ר ל ע כ ע ר ע פּ ע ס, מיט וועלכן ער האָט דעם געמעל באַהויכט, וואָס גיט עס באַטייט... נאָר כאַפּן מיר ניט אַ ל ץ אין לעבן אויף אַזוי? זעען מיר ניט אַלע זאַכן ווי מיר ו ו י ל ן זיי זען? איז עס ניט די א ו י ס ע ר ל ע כ ק י י ט פֿון אַ זאַך, וואָס פֿאַרהאַלט צוערשט דעם טראָט אויף אונדזער וועג, און נאָר דער עפּעס, וועלכן מיר ו ו י ל ן געפֿינען אין דעם א י נ ע ר ל ע כ ן ט י ף דערפֿון, וואָס גיט עס באַטייט און ווערט?... איז קול עפּעס? זיינען אויגן עפּעס? איז——

— דאָס איז גענוג, גלויב איך. — האָט זי זיך אָנגערופֿן, אויפהויבנדיג זיך פֿון איר אָרט, באַוועגנדיג דערביי האַסטיג מיט אירע אָפּגעזעסענע גלידער — ס'איז געווען גוט פֿון אייך צו טאָן דאָס פֿאַר מיר, מיסטער.

— כ'בין צופֿרידן וואָס כ'האָב געקאָנט אייך זיין צום נוצן.

— אַ דאַנק. ס'טוט מיר לייד וואָס איך האָב אייך באַדאַרפֿט אַזוי באַ־לעסטיגן.

— ס'איז ניט געווען קיין באַלעסטיגונג דערביי, מאַדאַם.

— וואָס איך וואָלט ווירקלעך געוואָלט, איז מאַכן נאָך אַ צייכענונג פֿון אייך — אָט אַזוי ווי איר זיצט אַצינד. נאָר דאָס וועט שוין זיין צופֿיל פֿאַר איין טאָג. ווי וואָלט זיין מאָרגן?

— אפֿשר.

— אָה, דאָס דערמאָנט מיר! — האָט זי זיך גענומען גריבלען אין האַנט־טאַש — איך האָב אייך נאָך ניט באַצאָלט פֿאַר היינטיגס מאָל.

— איר זענט מיר גאָרניט שולדיג, פֿריילן.

— ווי קומט עס? נאָך אַלעמען, האָב איך ביי איך צוגענומען אַזויפיל צייט.

— זאָל דאָס איך ניט קימערן: איך האָב סיי־ווי ניט געהאַט קיין זאַך באַזונדערס צו טאָן דעם פרימאָרגן.

— וועלל, מיר׳ן נאָך זען וועגן דעם.

זי האָט אַרויסגענומען פון האַנט־טאַש אַ צענויפגעוויקלט פעקעלע —

— נעמט דאָס דערווייל. איר זענט, ווי איך וויס, נאָך פּ אַ ר פרישטיג. איך האָף אַז איר וועט מיר דאָס ניט אָנטזאָגן.

— ניט אויב איר׳ט מיר בעטן.

— אָבער איך טו איך בעטן.

— דאַן מוז איך...

זי האָט זיך צעלאַכט, און איר פריידיגער געלעכטער האָט באַלויכטן איר פּנים מיט אַן אינעווייניגסטער, וואַרעמער ליכטיגקייט.

— איר זענט טשיקאַווע!

— איך צווייפל ניט אין דעם, נעמענדיג אין באַטראַכט אַז די באַהויפּטונג קומט פון איך, פריילן... מעג איך אַ קוק טאָן אויף דער צייכענונג?

— זיכער.

ס׳האָט געהאַט שטאַנדהאַפטיגקייט, באַלאַנסירטן צוזאַמענשטעל. די ליניען זיינען געווען שטאַרקע, זיכערע. די שאַטירונגען האָבן וויברירט מיט זאַכלעכער וואַרעמקייט.

— וואָס וועט איר עס רופן, מעג איך פרעגן?

— כ׳האָב נאָך ניט באַשלאָסן. וואָס איז אייער נאָמען, מיסטער?

ער האָט וואַגיג אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ פון זייט צו זייט.

— אייער ערשטן נאָמען נאָר? דאָס וואָלט פּילייכט געווען אַ פּאַסנדער נאָמען פאַר דער צייכענונג.

ער האָט בלאָס אַ שמייכל געטאָן. זיין קאָפּ האָט זיך נאָך אַלץ באַוועגט אויף ניין.

— אָבער פאַרוואָס?

— וואָלט איר ווירקלעך געוואָלט וויסן?

— געוויס יאָ.

ער האָט אַרויפגעקוקט צו איר אין שטאָרן ערנסט —

— פאַרגעסט וועגן דעם! — האָט ער ווידערווילֿיג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן אים.

— איך בין ניט אויסן צו זיין צו־צודרענגלעך, אָבער איר אינטערעסירט מיך אין אַ געווויסן זין.

— ס׳איז העפלעך פון איך דאָס צו זאָגן, פריילן.

— איך מיין עס.
— איך גלויב אייך.
ער איז געווען עמפּינדלעך אויף איר נאַנטקייט און האָט פּאַר אַ ווײַלע ווי מורא געהאַט אויפצוהייבן זיין פּנים צו איר. ענדלעך האָט ער זיך דער־וואָגט. זייערע אויגן האָבן זיך אויפגעטראָפן. ער האָט איצט באַמערקט די שפּרודלדיגע טיפקייט פון אירע טויאיגע אויגן, די מאַטע גלאַטקייט פון איר הויט, די באַוועגלעכע חן־גריבעלע אויף איר באַק און די זאַפטיגע אָנגעגאָסנ־קייט פון אירע ליפּן. די פריערדיגע שטרענגקייט פון איר בליק איז ווי מיט־אַמאָל פאַרשוואונדן. זי איז געווען מער צוגעלאָזן. איר גאַנצער וועזן האָט געשלאָגן מיט געזונטער פרישקייט.
— ווילט איר, הייסט עס, ניט אויסזאָגן אייער נאָמען. ווּהלל, כ׳וועל אייך דערצו ניט צווינגען. זענט איר אַ היגער?
— כ׳וואָלט וועלן זיין.
— נאָר?
— גאָרניט.
— פון וואַנען קומט איר?
— מוז איך זאָגן?
— ניט אויב איר ווילט ניט; נאָר עפּעס געפעלט מיר צו הערן ווי איר רעדט.
— יאָ; ס׳איז אַמאָל גוט צו הערן זיך אַליין ריידן צו אימעצן...
— זעצט פּאָר.
ער האָט געשוויגן.
— איר זענט ניט צופּעליגערוויז אַ הימלאַזער?
— מיר זיינען אַלע הימלאָז, פרײַלן, אַזוי לאַנג ווי מיר דערגרייכן ניט אַהין וואו מיר ווילן דערגרייכן...
— און וואוהין אַשטייגער ווילט איר דערגרייכן?
— דאָס איז מיין סוד.
— זיכער?
— אפשר.
— איר זענט פאַרביסן, מיסטער.
— אפשר.
— איר ווייסט, פּאָר אַ מענטשן, וועלכער שטרעבט ערגיץ־וואו צו דער־גרייכן, באַנוצט איר צופיל דעם אפשר... איך האָף אַז איר פאַרדענקט מיר ניט פּאָר זאָגן אייך דאָס.
— אדרבה: איך וועל עס זען צו געדענקען.
— דאָס איז גוט. און וואָס איז מכוח מאָרגן?
— ווער ווייסט?

— איך מיין, וועט איר דאָ זיין?

— מסתמא.

— זיכער איז דאָס וואָרט, סעיר... — האָט זי שטיפעריש אים אויפ־מערקזאָם געמאַכט — און געדענקט: איר האָט מיר נאָך אַלץ אייער נאָמען ניט געזאָגט.

— אפשר ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

— מאָרגן. איך וועל אייך דאָ דערוואַרטן.

— איך וועל קומען.

ביים אַוועקגיין האָט זי אים אַריינגעשטעקט אַ האַלבן־דאָלער־שטיק אין דער האַנט —

— דאָס איז נאָר ביזן חשבון... גוד באַי!

ער איז געבליבן זיצן מיטן האַלבן דאָלער אין דער האַנט און האָט נאָכ־געקוקט פון דער ווייט איר וויגנדיקן, זאַרגלאָזן גאַנג. דער ווינט האָט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט אירע האָר און האָט זיי אויפגעבלאָזן אין גאָלדענע כוואַ־ליעס אין דער העלער זוניקייט. פון דעם מאַנראָו סטריט בריק האָט נאָך אַרויסגעבלאָסט צו אים איר ווייסע בלוזע. באַלד איז זי פאַרשלונגען געוואָרן הינטער אַ וואָלקן רויך פון אַ דורכלויפנדיקן באַן. ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּעקעלע וואָס זי האָט אים געגעבן. ס'איז געווען אַ פאַרזיכטיק־צוגעגרייטער קעז־סענדוויטש פון ווייסן ברויט, מיט אַ פּאַפּיר־טישטאַכל אַרומגעלייגט. ער איז געווען הונגעריק. ער האָט איינגעשניטן די ציין אין דעם סענדוויטש. ער האָט געפילט דעם זאַרגפעליקן מיידלשן באַריר פון אירע פינגער אין יעדן ביסן, די וויברירנדיקע פרישקייט פון אַ באַנט־ווייטן ווען אין דער אַרומיקער פרעמד־קייט. ער האָט מיטן פּאַפּיר־טישטאַכל פאַרכאַפּט אַן אַרונטערפאַלנדיקע טרער...

„נ ע ן... נ ע ן..." האָט ער אַ ווײַלע שפּעטער זיך געכאַפּט שרייבנדיק איר נאָמען אויפן זעלבן שטיקל פּאַפּיר. ער האָט עס פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט און פאַרשטעקט אין דער וועסט־קעשענע.

ער איז דאָרט צומאָרגנס ניט געווען. רעגן האָט אים דורך דער נאַכט פאַריאָגט פון זיין דרויסנדיקן באַטלעגער. ער האָט געוואַרט אויף איר דעם גאַנצן פרימאָרגן אין דעם אַריינגאַנג פון אַ ווינקל־געביידע אַנטקעגן דעם מאַנראָו סטריט בריק: „אפשר——" דער רעגן האָט אָנגעהאַלטן, און זי איז ניט געקומען. אין אָונט האָט עס ווידער גענומען גיסן ווי פון צעבערס. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם וואַרט־זאַל פון אַ באַן־סטאַנציע. די קליידער אויף אים זיינען געווען דורכגעווייקט, שווער. ער האָט זיך איינגענורעט אויף אַ זייט־באַנק. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געשפּינט אַרום איר. ער האָט זיך געמיט איבערצומאָלן איר אויסזען אין זיין זכרון. איינציגווייז, שטריך נאָך שטריך, דעטאַל נאָך דעטאַל, האָבן זיך די באַזונדערע טיילן איינגעפּאַסט איי־נער אינ'ם אַנדערן אין אַ מאַזאַאישן צוזאַמענשטעל, און זי איז געשטאַנען אַ

גאַנצע פאַר זיין דמיון, ווי ער האָט איר געזען דאָרט, אין דער זוניקייט. און ביסלאַכווייז האָט זיך איר אָפּבילד איבערגעגאָסן אין דער געשטאַלט פון הדסלען — פון תמרהן — פון אַ שוואַרצאויגיגער מיידל אויפן ברעג פון באָס־פאָר... מיטאַמאָל האָט אַלץ פאַר אים אַ ציטער געטאָן. די זוניגע זעאונג איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, צעפאַלן. אַ שווערע האַנט האָט אַרונטערגע־וואויגן זיין אַקסל. אַ פּאָליציאַנט איז געשטאַנען איבער אים —

— הויב זיך אויף און אַרויס פון דאַנען! דרויסן!... ניט געטראַכט! דרויסן!...

און אין דרויסן איז ער באַלד געוועזן.

ס׳האָט נאָך גערעגנט. מיט בלאָנזשענדיקע טריט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער ליידיקער גאַס. אַ יונגע גאַסן־פרוי האָט אים אָפּגעשטעלט:

— ווילסט אַרויפגיין, באַדדי?

— כ׳האָב קיין געלט... — האָט ער אויס רחמנות אַ זאָג געטאָן.

— קום אַרויף אַזוי...

ער האָט זיך אַ קווענקל געטאָן און איז באַלד אַוועק ווייטער. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ טויער־אַרקע פון האָל־האַוז. אַן אָרימער סקולפּטאָר האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין צימערל פאַר דער נאַכט. צומאָרגנס האָט ער אים אָנגעוויזן אויף אַ פרייען נאַכטלעגער־אַנשטאַלט אין דעם געגנט פון יוניאָן פּאַרק. דער געשטאַנק דאָרט איז געווען אונדערטרעגלעך, און ער האָט זיך באַנוצט מיט דעמדאָזיגן אַנשטאַלט נאָר ווען געוויטער האָט אים פאַרטריבן פון פּאַרק און גאַס. אַמאָל פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אַהין אָפּצובאָדן זיך און אויסוואַשן די העמד. דורך דער צייט האָט דאָרט אימעצער ביי אים אַרויסגע־גנבעט זיינע לעצטע צוויי־און־פערציק סענט.

15

דער וועג צום טויט

די שאַנסן צו קריגן אַרבעט זיינען געוואָרן וואָס אַ טאָג שוואַכער, זיין הילוך — אָפּגעשליסן, צעשויבערט, און ער האָט אָנגעהויבן צו פּילן אויף זיך די קאַלטע ביטול־בליקן, וועלכע ער האָט אָנגעטראָפן ביים אַריינקומען אין אַ מער־אָדער־ווייניקן אָנשטענדיקן פּלאַץ. זעלטן־ווען איז ער דערגאַנגען ווייטער פון דער ערשטער אָפּיס־מיידל; נאָך זעלטענער האָט מען אים פאַרגעשלאָגן צו וואַרטן אָדער אויספּילן אַן אַפּליקאַציע. מ׳איז געוואָרן געווען צו זען אים וואָס־שנעלער אויף יענער זייט טיר. עס איז געקומען צו דעם, אַז ער האָט זיך אַזש געשראָקן אַריינצוקומען אין אַן אָנשטענדיקן אַנשטאַלט צו באַפרעגן זיך אויף אַרבעט. ער האָט געמוזט צונויפנעמען אין זיך יעדן טראָפּן קוראַזש איידער ער האָט זיך דערוואַגט אַריבערצוטרעטן אַ נייעם שוועל. אָפּט פלעגט ער שעהנווייז אומבלאַנקען ציללאָז איבער די גאַסן — פאַרהונגערט, דערשלאָגן, מיט נאָכגעלאָזענע, פאַרלאָרענע טריט.

איינמאָל, אומשלעפּנדיג זיך אויף מעדיסאָן סטריט נעבן פּעאָריאַ, האָט ער פלוצים דערזען זיין אָפּשפּיגלונג איבער דער שויב פון אַ שוי־פענצטער. ער איז געבליבן שטיין דערשטוינט. זיין אייגענער אויסזען האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ שרעק: צעקנייטשט, צעפּאַטלט, די הענט פאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס, די אַקסלען פאַרריסן, ס׳פּנים אויסגעצויגן, באַוואָקסן, די אויגן איינגעזונקען און—— דער ליידיגער, שטאַרער קוק אין די דאָזיגע אויגן!... גאָט! איז ער געוואָרן איינער פון ז״י — פון די געוועזענע — איינער פון דער קעניגרייך פון די אָפּגענוצטע?! האָט אים לעבן אַריינגעשטויסן אין׳ם ווירבל־שטראָם פון פאַרלאָרן גיין?! וועט ער שוין קיינמאָל זיך ניט דערשלאָגן צו אַ ברעג, צו אַן עפּעס? ער זינקט! ער איז ביים תהום פון גאָרניט!...

דער פּאַניק אין אים איז געוואָקסן. ער האָט באַווילדערט זיך געטאָן אַ ריס־אָפּ פון זיין שטעל —

— ניין! ער איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן! ער האָט נאָך ווילן —

ער האָט באַגער — האָט ווידערשטאַנד. ער מוז זיך אַרויסרייסן — מוז זיך ראַטעווען — מוז געפינען אַן אָנהאַלט, אַן ערגיץ!...

ער האָט זיך געכאַפּט לויפנדיג אין דער ריכטונג פון זיין געוועזענער וואוינונג.

אויף טיילאָר סטריט נעבן לאַפלין איז ער שטיין געבליבן אַ פאַרמאַטער־טער, אַ סאָפּעטנדיגער, פאַרן אַריינגאַנג פון אַ באַשיידענעם איטאַליענישן רעס־טאָראַן. די פיס האָבן אים ניט געוואָלט ווייטער טראָגן. הונגער האָט גע־קראַגן די אויבערמאַכט איבער אים. מיט הינטישער זשעדניקייט האָט ער געקוקט אויף דער שטאַכעטן־טירל, פון וואַנען עס האָט געשלאָגן דער וואַרע־מער ריח פון געקאָכט שפייז. פאַר די אויגן האָט געשווינדלט. די טירל אַנט־קעגן האָט זיך אַ צי־געטאָן נענטער צו אים, האָט אים פאַרשלונגען הינטער זיך, און באַלד האָט ער זיך געפונען שטיין אינעווייניג אין׳ם האַלב־טונקעלן רעסטאָראַן —

— איז דער אייגנטימער דאָ? — האָט ער זיך געהערט פרעגן.

— איך בין דער אייגנטימער, — האָט זיך פון הינטער דעם גלעזערנעם ציגאַרן־וואַרשטאַט אימעצער אָפּגערופן אין אַ שמאַלציג קול מיט אַ פוסט־פאַסיגן נאָכקלאַנג. — וואָס בייסט דיר, קיד?

עס איז געווען אַ שווער־פליישיגער פאַרשוין פון קייל־עכדיגן געבוי, מיט אַ פולן, אַליוון־הויטיגן פנים, גלאַנציגע שוואַרצע האָר, קויל־שוואַרצע, אַרויס־געזעצטע אויגן און מיט אַן אַרונטערגעהאַנגענעם פעטן גוידער. די העמד־אַרבל זיינען ביי אים געווען פאַרקאַטשערט איבערן אונטערשטן טייל פון אַרעם. זיינע פינגער האָבן זיך געגריבלט אין דער קעשענע פון דער אויפגעכראַשט־שעטער וועסטל. אין פאַרגלייך מיט זיין טיפער קעל, איז דיקענסעס קול אויס־געקומען בלייך, אויסגעזויגן —

— איך בין—— איך בין ניט אויסן צו בעטלען, סעיר... איכ׳ל אָפּאַר־בעטן פאַרן שטיקל מאָלצייט — וואָס עס זאָל ניט זיין... איך בין טויט־הונגעריג, סעיר...

דער רעסטאָראַן־אייגנטימער האָט אָפּגעלאָזט די פינגער פון דער וועסטל־קעשענע און האָט דורכגענומען דיקענסן מיט אַן ערנסטן בליק. דער דיקער ציגאַר צווישן זיינע פולע ליפּן האָט זיך אַ הויב געטאָן אַרויף —

— אַקאַרשט פון דער דזשאַרע אַרויס?

דיקענס האָט אים אָנגעקוקט פאַרלעגן —

— איך פאַרשטיי ניט אַקוראַט וואָס איר מיינט, סעיר.

— איך מיין, די קאָן — די קיל־שטוב, וואָס האָט דיר איינגעמאַרענירט?

— ליידער, סעיר! איך בין ניט זיכער אויב איך האָב באַגריפן אייער פראַגע, סעיר.

— דאָס קאָן מען זען נאָך דיין פרצוף נאָך אַז דו כאַפּסט ניט אויף... —

האָט יענער אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז, איבערשיפּנדיק דעם ציגאַר פון איין זייט מויל צום אַנדערן. זיינע געדיכטע, קוסטיגע ברעמען האָבן זיך אָנ־געכמורעט: ער האָט זיך געפילט באַעולט וואָס זיין געניטע אויג זאָל אים דאַסמאָל האָבן אָפּגענאַרט. — גלאַט אַזוי אַ טרעמפּ, עה?

— ניט דורכאויס, סעיר. עס האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט... אָבער, ווי געזאָגט, בין איך גערן אָפּצואַרבעטן. איך וויל ניט אומזיסט, סעיר...

דער שטאַרקער מויל אַנטקעגן אים האָט זיך איבערגעקנאַטן אין אַ ברייטן שמייכל, אַרויסווייזנדיק קווערע, ווייסע ציין:

— אָ׳ררייט, קיד; אָ׳ררייט... — האָט ער אַרויסגעפּרעגלט אין אַ דריבנעם אָפּקייך — דו זעסט זיך אָן צו זיין אָ׳ררייט. פאַרכאַפּ אָן אָרט ביים עס־וואַר־שטאַט... העי, קריס! קאַרמע־אָן דעם קערל. גיב אים פון דעם ראַוויאָלי. פיל אים אָן. טהע קיד שיינט צו זיין אויפן אויבן־אויף.

— אָ־קעי, באָס!

דאָס עסן איז געווען באַטעמט, זאַטיג. ער האָט זיך אָנגעבויגן איבערן אָנ־געלייגטן טעלער און האָט מיט צעעפּנטע חושים איינגעזויגן אין זיך די נאַר־האַפטיגע וואַרעמקייט וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פון׳ם געווירצטן שפּייז. שוין אַזוי לאַנג זינט ער האָט פאַרזוכט אַ לעפל געקעכץ, זינט זיין גומען האָט גע־פילט דעם טעם פון וואַרעמער פולקייט אין מויל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן יענעם מאָמענט ביי גברת אַזולאַי אין קיך. וועט דאָ אויך מיט אים ענליכעס געשען?... נאָך די ערשטע פּאָר פולע שלונגען זיינען אים די הענט ווי אָנגעגאָסן געוואָרן מיט אַ שווערקייט. יעדער ביסן האָט אים ווי געוואָרגן אין האַלדז — „ג ע ב ע ט ל ט !... ג ע ב ע ט ל ט !...״ ער האָט מיט מאַטער־ניש אַרונטערגעשלונגען וואָס ער האָט געהאַט אין מויל, האָט מיט פאַרזינדיגטע פינגער אַוועקגעשאַרט דעם טעלער פון פאַר זיך, און איז געבליבן זיצן מיט אָן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. ס׳האָט עפּעס אַ קלעם געטאָן אויבן אין נאָז און איז פאַרגאַנגען איבער די אויגן.

— וואַט׳סע׳מעטע׳, קיד? — האָט ער דערפילט דעם רעסטאַראַן־אייגנ־טימערס פּוכקע האַנט אויף זיין רוקן — ס׳שמעקט דיר ניט ס׳עסן, עה?

— ניין, סעיר; ס׳איז גוט — זייער גוט... ס׳איז נאָר דערפאַר ווייל——
ווייל שוין לאַנג ניט——

ער האָט ניט געקאָנט דעררידן.

— דזשיסוס קעריים׳! דאָס איז אַ שאַנדע... וואַט׳סע׳מעטע׳ וויט דיס׳אַ קאַנטרי?![1] — איז דער רעסטאַראַן־אייגנטימער שוין געוואָרן אויסער זיך — גיב אים אַ שיסל זופּ, קריס; דער יונג איז הונגעריק... אַ פאַרברעכן, באַי גאַלי! אַזאַ פאַרברעכן...

---

1. וואָס איז דער מער מיט דעם לאַנד?!

— ס'איז ניט נויטיג, סעיר; איך האָב געהאַט גענוג.

— עס, האָב איך דיר געזאָגט! זשליאָקע דאָס אַרונטער, קיד; ס'עט דיר טאָן גוט... קאָמיאָן, קיד.

ניט־אויפהויבנדיג די אויגן, האָט ער ווי־ס'איז אויסגעליידיגט די שיסל זופּ. דער איטאַליענער האָט נאָכגעפאָלגט זיין יעדע באַוועגונג.

— וואָס נאָך וואָלסטו וועלן, קיד? אַ שטיקל פּאַסטראָמי? אַ פּענעץ טאָרט? וואָס האָסטו דאָרט, קריס?

— אַ דאַנק, סעיר. איך האָבווירקלעך געהאַט צו זאַט... וואָס וועט איר מיר באַפוילן צו טאָן, סעיר?

— דו הער־אויף די פוילע שטיק מיט די סעיר־ביזנעס, אָדער איך קרוין דיר דאָ באַלד אויפן אָרט! רוף מיר טאָני — דייגאָ טאָני — דאָס איז ווער איך בין! און טאָן דאַרפסטו גאָרניט, קיד: ס'איז אויפן חשבון פון דער הויז. איט'ס אָ'רייט.

— אָבער עס איז ניט אָלקרייט, סעיר — מיסטער טאָני, מיין איך. איך האָב אַזוי אויסגענומען, פאַרשפּראָכן; אָניט וועל איך פילן ווי אַ בעטלער.

— אָ, ניין; דו ביסט ניט קיין באָם[1], קיד. פאַרגעס וועגן דעם.

— איך פאַרזיכער איך, אַז כ'על עס ניט פאַרגעסן, סעיר; אָבער איך וועל איך אַ סך מער דאַנקבאַר זיין, אויב איר'ט מיר דערלויבן אָפּצואַרבעטן פאַרן מאָלצייט. פּליז!

— אָ'רייט, קיד; אָ'רייט. העי, קריס! האָסט עפּעס פאַרן יונג צו טאָן אין קיך? דער דעמ'פול וויל דוקא אַרבעטן, הע־הע... אָ'רייט, כאַפּ זיך אַריין אין קיך; קריס וועט דיר געבן עפּעס צו טאָן.

ער האָט געוואָשן געפעס, האָט געשייערט פאַנען. קריס האָט אים אָנגע־צייגט „דעם לייכטערן וועג" ווי צו מאַכן עס שנעלער:

— זעסט? אַט אַזוי — קעטש־אָן?[2] גוד באָי, קיד!... קאָנסט אים שוין פון לאַנג דייגאָן?

— וועמען?

— טאָנין — דעם באָס? אַ ברייטהאַרציגער קערל.

— אָ, יעס. ער איז ווירקלעך זייער אַ גוטער מענטש.

— אַ האַרץ פון גאָלד. זיי גלייכן אים אַלע דאָ אין דער נאָכבאַרשאַפט. ער איז אַ גרויסער קנאַקער אין פּאָליטיקס — פּריסינקט קעפּטעין![3] אָ, שור[4]! ער מיטן אָלדערמאַן[5] זייגען אַט אַזוי... — האָט ער אויפגעהויבן צוויי צו־

---

1. ליידיג־גייער.
2. כאַפּסט־אויף?
3. קוואַרטאַל־אָנפירער.
4. זיכער.
5. שטאָט־עלטסטער.

זאַמענגעדריקטע פינגער, און דער טעלער האָט זיך דערווייל אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און האָט זיך צעבראָכן מיט אַ בראַזג.

— ברעך ניט — וואָש זיי, האָב איך געזאָגט, קיד! — האָט טאָני אַריינגעשריען פון עס־צימער.

— ס׳איז ניט דער יונג, טאָני; ס׳האָב א י ך צעבראָכן.

— דו, עה?! דו בעסער היט זיך פאַר מיר, אָדער כ׳על דיר דיין קרעציגן האַלדז־און־נאַקן צעברעכן, דו——!

— ער מיינט עס ניט. האָט נאָר ליב אַזוי צו ריידן... — האָט קריס פאַרצויגן אַ באַק. — אַ סוועל גאַי![1] ער פאַר אַ פריינט וועט זיך לאָזן אַ פינגער אָפּשניידן; נאָר גאָט העלף דעם וואָס שפּאַנט אים דורך דעם וועג אין דער קרים! די באַיעס וויסן דאָס... האָסט געמאַכט אַ פיינעם דזשאַב מיט די פענדלעך, קיד. סוועל! מיר האָבן אַ שטענדיגן נעגער, וועלכער טוט ס׳שייערן און וואַשן דאָ. ער איז דאָ דער פּאָרטער[2]. איז נעכטן אַוועק (דאָנערשטיג איז זיין פרייער טאָג) און איז נאָך ניטאָ צוריק. מ׳קאָן זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן אויף די שוואַרצע: טרינקען זיך אָן מיט זייער לויזיגן מונשיין[3] און קאָנען אָפּליגן וואָכן־לאַנג פאַרשיכורט — פאַרגעסן צוריקצוקומען... דאָס איז גענוג פאַר דיר, קיד. וואָס איז דיין נאָמען?

— דיקענס.

— אַן שפּאַס!

— ווי כ׳האָב געזאָגט: דיקענס.

— טהאָט׳ס פאָני![4] אָ, איכ׳ל דיר רופן קיד. איז ניט דאָס וואָס טאָני האָט דיר גערופן?

טאָני האָט אים אַריינגעשטעקט אַ פערטל דאָלער אין דער האַנט אַריין:

— נעם דאָס, קיד.

דיקענס האָט זיך צוריקגעצויגן פון דעם:

— דאָס וועט זיין ניט רעכט, סעיר. איך קאָן דאָס ביי אייך ניט נעמען. איר זענט אַזוי אויך גענוג גוט צו מיר.

— נעם, האָב איך געזאָגט! — האָט זיך טאָני צעבייזערט — אַז מ׳הייסט דיר נעמען — נעם און שאַטאָפּ[5], פאַרשטאַנען?!

— יעס, סעיר. און איך דאַנק אייך זייער, סעיר.

— שוין ווידער מיט די סאָסייעטי־שטאָף?! „יעס סעיר!״, „אַ דאַנק, סעיר!״

---

1. אַ וואוילער קערל!
2. משרת.
3. היימיש־געמאַכטע (פאַרבאָטענע) בראַנפן.
4. דאָס איז טשיקאַווע!
5. רייד ניט.

צו וועמען רעדסטו — צו אַ קאַלעדזש־פּראָפעסאָר, אָדער צו אַ דזשאָדזש? רייד ווי צו אַ מענטש — ווי מענטשןריידן, גאַדעמ׳עט!... ביסט ניט מער הונגעריג, עה, קיד?

— אַ, ניך. איך האָב געהאַט צו זאַט.

— דו בעסער זאָג דעם אמת, אַניט וועל איך דיר דעם האַלדז איבערשניידן, באַי גאַללי!... אָ׳רדייט, קיד. קום אַריבער מאָרגן אויך, אויב דו האָסט גאָרניט צו טאָן; וועסט דאָ שטענדיג געפינען עפּעס צו עסן ווען דו ביסט הונגעריג, פאַרשטאַנען? אָ־קעי, וועל דיר זען מאָרגן...

דער שוואַרצער איז ניט געקומען — ניט צומאָרגנס און ניט די וואָך נאָכדעם. טאָני האָט געזוכט אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. דערווייל האָט דיקענס אַרויסגעהאָלפן מיטן אָפּרייניגן דעם עס־צימער, דעם ביליאַרד־פּאַרלאָר, מיט פּאָלגן אַ גאַנג. טאָני האָט אַכטונג געגעבן, אַז די יונגען וואָס פלעגן אַריינקומען אין ביליאַרד־פּאַרלאָר זאָלן דעם קיד ניט פאַרזען. אין אָוונט פלעגן אַריינקומען טאָניס פּאָליטישע פריינט —

— האַי, טאָן!

— האַי, סאַרדזש!

— האַו גאָוס איט, דייגאָ?!

— האַו׳ז׳יע, קיד?!

— גוד איווינינג, סעיר.

זיי פלעגן זיך פאַרריגלען מיט טאָני׳ן אינ׳ם הינטער־קאַמערל און אַי־בערלאָזן נאָך זיך קלעפּיגע וויין־גלעזער, אָפּגעשפּילטע טעשלעך קאָרטן און טיפּס.

ס׳איז געווען מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען טאָני האָט אים ראַפּטאָם אַ פרעג געטאָן:

— וואו וואוינסטו, קיד?

דיקענס האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— מ׳פרעגט דיר — ענטפער! — האָט טאָני אים אָנגעכאַפּט פאַרן לאַץ און האָט אים האַסטיג אַ שלעפּ געטאָן צו זיך — ענטפער!

— וואָס איז דער אונטערשייד?... וואו עס מאַכט זיך...

טאָני האָט אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן און באַלד האָט זיך אין אים צעקאָכט זיין היציג בלוט —

— דו פאַרשאָלטענער אייזל־קאָפּ! פאַרוואָס האָסטו ניט געעפנט דיין נאַרישן פּיסק און דערציילט אַ מענטשן?! דזשיסוס קערייס׳! בין איך דיר ניט אַ פריינט, עה?! האָסט מורא טאָני׳ן זיך אַנצוטרויען?... דו׳סט ביי מיר שלאָפן דאָ אין דעם הינטער־קאַמער, אָדער דוס׳ט זיך אויפכאַפּן אין אַ שיינעם

פרימאָרגן אין אַ מאָרג [1], פאַרשטאַנען?! און קיינע זייפן־בלאָז פון דיין פּיסק, דעמ׳עט!...

ער האָט אַ שפּיי געטאָן אָן אַ זייט און האָט פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַר.

דער טאָג איז געווען אַ רעגנדיגער, אַ מוטנער, און טאָני האָט אומגעשפּרייזט הינאונצוריק איבערן עס־צימער, בייז ווי אַ וואָלף. ער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן פאַרן פאַרגאַסענעם פענצטער, האָט אַ בורטשע געטאָן אונטערן נאָז און האָט באַלד ווידער גענומען אומשפּרייזן. ווי שטענדיג אין אַן אַנגעכמורעטן טאָג, איז טאָני געווען אין אַ ריידעוודיגער שטימונג. דיקענס איז געווען פאַרנומען מיט אויפראַמען דעם דזשאַינט. טאָני האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום אים, ט׳באַטראַכט דעם אָפּגעוואַשענעם טייל פון דיל און האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי אַ זייטיגן טישל, כלומרשט פאַרמוחט —

— פאַסקודנע אין דרויסן, עה?

— אַ יעס.

— יע... סעי, קיד, קום אַהער אַ ווײַלע. גענוג דאָס וואַשן — הערויף!... זעץ זיך אַנידער... וועלל, איך האָב אויף דיר געהאַלטן אַן אויג, קיד. דו ביסט ניט פויל, קאָנסט דעם לשון אָ׳רדרייט, און דו האָסט אַן ערלעך פּנים מיט אַ פּערזאָנאַליטעט; ווי קומט עס, וואָס דו האָסט ניט געקאָנט געפינען אַן אָנשטענדיגן דזשאָב, עה?

— ס׳איז אַ סך צו ריידן וועגן דעם, טאָני — — —

נאָר טאָני איז גראָד געווען נייגעריג אַז ער זאָל ריידן. און טאָני איז געווען אַ מענטש פאַר וועמען מ׳האָט געקאָנט ריידן, זיך געקאָנט אויפבינדן. און טאָני האָט אים אויסגעהערט מיט קאָפּ, און אין טאָנין האָט געקאָכט אַן אויפהער —

— און זיי האָבן דיר געלאָזט אומגיין הונגעריג, די ממזרים, עה?! באַי דזשיסוס, ווען איך בין אין דיינע שיך, וואָלט איך באַרויבט אַ באַנק אין מיטן העלן טאָג, וואָלט אָפּגעהאַלטן דעם אַמעריקאַנעם פּרעזידענט אַליין, וואָלט אַרויסגעלאָזט די געדערים פון אַ שיין ביסל פּעטע פּופּיקעס — איידער זיי וואָלטן מיר דערפירט צו אַזאַ מדרגה! ווהאַי, דו האָסט דאָך אויסגעזען ווי אַ געשפּענסטער ווען דו ביסט ס׳ערשטע מאָל אַריינגעקומען אַהער!...

— אָה, ס׳איז ניט אַזוי שרעקלעך, טאָני. ס׳וועט אפשר נעמען צייט; ס׳וועט אפשר אָנקומען אַביסל שווער; איך וועל אָבער מיינס דערגרייכן.

—... ווילסטו, הייסט עס, טאָקי ווערן אַ דאָקטער, עה, קיד? — האָט טאָני זיך אָנגערופן נאָך אַ לענגערן שווייגן, באַטראַכטנדיג דיקענסן מיט אַ יראת־הכבודיגער מינע — אַ דאָקטער... אָ׳רדרייט, קיד, דערוויל גיי פאַרענדיג אָפּרייניגן די שפּיקעסטלעך...

1. טויטן־הויז.

אַ ברייטבייניגער, אויסגעשוואַרצטער פאַרשוין האָט זיך אַריינגעוואָרפן פון דרויסן —
— העי, קיד! ווילסט אַרויסהעלפן מיט אַ לאַסט קוילן?
— וויפל?
— אַ האַלבן באַק.[1]
— געוויס!
— קאַמיאָן.
טאָני איז באַלד געשטאַנען צווישן זיי ביידן —
— דו גייסט ניט, קיד! — האָט טאָני אים אָפּגעשטופּט אָן אַ זייט און האָט זיך געגומען צום אַנדערן פאַרשוין — וואַט'סע'מעטע', דו איבערגעוואַקסע־נער, פאַרשטונקענער לאַסט־פערד! גיי זוך זיך אויס דיין גלייכן צו שלעפּן דיינע צע——ע קוילן פאַר דיר!
— סע—י, וואָס מיטאַמאָל אַזוי הייס אונטערן קאָלנער?! איך קום דאָ אַריין אָפּט געגוג, און איך נעם שטענדיג דיין שוואַרצן אַרויסצוהעלפן מיר מיט אַ לאַסט...
— דער קיד איז דיר ניט קיין נעגער, פאַרשטאַנען?!
— אָבער דער קיד איז וויליג, און איך וועל אים באַצאָלן פאַר דעם.
— נעם דיין לויזיגן געלט און שטעק עס אַריין אין הינטער־חלק, דו אויס־געקראָכענע גאָרילע! וואַרף זיך אַרויס פון דאַנען איידער איך מאַך דיר צו לעקן דיינע אייגענע געהירן פון דער ערד! דער־אַ קיד איז דיר קיין טרעמפּ פון דער גאַס!
— אַ, קיל זיך אָפּ און פאַרשטאָפּ דעם סמעטניק דיינעם! דער קיד דאַרף האָבן די פּאָר סענט. פאַר וועמען האַלסטו אים — פאַר דיינע מוידן?
— אַרויס פון דאַנען, האָב איך געזאָגט! — האָט זיך טאָני אַ לאָז געטאָן צו אים מלא־רציחה — אַרויס, איידער איך פּלאַסטער דיר צו צו דער וואַנט, דו קרעציגער פּרצוף! אַרויס גיי, און צום טייוול מיט דיין קומען אַהער! ווער ניט, דו——
נאָך איין וואָרט פון דעם פאַרשוין, און טאָני וואָלט מקיים־פּסק געווען. קריס האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן אָרעם —
— האַלט־איין דיין יוכע, טאָני.
דער טעלעפאָן האָט זיך צעקלונגען.
— איכ'ל ענטפערן. — האָט טאָני אָפּגעסאַפּעט — ס'איז אודאי דער אָלדערמאַן... העללאָ! העללאָ!... יעס, דאָס איז טאָני. אָ'רייט, שיס!... ספּאַגעטי... האַלבע שאָלן. וואָס פאַר אַ ברויט?... אָ, יעס! אויסגעצייכנטער

---

1. דאָלער.

פאַי! (האָסט פּאַי, קריס?...) וויפל געטראַנקען?... אַ־קעי!... העי, קיד, פילסט ווי אַריבערצוכאַפּן זיך אין „פּלעט" אַריבער דער גאַס?

— איכ'ל גיין.

— די מוידן ווילן אַז מ'זאָל זיי אַרויפברענגען קאַרמע. זיי האָבן מורא די הינטנס אַרויסצושטעקן אין אַזאַ וועטער. געדענק: קריג באַצאָלט אויפן אָרט און נעם דעם טיפּ אין מזומן, ניט אין בעט!... העי, קריס, גיב אים דעם רעגנמאַנטל.

ס'האָט געגאָסן. דער ברוק איז געווען באַדעקט מיט גליטשיגן שליים און באַשפּיגלט מיט וואַסער־לעכער. דיקענס האָט געהאַט אַריבערגעשפּרייזט די גאַס, ווען אַן אָטאָמאָביל איז אָנגעלאָפן פון אַשלאַנד בולוואַרד. ער האָט אים אויסגעמיטן און איז אַריינגעטראָטן אין אַ קאַלושע. אין דעם מאָמענט האָבן אָנטקעגן אַ בליאַסק געטאָן די ליכטער פון אַ לאַסט־אָטאָמאָביל. ער האָט אים געזען זיך אָנטראָגן, האָט געוואָלט זיך צוריקציען — צו שפּעט! אַ גרילץ פון ברעמזן. אַ בראַזג. פאַר די אויגן איז געוואָרן שוואַרץ. ער האָט נאָך גע־הערט טאָניס קול:

— דזשיסוס קערייס', איט'ס טהע קיד! טהע קיד!! סאַנטאַ מאַריאַ!...

און——

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין שטאָט־שפּיטאָל.

טאָני איז געקומען מיט אַ בוקעט בלומען —

— וויסטער מזל, עה, קיד?

— אַביסל צעקיילט. איכ'ל עס אויסדויערן, אָללרייט.

— עפּעס צעבראָכן?

— אַ ריפּ־ביין. ס'איבעריגע זיינען נאָר עטלעכע גוטע ביילן און אַ ריס־וואונד. איכ'ל זיין אַ־קעי.

— דו ביסט אָ'רדרייט, קיד; דו ביסט אָ'רדרייט! און איצט הער זיך צו וואָס טאָני זאָגט דיר: זאָלסט זיך ניט דערוואַרגען צו חתמענען אויף קיינע פּאַפּירן, פאַרשטאַנען?! און לאָז זיי דיר ניט איינריידן אַז ס'איז קיינעמס שולד. זיי וועלן דיר דערציילן אַ בידנע־דאַליע־מעשה וועגן דעם אָנטרייבער, אַז ער האָט אַ ווייב מיט קליינע קינדער צו באַזאָרגן, און אַז ער וועט צוליב דיר פאַר לירן דעם דזשאָב; ס'איז די באַנק! אַזוי שנעל ווי דו וועסט אַרויס פון דעם הקדש, וועל איך דיר נעמען צו מיין לאָיער. ער איז דורכגעטריבענער יונג. מיר'ן שוין עפּעס אויפפויקן! פאַרשטייסט? דער לאַסט־אָטאָמאָביל באַלאַנגט צו אַ גרויסער פּאַסט־באַשטעלונג־קאָמפּאַניע — שער און ראָבינס — איינע פון די גרעסטע אין לאַנד. מיר'ן זיי אָפּצאָפּן בלייך, די הינטישע זין! און האָב קיין יסורים ניט, קיד: זיי זיינען לויזיג מיט געלט, און דו—— דו האָסט אפילו ניט קיין טעפּל צו אויסמלאכהן זיך. דאָס איז ניט יושרדיג, קיד — ניט אמת?

ס׳אַרט דיר. מיר׳ן שוין לויערן פאַר זיי. נאָר חתמע ניט דיין טרפהנעם נאָמען, אַניט וועל איך דיר די הענט דיינע איבערברעכן, סאַווע?!...

טאָני האָט דערזען דערזען פאַר זיך רויט, ווען דער לאַיער פון דער שער און ראָבינס קאָמפּאַניע איז פּלוצים אָנגעקומען —

— האַי, טאָני!

— האַו׳ז־יע, מיסטער פּערי!

ער האָט אים געלאָזטריידן. דער לאַיער האָט זיך צעלייגט מיט דער אַלטער הקדמה: אַ, אַלץ וואָס ער איז אויסן, איז צו זען אַז ער, דיקענס, זאָל באַהאַנדלט ווערן יושרדיג; זאָל קריגן וואָס אים קומט לויטן געזעץ. די פירמע וויל אים פאַרגיטיגן — אויב די שולד איז אירע. דערפאַר טאַקי האָט ער, מיסטער פּערי, איבערגעלאָזט אַ פולן קאַבינעט מיט קליענטן און איז געקומען פערזענלעך צו אויסגעפינען אַלע איינצלהייטן. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער סענט וואָס די פירמע וועט אין דעם פאַל באַצאָלן, וועט מוזן אַרונ־טערגערעכנט ווערן פון דעם אַנטרייבערס שכירות, דער שלימזלדיגער טייוול! ער האָט אַ ווייב מיט פיר קינדער צו מפרנס זיין... אָבער צוערשט מוז ער האָבן אַ שריפטלעכע באַהויפטונג וועגן די פאַקטן אין דעם באַטרעפנדן פאַל און — פאַרשטייט זיך — אונטערגעשריבן פון אים, פון דיקענסן...

טאָני איז אַרויס פון די כלים —

— עה—ה, איר רעדט אַביסל צו־שנעל פאַר מיר, מיסטער פּערי! — האָט ער באַלד געלאָזט הערן פון זיך — דערדאָזיגער בלאָף וועט דאָ ניט גילטן. דער יונג איז מיינער אַ פריינט און ער וועט ניט אַוועקלייגן זיין חתימה אויף קיינע פּאַפּירן. נעמט זיך דאָס אַריין אין קאָפּ! דער יונג איז ניט קיין באָם, ניט קיין הודלום. וואַי, דער יונג גייט ווערן אַ דאָקטער!... איר בעסער נעמט מיין עצה, מיסטער פּערי, און האַלט זיך ניט אַזוי אויפן פערד, אָדער איר וועט דאָ האָבן צו טאָן מיט מיר, פאַרשטאַנען?! דאַט׳ס־אָל! סאָ לאָנג! וועל דיר זען מאָרגן, קיד...

דער לאַיער איז נאָך פאַרבליבן. ער האָט זיך אָנגערעדט ביז הייזעריגקייט. ער האָט געפּרוּאווט מיט גוטן, מיט מאַכן דעם גאַנצן ענין צו גאָרניט, מיט סטראַשונקעס: „ער איז אויסן נאָר זיין טובה... ער האָט ניט קיין לעגאַלע טענה... נאָר אַ שאַיסטער־לאַיער ׳עט זיך דערוואַגן אָנצוגעבן אַזאַ קלאַגע אין געריכט, און—— ער דאַרף ניט פאַרגעסן: ער איז נאָך ניט קיין סיטיזן...״

דיקענס האָט אים געלאָזט ריידן, ט׳אים מכלומרשט אויסגעהערט און האָט געשוויגן. נאָר ווי ס׳איז געקומען צו דער אונטערשטער שורה, פלעגט ער עמפּאַטיש אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ: ניין! ער וועט ניט אונטערשרייבן. ענד־לעך איז ער אַרויסגעקומען מיט קלאָרע דבורים:

— הערט מיר אויס, מיסטער פּערי, און דאָס, האָפּ איך, וועט אייך איינ־שפּאָרן איבעריגע רייד. איך בין ניט אויסן צו מאַכן עס היים פאַר קיינעם,

ווי טאָני וואָלט געזאָגט. איך ווייס צו־גוט וואו איך האָלט אין דער וועלט מיט דעם צופאַל, און איך ווייס אויך ווער ס'איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. נאָר דאָ איז ניט דער פּלאַץ זיך אויסצוטענהן. איך וויל נאָר אַז איר זאָלט וויסן, אַז איך בין ניט גערן קיינעם אויסצוטרייסלען, און איך פאַרמעסט זיך ניט רייך צו ווערן פון דעם. אַלץ וואָס איך וויל איז אַ דזשאָב — באַשעפטיגונג — אַ מעגלעכקייט אַנצוגיין מיט מיין שטודיום, און אייער פירמע קאָן מיר מיט דעם באַזאָרגן. איך בין ניט קיין מפונק, קיין אויסקלייבער; איך בין גרייט צו טאָן וואָס מ'זאָל מיר ניט געבן; איך בין אָבער מיד אַרומצודרייען זיך הונגעריג! איך בין דערפאַר ווילינג צו פאַרגעסן מיין תביעה קעגן דער פירמע, אויב דאָס וועט מיר געבן אַ געלעגנהייט צו פאַרדינען מיין ברויט — אויב דאָס וועט מיר געבן אַן אָנהויב. איז דאָס קלאָר?

מיסטער פּערי איז געבליבן זיצן פריטשמעליעט. דיקענסעס אויפריכ־טיגקייט האָט ביי אים אויף אַ ווײַלע ווי אָפּגענומען דאָס לשון.

— סעי, יונגערמאַן, — האָט ער זיך אָפּגערופן אין אַ געלאַסענעם, דורכאויס באַטירלעכן טאָן, ווי ער וואָלט ערשט איצט דערזען דעם מענטשן צו וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט גערעדט — איר רעדט ניט ווי איינער פון טאָניס גענג,[1] און איך בין גענויגט צו גלויבן אַז איר מיינט וואָס איר זאָגט. איך אַליין האָב באַצאָלט פאַר מיין קאָלעדזש־דערציאונג פון מיינע אייגענע פאַר־דינסטן, און איך ווייס וואָס עס מיינט. און אָט וואָס איך האָב בדעה צו טאָן פאַר אייך: מיר'ן לאָזן דעם גאַנצן ענין שטיין ווי עס איז. דאָ האָט איר מיין קאַרטל. אַזוי שנעל ווי איר האָלט ביים פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, שטעלט זיך גלייך אין פאַרבינדונג מיט מיר. איכ'ל דערוויל איבעררײדן וועגן דעם מיט מיסטער קינגסלי. ער איז דער פאַרוואַלטער פון דער פּערזאָנאַל־אָפּטיילונג אין דער פירמע. איך בין זיכער, אַז כ'וועל עפּעס אויסווירקן פון אייערטוועגן.

— איז דאָס אַ צוזאָג?

— מיין ערנוואָרט.

— איך פאַרלאָז זיך אויף אייך.

טאָני האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן. ער איז אין אָונט געקומען נאָכאַמאָל —

— וועלל, קיד, ווי האָסטו אָפּגעשניטן מיטן קערל? האָט ער די פאַר־העקלט?

— ניין. איך האָב ניט אונטערגעשריבן, אויב דאָס וואָס דו ביסט אויסן; נאָר——

— נאָר וואָס?

— איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין גרייט אויפצוגעבן מיין קלאָגע, אויב

1. באַנדע.

ער וועט פאַר מיר אויסווירקן אַ דזשאָב ביי דער פירמע. ער האָט מיר פאַר־שפּראָכן דאָס צו טאָן.

— דזשיסוס קערייס׳! ער האָט דיר אַריינגעפּאַקט, עה?! — האָט זיך טאַני געכאַפּט פאַרן קאָפּ — סאַנטאַ מאַריאַ! ווי קאָן דאָס אין יאַלד זיין אַזוי דום?! איך וואָלט דיר איצט געקאָנט דעם רוקן דיינעם איבערברעכן, ווען דו ליגסט ניט אין בעט!

— אַה, זיי ניט אַזוי צעהיצט, טאַני. דענק זיך איבער. נאָך אַלעמען, וואָס איז די פּעולה פון אַרומדרייען זיך שלינג־און־שלאַנג? גוט וואָס איך האָב ד י ר; אָבער ווי לאַנג קאָן איך הענגען אויף דייך האַלדז? דאָס וועט מיר ערגיץ ניט דערפירן. און לאָמיר שוין זאָגן, אַז מיר וועלן פאַרקאָכן אַ קאַשע; אפשר ׳עלן מיר יאָ געווינען, און אפשר — ניט. דערווייל וועט ווידער אַוועק־גיין צייט אין גאָרניט. אַזוי — אויב ער זאָל נאָר האַלטן וואָרט — קאָן איך כאַטש האָבן עפּעס; וועל קאָנען גיין אין סקול... פאַרוואָס זאָלסטו ניט באַ־טראַכטן די זאַך פון דעם שטאַנדפּונקט, טאַני?

— וועלל, ס׳קאָן זיין אַז אפשר ביסטו גערעכט. אַז מ׳זאָל זיך וועלן גוט אַריינטראַכטן, קאָן זיין אַז ס׳איז פאַראַן אַ סך אמת אין וואָס דו זאָגסט. אָבער דו ביסט צו־ערלעך, קיד — צו־ערלעך! — דאָס איז דער גאַנצער אומגליק דיינער. דאָס ברענגט קיינעם ניט קיין צופיל גוטס... דאָס איינציגע גוטע זאַך דערביי איז, וואָס דו האָסט געהאַט גענוג רוקנביין ניט אונטערצושרייבן, און וואָס לאָיערס פאַרגעסן צו־שנעל וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט. קורצע זכרונס, די הינטישע זין! נאָר דער ממזר פּערי, ער בעסער האַלט וואָרט, אָדער ער וועט הערן פון מיר! ער וועט אַלץ־איינס הערן פון מיר...

אַרויסקומענדיג פון שפּיטאָל האָט דיקענס זיך געשטעלט אין פאַרביג־דונג מיט מיסטער פּערין און האָט פון אים באַקומען אַ בריוו צו מיסטער קינגסלין פון דער שער און ראַבינס פירמע. יענער האָט שוין הפנים געהאַט אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן דער גאַנצער אַנגעלעגנהייט.

— ווי איך פאַרשטיי, זענט איר אַ מעדיצינישער סטודענט, אָדער איר האָלט ביים אַנקומען אין דער מעדיצינישער שול, ריכטיג? — האָט מיסטער קינגסלי פאַרבייגייענדיג אַ פרעג געטאָן — ווי קומט עס, זאָגט מיר, וואָס איר האָט זיך פאַרהבֿרט מיט אַזאַ געזעמל ווי „דייגאָ" טאָניס?

— אַ מענטש מוז דאָך אַמאָל עסן... — איז געקומען דיקענסעס ענטפער מיט געצוימטער באַטאָנונג — דערווייל האָט ער באַוויזן צו טאָן פאַר אַ מענטשן אין מיין שטאַנד דאָס, וואָס אַ סך אַזויגערופענע אָנשטענדיגע מענטשן האָבן ניט געהאַט די זיטלעכקייט צו טאָן...

— איך צווייפל ניט אין דעם.

ער האָט אַרויסגעוויזן אויפריכטיגן אינטערעס אין דיקענסן, אין וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן.

— וועלל, איך זע ניט אין פּאַרוואָס מיר זאָלן ניט קאָנען איך באַשטאַטן ביי אונדז. אונטער די אומשטענדן, גלויב איך, אַז איר וואָלט ליבערשט געוואָלט אַרבעטן אין דער אַוונט־שיכט. איך גלויב אַז איך וועל עס קאָנען טאָן פאַר אייך... פאַרבינד מיר מיט מיסטער דזשאָנסאָן אין דער פּאַקונג־אָפּטיילונג... — האָט ער אַריינגערעדט אין דער טעלעפאָן־רערל — סעי, דזשאָנסאָן, קאָנסטו נוצן אַ יונגנמאַן אין דעם פּאַק־צימער?... ניין, פאַר דער אָוונטשיכט. דו וועסט מוזן אָנהויבן מיט אים פון אָנהויב... אָללרייט, איך שיק אים גלייך אַרונטער...

ווען דיקענס איז פון דאָרט אַרויסגעקומען, האָט ער ניט געפילט די ערד אונטער זיך. זיין האַרץ איז איבערגעגאָנגען מיט פרייד. ער האָט זיך געמוזט מיט אימעצן טיילן מיט זיינע געפילן. ער איז אַריינגעלאָפן צו טאָנין קוים דעם אָטעם —

— איך האָב עס געקראָגן, טאָני! איך האָב עס געקראָגן!

— געקראָגן וואָס?

— אַ דזשאָב! און אַ פינף און־צוואַנציגער מזומן, אַחוץ!... טאָני, איך האָב אַ דזשאָב! לאָמיר הוליען, אַלד באָי!

טאָני האָט זיך געכאַפּט מיט אים קושן. טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די גרויסע אויגן —

— אָה, דאָס איז גוט!... באָי דזשיסוס, עס פרייט מיך פונדיינטוועגן, קיד!...

— כ'האָב זיך פריער געדאַרפט צוברעכן אַ ריפּ־ביין כדי צו קריגן אַ שטיקל דזשאָב; אָבער ס'וועט נאָך אפשר האָבן דאָס ווערט... געטראָנקען קריס! היינט באַצאָל א י ך! אַלע טרינקען מיר היינט אויף מיין חשבון!

— ניקס, קיד! ס'איז אויפן חשבון פון דעם דזשאָינט! ברענג אַרויף די אַלטע פלאַשן, קריס... און איצט וועסטו טאָקי גיין ווערן אַ דאָקטער, קיד...
— האָט טאָני אַרויפגעקוקט צו אים פון איבער דער גלאָז וויין. די אויגן זיינען אים געוועזן אַביסל פאַרלאָפן — אַ ג ר ו י ס ע ר דאָקטער אפשר... און טאָנין וועסטו אינגאַנצן פאַרגעסן, עה, קיד?

— אָה, ניין, טאָני; אַזעלכע זאַכן פאַרגעסט מען ניט. דו ביסט מיין ערשטער פריינט דאָ, טאָני — אַן א מ ת ע ר פריינט!...

— דו ביסט אָ'רדרייט, קיד... ביסט אָ'רדרייט...

*

ער האָט נאָך געהאַט אַ האַלבן זומער פאַר זיך, און ער האָט באַשלאָסן צו דערכאַפּן אין דער קורצער צייט דאָס, וואָס ער האָט פאַרפעלט דורך די וואָכן פון בלאָנדזשען. זיין עקשנותדיגע התמדה איז אים געשטאַנען צו הילף,

און דער האַרבסט פון דעמזעלבן יאָר האָט אים געפונען אין דער מעדיצין־שול.

ער האָט געאַרבעט שווער, האָט געלערנט פלייסיג. זיינע טעג זיינען געווען פול, זיין וועג — אויסגערעכנט, געזעצט: ביז שפּעט נאָכמיטאָג אין דער מעדיצין־שול; פון דאָרט — אין דעם אונטערקעלער פון דער פּאַקונג־אָפּטיילונג; און דערנאָך, ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביי זיך אין צימערל איבער זיין שטודיום.

ער האָט געשלאָסן צופעליגע באַקאַנטשאַפטן צווישן זיינע קאָלעגן־סטודענטן, האָט געשאַפן פריינט; ער האָט אָבער אויסגעמיטן צו־אינטימע פריינטשאַפטן, אָדער דערלאָזן אַ חברשאַפט צו אויסבריען זיך אויפן חשבון פון זיין אַרבעט. ניט זיין מאַטעריעלער צושטאַנד, ניט דער מאַנגל אין פרייער צייט, האָבן אים דערלויבט צו איינטיילנעמען אין די פאַרווילונגען און אין די „געזעלשאַפט־לעכע פונקציעס" צווישן זיינע מיט־סטודענטן. זיין איינציגער קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט איז באַשטאַנען אין די בריוו וואָס ער האָט רעגלמעסיג באַקומען פון טאַטן און אַמאָל — פון שוואַרצבערגן. און ס'איז געווען פון שוואַרצבערגס בריוו וואָס ער האָט זיך, צו יענער צייט, דערוואוסט וועגן אברעמעלען: „...ער האָט געמאַכט אַן ענד צו אַלץ, איבערלאָזנדיג נאָך זיך איין קורצע שורהלע: „דער חשבון האָט ניט אויסגע־האַלטן"..."

די שעהן אין קאָלעדזש דורכן טאָג, די שפּעטנאַכטיגע, איינזאַמע שעהן ביי זיך אין צימערל — דאָס איז געווען זיין וועלט, זיין אַלץ. איז וואָס אויב אַמאָל ניט דערעסן? אויב אַמאָל ניט דערשלאָפן? און וואָס אויב אין צימערל איז קאַלט? פון דאָרט — פון זיין ענגן, קאַלטן צימערל — האָט זיך פאַר אים געוויקלט אַ וועג אַ זוניגער, דער וועג פון אַנטפּלעקונגען, דער וועג פון פאָרשן און פון וויסן, דער וועג פון יענעם לאַנג־געגאַרטן ציל — דער וועג צום טרוים.

16

דהאַר־יזאַנטן

אַלטע וועגן זיי פֿאַרפֿירן
אַלע לעבנס צו איין ברעג!
יונגע וועגן זיי באַצירן
דיינע טרוימען און זיי פֿירן
דיינע טרוימען צו אַ ברעג.

(פּרץ הירשביין)

צום סוף פֿונ׳ם ערשטן לער־יאָר האָט דער דעקאַן פֿון דער מעדיצין־שול אים אַריינגערופֿן צו זיך און האָט אים געמאָלדן, אַז זיין סכאָלאַסטישער רע־קאָרד באַרעכטיגט אים צו אַ סטיפּענדיע און, אויף דער רעקאָמענדאַציע פֿון פֿאַקולטעט, איז אים דידאָזיגע סטיפּענדיע באַשטימט געוואָרן. דאָס האָט באַדייטנדיג פֿאַרלייכטערט זיין מאַטעריעלע לאַגע. ער האָט איצט געקאָנט זיך פֿאַרגינען צו דינגען אַ באַשיידן צימערל אין דעם וואַי־עם־סי־עי־האָטעל פֿאַר סטודענטן — אַ קליין צימערל, אָבער באַקוועם, וואַרעם אין די ווינטער־נעכט. דאָס איינגעשפּאָרט לער־געלט האָט ער רעגלמעסיג געשיקט דעם טאַטן. דעם טאַטנס מצב איז געווען אַ נחת־דרגאדיגער. דער טאַטע האָט אים יעדן מאָל שטאַרק פֿאַרגעהאַלטן פֿאַר טאָן דאָס, און האָט זאָגאַר געדראָט צוריקצושיקן דאָס געלט. „דו ביסט יונג״, האָט ער אים געשריבן, „דו לערנסט זיך — ווילסט זיך דערשלאָגן צו אַ תּכלית — דו ביסט בילכער...״ דיקענס האָט געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער פֿאַרדינט צו געװנוג; אַז דאָס געלט וואָס ער שיקט אַריבער אַהיים, איז פֿון דעם וואָס בלייבט אים איבער פֿון דער הוצאה; און ער האָט זיך יעדן מאָל געמוזט איינבעטן ביים טאַטן אַז ער זאָל אים ניט פֿאַרשעמען און צונעמען דאָס געשיקטע. אָבער פֿאַרן טאַטן האָט ער ניט גע־קאָנט צופֿיל לייקענען: דער טאַטע האָט געלייענט צ ו י ש ן די שורות, און דער טאַטע האָט זיך לאַנג געקווינקלט.

איינמאָל, אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, ווען ער איז צוריקגעקומען אין האָטעל, האָט אים די מיידל ביים אינפאָרמאַציאָנס־טיש געמאָלדן:

— אַן עלטערער מאַן האָט זיך אויף אייך עטלעכע מאָל נאָכגעפרעגט. ער איז באַשטאַנען צו וואַרטן דאָ פאַר אייך.

דיקענס האָט זיך אומגעקוקט איבערן וואַרט־זאַל. אַן עלטערער איד מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, אין אַן אויבעררעק מיט זיידענע לאַצן, איז דאָרט געזעסן אין אַ פאָטעל ביי דער וואַנט און האָט געדרעמלט. ס׳איז געווען דער אַלטער מיסטער מילנער. דיקענס האָט אים פאָרזיכטיק אויפגעוועקט.

—אַ־אַ־אָ!... — האָט זיך דער אַלטער אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער, — אַ, דאָס ביסטו?! איך וואַרט שוין דאָ אויף דיר מי־יודע ווי לאַנג. געווען דאָ עטלעכע מאָל, אַלץ דיר ניט געטראָפן. דאַסמאָל האָב איך געזאָגט דער שיקסע דאָרטן, אַז כ׳מוז דיר בלי־נדר זען. האָב איך זיך מיר צוגעזעצט אויף אַ ווײלע אַט־אַ דאָ־אָ, פונקט אַנטקעגן דער שווענטע מאַריע... נו, ווי לאַנג קאָן אַ איד זיצן מיט אָפענע אויגן אַנטקעגן אַזאַ זאַך? האָב זיך באַקלערט, אַז כ׳וועל מיר מאַכן ניט־קוקנדיג און, ווי דו זעסט, בין איך מיר אַזוי פאַמעלעכקע איינ־געשלאָפן הפּנים...

— ווי האָט איר געטראָפן אַהער?

— שייך, ווי אַזוי? דעם אַדרעס דיינעם האָב איך: דער טאַטע דיינער האָט עס מיר צוגעשיקט; נו, אויף ציפערן פאַרשטיי איך זיך, אַ דאַנק גאָט, גאָר נישקשה; און די לאַטייניש אַזבוקע איז מיר אויך אינגאַנצן ניט פרעמד; איז אַביסל דערלייענט מען, אַביסל דערפרעגט מען זיך, און מ׳דערגייט. איז וואָס מאַכסטו עפּעס, זאָג מיר?

— אַט ווי איר זעט: ניטאָ זיך וואָס צו באַקלאָגן.

— זיך פאַרקליבן אַהער — צווישן גויים גאָר?

— ס׳איז נענטער צום קאָלעדזש.

— נו, מהיכי תיתי, קאָרפּעיר איז אודאי אַ קרן ביי אַ לערנער... און דו האָסט זיך טאַקי גענומען צו דאָקטאָריע גאָר? נו, אַז מ׳קאָן עס נאָר באַ־וויזן, כ׳מיין... אַ דאָקטער איז אודאי אַ גרויסע זאַך — אפילו אַן אַמעריקאַנער דאָקטער. ס׳זיינען דאָ אַזעלכע וואָס קאָנען — דער עיקר די וועלכע קומען פון דערהיים. אַ היימישער מענטש איז פאָרט עפּעס אַנדערש: דער קאָפּ איז בעסער, איז תופס גיכער... אַי, אַ שאָד וואָס דו ביסט דאַמאָלט ניט געבליבן ביי אונדז. כ׳האָב באמת הנאה געהאַט פון דיין לערנען. דער טעם פון דעם ליגט מיר נאָך עד־היום אין מויל. נאָר דו ווייסט דאָך: בעלי־בתים — האָבן זיך זייער שיטה... מילא, וואָס געווען איז ג ע ו ו ע ן, נאָר אָפּ־פרעמדן זיך, פונדעסטוועגן, דאַרף מען ניט. נאָך אַלעמען, אייגענע מענטשן. אַט ׳עסטו, אם ירצה השם, ענדיגן, ס׳דאַרפן אַ פּראַקטיקע — זיינען פאַראַן, ברוך־השם, לאַנדסלייט. כ׳מיין, פאַרוואָס נוצן אַ פרעמדן?

— אַ, איך האַלט נאָך ניט דערביי.

— 'עסטו נאָך, אם ירצה השם, האַלטן, 'עסטו נאָך האַלטן. אָבער אַ מענטש דאַרף זיך ניט האַלטן אַזוי איינגעצן פון דערווייטן.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען דער עיקר.

—...דער עיקר בין איך געקומען מיט אַ שליחות פון דעם טאַטן דיינעם. ער האָט מיר געשריבן, ער בעט זיך רחמים ביי מיר, אַז איך זאָל אים אויסדער־ציילן וואָס מיט דיר איז. היינט אַז אַ איד בעט, בין איך געקומען צוערשט אויסגעפינען, זען, ריידן מיט דיר. ווייסט אודאי ווי עס האַלט אין דערהיים: נישט וואָס געווען — ניטאָ די אַמאָליגע גרענדע. ס'איז ניט גוט אין דער אַלטער היים — אַי, ניט גוט...

— כ'שטויס מיך אָן. כ'האָף אַז דער טאַטע פאַרדענקט מיך ניט.

— חלילה! אדרבה־ואדרבה. כ'וויס, דו טוסט אַ סך, טוסט אַ סך: דער טאַטע ט'מיר געשריבן. און דאָס איז טאַקי וואָס איז אים אַזוי נוגע: ער האָט אַליין מורא טאָמער רייסטו צופיל אָפּ פון זיך, טאָמער איז ער דיר, חלילה, צו לאַסט. נאָך אַלעמען, אַ ד י י כ ע ס!... איז ווי גייט עס דיר באמת?

אָט דאָס איז דער טאַטע! צו־שטאַלץ צו נהנה זיין פון אַ קינדס פּראַצע; האָט אַליין מורא אַז ער נעמט ביי אימעצן עפּעס צו...

— איך קום זייער פיין דורך. כ'דאַרף, ווי איר זעט, צו קיינעם ניט אָנ־קומען און בין נאָך אומשטאַנד אַביסל דעם טאַטן אויך אַרויסצוהעלפן.

— אָך, טאַקי זייער שיין. כבוד־אב איז אַ גרויסע זאַך! זייער שיין!... און נאָך וואָס וויל דער טאַטע דיינער וויסן: ווי האַלט עס מיט דיר אין אַנ־דערע ענינים — אידישקייט? צי דערווייטערסטו זיך ניט, חלילה, פון שורש?... אַ טאַטע!... וויל אַז מ'זאָל דיר מקרב זיין. כ'מיין, ביסט דאָ עלנט, זיך פאַרקליבן אינגאַנצן צווישן גויים; מיט וועמען, מ'שטיינסגעזאָגט, האָסטו זיך דאָ צו חברן?... כ'על שוין ניט זאָגן גאָר, אָבער אַמאָל אין אַ שבת, אַ יום־טוב, קומט מען אַריין אין אַ אידיש הויז, מ'טרעפט זיך מיט אייגענע אידן, לאַנדסלייט. וואָס'י, וואַרטסט טאַקי אַז מ'זאָל נאָך דיר שיקן שטאַפעטן?... דאַרפסט זיך ניט האַלטן פון דערווייט, לאַנדסמאַן; אַ מענטש דאַרף זיך ניט אָפּפרעמדן...

נייִן, ער איז ניט אויסן געווען אָפּצופרעמדן זיך; ער איז אָפטמאָל גערן געווען צו פאַרברענגען מיט דעם אַלטיטשקן; נאָר עפּעס האָט ער זיך ניט געקאָנט צוזאַמענלעבן מיט מיסטער מילנערס אידן; ערגעץ־וואו אויף זיין וועג האָט ער ווי פאַרלאָרן יעדער שייכות צו זיי. ער האָט זיך געפילט אַ סך היימישער, פרייער, מיט טאָנין. פאַר אים — פאַר טאָנין — איז ער געווען וואָס ער א י ז: אָט אַזוי האָבן זיי זיך אין לעבן געטראָפן, אַזוי האָט עפּעס בשותפותדיגס זיי צוזאַמענגעהאַלטן, און דאָס זיינען זיי. מיט אים איז דער מענטש־צו־מענטש באַנעם געווען אָן אָפענער, אַ מער נאַטירלעכער. אָבער פאַר די

לאַנדסלייט, וועלכע פלעגן אַריינקומען צו מיסטער מילנערן — פאַר זיי האָט ער נאָר עקזעסטירט אין דעם זכות פון וואָס ער א י ז ג ע ו ו ע ן; ווייל דורך אַ צופאַל זיינען זיי געבוירן געוואָרן אויף איין ערד, אין דערזעלבער סביבה. פאַר זיי איז ער געווען אַן אָנגעהעריגער, און אין זייער באַנעם צו אים האָט זיך געפילט אַ מין אפטרפסות איבער אַן אַרויפגעצוואונגענעם קרוב...

ער פלעגט רעגלמעסיג באַזוכן טאָנין אין דזשאָינט, אַמאָל — אין דערהיים. טאָני האָט אים שטענדיג ווי דערוואַרט, ביי טאָנין איז זיין קומען שטענדיג געווען אָנגעלייגט, און טאָני איז שטענדיג געווען טאָני. און אַז ס'פלעגט אַמאָל פאַרלויפן אַ שטיקל צייט און ער פלעגט ניט קומען, פלעגט שוין טאָני אָפרופן אים אויפן טעלעפאָן, אָדער פלעגט זיך באַווייזן פאַר דער טיר פון זיין צימער:

— וואָט'סע'מעטטע', קיד, שוין פאַרגעסן דיינע אַלטע פריינט?

— דו ווייסט אַליין אַז ס'איז ניט אַזוי. פאַרנומען, טאָני. קאָנסט אַליין זען...

טאָני פלעגט וואַרפן אַ כמורנעם בליק אויף די אָנגעהיפטע ביכער —

— 'עסט אַמאָל פאַרטיג ווערן מיט דידאָזיגע ביכער?...

אָבער אין דידאָזיגע ביכער איז איצט געווען איינגעשלאָסן זיין גאַנצע וועלט, זיין גאַנצער אינערלעכער וועזן. שפעט אין דער נאַכט, פריער באַגינען — ער האָט ניט געוואוסט פון קיין מידקייט, האָט ניט געפילט קיין עלנט. דאָ, צווישן די בלעטער פון די וויסנשאַפטלעכע ספרים, צווישן די ווענט פון דער לאַבאָראַטאָריע, פלעגט פאַר אים אויפגיין די זעאונג פון זיין מאָרגן, האָט זיך פאַר אים געוויקלט די דערנענטערונג פון זיין געגאַרטן ציל. אויפטו האָט געצייכנט זיינע טעג, דערגרייכונג — די חדשים.

*

פאַרטאָג.

איבערן פראָסעקטאָריום איז נאָך געהאַנגען די פאַר־פרימאָרגנדיגע טונקלקייט. פון דער אַרומיגער מוטנעקייט האָבן אַרויסגעבליכט די ווייסע צעראַטענע איבערדעקן אויף די לאַנגע שורות פון די קאַדעווער־טישן. דער גרויסער צימער איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן ריח פון פאָרמאַלדעהיד. דרויסנדיגע קעלט און פאַרטאָגיגע, צעגענעצטע שאָטנס האָבן זיך געטוליעט צווישן די קויטיגע, דרעמלעגדיגע ווענט. דאָס איינציגע ליכט, וועלכע האָט זיך דורכגעזיפּט אין דער געדיכטער טונקלקייט, איז געפאַלן פון אַן עלעקטרישן הענג־לאָמפּ אויפן צעפאַלמעסטן קאַדעווער ביי וועלכן דיקענס האָט זיך באַשעפטיגט. דיקענסעס גאַנצער קערפער איז געווען ווי פאַרשלונגען אין דער אַרומיגער שאָטנקייט, נאָר אין דעם קרייז דעם באַלויכטענעם האָבן זיינע פינגער און אויגן געבישטערט אין דעם אָפענעם ברוסט־קאַסטן פאַר אים. מיט געשפאַנטער פאָרזיכטיגקייט האָט ער אויסגעפאַלמעסט די אָפּצווייגונגען פון'ם וואַגוס נערוו. מיט אומבאַ־

וואוסטזיניגן יראת־הכבוד האָט ער פֿאַנאַנדערגעגלידערט דעם שליימיגן צעלן־געוועב, דורך וועלכן די געבלעך־ווייסע נערוו־פֿעדים האָבן זיך דורגעוועבט. די פּייכטע קילקייט פֿון די צעפּאַלמעסטע אָרגאַנען האָט דורכגעדרונגען דורך די גומענע הענטשקעס צו זיינע שפּיץ־פֿינגער. דאָ, אין דער מוטנער איינזאַמקייט, האָט ער ווי אויף איין מינוט ניט געקאָנט פֿאַרגעסן אַז דער ספּעצימען אונטער זיינע הענט איז אַמאָל געווען אַ מענטש — אַן עלנטער אפשר — אַ וועלט פֿאַר זיך, מיט חושים, מיט באַגערן. דער — אַט די אַלע אויף די אויף די גלאָז־פּלאַטן פֿון די קאַדעוועער־טישן — האָב דאָך, ווען זיי זיינען געווען זיי, ערגיץ אָנגעהערט; האָבן זיך דאָך ערגיץ־וואו געצויגן. וואו ליגט דער אײַבערברוך אין זייער וועג? וואו האָט זיך אָנגעהויבן דער ניט־ווערן פֿון זייער זיין? וואָס האָט יעדן איינציגן פֿון זיי געטריבן צו אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם אין דורכאויסיגן עלנט, אָפּגעריסן פֿון אַלעמען, פֿון אַלץ, פֿון אייגענעם נאָמען? איז דאָס דער לעצטער שלאַגבוים, דער וואוהין, אויפֿן סודותדיגן וועג פֿון די וועלכע שטייען שווייגנדיגע אויף די גאַס־ראָגן פֿון קאַנאַל און מעדיסאָן? אויסגעשפּיגענע, פֿאַרוואָגלטע — אָבער מענטשן זיינען זיי דאָך געווען — אַ טייל פֿון עפּעס גאַנצעס, פֿון אַן עפּעס וואָס האָט זייער שוויגן פֿאַרהערט... וואָס האָט מענטשן־קינדער——

— האָט ניט דער אַלמאַכטיגער באַשאַפֿן דעם מענטשן פֿאַלקאָם ביזן לעצטן דעטאַל?... — האָט זיך אימעצער נעבן אים אָנגערופֿן.

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און האָט זיך אומגעקוקט דערשטוינט. אינ'ם דורכגאַנג צווישן די טישן אין געשטאַנען דאָקטער מק'קאַרטי, דער פּראָפֿעסאָר פֿון כירורגיע און דער דעקאַן פֿונ'ם סטודענטן־פּערזאָנאַל. יענער איז שוין דאָרט קענטיג געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע און האָט בעאָבאַכטעט דיקענסן, איידער ער האָט זיך אָנגערופֿן. ער איז געווען אַ מענטש פֿון איבער מיטליאָריגן עלטער, מיט זילבער־ווייסע האָר און אַן אויסערגעוויינטלעך באַלעבטן יונגן פּנים. די נאָך־ניט־דערגרויטע, דיקע ברעמען האָבן דייטלעכער אַרויסגעבראַכט זיינע שטרענגע, דאָך פֿריינדלעכע, טיפֿע אויגן. צווישן מערסטע סטודענטן איז זיין נאָמען דערמאָנט געוואָרן מיט אַ געוויסער פֿאַרגעטערונג. עס האָבן זיך זאָגאַר געוועבט לעגענדן אַרום זיין פּערזענלעכקייט. מ'פֿלעגט מיט באַוואונדערונג דערציילן וועגן זיין פֿענאָמינאַלער פּראַקטיקע, וועגן זיינע בייטראָגן צו דער כירורגיע, זיינע געוואַגטע, דאָך דערפֿאָלגרייכע, אונטערנעמונגען. אין דידאָזיגע געשפּרעכן האָט אויך ניט געפֿעלט דער באַריר פֿון זיין פּערזענלעכן לעבנשטייגער און אייגנאַרטיגקייטן: זיין רעליגיעז־קאַטוילישע פֿרומקייט; אַז יעדן מאָל, איידער ער גייט אַריין אין אָפּעראַציאָנס־זאַל, קניט ער זיך אין תּפֿילה פֿאַר אַן איקאָנע אין אַ באַזונדער צימערל אין שפּיטאָל; דער אופֿן פֿון זיין אויסקלייבן אַסיסטענטן, און אַז יעדער איינער פֿון זיינע געוועזענע געהילפֿן האָט געשאַפֿן פֿאַר זיך אַ נאָמען אין דער פּראַ־

פעסיע. עס איז געווען דער פאַרבאַרגענער ווייסער חלום פון יעדן סטודענט צו קאָנען ווען־ס׳איז זאָגן וועגן זיך, אַז ער האָט געאַרבעט מיט דאָקטער מק׳קאַרטין... דיקענס האָט געוואוסט, אַז דאָרט, אין דער דערבייאיגער פּראָסעקטאָריום־לאַבאָראַטאָריע, פירט דאָקטער מק׳קאַרטי אָן פאָרשונגען אין כירורגישער אַנאַטאָמיע, און פאַרטאָג, איידער ער הויבט אָן זיינע לעקציעס אין דער מעדיצין־שול, כאַפּט ער זיך אַריין אַהין, איינער אַליין, איבערצוקוקן די אַרבעטן פון זיינע געהילפן. פון אַלץ וואָס דיקענס האָט וועגן דעם מענטשן קאָנען געלערנט, האָט דאָקטער מק׳קאַרטי מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים דעם אידעאַלן כירורג, דעם אמתן לערער; און זיין איצטיגער ניט־דערוואַר־טער אויפטרעפן זיך מיט דער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט אַזוי אָפט פאַר־כאַפּט זיין דמיון, האָט אין אים אַרויסגערופן אַ געמישט געפיל פון איינגענע־מער איבעררעאַשונג און יראת־הכבודיגער שטייפקייט.

— דער באַשעפער האָט זיכער באַוויזן צו מאַכן אַ פאָלקאָמענע שטיקל אַרבעט אין דעם געבוי פון׳ם מענטשנס קערפער, וואָס?

— יאָ, ער האָט אָבער, קענטיג, פאַרגעסן צו באַצייכענען די מוסקלען און די נערוון־אָפּצווייגונגען... — האָט דיקענס זיך דערלויבט אַ שפּאַס צו טאָן.

— דאָס איז אפשר אַ גערעכטע טענה; אָבער דאָס איז די אורזאַך פאַר האָבן דאָ די קאַדעווערס: אויסצוגעפינען.

— דאָס איז די פראַגע, פּראָפעסאָר: פאַרוואָס זיינען זיי דאָ?

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין: פאַרוואָס ז אָ ל ן זיי דאָ זיין?

— דו ביסט ניט, צופעליגערווייז, קעגן דער אַנאַטאָמיזירונג פון טויטע קערפּערס?

— דורכאויס ניין, סער, ס׳איז אָבער פריקרע צו דענקען, אַז מענטשן זיינען געווען, מענטשן האָבן געלעבט, מענטשן האָבן מיט זיך עפּעס אַריינ־געבראַכט אין לעבן, און לעבן האָט זיי אפילו ניט פאַרגונען אַ קבר נאָכן טויט...

דאָקטער מק׳קאַרטי האָט אים דורכגענומען מיט אַ צודרענגלעכן בליק:

— ביסט ניט צומאָל אַ סאָציאַליסט — איינער פון די אַזויגערופענע באָלשעוויקעס?

— ליידער טראָג איך ניט אויף זיך קיינע אָפּצייכענונגען פון מיינע איבער־צייגונגען, פּראָפעסאָר, — איז געקומען דיקענסעס ענטפער פאַרזיכטיג, גע־מאָסטן. — איך גלויב בכלל ניט אַז אַ מענטש, ערלעך צו זיך אַליין, קאָן זיך איינפאַסן אין דער באַשרענקטער ראַם פון אַ באַשטימטער קלאַסיפיקאַציע... און ווי עס שיינט, האָט דער באַשעפער ניט מער געמיינט צו אָפּצייכענען זיין

אויסדערווײלטע שאַפונג לויט זײַנע איבערצײַגונגען און געפילן, ווי צו באַצײַ־
כענען זײַנע אָרגאַנישע קערפּער־טײלן.

— דאָס איז אפשר אויך אמת... — האָט דאָקטער מק׳קאַרטי נאָכגע־
געבן — זאָג מיר, דו ביסט ניט קײן אַמעריקאַנער, ריכטיג?

— אָפיציעל, נאָך ניט — אויב דאָס איז וואָס איר מײנט; לויט מײן אי־
בערצײַגונג אָבער — אַ טויזנט מאָל יאָ. איך בין שטאָלץ צו זאָגן אַז איך בין
אַן אַמעריקאַנער דורך אויסוואַל, ניט דורך צופאַל.

— ס׳איז ניט קײן חרפה ניט צו זײַן פון אויסלענדישן אָפּשטאַם. דו
האָסט זיך גאָרניט וואָס צו אַנטשולדיגן. אַ סך פון די בעסטע אַמעריקאַנער
האָבן געהאַט זײער אורשפּרונג אויף יענער זײט ים. אַמעריקע איז געבויט
געוואָרן פון אויסלענדער. דאָס איז די גרויסקײט פון אונדזער לאַנד. פון
וואַנען, אַלענפאַלס, קומסטו?

דיקענס האָט אים אין קורצן איבערגעגעבן. דאָקטער מק׳קאַרטי האָט
אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם, אָן שום סימן פון אויסערלעכער רעאַקציע.
דאָ און דאָרט האָט ער אַרײַנגעוואָרפן אַ געצײלט וואָרט צו דערמוטיגן דיקענסן
פאָרצוזעצן זײַן פאַרצײלן.

— דאָס איז מער־אָדער־װײניגער אינטערעסאַנט, — האָט ער ענדלעך
נאָנשאַלאַנט באַמערקט. — אַ שטיקל אידעאַליסט, ווי איך זע... און איצט,
הײסט עס, ווילסטו ווערן אַ דאָקטער?

— דאָס איז דער אָבזיכט פון מײַן דאָ זײַן, סעיר.

— ניט שלעכט. און וואָס, לאָמיר דיר פרעגן, האָט דיר אַזוי פרי אַרויס־
געוואָרפן פון בעט?

— איך מוז דעריאָגן דעם קלאַס אין דער אַנאַטאָמיזירונג־אַרבעט, אײדער
דער סעמעסטער קומט צו אַן ענד. איך בין געבליבן אַ היבש ביסל הינטער־
שטעליג.

— ווי קומט עס? דו זעסט ניט אויס צו זײַן פון די וועלכע פאַרנאַכלעסיגן
די אַרבעט.

— איך האָף אַז ניט, סעיר. איך האָב אָבער, פאַר די לעצטע פאָר וואָכן,
געמוזט פאַרלאָזן דעם קאַלעדזש פאַרפרי: מ׳איז שטאַרק באַשעפטיגט אין
דעם פּלאַץ וואו איך אַרבעט — ס׳איז פאַר־קריסטמאַס.

— דו אַרבעטסט אין אָונט?

— יעס, סעיר.

— וואו?

— אין דער פּאַקונג־אָפּטײלונג ביי שער און ראָבינס.

— אַ קלויערק?

— נײן, סעיר, — אַלס אײנער פון די פּעקער־יונגען. לעצטנס זײַנען
מיר געצוואונגען צו אַרבעטן איבער־שטונדן ביז נאָך קריסטמאַס.

— אַללרייט, לאָז מיר דיר ניט שטערן. גיי־אָן מיט דער אַרבעט. ס׳טוט מיר לייד וואָס איך האָב ביי דיר פאַרנומען צייט. גיי־אָן... איך האָף אַז דו׳סט ניט האָבן דאַגעגן, אויב כ׳וועל כאַפּן אַ קוק וואָס דו טוסט דאָרטן. איך וועל דיר ניט זיין אין וועג... — האָט דאָקטער מק׳קאַרטי אַרויסגענומען די ברילן פון וועסט־קעשענע, האָט זיי אַרויפגעזעצט אויפן נאָז און האָט אַ לענגערע ווײַלע בעאָבאַכטעט דיקענסן אין זיין אַרבעט איבערן קאַדעוועד.

— זייער גוטע צעגלידערונג וואָס דו האָסט דאָ, יונגערמאַן; ס׳איז ווירקלעך זייער אַ נעטע אַרבעט.

— איך דאַנק אייך, סעיר.

— וואָס איז דיין נאָמען?

— דיקענס, סעיר, — וויקטאָר דיקענס.

— אַ יעס. דו ביסט, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, אַ סטיפּענדע־סטו־דענט.

— ריכטיג, סעיר. איך בין געוועזן מזלדיג צו קריגן עס.

— דאָס דאַרף דיר אַביסל אַרויסהעלפן, וואָס?... וועלל, זעץ־פאָר די גוטע אַרבעט, דיקענס. די אַנאַטאָמיזירונג דיינע זעט ווירקלעך אויס זייער גוט.

— איך פיל זיך העכסט געשמייכלט צו הערן דאָס פון אייך, סעיר.

— איך האָב עס ניט געמיינט אין דעם זין... וועלכער ס׳איז געוויסער אָפּצווייג פון דער מעדיצין אין וועלכן דו ביסט באַזונדערס פאַראינטערעסירט? איך ווייס, איר סאַפּאָמאָרס האָט שטענדיג עפּעס באַשטימטעס אין זינען.

— אויב ס׳איז ניט צו־פּריצייטיג צו זאָגן — כירורגיע, סעיר.

— אַ... גאָר אַזוי!... — האָט דאָקטער מק׳קאַרטי אים אָנגעקוקט מיט מכלומרשטן שאַגרין — וועל, דאָס איז ניט די ערגסטע זאַך אין דער וועלט...

עטלעכע מינוטן זיינען פאַראיבער אין אַ שווייגן. דיקענס האָט זיך ענדלעך דערוואָגט:

— מעג איך ביי אייך בעטן אַ טובה, פּראָפעסאָר?

— לאָמיר הערן —

— וועט עס זיין צופיל צו פאַרלאַנגען פון אייך דערלויבעניש צו באַזוכן די אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג ווען איר אָפּערירט? ס׳וואָלט געמיינט אַ סך פאַר מיר.

— אומגעדולדיג?

— נישט דורכאויס, סעיר; נאָר כ׳וועל האָבן מיינע מאָרגנס פריי דורך דער צייט פון דער קריסטמאַס־וואַקאַציע, און איך בין מער ווי נייגעריג צו זען אייך אָפּערירן.

דיקענסעס ערנסט האָט אַרויסגערופן ביי דאָקטער מק'קאַרטין אַ גוט־מוטיגן שמייכל:

— איך גלויב אַז עס קאָן געטאָן ווערן. קום אַריבער, ווען דו האָסט צייט, אין דעם סעינט דזשיימס שפּיטאָל. ס'וועט אָבער מוזן זיין זייער פּרי, יונ־גערמאַן.

*

ער איז געווען אין שפּיטאָל פאַרפרי. דער עלעוויטאָר האָט אים אַרויפ־געבראַכט צום פערטן שטאָק. אַ יונגע קראַנקנשוועסטער, מיט אַ ווייסער מאַסקע ביז איבערן נאָז, האָט אים פאַרהאַלטן ביים אַריינגאַנג פון דער אָפּעראַ־ציאָנס־אָפּטיילונג:

— וועמען ווילט איר זען?

— דאָקטער מק'קאַרטין. איז ער דאָ?

— יעס, דאָקטער מק'קאַרטי איז דאָ; ער איז אָבער אַצינד פאַרנומען: ער מאַכט זיך גרייט צו אָפּערירן.

— דאָס איז אייגנטלעך צוליב וואָס איך בין געקומען.

ער האָט געמאַכט אַ שריט פאַראויס. די קראַנקנשוועסטער האָט אים ווי פאַרשטעלט דעם וועג, האָט אים געטאָן אַ מעסט־אָפּ מיט אַ געשווינטן בליק און האָט, ווי פון יוצא־וועגן, אַ פרעג געטאָן:

— זענט איר אַ דאָקטער?

— ניין, איך בין אַ מעדיצינישער סטודענט.

— סאָררי, — האָט זי געשעפטסמעסיג־האַרט אַ זאָג־געטאָן, אָננעמענדיג דער הענטל פון דער טיר הינטער אים — היינט ווערן ניט געהאַלטן קיין קלי־ניקס פאַר סטודענטן.

— דאָס ווייס איך, מיסס; — האָט דיקענס גענומען אַ פעסטערע שטע־לונג — אָבער דאָקטער מק'קאַרטי האָט מיר געהייסן קומען.

דאָס האָט אַביסל אָפּגעטעמפּט איר דרייסטן באַנעם. ס'איז געווען אַ שטומע פאַראַכטונג אין איר בליק.

— וואַרט דאָ אויף אַ ווײַלע — איכ'ל אויסגעפינען... — האָט זי גע־זאָגט, אָפּטראָגנדיג זיך מיט אומגעדולדיגע טריט אין אַ דערבייאיגן צימער.

זי איז באַלד געווען צוריק, קענטיג באַזיגט. דאָס האָט נאָך מער פאַר־שאַרפט איר פאַראַכטונג צו אים.

— אָלרייט, גייט אַרויף אויף דער גאַלערעע... ניין — די צווייטע טיר... איר וועט געפינען אַ כאַלאַט און אַ מאַסקע ביים אַריינגאַנג...

די גאַלערעע איז געווען ערטערווייז באַזעצט מיט אינגערע און עלטערע דאָקטוירים — ערנסט־פּנימדיג, געשפּאַנט. ער האָט געפונען פאַר זיך אַן אָרט האַרט ביי דער פאַרענטשע אין דער פאָדערשטער רייע, און האָט אַראָפּגעקוקט

אונטן אין אָפּעראַציאָנס־זאַל. מק׳קאַרטי האָט אָקאָרשט אָנגעפאַנגען. מיט זיכע־רער געשיקטקייט האָבן זיך זיינע פינגער באַוועגט איבער דעם ווייס־געשפּרייטן אָפּעראַציאָנס־פעלד. דער אַסיסטענט, דער הויז־דאָקטער, דער אינטערן, די קראַנקנשוועסטער — יעדער איינער פון זיין באַשטימטן שטעל — האָט מיט גע־איבטער פּינקטלעכקייט נאָכגעפאָלגט מק׳קאַרטיס יעדע באַוועגונג, און האָט מיט וואכזאַמער דערוואַרטונג אַנטקעגנגעקומען זיין יעדן פאַראויסגערעכנטן שריט. דאָ איז ער, מק׳קאַרטי, געווען די לייט־קראַפט, דער צענטער־פּונקט פון דער אינטענסיווער טעטיגקייט, דער מייסטראָ פון דער שטומער סימפאָניע אין ווייס. איין אָנדייט מיט אַ פינגער, איין וואונק מיט אַן אויג, האָט מאָמענ־טאַל געשטעלט צענדליגער הענט, אין געשפּאַנטער באַוועגונג, אין פולשטענ־דיגן צוזאַמענשפּיל, אין פאַלקאָמענער סינקראָניזאַציע. און אַזאַ בלענדנדיגע ווייסקייט אַרום! און אין דער ווייסקייט — אַזאַ דורכאויסיגע שטילקייט, אַז מ׳וואָלט געקאָנט הערן דעם אַראָפּפאַל פון אַ נאָדל. אָבער אַלץ וואָס מ׳האָט געהערט פון דאָרט איז געווען דער געמאָסטענער ליידיגער אָפּאָטעם פון פּאַציענט אין דעם שלאָפטרונק־זאַק. דידאָזיגע שטילקייט האָט דיקענסן שטאַרק דערמאָנט אָן יענעם פאַרטיפן שווייגן, וועלכער פלעגט זיך אויסלייגן איבער דער ישיבה בעת רב אשרל האָט געזאָגט דעם שיעור. מק׳קאַרטיס אויסזען האָט אויפגעבראַכט אין זיין געדעכעניש די זעאונג פון כהן־גדול ביי דער עבודה, ווי ער האָט זיך אַמאָל אויסגעמאָלט אין זיין קינדישן דמיון... ווייס... ווייס... ערנסטער, פאַרטראַכטער ווייס... און דאָס איז די וועלט צו וועלכער ער ציט זיך; דאָס איז די קעניגרייך וועלכע ער וויל מאַכן פאַר זיינער...

זיין האַרץ האָט אַ צוק געטאָן פאַר פרייד.

— אַן אינטריקירטע שטיקל אַרבעט, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די דאָקטוירים אויף דער גאַלערעע, ווען מק׳קאַרטי איז אָפּגעגאַנגען פונ׳ם אָפּע־ראַציאָנס־טיש.

— דער אַלטער יונג קאָן עס באַווייזן, אַללרייט.

— און וואָס פאַר אַ טעכניק, באַי! — האָט אַ יונגער דאָקטער אויסגערופן מיט אַ באַגייסטערונג.

אָן שום אָנדייט פון אויסערלעכער אָנשטרענגונג און מידקייט, איז דאָק־טער מק׳קאַרטי אַריבער פון איין אָפּעראַציאָנס־צימער צום צווייטן. אַלץ איז שוין דאָרט געשטאַנען גרייט. דער פּאַציענט איז געווען אונטערן אויבערדעק. דיזעלבע פּראָצעדורע, דיזעלבע געשפּאַנטקייט, דיזעלבע זאָרגפעליגע געלאַסנ־קייט, און דאָך איז עפּעס יעדן מאָל געווען ניי, געווען אַנדערש. דיקענס האָט זיך אויף אַ רגע ניט פאַרגונען אָפּצורייסן די אויגן פון דער טעטיגקייט וואָס איז אָנגעגאַנגען אונטן, אין דער ווייסער ליכטיגקייט. מיט אָטעם־פאַרכאַפּנדיגן נייגער האָט ער נאָכגעקוקט יעדע מינדסטע באַוועגונג פון מק׳קאַרטיס פינגער.

חלום און וואָר האָבן ווי פֿאַרווישט יעדן אָפּגרעניץ צווישן זיך, און האָבן זיך פֿאַר אים צוזאַמענגעגאָסן אין איין ליכטיגער זעאונג.

דער זייגער איז געווען צען מינוט צו עלף, ווען דאָקטער מק׳קאַרטי האָט צום לעצטן מאָל אַראָפּגעצויגן פֿון זיך דעם ווייסן כאַלאַט. זעקס גרויס־אָפּעראַציאָנען אין איין פֿרימאָרגן! דיקענס האָט זיך ניט געקאָנט גלויבן אַז נאָר קאַרגע דריי און אַ האַלבע שעה זײַנען פֿאַרלאָפֿן זינט ער האָט אַריבער־געטראָטן דעם שוועל פֿון דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג; אַז נאָר אַזאַ שפּאָרע צייט האָט געדויערט דער טיפֿער דורכציטער אין זײַן נשמה. אים האָט זיך געדאַכט אַז דורך דער צייט האָט ער איבערגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, האָט אַריבער־געשפּאַנט די יאָרן וואָס ליגן פֿאַר אים, און איז געשטאַנען פּנים־אל־פּנים מיט אַ ווייטן אויסגעטרוימטן מאָרגן; אַז די ווייסע אַנטפּלעקונג, וועלכע האָט זיך געוויקלט פֿאַר זײַנע אויגן, האָט אין אים אויסגעזונט אַ פֿרישע יוגנט.

ער האָט אָנגעטראָפֿן מק׳קאַרטין ביים אַרונטערקומען אין צווישן־קאָרידאָר.

— וועלל, יונגערמאַן, ווי געפֿעלט עס דיר?

— גרויס, דאָקטער! וואונדערבאַר!

זײַן פּנים האָט מק׳קאַרטין איבערצייגט אַז ער מיינט וואָס ער זאָגט.

— ווילסט נאָך אַלץ זײַן אַ כירורג?

— איצט נאָך מער ווי אַלעמאָל.

— דו זעסט אויס צו זײַן ווירקלעך פֿאַרכאַפּט פֿון דער אידעע, אַלרייט.

— גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

— ס׳איז ראָמאַנטיש, וואָס?... יאָ. דאָס וואָס זיי אַלע דענקען. אפשר איז עס... האַלט זיך ביי דײַן באַשלוס, יונגערמאַן. ס׳איז ניטאָ קיין וויכטיגערע זאַך ווי אַנטשלאָסנקייט. אפשר וועט עס דיר ערגיץ דערפֿירן... האָסט ווען באַזוכט דעם שפּיטאָל?

— ניין, סעיר; ס׳איז ס׳ערשטע מאָל פֿאַר מיר. און איך בין אייך מער ווי דאַנקבאַר פֿאַר דער געלעגנהייט וואָס איר האָט מיר געגעבן דאָ צו זײַן. איך פֿאַרזיכער אייך, סעיר, אַז כ׳וועל עס שטענדיג פֿאַררעכענען פֿאַר אַ גרויסער פּריווילעגיע...

— דאָס איז אַלרייט. דו בעסער באַקאָן זיך אַביסל מיט דעם אַנשטאַלט. ס׳עט דיר ניט שאַדן. סעי, מיסס לערי! — האָט ער צוגערופֿן אַ קראַנקנ־שוועסטער וועלכע האָט זיך פֿאַרבייגעטראָגן מיט אַ טאַץ אינסטרומענטן — ביסטו איצט זייער פֿאַרנומען, מיסס לערי?

— ניט איבעריגס, סעיר. מיר האַלטן אין אָפּרייניגן.

— דענקסט אַז דו קאָנסט שפּאָרן עטלעכע מינוט?

— איך דענק אַז יאָ, סעיר.

— איך וואָלט וועלן אַז דו זאָלסט דורכפֿירן דעם יונגנמאַן דורכן שפּיטאָל, ווייזן אים וואָס ס׳איז דאָ צו זען. איך וויל אַז ער זאָל זיך אַביסל באַקאָנען

מיט דעם אַנשטאַלט. און זיי פֿריינדלעך צו אים, מיסס לערי: דער יונג רייסט זיך צו זיין אַ כירורג... און דו, יונגערמאַן, זיי געהיט מיט איר: זי שפּיט פֿייער... איר קאָנט גיין.

דיקענס איז נאָכגעגאַנגען דער קראַנקנשוועסטער. ס'איז געווען דיזעלבע מיידל מיט וועלכער ער האָט זיך פֿריער אָנגעטראָפֿן ביים אַריינגיין אין דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג. מיט דער מאַסקע אַרונטערגערוקט און פֿאַרוואָרפֿן אַרום האַלדז, האָט איר פּנים עטלעכע מאָל געצויגן זיין אויפֿמערקזאַמקייט. ס'איז געווען עפּעס אין איר אויסזען, אין איר שווינגנדיקן גאַנג, אפֿילו אין איר פֿאַרדריסענער האַלטונג צו אים, וואָס אים איז געווען ווי באַקאַנט.

— ס'טוט מיר לייד וואָס איך האָב זיך פֿריער אַזוי אומפֿריינדלעך באַנומען צו איך, סעיר; — האָט זי זיך אָנגערופֿן אין אַ גלייכמעסיקן טאָן, ניט אומקוקנ־דיק זיך בשעת־מעשה אין זיין זייט — איך האָב ניט געוואוסט אַז דאָקטער מק'קאַרטי האָט איך איינגעלאַדן צו קומען.

— איר האָט, יעדנפֿאַלס, ניט באַדאַרפֿט זיין אַזוי פֿרעך, מיסס, — האָט דיקענס איר אָפּגעענטפֿערט אין דעמזעלבן טאָן.

— איך באַדויער עס און אַנטשולדיק זיך.

— פֿאַרגעסט וועגן דעם.

די סיטואַציע האָט זיך דורכדעם ניט געענדערט. זיי זיינען געגאַנגען זייט־ביי־זייט, ווי אַן אָנגעברוגזט פּאָר־פֿאָלק, פֿון איין אָפּטיילונג צו דער אַנדערער, פֿון איין שטאָק צום צווייטן. די ראַענטגען־שטראַלן־אָפּטיילונג, פֿיזיאָטעראַפּיע, אויגן־נאָז־און־האַלדז־אָפּטיילונג, די קינדער־האַלע, דער אַנטבינדונג־שטאָק, די פּאַטאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריעס. אין קורץ־געפּאַסטע זאַצן האָט מיסס לערי דערקלערט פֿאַר אים די פֿונקציעס און די פֿאַרוואַלטונג־מעטאָדן פֿון יעדער אָפּטיילונג. דיקענס האָט זיך ווי ניט געגעבן די מי איר צו שטעלן פֿראַגן. נאָר ס'איז געווען עפּעס אין איר דאָמינירנדיקן טאָן, אין איר ניט־אויסגעשפּראָ־כענעם רוגז, וואָס האָט אים אימפּאָנירט.

אַ לאַנגער אויבער־טונעל האָט זיי געפֿירט פֿון דער שפּיטאָל־געביידע צום פֿרייען קליניק. די מיטטאָגיקע ליכט פֿון די פֿענצטער אויףביידע זייטן איז געפֿאַלן אויף איר פּנים, האָט אַ שימער געטאָן אין אירע קאַרע אויגן. ער איז איצט געווען זיכער אַז ער האָט ניט געמאַכט קיין טעות. איר נאָמען איז אים באַלד געקומען אויפֿן געדאַנק.

— אַנטשולדיגט מיר, מיסס לערי, — האָט ער פּלוצים אַ פֿרעג געטאָן — איז אייער ערשטער נאָמען נען?

זי האָט אים פֿאַרחידושט אָנגעקוקט:

— יעס; פֿאַרוואָס פֿרעגט איר?

— גלאַט אַזוי. כ'האָב זיך נאָר געוואָלט איבערצייגן... זענט איר ניט צומאָל געווען פֿאַראינטערעסירט אין מאָלן?

— וואָס נאָך ווייסט איר וועגן מיר ?
— וואָס איך ווייס וועט איך אפשר ניט צופיל שמייכלען.
— צום ביישפּיל ?
— אַז איר האָט ניט געהאַלטן וואָרט.
זי האָט אויף אים אַ בליק געטאָן מיט די אויגן :
— וואָס מיינט איר ?
— דאָס וואָס איך האָב געזאָגט.
— דאָס שמעקט מיט באַליידיגונג, מיסטער.
— איר האָט זיך עס אַליין אויסגעבעטן.
— אָבער איר מוזט דערקלערן אייער באַהויפּטונג.
— וועלכ, אויב איך מוז, וועל איך עס גערן טאָן. קאָנט איר זיך דערמאָנען צו האָבן מיר וועגן געטראָפן ?
— וואָס איז דאָס — אַ שפּיל ?
— ניין, אַ פראַגע ; און אויב איר באַשטייט, איז עס אַ באַהויפּטונג.
— ניין, איך האָב קיין עראינערונג פון אַזאַ באַגעגעניש.
— זיכער ?
— כמעט.
— ווי וועט זיין אַז איכ'ל אייך זאָגן, אַז אויף אייער אייגענעם וואונש האָט איר, ביי דערזעלבער געלעגנהייט, אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט מיר אין אַ געוויסער שעה, אויף אַ געוויסן פּלאַץ, און איר האָט פאַרפעלט צו האַלטן וואָרט ? קלינגט דאָס אייך צומאָל באַקאַנט ?
איר אַנטאַגאָניסטישע האַלטונג האָט אַביסל נאָכגעלאָזט :
— צו זאָגן דעם אמת : ניין.
— איך האָב דאָס דערוואָרט.
— און ווי האָט איר געזאָגט הייסט איר ?
— דיקענס. דאָס, בין איך מער ווי זיכער, אַז איר געדענקט ניט.
— וואָס מאַכט אייך אַזוי צו דענקען ?
— גאָר פשוט, ווייל איר האָט עס קיינמאָל ניט געוואוסט.
— און איר מיינט צו זאָגן, אַז איך האָב זיך מיט אייך באַקאַנט, האָב מיט אייך גערעדט, האָב זאָגאָר פאַרשפּראָכן זיך ווידער צו טרעפן מיט אייך, און האָב אפילו אייער נאָמען ניט געוואוסט ?
— דורכאויס ריכטיג.
— איז דאָס אַ שפּאַס ?
— ניין, אַ פאַקט.
— עס קאָן דאָך אָבער ניט זיין אַז איך זאָל האָבן געוועזן אַזוי דום.
— איך האָב ניט געזאָגט אַז איר זענט עס געוועזן.
— און ניט צו־שיכור, האָף איך ?

— ניין, איר זענט געווען ניכטער ווי אַ פּריסטער.

— איך גיב־אויף!... איך מוז אָבער צוגעבן — האָט זי, נאָך אַ לענגערן באַטראַכטן אים, זיך אָנגערופן — אַז עפּעס זעט איר מיר אויס ניט אינגאַנצן פרעמד. וואָלט איר מיר ניט וועלן זאָגן וואו מיר האָבן זיך געטראָפן? ווען?

— אַבסאָלוט ניין.

— ניין?!

— ניט ביז איר'ט גוט מאַכן אייער צוזאָג.

— פאַרוואָס?

— ס'גייט אין פּרינציפּ.

— ניט אפילו אַן אָנדייט?

— גאָרניט. איר מוזט צוערשט האַלטן אייער וואָרט מיט מיר.

— און דאַן?

— דאַן וועל איך אייך איבערצייגן ווער פון אונדז ביידן איז גערעכט.

— איר באַשטייט דערויף?

— דורכאויס.

זי האָט שטאָלץ אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ:

— וועלל, איך ווייס אַז די גאַנצע זאַך קוקט־אויס לעכערלעך, אָבער איך בין גרייט צו נעמען אַ שאַנס. איך נעם־אויף אייער אויפפאָדערונג.

— דאָס איז אַ גאַנג! איר באַשטימט דעם טאָג.

— קומענדיגן זונטיג אָוונט.

— רעכט. איר וועט אָבער דאָסמאָל מוזן האַלטן וואָרט.

— איך וועל.

זיי האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפן ביי אירער אַ פריינדין אין סטודיאָ, אויף דער נאָרד סייד.

דער נאָמען־אויפשריפט איבערן טיר־גלעקל איז געווען: „מיסס מאַרגאַרעט אָ'שאַננעססי, קאָמערציאַלע קינסטלערן". דיקענס האָט זיך אָנגעשטויסן אַז דאָס מוז אודאי זיין די צווייטע מיידל, וועלכע איז דאַמאָלט געווען מיט מיסס לערין אין גראַנט פּאַרק — די וועלכער זי האָט גערופן פּעגי. און ס'איז געווען פּעגי.

די סטודיאָ איז געווען אַ קאָלירפולע, אַן אויפגעראַמטע, אויסגעשטאַט מיט געשמאַק. מיסס לערי איז שוין דאָרט געווען. פּעגי איז געזעסן אויף דער סאָפאַ, אין אירע כינעזישע הויז־פּאַדזשאַמאַס, און האָט גערויכערט.

— און דאָס איז דער מיסטעריעזער פּרינץ?! ס'פרייט מיר זייער אייך צו קאָנען, אייער וואוילגעבורט... — האָט אים פּעגי באַגעגנט מיט אַ ברייטן „ברוך־הבא" — וואָס איז דיין שפּיל, פּרינץ — קאָרטן־וואָרפן? קרישטאָל־גלאָז־נביאות? פּאַלמאַסטרי?

— ניין. נאָר אַביסל וויס־שקלאַפעריי־טרייב, אַביסל אָפּיום־האַנדל... —

האָט דיקענס זיך געלאָזט אַריינציען אין דער „ראָלע״ — ווייסט איר פּיליכט פון וועלכע־ס׳איז קאַנדידאַטן פאַר מיר?

— איינע שטייט דאָ גלייך פאַר אייך. כ׳קוק שוין לאַנג אויס אויף אַזאַ געלעגנהייט...

זי איז געווען קורץ־געוואַקסן, ברונעט, חנעוודיג־מיאוס, צאַפּלדיג־זשוואַוו אין באַוועג, אין ריידן, און אַ ליידנשאַפטלעכע קאַטאָוועס־טרייבערן; אַ מויד — אַ שדיכע.

עס האָט זיך צווישן די דריי פאַרנאַנדערגעוויקלט אַ לייכטער שמועס, אַ פאַרמעסט אין וויץ. פּעגי האָט געשטעלט געטראַנקען, האָט געדרויכערט ווי אַ ציגיינערטע און האָט געטרונקען ווי אַ מאַנסביל. מיס לערי האָט אויך ניט גע־לאָזט אירע גלעזלעך פאַרשעמט צו ווערן; זי האָט עס אָבער געטאָן מיט אַ געוויסער ראַפינירטקייט. איר רויכערן, איר האַלטן דעם סיגאַרעט צווישן די לאַנגע פינגער, האָט געטראָגן אין זיך געוויסע גראַציע. פּעגי איז געווען אַמו־זאַנט. זי האָט זיך געקליגט צו טרעפן דיקענסעס נאַציאָנאַליטעט. ס׳איז איר, ווי אויף צו להכעיס, ניט געלונגען. אין פאַרצווייפלונג האָט זי אויסגערעכנט אַלע ווילדע שבטים פון די ווייטסטע וועלט־ווינקלען, און איז ענדלעך „געקומען צום אויספּיר״ אַז ער שטאַמט פון אַן אינזל וואָס ליגט אויפן דורכשניט־פּונקט פון דעם מיטל־מערידיאַן און דעם עקוואַטאָר.

— און איצט, גלויב איך, איז פאַר מיר צייט אַריינצוואַרפן זיך אין אַ קלייד. טאָם דאַרף שוין באַלד דאָ זיין. איך האָף אַז איך קאָן אייךביידן לאָזן אויף אַ ווײַלע אַליין...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַריין אין דערבייאיגן צימער. דיקענס האָט באַטראַכט די בילדער אויף די ווענט, אויף די מאָל־טאָוולען.

— איז דאָס אַלץ פּעגיס אַרבעט?

— מערסטנס אירע. די מיידל קאָן אויפטאָן אַרבעט פאַר צען טייוואָלים, ווען זי נעמט זיך נאָר דערצו.

— און איר אַליין — איר מאָלט נאָך?

— זייער זעלטן. ניטאָ זיך מיט וואָס איבערצונעמען.

— האָט איר אפשר וועלכע פון אייערע צייכענונגען דאָ?

— צוואָוואָס?

— ס׳וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען.

— איר וועט זיין אַנטוישט.

— דאָך——

זי האָט אויפגעזוכט די פאַרטאָפּאַליאָ. דיקענס האָט מיושבדיג דורכגע־בלעטערט די וואַסער־פאַרב־געמעלן, בלייפשטיפט־צייכענונגען. אין סקיצע האָט באַזונדערס פאַרהאַלטן זיין אויפמערקזאַמקייט.

— ווי רופט איר אַן דעמדאָזיגן סוזשעט, מיסס לערי?

— וועלכן?
— אַט דעם — דעם טרעמפּ אויפן גראָז?... ס'איזווירקלעך גוט — זייער גוט.
— דאָס איז מיין פּריז־סקיצע. איך בין אַליין אויך ניט גלייכגילטיק צו דעם.
— און ווי רופט איר עס?
— כ'האָב נאָך פאַר דעם קיין נאָמען ניט.
— מעג איך פאָרשלאָגן אַ נאָמען?
— גערן.
— איך גלויב אַז וויקטאָר — וויק פאַר קורץ — וואָלט געוועזן דער ריכטיגער נאָמען פאַר דעם.
— וואָס מאַכט אייך אַזוי צו דענקען?
— וועלל, אויב איך מאַך קיין טעות ניט, האָט איר געוואָלט עס אָנרופן ביים ערשטן נאָמען פון דעם סוביעקט... אמת?
— פון וואַנען ווייסט איר?!
— דאָס איז ניט וויכטיג.
— אָבער ס'איז י אַ וויכטיג.
— אפשר...
— אָבער פאַרוואָס גראָד וויק?
— טרעפט...
נען האָט אים אַ ווילע אָנגעקוקט פאַרווירט און האָט אים פּלוצים אָנגענומען ביי די אַקסלען:
— איר מיינט ניט צו זאָגן אַז——
— דאָס וואָס איר הערט.
— ניין!——?
— יאָ... דאָס וועט אייך אפשר דערמאָנען אָן אונדזער ערשטער באַגעגעניש... דאָס, גלויב איך, דאַרף אומשטאַנד זיין צו אויפקלערן אייך אַ סך מער ווי מיין ענטפערן אויף אייערע פראַגן...
— אָבער דאָס קלינגט צו־אויסטערליש צו זיין וואָר.
— ס'איז דורכאויס וואָר. איך האָב דעם כבוד צו אינפאָרמירן אייך, מיסס לערי: היינט אָוונט האָט איר אַ ראַנדעוואו מיט אַ טרעמפּ פון גראַנט פּאַרק...
נען איז נאָך אַ ווילע געבליבן שטיין פאַרבליפט. עפּעס האָט אויפגעטליעט אין אירע אויגן.

17

ראַפּסאָדיע אין ווײַס

זינט יענעם אָוונט פלעגט ער זיך טרעפן מיט איר ווען נאָר ער האָט געהאַט די געלעגנהייט. זיי פלעגן זיך אויפטרעפן אין שפּיטאָל, נאָך אַרבעט־שטונדן, אָדער ביי פּעגין. פאַרנומען ווי ער איז געווען, האָט ער זיך אַליך אָפטער געפונען טראַכטנדיג פון איר. ער האָט ווי פאַר זיך אַליין געוואָלט קלאָר מאַכן וואָס אַזוינס אין דער דאָזיגער בלאָנדער מיידל האָט געהאַלטן זיין אויפמערקזאַמקייט. האָט זי אים מיט עפּעס דערמאָנט אָן הדסלען? אָן תמרהן? האָט איר נאָנטקייט אויפגעבראַכט פאַר אים די עלנט־דערלייזטע שעהן מיט אַלעפּעאַן? און אפשר דאָס אַלץ צוזאַמענגענומען, מיט דער אייגנאַרטיגקייט פון דעם ווען וואָס הייסט נענסי לערי צוגערעכנט?...

אַ טאָכטער פון דרום, האָט זי פון דאָרט מיטגעבראַכט אין לעבן אַריין יענע שפּילעוודיגע געמיטלעכקייט, מיט וועלכער מענטשן וואָס האָבן זיך אויפגעהאָדעוועט אונטער זוניגע הימלען זיינען געבענטשט. געבוירן פון אַ געמישטער הייראַט, האָט זי נאָך אין איר פריסטער יוגנט איינגעזויגן אין זיך איר מוטערס הייס־בלוטיגן אירלאַנדישן טעמפּעראַמענט, איר רעליגיעזן פּאַטאַליזם, און איר פאָטערס שאָטלאַנדישער פּיפיגקייט, זיין גוטמוטיגן סקעפּטיציזם. אונטער איר מוטערס השגחה איז נען דערצויגן געוואָרן אין דעם גייסט פון דער רוימיש־קאַטוילישער קירך, נאָר געצויגן האָט איר אין דער שטיל צום פאָטער, צו דער פרייקייט פון זיין גאָטלאָזן באַנעם. און מיטן פאָטערס טויט האָט אין איר עפּעס רעוואָלטירט קעגן דער שטרענגקייט פון דער קירך, קעגן אַלץ וואָס איר פרומע מוטער האָט איר געלערנט. צו ניינצן יאָר האָט זי זיך געפונען מיט דער פולער אחריות פון איר אייגן לעבן אין דער שטאָט ניו־יאָרק, האָט שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַ קורץ־דויערנדיגע קאַריערע אַלס בינע־טענצערן און איר ערשטע ליבע־אַנטוישונג. נאָר נענסי איז ניט געווען פון די ווען אַ דורכפאַל זאָל דערשיטערן. בנאַטור אַ באָהעמערן, האָט זי אויפגענומען דאָס לעבן ווי עס קומט, אין שטאַרער ווירקלעכקייט, און האָט געזען אויפ־

צוכאַפּן די ליכטיגערע זייט דערפון. זי האָט באַטראַכט דאָס לעבן ווי אַ נאַטירלעכן נאָכפאָלג פון אַרויפס און אַראָפּס; און אויב זי האָט ווען אָנגעטראָפן אויף אַ קאָנפליקט — לייכט צו האַרב — איז זי עס אַנטקעגנגעקומען מיט אַ נאַטירלעכער לייכטהאַרציגקייט, מיט איר איינגעבאָרענער ספּאָרט־לוסטיגקייט. „ס׳איז לעבן: אויב ס׳איז דאָ אַ וועג אַ ר י י ן, מוז זיין אַ וועג אַ ר ו י ס.״ און נעז האָט שטענדיג דעם וועג געפונען. נאָר אפילו אין איר לייכט־האַרציגן באַנעם איז געווען אַ געוויסע דורכגעטראַכטקייט, אַן אָפּגעהיטע ראַפינירטקייט.

פאַר אַ שטיקל צייט האָט זי געאַרבעט אַלס אַ מאָדעל אין אַ קליידער־געשעפט, און אין די אָוונטן האָט זי באַזוכט קונסט־קורסן אין מאַלעריי — אַ זאַך צו וועלכער זי האָט פון שטענדיג־אָן געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג, וועלכע זי האָט אין איר מוטערס היים ניט געקאָנט נאָכקומען. און ס׳איז געווען אין יענער צייט וואָס זי האָט זיך, אין גרינוויטש ווילעדזש, אויפגעטראָפן מיט פּעגין. זיי האָבן זיך באַפריינדעט, און צוזאַמען האָבן זיי זיך שפּעטער אַוועקגעלאָזט קיין שיקאַגאָ. פּעגי האָט פאָרגעזעצט איר קונסט־שטודיום; נעז האָט, נאָך אַ לענגערן ווילן אין דער ווינטיגער שטאָט, באַשלאָסן אָנצוקומען אין דער קראַנקנשוועסטער־שול פון דעם סעינט דזשיימס שפּיטאָל. זי האָט גראַדואירט מיט אויסצייכענונגען, און איז אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס געהילף־אויפזעערן אין דער כירורגישער אָפּטיילונג.

ווען דיקענס האָט איר צוערשט געטראָפן אין גראַנט פּאַרק, איז זי געווען אויף איר וואַקאַציע, און האָט אינאיינעם מיט פּעגין באַזוכט דעם שיקאַגאָער קונסט־אינסטיטוט.

און נעגסיס וועלט איז געווען איינגעטיילט אין צוויי באַזונדערע טיילן: איר באַרוף, און איר פּריוואַטער לעבן; און צווישן די ביידע האָט זי געזען אָנצוהאַלטן אַ פעסטגעשטעלטע אָפּגרעניצונג, אַ פולשטענדיגע איזאָלירונג. אין דעם ערשטן פאַל איז זי געווען אינגאַנצן קראַנקנשוועסטער — אינגאַנצן פליכט, געהאָרכזאַמקייט, אויסגעהאַלטן. איר חוש פון אחריות צו אירע פליכטן האָט זיך דייטלעך אַרויסגעצייגט אין דעם אופן ווי זי האָט דידאָזיגע פליכטן אויסגעפירט — ערנסט, מוטוויליג, געזעצט. די טאָכטער פון אַ שיף־בויאונג־אינזשעניר, האָט זי פון איר פאָטער גערירשנט אַ זאָרגפעליגע פּינקטלעכקייט, אַ מיושבדיגע אַרבעטזאַמקייט און פאַרנונפט. ווי שווער די אַרבעט זאָל צומאָל ניט האָבן געפאַלן, האָט זי שטענדיג באַוויזן צו פאַרענדיגן דעם אַרבעט־טאָג מיט דערזעלבער פרישקייט, מיט דערזעלבער אויפגעראַמטקייט, מיט וועלכער זי האָט דעם טאָג אָנגעהויבן; און אַזאַ איז זי געשטאַנען גרייט אַריינצוואַרפן זיך אינ׳ם צווייטן טייל פון איר וועלט. און דאָ איז זי געווען אינגאַנצן נעז — די שטיפערישע, די לעבנסלוסטיגע, „די מיידל מיט אַ טויזנט און איין ווידער־שפּרוך״. אויפגעפאַלנד, געוואַגט, איז איר נאַאיוויטעט צייטנווייז געווען צום שטוינען. אַ פיינשמעקערן בנאַטור, מיט אַ געזונטן חוש פאַר דעם פולן באַטרעף פון

געשריבענעם וואָרט, האָט זי מיט דערזעלבער געשפּאַנטקייט געלייענט די בע־סערע ליטעראַטור אַזוי גוט ווי די צען־סענטיגע טרילערס, און פוןביידן צוגלייך גענאָסן דעם געוואונשטן אָנרעג. ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין מוזיק, האָט זי מיט דערזעלבער טיפער אויפמערקזאַמקייט פאַרנומען אַ קלאַסישן קאָנצערט, אַ סימפאָניע, און אַ דזשעז־אָרקעסטער, רעגטיים־מוזיק. אַ גוטער טעפּ־טאַנץ האָט אָפט אַרויסגערופן אין אירע אויגן יענעם אויפגלי פון באַגייס־טערונג, ווי ווען זי האָט בייגעוואוינט אַן ערשט־קלאַסיגן באַלעט. קריטיש, איבערקלייבעריש ווי זי איז געווען, האָט אַלץ אַרום געהאַלטן פאַר איר אַ לעבעדיגן אינטערעס, אַזוי לאַנג ווי ס׳איז נאָר געווען מסוגל צו פאַרשאַפן איר פרייד, אָנרעג. ציניש, איינגעשלאָסן ווי אַ מושעל, איז זי געווען ביכולת אַרויסצוּווייזן אַזאַ דורכאויסיגע איבערגעבנקייט, אַזאַ אומבאַגרעניצטע טריי־שאַפט, צו די וועלכע האָבן געוואונען איר צוטרוי. דיקענס האָט געוואוסט, אַז ניט איין מאָל, דורך דער צייט פון זיין פריינדשאַפט מיט איר, האָט זי — די פריידדורשטיגע נען — זיך אָפּגעזאָגט פון אַנצונעמען דעם אָנבאָט פון פאַר־מעגלעכע באַקאַנטע דאָקטוירים פאַר קאָסטבאַרע פאַרוויילונגען, און איז לי־בערשט מיטגעגאַנגען מיט אים, אַן אָרימען סטודענט; האָט געקלעטערט מיט אים איבער די טרעפּ ביז צום זיבעטן שטאָק צו דער גאַלערעע פון אָרקעסטרא־האָל, האָט זיך געיאָגט צו פאַרכאַפּן אַ ביליגן זיך־פּלאַץ פאַר אַ טעאַטער־פאַרשטע־לונג, דערנאָך — אַ שפּאַציר איבער מישיגאַן בולוואַרד, אַ טעפּל קאַווע אין טאָמפּסאָנס רעסטאָראַן, און צוריק אַהיים, אָפטמאָל — צופוס...

ווי כייקל אָמאָל, האָט זי אויסגעמיטן צו ריידן וועגן איר פאַרגאַנגענהייט, פון אירע געפילן, פון סענטימענטן — „סלאָש!"[1]. איינדריקן, איבערלעבונגען, זיינען פאַר איר געווען זאַכן וועלכע מוזן אַליין דורכגעפילט, דורכגעלעבט ווערן. „עס פרייט מיך" איז געווען אַלץ וואָס זי האָט געקאָנט זאָגן, ווען איר גאַנצער געביין האָט באַשיינפּערלעך געפיבערט פון אויפרייץ און באַגייסטערונג; ווען אַנטוישט ביז צו טרערן — „עס לאָזט מיר אייז־קאַלט"; „גלייכגילטיג" איז געווען אַן אויסדרוק פון חסד. דערפאַר אָבער האָט זי געפונען אין זיך גענוג ווערטער ווען ס׳איז געקומען צו רייד פון דער נאַטור־שיינקייט פון דרום, פון איר געבורט־שטאָט פאַרטסמוט, ווירדזשיניאַ, און די מאַגנאָליאַס וועלכע בליען דאָרט. די גאַנצע זוניגקייט פון דרום־לאַנד האָט דאַמאָלט אַרומגעכאַפּט דער־דאָזיגער מיידל; אַ ווייטער פרילינג האָט, אין דידאָזיגע מינוטן, אויפגעבליט אַרום איר. און דאָס וואָס זי האָט אין ווערטער ניט דערזאָגט, האָט זי געפונען אויסדרוק אין איר טאַנצן. אין יעדן ריטמישן וויג פון איר עלאַסטישן יונגן קערפּער, אין איר יעדן זינגענדיגן טראָט, האָט זי ווי אַריינגעגאָסן דעם גאַנצן פייער פון איר יוגנט. און טאַנצנדיג מיט איר, האָט דיקענס געפילט אַז פאַר

1. קוואַטש!

איר איז דער טאַנץ עפּעס מער ווי אַ צייט־פאַרטרייב, מער ווי בלויז אַ פיזישער איבערשפּיל פון דער געהערטער מוזיק; ס'איז געווען די אויסטייטשונג פון אַן עפּעס וואָס מ'קאָן נאָר פאַרנעמען האַלטנדיג אַזאַ ווען ווי נענסי אין די אָרעמס.

— ביסט אַמוזאַנט, נען.

— אַמוזאַנט — דאָס איז גוט. דאָס פרייט מיך.

— ביסט אַ מיידל מיט אַ טויזנט און איין ווידערשפּרוך.

— אפשר.

— זיכער איז דאָס וואָרט...

און אפשר זיינען עס געווען אָט די אויסערלעכע ווידערשפּרוכן וואָס האָבן אים אַזוי אינטריגירט; אפשר האָט זייער פריינדשאַפט, מיט דער צייט, אויפגעדעקט דעם שלייער פון אירע אויסערלעכע סתירות; נאָר דורך איר נאָענטקייט האָט דיקענס געפילט אַ טיפערן צובונד צו יענעם לעבן אין וועלכן ער האָט געזוכט זיך איינצוּוואָרצלען...

*

דער דזשוניאַר־יאָר. דער סעניאָר־יאָר. עס איז אויפגעשוואומען די פראַגע פון אינטערנשיפּ. דאָקטער מק'קאַרטי האָט אים, כלומרשט צופעליגערווייז, אַ פרעג געטאָן:

— וואו האָלסטו אין דעם ענין? געפונען אַ פּלאַץ?

— איך האָב דורכגעמאַכט דעם קאָונטי־שפּיטאָל־עקזאַמען.

— דאָס ווייס איך. נעמסטו עס אָן?

— איך גלויב אַז כ'על עס דאַרפן טאָן.

— דו האָסט זיך נאָך שריפטלעך ניט פאַרפליכטעט, האָף איך?

— דערוויל נאָך ניט, סער.

— זאָג מיר, האָסטו ווען געטראַכט פון אָנקומען אין אַ מער־אָדער־ווייניגן פּריוואַטן שפּיטאָל.

— דענקט איר אַז ס'וואָלט געווען מער ראַטזאַם?

— פאַר דיר — יאָ.

— אָבער, ווי איך פאַרשטיי, זיינען די בעסערע אַנשטאַלטן פון דעם סאָרט אין שיקאַגאָ פאַרוואָרפן מיט אַפּליקאַציעס, און ס'וואָלט זיך מיר זייער ניט געוואָלט פאַרלאָזן שיקאַגאָ.

— איך פאַרדענק דיר ניט. ווי וואָלט געווען דער סעינט דזשיימס?

— ס'וואָלט זיכער געווען דער אידעאַלער פּלאַץ, נאָר——

— נאָר וואָס?

— נאָר כ'גלויב ניט אַז כ'זאָל דאָרט האָבן אַ שאַנס אין אַ טויזנט.

— פאַרוואָס ניט?

— צוליב מער ווי איין אורזאַך, סער... ווי איך פאַרשטיי האָבן דאָרט די קאַטוילישע אַפּליקאַנטן דעם פאָרצוג.

דאָקטער מק׳קאַרטי האָט זיך געמאַכט ניט־הערנדיק.

— האָסט געפּרוּווט דאָרט אָנצוגעבן דיין אַפּליקאַציע?

— ניין, סער.

— דאָן טו דאָס, און טו דאָס גלייך! — האָט מק׳קאַרטי באַפוילנדיק אַ זאָג געטאָן — און זע מיר אין אַ וואָך פון היינט...

אָן אַ „זיי־געזונט" האָט אים מק׳קאַרטי איבערגעלאָזט וואו ער האָט אים געטראָפן.

ער האָט די אינטערנשיפּ־שטעלע געקראָגן.

נען האָט די נייעס אויפגענומען אָן באַזונדערער איבערראַשונג, מיט אַ לייכטן, צופרידענעם שמייכל. זי איז אָבער באַשטאַנען צו גיין מיט אים יענעם אָוונט צו טאָנין עסן ראַוויאָלי.

טאָני איז געווען צעהעצקעט, האָט זיי אויפגענומען אין דעם הינטער־קאַמערל, ט׳געשטעלט ווייַן, האָט זיך געשמאָלצן ריידנדיק:

— ...ביסטו שוין באַלד אַ דאָקטער מיט אַלע קליפּערלעך, ע? ׳עסט זיין אין שפּיטאָל, סט׳קאָנען שניידן מענטשן... סאַנטאַ מאַריאַ! כ׳הויב ניט אָן צו פאַרשטיין ווי אַזוי איר האָט דאָס האַרץ אָוועקצולייגן אַ לעבעדיגן מענטשן אויפן טיש און שעטקעווען אים! ס׳איז אַ׳רדרייט אין אַ געפּעכט, אין הייס־בלוט, קאָן מען אימעצן אַמאָל אַריינשטעכן אַ מעסער אין זייט. דאָט׳ס אַ׳רדרייט. אָבער גלאַט אַזוי — ווען איינער ליגט אויסגעלייגט פלאַך — בררר!! — ניט פאַר מיר!... דו מוזט האָבן אַ האַרץ פון שטיין, קיד... קיד — דאָס וואָס מיר פלעגן אים דאָ רופן — האָט טאָני דערקלערט פאַר נענסי — איצט וועל איך אים מוזן רופן דאָקטער — ס ע נ י אָ ר ל ע ד אָ ק ט אָ ר — האַ־האַ־האַ! דזשיסוס קעריי׳! איך קאָן אים נאָך זען ווי ער איז צוערשט אַריינגע־קומען אַהער...

און טאָני האָט זיך צעלייגט באריכות, האָט איבערדערציילט פאַר נענסין וועגן די ערשטע טעג, ווען דיקענס האָט זיך ביי אים אויפגעהאַלטן; ווי ער, טאָני, האָט אים געמוזט שטאָפּן מיט גוואַלד די קאַרמע אין מויל; וועגן דעם אומ־גליק־פאַל. און וואָס ווייטער טאָני איז פאַרקראָכן אינ׳ם סיפור־המעשה, אַלץ מער האָט ער זיך צעכלינעט, אַלץ מער האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעטאַלן, אַלץ מער האָט אים אויסגעפּעלט לשון. האָט ער דערגעט מיט די הענט, מיט די אויגן, איז ניט געווען צו־איבערקלייבעריש מיט אביסל איטאַליעניש. טאָני האָט זיך געפרעגלט, האָט געהאַלטן אין איין אָנפילן די גלעזלעך ווייַן און האָט געהייסן אַלע ווילע אַרויפבערענגען נאָך ראַוויאָלי. און נען האָט געוואוסט ווי צו „האַלטן די געטראַנקען". דער ווייַן האָט זיך גערויטלט אין איר פּנים, אירע אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט; זי האָט געוואָרפן איר בליק פון טאָנין צו

וויקן און האָט פון מאָל־צו־מאָל אויסגעהילכט מיט אַ האַרציגן געלעכטער. אָבער נען איז שטענדיק געווען די דאַמע אין גאַזעלשאַפט.

— ער איז זיכער אַ קאָרט, דער טאַני...

טאַני האָט פון איר קיין אויג ניט אָפּגעלאָזט.

— אַ סוועל קיד... — האָט ער בסוד באַמערקט צו דיקענסן — דו'סט איר דאַרפן אַביסל אויספּעטן, קיד... סעי! איך בין איינגעלאַדן צו דער גראַדואירונג־פאַרשטעלונג, בין איך נישט, דאַק?

— אַ, זיכער...

און טאַני איז ביי דער גראַדואירונג־צערעמאָניע געווען. ער איז געקומען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, אין אַ קאַטעווע, מיט אַ גרויסער שטעק־שפּילקע אין קראַוואַט, און האָט מיטגעבראַכט זיין גראַדואירונג־מתנה — אַ דאָקטערס האַנט־רענצל פון רויטן קראָקאָדיל־לעדער. ער האָט מעשה־מחותן פאַרנומען אַ פּלאַץ אין דער ערשטער רייע. טרערן זיינען אים געשטאַנען אין די גרויסע אויגן ווען דיקענס האָט באַקומען די דיפּלאָמע און דעם שליסל פון דער ערן־פּראַטערניטי.

— באַי גאַלי, איך בין שטאָלץ מיט דיר, קיד! סעי, וואָס איז דאָס פאַר אַ שליסעלע וואָס זיי האָבן דיר דאָרט געגעבן?

— אַ פּראַטערניטי שליסל.

— צוואָוואָס טויג עס?

— נאָר אַן אָנדענק — אַ סימן פון אויסצייכענונג, טאַני.

— אַ מין מעדאַל, ע, דאַק? איך כאַפּ־אויף. דאָס איז אָ־קעי...

און טאַני האָט ניט פאַרלאָרן קיין צייט און איז באַלד צוגעגאַנגען צום „הויפּט־ענין":

— סעי, דאַק, איצט אַז דו'סט זיין אַ גאַנצער קנאַקער אין שפּיטאָל — וואָס איז מכוח די יונגען? דו ווייסט, די יונגען אין דזשאָינט כאַפּן זיך אַריין אין אַ קלעם — אין אַ געפּעכט צווישן זיך, אַמאָל מיט די שטאַט־שמשים — וואָס איז מכוח געבן זיי אַ האַנט? זיי באַצאָלן... וואָס זאָגסטו, דאַק?

— כ'האָב מורא אַז כ'על מוזן זאָגן ניין, טאַני.

— דאַט'ס אָ'רייט... איך האָב נאָר געפרעגט... דו ווילסט זיין אויפן אויבן־אויף, ע? איך כאַפּ־אויף. קיין בייז האַרץ. אָבער דו'סט זיך ניט אָפּזאָגן פון באַהאַנדלען טאַניס משפּחה אַז מ'עט דאַרפן, ע, דאַק?

— פאַר דיר — אַלץ, טאַני.

— דו ביסט אָ'רייט, קיד — כ'מיין דאַק! באַי דזשימני, דו ביסט אָ־קעי!...

אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט דער פּראַקטישער זייט פון דער היילונג־פּראָפעסיע, האָט יעדער טאָג פאַר אים אַנטפּלעקט נייע פאַרהוילענישן אין די קאַפּריזן פון דער נאַטור, האָט יעדער נייער קראַנקפאַל פאַר אים געהאַלטן אַ פרישן אינטערעס, אַ באַזונדערן רייץ. ער איז געווען וואַכזאַם, אַרבעטס־

פּלייסיג, האָט מיט זיין איינגעבאָרענעם ערנסט פּינקטלעך דערפילט זיינע פליכטן, און האָט ניט דורכגעלאָזט קיין געלעגנהייט עפּעס אָפּצולערנען פון די עלטערע דאָקטוירים, אונטער וועמענס השגחה ער האָט זיך געפונען. אַחוץ דער באַהאַנדלונג פון פּאַציענטן, די אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע, אין קלי־ניק, האָט ער יעדע פרייע מינוט פאַרבראַכט אין דער רעפערענץ־ביבליאָטעק. ער האָט נאָכגעזוכט, נאָכגעפאָרשט, האָט געזוכט צו קאָאָרדינירן די טעאָרעטישע זייט מיט דער פּראַקטישער; צו געפינען דעם צובונד צווישן דאָס אויסגעלערנטע און דאָס בוצבאַרע; צו פעסטשטעלן ביי זיך די רעכטפערטיגונג פון זיין יעדן טאָט. מיט יעדער פאַרזיכטיגער בעאָבאַכטונג, מיט יעדער פאַרנומענער דער־פאַרונג, האָט ער געפילט זיין צוואוקס צו דער וועלט אין וועלכער ער האָט איצט געלעבט. זיין באַנעם, זיין אָפענע איבערגעבנקייט האָבן פאַר אים געוואו־נען דעם צוטרוי און אָפּשיי פון זיינע מיטמענטשן — די אינטערנס, קראַנקנ־שוועסטער, פּראַקטיצירנדיגע דאָקטוירים, אַזוי גוט ווי די חולאים. דאָס שפּי־טאָל־לעבן האָט אים ווי פאַרשלונגען. דאָרט איז געווען זיין אַרבעט־פּלאַץ, זיין היים, דער טעמפּל פון זיין טרוים, און אין זיין טרוים — נעך. מיט איר אונטער איין דאַך, האָט ער שטענדיג געפילט איר נאָענטקייט אַרום זיך. זיי פלעגן זיך טרעפן אין עס־צימער, אין דער כירורגישער אָפּטיילונג; ער פלעגט איר אָפּט אָפּוואַרטן נאָך די אַרבעט־שטונדן ביים אַרויסגאַנג, און צוזאַמען פלעגן זיי זיך דורכשפּאַצירן אין פּאַרק, און אַמאָל — אַרויסגיין פאַרן אָוונט. ווען ס׳איז געווען זיין רייע צו זיין נאַכט־אינטערן, פלעגט נעך, אונטער פאַרשידענע אויסריידן, אים אויפזוכן אין שפּיטאָל, פלעגט זיך פאַרקלייבן מיט אים אין אַ ווינקל פון וואַרט־צימער, און צוזאַמען פלעגן זיי זיצן אין דעם שטילן טונקל, ביז אַ רוף פאַר אים פלעגט איבעררייסן זייער שוויגן.

און ס׳איז געווען דאָקטער דיקענס און מיסס לערי צווישן די ווענט פון שפּיטאָל, וויק און נעך צווישן זיך, און ליבסטער און טייערסטע אין אינטימערע מאָמענטן. זיי האָבן קיינמאָל פון זייערע געפילן איינער צום צווייטן ניט גע־רעדט; זיי האָבן ניט געצילט ערגיץ זייער פריינשאַפט צו דערפירן. זיי האָבן זיך איינער אינ׳ם צווייטן גענויטיגט, זיי האָבן זיך אויסגעזוכט, און זיינען געווען וואָס זיי זיינען. נישט ער איז געווען דער ערשטער אדם, נישט זי די ערשטע חוה. מענטשן דורכגעווינטיגטע שפּילן זיך ניט מיט זייערע געפילן; די וואָס קומען טאָג־טעגלעך אין באַריר מיט לעבן און טויט קאָנען ניט אויס־לייגן ווייטע פּלענער פאַר זייער אייגענעם מאָרגן. פאַר זיי איז דער היינט, דער איצט, אַלץ וואָס הייסט לעבעדיגעווירקלעכקייט; און ער און זי — אַ טייל פון דער לעבעדיגער ווירקלעכקייט...

די דריי מאָנאַטן אין דער כירורגישער אָפּטיילונג זיינען געווען פאַר די־קענסן די גליקלעכסטע אינ׳ם גאַנצן אינטערן־יאָר. ער איז ענדלעך געקומען בפועל־ממש אין באַריר מיט דער כירורגיע, איז טאָג־טעגלעך געווען אין

דער נאָנקייט פון דאָקטאָר מק׳קאַרטין. ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צו בעאָבאַכטן אַנדערע כירורגן אין דער אַרבעט, און אין פאַרגלייך מיט די אַנדערע, האָט ער איצט איינגעזען מק׳קאַרטיס פולשטענדיגע מייסטערהאַפטיגקייט. די־קענס האָט ממש פאַרהייליגט די ערד וועלכע מק׳קאַרטי האָט באַטראָטן. אַ שטילער ציטער פון דערוואַרטונג פלעגט דורכנעמען זיין גאַנצן ווען יעדן מאָל וואָס ער האָט זיך פאַרטיג געמאַכט צו מיטהעלפן דאָקטער מק׳קאַרטין אין אַן אָפּעראַציע. ער האָט מיט אַלע חושים דורכגעפילט דעם פריידיגן גענוס פון שטיין מיט מק׳קאַרטין ביים אָפּעראַציאָנס־טיש. און ניט איינמאָל האָט ער מיט פאַרטאָיעטער קנאה צוגעזען ווי דאָקטער מק׳קאַרטי גיט איבער זיין פלאַץ דאָקטער ענדערסאָנען, זיין אַסיסטענט, אָדער לאָזט דעם הויז־דאָקטער צו פאַרענדיגן די לעצטע שטופּן פון אַן אָפּעראַציע. ס׳איז געווען אַ יום־טוב־טאָג פאַר אים ווען מק׳קאַרטי האָט איינמאָל, צום סוף יאָר, אַ זאָג געטאָן:

— דו ניי צוזאַמען דעם אויבערבלייב, דיק.

ער האָט אויף דער מינוט זיינע אויערן ניט געגלויבט.

— גיי־אָן; איך בין דאָ ביי דיין זייט.

וועבעדיג לייב אונטער זיינע פינגער, דער בלאַנקנדיגער שאַרף פון אַ נאָדל, און אַזאַ ריזלדיגע וואַרעמקייט אין דאָס אייגן בלוט. נענס אויגן האָבן אַראָפּ־געקוקט צו אים איבער דער מאַסקע.

— וועלל, ווילסט נאָך אַלץ זיין אַ כירורג, דיק? — האָט דאָקטער מק׳קאַרטי אים אַ פרעג געטאָן ביים אַרויסקומען פון אָפּעראַציאָנס־צימער.

— כ׳האָף אַז איר׳ט מיר ניט געפונען האָפענונגסלאָזיג־אומבאַהאָלפן.

— כ׳קאָן ניט זאָגן אַז יאָ... וואָס האָסטו אין זינען צו טאָן נאָכדעם ווי דו׳סט פאַרטיג ווערן מיט דיין אינטערנשיפּ?

— נעמען דעם שטאַט־עקזאַמען.

— דאָס איז אַלרייט. וועלכע ס׳איז באַשטימטע אויסזיכטן?

— וועל זיך מסתמא זען צו פאַרבינדן מיט אַ וועלכן ס׳איז אַנשטאַלט.

— וואָס איז דער מער מיט ד ע ם שפּיטאָל?

— גאָרניט איז דער מער, סער. כ׳האָב דאָ זיכער אַ סך געלערנט, און מיין זיין דאָ איז געווען מער ווי איינגענעם.

— פאַרוואָס דען ניט פאַרבלייבן ד אָ נאָך אַ יאָר? איך גלויב אַז ס׳וועט דאָ זיין אַ וואַקאַנסיע פאַר אַ רעזידענץ־דאָקטער אין כירורגיע.

— וואָס זיינען מיינע שאַנסן פאַר דעם?

— ניט שלעכט.

— איר דענקט אַז כ׳על עס קאָנען באַווייזן?

— כ׳וואָלט עס דיר ניט פאַרגעשלאָגן, ווען כ׳זאָל האָבן אַנדערש געדענקט. לאָז די זאַך איבער צו מיר, מיין יונג...

אַ שריפטלעכע באַשטעטיגונג פון דעם דירעקטאָרן־ראַט פון שפּיטאָל האָט נאָכגעפאָלגט באַצייטנס.

*

די שטעלע אַלס רעזידענץ־דאָקטער אין כירורגיע האָט געטראָגן מיט זיך גרויס פאַראַנטוואָרטלעכקייט. האָט געפאָדערט אַ סך צייט, אַ סך אַרבעט; עס האָט אָבער אויך געבראַכט אַ סך באַפרידיגונג. ער איז איצט געווען אינגאַנצן אונטער דאָקטער מק׳קאַרטיס אויפזיכט. מק׳קאַרטי האָט געלייטעט זיין לייענען, האָט אים פאַרגעבן געוויסע פּראָבלעמען אין דער אויספאָרשונג־אַרבעט, און האָט אַנערקענט זיין לייסטונג אין די פאַרעפנטלעכע אַרטיקלען. אַחוץ זיין מאַנאַט־לעכן געהאַלט, האָט מק׳קאַרטי געזען אַז ער זאָל אויך קריגן באַלוינט פון דעם אויספאָרשונג־פאָנד. די אַרבעט האָט פאַרשלונגען זיין גאַנצע צייט, דערפאַר אָבער האָט די אַרבעט אים געהאַלטן אין שטענדיגער באַנטקייט מיט נענסין — אין די אָפּעראַציאָנס־צימערן, אין דער כירורגישער אָפּטיילונג, אַמאָל פלעגט זי אויך קומען אַרויסצוהעלפן אים אין דער לאַבאָראַטאָריע. זי האָט רעקאָרדירט די עקספּערימענטן, האָט געמאַכט צייכענונגען, און האָט שטענדיג געלאָזט פילן די זוניגקייט פון איר וועזן אין דער אַרבעט. דידאָזיגע שעהן האָבן אַ סך גע־מיינט פאַר אים. מיט איר צוזאַמען זיינען אַ סך שוועריגקייטן באַזייטיגט גע־וואָרן, האָט די אַרבעט באַקומען ממשותדיגן באַטייט, האָבן דערגרייכונגען אויסגעזען נאָנט.

— דער אַלטער האַלט אַן אויג אויף דיר, וויק.

— דאָס דאַרף מיר, דענקט איך, ווייניג וואָס קימערן, נען. איך קלער נאָר וואָס דאָס אַלץ וועט מיינען אין דער צוקונפט?

— צייט וועט זאָגן, וויק; צייט וועט קלאָר מאַכן...

נען, מק׳קאַרטי, די אַרבעט — דריי איינִיגקייטן און אין ליכטיגן איינס.

*

דער אַלטער מילנער האָט אים אָפּגעזוכט אין שפּיטאָל און האָט נאָכגע־שלעפּט נאָך זיך אַ מיטליאָריגן פאַרשוין פון קווערן געבוי, קורצנאַקיג, מיט טיף־איינגעגראָבענע, חזירשע אויגלעך און אַרונטערגעהאַנגענע, דיקע וואָנצעס.

— אַ לאַנדסמאַן אונדזערער... — האָט מיסטער מילנער אָנגעוויזן אויף אים — טאַקי אַ גוי, אָבער אַן אמתער לאַנדסמאַן; אַ היימישער גוי, פון נעבן פילענאָווע. ער איז דער דזשעניטאָר ביי אונדז אין בית־המדרש. כאָליעט נעבעך אונטער, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, שוין פון מי־יודע ווען. ט׳פיינט די היגע דאָקטוירים: קאָן זיך מיט זיי ניט אויפריידן. שוין איבער דרייסיג יאָר דאָ אין לאַנד, און נאָך אַלץ שטומפּ אויף דער עברי. אַזאַ קאַפּ איז עס! אָבער ער איז פאַרט אַ לאַנדסמאַן. ער וויל דוקא אַ היימישן דאָקטער,

וויל ער; נו, האָב איך אים געבראַכט צו דיר. טו, זיי מוחל, אַ קוק און זע וואָס מיט אים איז. סט'פאַרדינען אַ מצוה...

דערהערט אַז דיקענס רעדט צו אים זיין לשון, האָט ביים רוס ס'פּנים אויפגעלויכטן:

— זעמליאַק, טשאָ? טאָ דאָבראָ[1]... און אין גאָט, דאָקטערל, גלויבסטו? דאָ איז שוין דער אַלטער מילנער אויפגעשפּרונגען:

— וואָס איז מיט דיר, אַליאָש? ס'הייסט דו פרעגסט אַ אידיש קינד צי ער גלויבט אין גאָט?! אודאי גלויבט ער אין גאָט — אין וועמען־דען 'עט אַ איד גלויבן?...

נו, וויבאַלד אַז אין גאָט גלויבט ער, און אַ זעמליאַק — אַן אייגענער — איז ער, האָט דער רוס זיך ביסלעכווייז אויפגעבונדן, ט'דערציילט, ט'זיך באַקלאָגט:

— ס'ברענט, דאָקטערל, סע ברענט. אָט־אָ־דאָ־אָ... ווי אַ פייער ברענט עס. אָפּגעגעסן, און דאָס ברענעניש איז דאָ! ווי אַ הייסע גוליע וואָלט מיר דאָרט אין די געדערים געזעסן, טשאָרט דערי... עך, ניט געוואוסט פון אַזאַ בייז דאָרט אין דערהיים. אָפּגעגעסן, אָפּגעגעבן גאָט אַ לויב, און געבעטן אויף ווייטער צו שפּייזן. נאָר זינט איך האָב דערזען אַמעריצע — עך — ניט דער־זעלבער אַליאָש וואָס געוועזן. צוערשט, די ציינער פאַרלאָרן — אַרויסגעפאַלן. ע, באַטש![2]... ווי דו זעסט: אייניציגווייז אַרויסגעפאַלן. דערנאָך, אָט די אַנ־שיקעניש... פון דעם היגן וואַסער, כיבע. דאָס וואָס מענטשן זאָגן: פון דעם היגן וואַסער. און פאַרשאָלטן איז דאָ דעם מענטשנס ברויט. דעם שניט דאָ מיט קיין תפילות ניט באַזונגען, פאַרקלייבן זיך ניט־גוטע אינ'ם ברויט, און אַן אונדזעריגן פאַרשאַדט עס צוערשט. אָט אַן אומגליק! אַמעריצע!... עך, די היים, פאַזשאַלוי, איז פאָרט די היים. די היים איז אַנדערש...

— זינדיגסט, פעטערל, זינדיגסט! — האָט דיקענס אים כלומרשט אויסגעמוסרט — האָסט זיך אויף אַמעריקע ניט וואָס צו באַקלאָגן. אַנו, באַ־טראַכט זיך אַליין: ווען ביסטו, ביי זיך אין דאָרף, געשלאָפן אויף אַ וויכער בעט? ווען האָסטו דאָרט אָנגעזען וויס ברויט? וואו האָסטו דאָרט געהאַט אַ באַלויכטן הויז, מיט וואַסער־לייטונג, מיט אַ דיל אונטער די פיס, מיט אַ גאַנצן דאַך איבערן קאָפּ? ווען האָסטו דאָרט געהאַט עסן צו זאַט, אַ גאַנצן מלבוש, אַ מענטשיש שוך?...

— נו, דאָס, פאַזשאַלוי, איז אמת, דאָקטערל. אָבער שוין דרייסיג יאָר אַז מיין פוס האָט ניט באַטראָטן גאָטס געבענטשטער ערד; שוין דרייסיג יאָר ווי מיין אויג האָט ניט געזען דעם גילדענעם קאָרן אויפגיין — אָט וואָס!...

---

1. אַ לאַנדסמאַן, וואָס?! דאָס איז גוט...
2. אָט קוק!

ס'איז געווען די פשטות פון אַן ערד־מענטש! אין זיך תמימותדיגן באַ־קלאָגן זיך.

— בענקסט, פעטערל, הע?

— ע, בענקען צו בענקען איז ניט גלייך! אַ געזונטער בענקט נאָך וויטן, אַ קראַנקן ציט צו דער ערד. אויב שטאַרבן, איז נעכיי אין אייגענעם דאָרף, ליגן אויפן אייגענעם מאָהילניק...

— דו האַלטסט נאָך ניט ביי דעם, פעטערל. מיר'ן דיר אַריינגעמען אין שפּיטאָל און זען אויב מיר קאָנען דיר ניט געזונט מאַכן...

ער האָט אויסגעווירקט פאַר אים אַ פרייע בעט אין שפּיטאָל, אין מק'־קאַרטיס אָפּטיילונג. דער אַלטער מילנער פלעגט, אין די באַזוך־טעג, קומען אים זען. ס'איז געווען טשיקאַווע צו זען דעם אַלטן אידן, מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, זיצנדיג ביי דער בעט פון דעם געלזוכטיגן פּראַוואָסלאַוונעם גוי מיטן צלמל איבערן העמד, אין אַ קאַטוילישן שפּיטאָל. דיקענס האָט איינמאָל מיטגענומען נענסין אין דעם רוס'ס צימער, ווען דער אַלטער מיסטער מילנער איז דאָרט געווען. זי האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּקוקן פון די צוויי און איז באַשטאַנען אַז וויק זאָל פאַר איר איבערזעצן זייער געשפּרעך.

דער גוי איז געווען אין גאַלער מורא. דער אַלטער מילנער האָט אים באַרואיגט:

— דו'סט ניט שטאַרבן, אַליאָש.

— שווער זיך!

— וואָס ביסטו חסר־דעה, צי וואָס?! ס'הייסט זאָגסט אַ אידן שווער זיך?! אַ מענטש קאָן זיך סיידן שווערן אויף אַזעלכע זאַכן?

— אָבער אַז ס'עט האַלטן דערביי, זע רוף אַ פּראַוואָסלאַוונעם פּאָפּ: איספּאָוועד זאָגן. כ'על דיר דעם חסד, גאָלובטשיק, ניט פאַרגעסן.

— דאָס, זעסטו, איז שוין עפּעס אַנדערש. פאַר דעם דאַרפסטו אַן אייגענעם מענטשן ניט בעטן. כ'על די ברענגען דעם גלח. דעם פּסאַלאָמשטשיק — אַלע כלי־קודש.

— שווער זיך!

— שוין ווידער שווער זיך?! ביי וואָס זאָל איך זיך דיר דאָ שווערן, ביי וואָס? אַ וואָרט איז שוין ביי דיר גאָרניט? אַליאָש, אַז חיים מילנער זאָגט דיר צו, איז עס אַזוי גוט ווי אַ שבועה...

דעם גוי איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן.

— איך וויס, גאָלובטשיק — איך וויס... און שרייב זיי דאָרט, די איי־גענע, אַז זיי זאָלן דערמאָנען אַליאָשען צום גוטן, און ליכט צינדן פאַר זיין נשמה אין דער צערקווע, דאָרט, אין היימישן דאָרף...

דער אַלטער מילנער האָט אים נאָכגעזאָגט, צושאָקלענדיג באַזאָכט מיטן קאָפּ:

— ליכט צינדן... תפילות זאָגן... אַ מענטש רעדט עס אַביסל?! — האָט ער זיך פּלוצים ווי אויפגעכאַפּט פון זיינע אייגענע ווערטער און האָט זיך אַ וויש געטאָן די אויגן — אַי, כ׳האָב שטאַרק מורא אַז דו׳סט נאָך אונדז אַלעמען אָפּטאָן און געזונט ווערן...

— אָבער ווי קומט דער ראַביי צו דעם גריכיש־אָרטאָדאָקסישן קריסט? — האָט נען געוואָלט וויסן.

— ס׳איז אַ סך צו ריידן וועגן דעם, נען. פאַרשטייסט, זיי קומען ביידע פון איין שטאָט — זיי זיינען לאַנדסלייט. ס׳איז שווער צו דערקלערן, נאָר פאַר זיי מיינט עס אַ סך... ס׳איז אַ זאַך וואָס נאָר זיי קאָנען עס פאַרשטיין...

*

טאָני האָט אים טעלעפאָנירט אין מיטן דער נאַכט. ער איז געווען שטאַרק צעטראָגן:

— סעי, דאָק! דאָס קינד — מיין אַנדזשעלאָ — ער איז זייער קראַנק... ער ווערט שיעור דערשטיקט...

— איך קום גלייך אַריבער.

— פאַר קריים׳ סעיק, כאַפּ אַ טעקסי און מאַך עס שנעל! פּליז, דאָק...

דאָס קינד איז געווען פיבערדיג, טאָקסיש, האָט זיך געראַנגלט פאַר אָטעם־לופט. די האַלדז־דריזן זיינען געווען אָנגעדראָלן. אַ גענויערע אונטערזוכונג האָט באַשטעטיגט זיין ערשטן חשד —

— ס׳זעט אויס צו זיין דיפטעריאַ, טאָני.

— ׳עסט דאַרפן שניידן?

— ניין, ניט שניידן; נאָר דו האָסט אַ קראַנק קינד, טאָני. איכ׳ל אָפּרופן דעם שפּיטאָל פאַר אַ געוויסער מעדיצין...

ער האָט דעם קינד איינגעשפּריצט אַ געוויגנדע דאָזע פון אַנטיטאָקסין־סערום.

— דו׳סט אים ניט דאַרפן צונעמען אין שפּיטאָל אַריין, ע, דאָק?

— ניט אויב אַלץ ׳עט גיין כשורה.

— איז ער אין סכנה?

— ס׳איז אַ שווערע קראַנקייט, טאָני — קאָמפּליקאַציעס זיינען ניט אויס־געשלאָסן.

— וואָס קאָן געשען?

— לאָמיר האָפן אַז ס׳עט ליבערשט ניט געשען.

— בעסער ניט!

— ס׳איז אַ זאַך וואָס קיינער קאָן ניט פאָראויסזאָגן... נאָו, הער מיר אויס, טאָני: איך בין דיין פריינט, און איך ווייס ווי ליב דו האָסט אַנדזשעלאָן. דו

וויסט אַז איכ׳ל פֿאַר דיר טאָן אַלץ אין דער וועלט. נאָר אויב דו דענקסט אַז דו וואָלסט ליבערשט האָבן אַ מער דערפֿאַרענעם דאָקטער צו באַהאַנדלען אים, שעם זיך ניט און זאָג. איכ׳ל זיין מער ווי צופֿרידן צו רעקאָמענדירן אימעצן וועלכער איז קאָמפּעטענט.

— ווהאַי, דאָק?! — האָט טאַני אים אָנגעקוקט באַנומען — דו ווילסט אים ניט באַהאַנדלען? מיין קינד אויך ניט?!

— ס׳איז ניט דאָס, טאַני. כ׳האָב נאָר געמיינט, אפשר האָסטו ניט גענוג צוטרוי צו מיר: נאָך אַלעמען, בין איך ניט מער ווי אַ יונגער דאָקטער...

— און וואָס וועט אַן אַנדער דאָקטער טאָן פֿאַר אים? לערנט איר ניט אַלע פֿון דיזעלביגע ביכער? איך ווייס נאָר איין זאַך: אָדער דו ביסט אַ דאָקטער, אָדער ניט — „טו וואָס דו דאַרפֿסט טאָן, אַניט גיי אַרונטער פֿון טעפּל"... דאָס איז מיין קינד און דו ביסט זיין דאָקטער. דו ביסט גוט גענוג פֿאַר מיר — כאָטש דו האָסט ניט קיין פֿליך ביזן פּלייצע. וואָט־סע׳מעטער, האָב איך ניט געזען ווי זיי האָבן דיר געגעבן דעמדאָזיגן שליסל?! איז עס ניט דערפֿאַר וויל די גרויסע שיסער אַליין האָבן געדענקט אַז דו האָסט די שטאָף?! איך ווייס אַז דו ביסט אַ׳רדרייט... ער איז אינגאַנצן אין דיינע הענט, דאָק. נאָר אויב דאָס קינד שטאַרבט — ביי גאָט, פֿריינט אָדער ניט פֿריינט, אַ מעסער אין זייט וועט זיין וויניג!...

ס׳איז צו קיין מעסער־שטעך ניט געקומען. דאָס קינד האָט זיך געבעסערט. דיקענס האָט אים באַזוכט יעדן טאָג. טאַני פֿלעגט קומען נאָך אים אין אָטאָמאָביל און פֿלעגט אים ברענגען ביז פֿאַרן הויז; פֿלעגט וואַרטן פֿאַר אים דרויסן, פֿלעגט כאַפּן אַ קוק אינעווייניג דורכן פענצטער, דורך דער טיר אין קאָרידאָר. דאָס הויז איז געווען אונטער קאַראַנטין, און טאַני מיט די אַנדערע קינדער האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי זיינער אַ שוועסטער. נעון האָט, דורך דער צייט, זיך בגנבה אַריינגעכאַפּט צו טאָנין אין הויז עטלעכע מאָל צו ציגן טאַניס פֿרוי ווי אַנצוגיין מיטן קראַנקן אַנדזשעלאָ.

ווען ער האָט דערקלערט דאָס קינד געזונט, האָט אים טאַני אָפּגערופֿן אַן אַ זייט:

— סוועל דזשאָב, דאָק! וויפֿל בין איך דיר שולדיג?

— גאָרניט.

— זיי ניט קיין צאָפּן! וויפֿל קומט דיר, פֿרעגט מען דיר.

— גאָרניט, האָב איך געזאָגט.

טאַני האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פֿאַר גרויסע אויגן:

— דזשיסוס קעריים׳! ווען איך דענק ניט פֿון דיר וואָס איך דענק, וואָלט איך דיר איצט דעם האַלדז־און־נאַקן דיינעם אויסגעדרייט! וואָט׳סע׳מעטער, מיין געלט איז ניט גוט גענוג פֿאַר דיר?!

— אָבער דו ביסט מיר גאָרניט שולדיג.

— דו האָסט געהיילט דאָס קינד, האָסטו ניט?

— יאָ; אָבער דענקסטו ניט אַז דו האָסט ביי מיר פאַרדינט אַ טובה?

— גענוג געמאָלן מיט די ליפּן — לאָמיר הערן ווערטער!

דיקענס האָט פאַרעקשנט אַ שאָקל געטאָן מיץ קאָפּ פון זייט צו זייט. טאָני האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ בינטל אַסיגנאַציעס און האָט גענומען ציילן —

— גאָד דעמ׳עט! מוז איך נאָך באַשטימען דעם פּרייז פאַר דיין אַרבעט?

— לייג עס צוריק אַריין, טאָני... — האָט דיקענס אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט — איך וועל עס ניט נעמען!

— נעם, הייס איך דיר!

— איך וועל דאָס ניט טאָן!

— דו איינגעשפּאַרטער מוילאייזל! דו וועסט עס נעמען, אויב איכ׳ל עס אפילו מוזן אַריינשפּאַרן דיר אין דיין פאַרעקשנטן האַלדז! קאָם־אָן, דאָק — גענוג געעקשנט זיך.

— דו האָסט געהערט וואָס איך האָב געזאָגט.

אין טאָנין האָט זיך צעבערענט די רוגזה:

— נעם עס, אָדער גיי צו אַלדי שוואַרציאָר אַרויס פון דאַנען!...

דיקענס האָט שווייגנדיג פאַרנומען זיין הוט און מאַנטל און האָט זיך גע־לאָזט צום אַרויסגאַנג —

— דאָס פאָלג איך...

צומאָרגנס איז טאָני געקומען אין שפּיטאָל. ער איז געווען ווייך ווי אַ לעמעלע:

— סאָררי, דאָק — כ׳האָב פאַרלאָרן דעם קאָפּ. איך האָב ניט באַדאַרפט זיך אַזוי באַנעמען צו דיר.

— פאַרליר ניט קיין שלאָף איבער דעם. איך ווייס: דער טעמפּעראַמענט דיינער האָט זיך צעלאָזן...

— האָנעסט, דאָק, איך פיל זיך געמיינער פון אַ טכויר... כ׳האָף אַז דו ביסט ניט אין כעס אויף מיר, ע, דאָק?

— אויף דיר קאָן מען ניט זיין אין כעס, טאָני.

— ביסט זיכער?

— מיין ערנוואָרט.

— שטעק אַריין פינף!... דו ביסט אַ־קעי, דאָק... וועלל, דו ביסט אפשר גערעכט געווען אין ניט וועלן נעמען דאָס געלט, כאָטש איך פערזענלעך דענק נאָך אַלץ אַז דו׳סט געהאַנדלט ווי אַ צאַפּן. אַז מ׳גיט — נעם!... אָ׳רדייט!

אַ׳רדרייט! — כ׳על דאָס מער ניט דערמאָנען... איצט, קאָן איך דיר בעטן אַ געפעליגקייט?

— שיס!

— ׳עסט מיר ניט אָפּזאָגן?

— וואָס באַהאַלסטו אונטערן אָרבל?

— גאָרניט, דאַק — כ׳שווער ביי גאָט, גאָרניט. וואָס זאָגסטו?

— הוסט־אויס און לאָמיר הערן.

— פאַרשטייסט, ס׳איז אַזוי: אַ׳רדרייט, האָסט ניט געוואָלט קיין מזומן — פאַרפאַלן: איינגעשפאָרט. אָבער אַ מתנה?

— צוואָוואָס, טאָני?

— גלאַט אַזוי. האָסט געראַטעוועט אַנדזשעלאָ. אָט, נאָר צו ווייזן דיר אַז מיר זיינען דיר דאַנקבאַר... פרעג ניט! די פּלוניתטע מיינע האָט מיר פאַר מיין נעכטיגער האַנדלונג שוין געגנוג גענומען דעם לעבער. און זי איז גע־רעכט... וועלל, ׳עסט עס צונעמען? זאָג י אָ, דאַק.

— ס׳ווענדט זיך וואָס; אויב דו׳סט זיך ניט לאָזן צופיל קאָסטן.

— ס׳איז אַ נוצבאַרע זאַך — דו׳סט עס דאַרפן. און נאָך מער: כדי דו זאָלסט ניט איבערחזרן די נעכטיגע נאַרישקייט, וועל איך מיט דיר גיין האַלב־אויף־האַלב אין די קאָסטן — איז דאָס אָרנטלעך פון מיר?

— אָבער וואָס ווילסטו מיר פאַרקויפן?

— דאָס איז אַ סוד. זיי אַ ספּאָרט און פאַרלאָז זיך אויף מיר, דאַק; טאָני ׳עט דיר ניט פירן אין זאַק אַריין...

— אָלרייט, איכ׳ל נעמען אַ שאַנס.

— אַטטאַ באָי, דאַק!... דו׳סט עס קריגן צוגעשיקט, אָבער געדענק: דו׳סט צוגעזאָגט...

ער האָט באַקומען אַ קאָנווערט מיט אַ קויף־קאָנטראַקט פאַר אַן אָטאָמאָ־ביל און אַן אָפּצאָל־שיין פאַר דער ערשטער העלפט פון די ראַטעס.

— משוגע אויף טויט! — האָט ער אויסגעשריען, ווען ער האָט עס באַ־וויזן נענסין — וואָס דעם טאָנין קאָן איינפאַלן!...

— פאַרלאָז זיך אויף דעם לאָקש צו שפּילן דעם ספּאָרט... און איצט אַז דו האָסט עס, וואָס ׳עסטו טאָן מיט דעם?

— מיר׳ן זיך מסתמא אַרומיאָגן אין דעם ווי חסר־דעה, ווען נאָר מיר האָבן אַ געלעגנהייט, און שטעלן אין געפאַר די לעבנס פון די פוסגייער אויף די גאַסן פון שיקאַגאָ.

— און אַזוי־אַרום אַנטוויקלען אַ פּראַקטיקע, וואָס?

— דאָס איז אויך אַ געדאַנק... וועלל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן ׳עלן מיר

איינפּעקלען פּעגין מיט טאַמען און זיך אַוועקלאָזן אויף אַ פּאָר וואָכן איבערן לאַנד.

— לאָמיר עס טאָן, וויק! און טאַקי, פאַר איין גאַנג, זיך אַראָפּכאַפּן און זען „גאָטס אַרבעטייל" — דעם דרום־לאַנד.

— גאָרניט קיין קרומע זאַך. איך גלויב אַז מיר'ן עס טאָן.

— מיינסט עס, וויק?! אַ, דאָס וואָלט געווען אַ וועלט מיט שפּאַס!

— קומענדיגן וואַקאַציע־סעזאָן, מיידל — אַנהויב זומער.

— ווען דער דרום איז פול מיט מאַגנאָליאַס...

18

שטילע נאַכט, וואַכע נאַכט

ס׳איז געווען דער טאָג פון טהענקסגיווינג־יום־טוב און גענסיס פרייער נאָכמיטאָג. דיקענס האָט איר אָנגעטראָפן אַרויסקומענדיק פון עס־צימער.

— טוסט עפּעס הייַנט אָוונט ?

— נישט באַזונדערס. האָב געדענקט אַריבערצוכאַפּן זיך צו פּעגין.

— אַ פּאַרטי ? [1]

— ניין ; גלאַט אַזוי. שוין ניט געזען איר אַ היבשע צייַט.

— ווי וואָלט געווען אַז מיר זאָלן זיך אַרייַנכאַפּן זען אַ טעאַטער־פּאָר־שטעלונג ?

— וואָס האָסטו אין זינען ?

— די גילד טרופּע. איך קאָן קריגן בילעטן.

— געפעלט ביי מיר. זעסט אויס מיד, וויק.

— געווען אויף אַ האַלבע נאַכט מיט דעם פּאַציענט אין 421.

— דער גאַסטראָ־אינטעראָסטאָמי [2] ווידער ?

— אוי־הום ; שוין די צווייטע נאַכט אַזוי. דער כירורגישער שטאָק איז איבערגעפּאַקט.

— דער אַלטער האָט זיך אַזוי ריכטיג צעלאָזן די לעצטע וואָך : אַכט־און־צוואַנציג מיידזשאָרס [3] !

— ער קאָן דאָס באַווייזן. ער האָט אויסגעפּילט יעדע בעט אין זיין אָפּטיילונג פאַר די לעצטע פּאָר וואָכן. און לאָמיר דיר זאָגן, אַז דער גענעזמל איז בכוח צו האַלטן אַ מענטשן אין שפּאַן פיר־און־צוואַנציג שעה אין מעת־לעת.

— און דו זעסט אויס ווי דו זאָלסט טאַקי האָבן געטאָן.

1. פּאַרווייַלונג.
2. מאָגן־און־געדערים־אָפּעראַציע.
3. גרויס־אָפּעראַציאָנען.

— קראַנקע מענטשן. הײנט האָט זיך אויבן אַביסל אײנגעשטילט. האָב איך געדענקט, אַז ס'וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט זיך אַרויסצוכאַפּן פון דאַנען פאַרן אָוונט.

— דזשי, דו ביסט זיכער געגאַנגען אין פולן אימפּעט די לעצטע צייט!

— אַזוי איז דאָס לעבן פון אַ „פּאַרנומענעם דאָקטער", מיידל.

— פון אַ פאַרשפּרעכענדן כירורג, מיינסטו... — האָט זי שטיפעריש אַרויפגעקוקט צו אים.

— וואָס?

— דו האָסט מיר געהערט.

— פון וואַנען האָט זיך דאָס צו דיר גענומען?

— איך האָב נאָר ציטירט.

— וועמען?

— דעם אַלטן.

— דעם אַלטן?!

— יאָ, אים. „דער יונג איז אַ געבוירענער כירורג", האָט ער געזאָגט.

— דו שפּאַסט?

— פאַרוואָס זאָל איך? אָבער אַזוי האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגן דיר.

— ווען?

— וואָס איז דער אונטערשייד? אָט מיט עטלעכע טעג צוריק — ווען ער האָט דיר געלאָזט פאַרענדיגן דעם קאָלעסיסטעקטאָמי[1]. איצט ווערסטו געוויס ווערן פאַרריסן ביי זיך, יונג?

— ניין. נאָר ס'איז גוט צו וויסן אַז ער האָט אַזאַ מיינונג וועגן מיר. עס מיינט אַ סך. מאַדגע! ער אַליין וועט עס דיר קיינמאָל ניט זאָגן. ער איז טשי־קאַווע אין דעם היגזיכט, דער אַלטער. און דו — דו האָסט עס פון מיר אויס־באַהאַלטן — ניט געזאָגט אַ וואָרט וועגן דעם, דו——?

— אַללרייט, אַללרייט. כ'על דיר זען אַרום זיבן אַזייגער.

— וועלל, אויב שוין יאָ אַזוי, לאָמיר עס גאָר מאַכן פאַר זעקס אַזייגער און, פאַר איין גאַנג, האָבן אַ טהענקסגיווינג־מאָלצייט דאַון־טאַון.

— פילסט זיך הייטער, ווי איך זע. אָ־קעי. זעקס אַזייגער שאַרף.

ער האָט אויף איר לאַנג ניט געדאַרפט וואַרטן; זי איז געווען גרייט אין צייט. נעז איז שטענדיג געווען גרייט אין צייט. ער האָט איר געזען אַרונטער־קומען פון די טרעפּ אין וואָרט־צימער אַריין. איר אויסזען האָט פאַרכאַפּט זיין אויג. דער נאַכט־בלויער אַטלעס פון איר קלייד איז געווען ווי אויסגעגאָסן אויף איר שלאַנקער פיגור און איז אַרונטערגעפאַלן אין גראַציעזע פאַלבן ביי אירע פיס. די לוסטיגע פרישקייט פון דער אַרכידעע איבער איר בוזעם האָט

---

1. גאַל־בלאַז־אָפּעראַציע.

זיך אָפּגערופֿן אויף איר באַלעבט פּנים. אירע האָר זיינען געווען פֿאַרקליבן אין ווייך־כוואַליגע לאָקן. ביי יעדן וויג פֿון איר שטאָלצן טראָט, האָבן זיך איבערן גלאַטן אַטלעס אויסגעפֿורעמט די רייצנדיגע קאָנטורן פֿון אירע שאַנקען און היפּטן. איר וועזן האָט ווי אַריינגעאָטעמט אַ פֿרילינגדיגע זוניגקייט אין דעם מיטווינטערדיגן אָוונט.

— גרייט צו גיין? איך בין איינפֿאַך פֿאַרחלשט פֿון הונגער.

— איך האָב נאָך ניט געזען אַ קראַנקנשוועסטער וואָס איז ניט הונגעריג.

— נאַו, הויבסט שוין אָן...

— לאָמיר ניט פֿאַרלירן קיין צייט, מיידל.

ער האָט איר אַרויסגעהאָלפֿן מיט אָנטאָן דעם אויבערמאַנטל, און האָט מיט פֿולער ברוסט איינגעהויכט דעם פֿריש־מיידלשן אָפּדופֿט פֿון איר לייב.

— ווער איז געבליבן אויף דיין אָרט? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן.

— סקאָטי. גוט וואָס דו האָסט מיר דערמאָנט! איך האָב פֿאַרגעסן אים עפּעס אָנצוזאָגן. איכ'ל זיך מוזן אויף איין מינוט אַריבערכאַפּן אין שפּיטאָל.

— איכ'ל מיטגיין מיט דיר.

— לאָמיר עס מאַכן שנעל.

— דאָקטער סקאָט זוכט אייך אום איבעראַל, דאָקטער דיקענס — האָט די טעלעפֿאָן־אָפּערייטאָרן אים געלאָזט וויסן ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין דער לאָבי פֿון שפּיטאָל! — ער איז אויפֿן פֿערטן שטאָק.

— וואָרט דאָ צו פּאָר מיר נאָר אַ פּאָר מינוט, מיסס לערי; איכ'ל באַלד זיין צוריק.

— זאָם זיך ניט לענגער ווי דו מוזט; מיר'ן זיין שפּעט.

ער האָט זיך אַרויפֿגעלאָזט אויבן.

ס'איז געווען צוואַנציג מינוט נאָך זיבן ווען ער איז צוריק אַרונטערגעקומען אין דער לאָבי.

— ס'טוט מיר לייד, מיידל, נאָר כ'האָב זיך ניט געקאָנט העלפֿן. איבערבינדנדיג דעם פּאַציענט אין 412, האָט ער אומגערן אַרויסגעשלעפּט דעם דרעין [1], דער לא־יוצלח, און האָט עס ניט געקאָנט צוריק איינפּאַסן. דערווייל האָט דער קאָלאָסטאָמי [2] אויף דער אַנדער זייט קאַרידאָר זיך גענומען באַקלאָגן אויף גאַז־קראַמפּן; האָב געמוזט אים איינגעבן אַ רייפּוס־רער. אַלס צוגאָב צו דעם אַלעם, האָט פּונקט דאַמאָלט דאָקטער קאַדוועלס טאָנסילעקטאָמי [3] זיך פֿאַרוואָלט צו בלוטיגן... קאָמ'אָן, לאָמיר זיך צואיילן. מיר'ן שוין אַריינכאַפּן אַ ביס נאָך דער פֿאַרשטעלונג.

1. דרענירונג־קנויט.
2. געדערים־אָפּעראַציע.
3. גריזשאַלך־אָפּעראַציע.

זיי זיינען שוין געווען ביי דער טיר, ווען אַ פּאָליס־אַמבולאַנס האָט זיך פּלוצים אָנגעטראָגן פאַרן שפּיטאָל־אַריינגאַנג. צוויי פּאַליציאַנטן האָבן אימעצן אַריינגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל —

— אַן אָטאָמאָביל עקסידענט, דאָק! — האָט דער עלטערער פּאָליציאַנט אַריבערגעשריען צו דיקענסן.

— פון וואַנען?

— פון דער גאַס־אַראָפּ. אַ שכורער טרעמפּ. ער איז אין אַ פּאַסקודנעם מצב, דאָק.

— אָלרייט, טראָגט אים אַריין אין דעם עמערדזשענסי[1] צימער; איכ'ל דאָרט גלייך זיין — האָט דיקענס געזאָגט, אַרונטערוואַרפנדיג דעם אויבער־מאַנטל — סאָררי, נען; אָבער איך האָב מורא אַז מיר'ן עס מוזן אָפּלייגן אויף אַ ווײַלע. פּ ל י כ ט, ווי דו זעסט.

נענס אויגן האָבן אַ שפּריץ געטאָן פייער —

— וואַי, וואָס איז דער מער מיט סקאַטין?

— ניט אין אַזאַ פאַל, מיידל.

— וועלל, אויב דאָס איז דיין באַציאונג——... — האָט זי פאַרביסן אַ שיפּע געטאָן, האָט זיך פלינק אויסגעדרייט און איז ניט געוואָרן.

דיקענס איז געווען פאַרנומען מיט דעם צעקאַליעטשעטן פאַרשוין אין עמערדזשענסי־צימער. יענער איז געווען אין אַ דערשיטערונג־צושטאַנד און ס'האָט גענומען אַ היבשע ווײַלע ביז דיקענס האָט אים געבראַכט צו זיך און האָט פאַרהאַלטן דעם בלוט־שטורץ. ווען ער האָט אים ענדלעך איינגעאָרדנט אין דער שפּיטאָל־אָפּטיילונג, איז שוין דער זייגער געווען נאָך ניין. איצט האָט זיך דיקענס ווי צוערשט אַרומגעזען אַז נען איז ניטאָ. ער האָט טעלעפאָנירט אין קראַנקנשוועסטער־הויז. נען איז געווען אין איר צימער. ס'האָט גענומען אַ לענגערע ווײַלע ביז זי האָט געענטפערט.

— נען?

— יעס; וואָס ווילסטו?

איר קול איז געווען האַרט, אומגעדולדיג.

— איך בין אַקאָרשט פאַרטיג געוואָרן מיטן קערל.

— איז דעריבער וואָס?

— איך האָב געדענקט אַריבערצוקומען אויף אַ ווײַלע; אפשר נעמען אַ שפּאַציר צוזאַמען.

— נישט נויטיג!

— נאָר אויף איין ווײַלע. איך——

— ניין!

---

1. נויטפאַל.

— אַבער, נײן——
זי האָט האַסטיק געטאָן אַ הענג־אויף די הער־טרײבל.

ער איז געבליבן שטיין פאַרווירט. נײן האָט צו אים ניט געוואָלט מער רײדן; נײן איז אויפגעטראָגן; און דאָך האָט זיך געפילט דאָס ברעקלען פון טרערן אין איר שטים. האָט ער איר מיט וואָס באַליידיקט? וואָס־אַזוינס האָט ער געטאָן, אָדער געזאָגט, צו איר אײדער זי איז פאַרשוואונדן? נאָר ווי אויף צו־להכעיס האָט ער זיך ניט געקאָנט דערמאָנען צו האָבן איר געזען אַוועק־גײן. אַ, צום טײוול! וואָס־אַזוינס געשעעט מיט אים ווען ער טרעפט זיך אָן מיט אַ נײעם קראַנקנפאַל, און באַזונדערס — אַ נויטפאַל?! עפּעס ווערט ער מיטאָמאָל אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער באַלדיקער אומגעבונג, פון זיך אַליין, און אַלץ וואָס עקזיסטירט פאַר אים דאַמאָלט איז דער באַטרעפנדער פאַל און די פראַגע פון דער באַלדיקער באַהאַנדלונג. ס'איז שטענדיק מיט אים אַזוי; און זי ווייסט עס. נאָר פאַרוואָס גראַד הײנט? פאַרוואָס—— אויב דאָס איז דײן באַציאונג... איז דאָס נאָר אַ קאַפּריז פון איר? אָדער זאָל דאָס מײנען דער סוף צו אַלץ וואָס א י ז געשען צווישן זײ בײדן — דער סוף פון אַלץ וואָס האָט ג ע ז א ָ ל ט זײן?... נײן! עס קאָן ניט זײן! דאָס וואָלט געווען אינגאַנצן ניט ווי נײן. זי איז צו־פאַרשטענדיק, צו־זעלבסטבאַהערשנדיק, אַז זי זאָל אונטערציען דעם סך־הכל אין אַ הײסער מינוט; אַז זי זאָל מיט אײן שוואונג פון דער האַנט אויסלעשן אַזויפיל ליכטיקע שעהן. עס מוז זײן אַ טיפערע אורזאַך פאַר איר דאַזיקער האַנדלונג; עס מוז זײן עפּעס מער אין דעם אַלעם. און דער עפּעס מער האָט אים געפּײניקט, דער עפּעס מער האָט פון אים פאַרטריבן שלאָף דורך די לאַנגע שעהן פון דער נאַכט. ער האָט איר געזען פאַר זיך, ווי פריער אין אָוונט, ווען זי איז אַרונטערגעקומען צו אים פון די טרעפּ אין וואַרט־צימער. זי איז געווען שײן און גוט אויפגעלײגט. ער האָט געוואוסט ווי שווער זי האָט געאַרבעט פאַר די לעצטע פאַר וואָכן, די אָנשטרענג־גונג אונטער וועלכער זי האָט זיך געפונען דורך די פאַרנומענע טעג. הײנט איז געווען ס'ערשטע מאָל אין אַ לאַנגער צײט וואָס זײ האָבן געהאַט אַ געלעגנ־הײט אַרויסצוגײן צוזאַמען. זײ האָבן בײדע אויסגעקוקט אויף דעם אָוונט. און זי האָט זיך קענטיק דאַסמאָל געגעבן באַזונדער מי אויסצוקוקן אָמבעסטן, און ס'איז איר אַזוי גלענצנד געלונגען. ס'איז געווען אויף זײן פאַרלאַנג וואָס זי האָט פאַרפעלט צו עסן אָוונטברויט אין שפּיטאָל; און ער האָט איר געלאָזט וואַרטן אַ הונגעריקע — אײנמאָל, און נאָכאַמאָל — און האָט אפילו ניט געפונען אין זיך די זיטלעכקײט צו אַנטשולדיקן זיך פאַר איר; האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט ווען זי איז אַוועק אַלײן צו זיך אין צימער... יאָ, ס'איז שטענדיק אַזוי מיט אים — שטענדיק עפּעס וואָס איז בילכער, שטענדיק עפּעס וואָס פאָ־דערט זײן פולע אויפמערקזאַמקײט, זײן צײט. ער האָט איר פאַרנאַכלעסיקט, פאַרזען; און זי איז דאָך שטענדיק געווען אַזאַ גוטער ספּאָרט. דאַסמאָל איז

עס שוין געווען צופיל אפילו פאַר איר. אויב דאָס איז דיין באַציאונג... און מער האָט זי ניט געזאָגט, און מער האָט זי צו אים ניט געוואָלט ריידן... אַ, זאָל שוין נאָר דער מאָרגן אַמאָל קומען! ער מוז איר זען. ער וועט איר דערקלערן. זי וועט פאַרשטיין — זי וועט מ ו ז ן פאַרשטיין...

ער האָט איר אָבער מאָרגן ניט געזען, און ניט דעם טאָג וואָס האָט נאָכגעפאָלגט. ער האָט עטלעכע מאָל דורכן טאָג זיך אַריינגעכאַפּט אין דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג. נאָר האָט אים יעדן מאָל אויסגעמיטן, איז ביי זיין אַריינקומען ווי ניט געוואָרן אונטער די אויגן. איינמאָל האָט ער איר פאַרלאָפן דעם וועג ווען זי האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו דורכגיין פאַרביי אים —

— נען, איך מוז מיט דיר עפּעס ריידן.

— סאָררי, איך בין איצט פאַרנומען, דאָקטער.

דאָקטער... — קאַלט, פרעמד. און דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די קרענקונג, האָט נאָך טיפער אויפגערודערט זיין געמיט. ער איז דעם גאַנצן נאָכמיטאָג אומגעגאַנגען ווי צעמישט, האָט זיך קוים דערוואַרט ביזן אָוונט. נאָך די אַרבעט־שטונדן האָט ער געוואַרט אויף איר אין פאָדער־קאָרידאָר. זי האָט זיך ניט באַוויזן. ער האָט עטלעכע מאָל דורכן אָוונט געפּרוואוט צו קריגן איר אויפן טעלעפאָן; אימעצער־אַנדערש האָט יעדן מאָל געענטפערט: „מיס לערי איז אַוועק פאַרן אָוונט; וואָס אָנצוזאָגן?..." און פון אַנטקעגן־איבער האָט ער געזען אַז די פענצטער פון איר צימער איז באַלויכטן...

מיט האַסטיגע טריט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט איבער די האַלב־טונקעלע קאָרידאָרן פון שפּיטאָל. חולאים־צימערן. לאַבאָראַטאָריע. אין דער ביבליאָטעק ביז שפּעט אין דער נאַכט. און צייט איז געהאַנגען שווער איבער אים. ער האָט ניט געקאָנט לעשן זיין בענקשאַפט, האָט ניט געקאָנט פאַרשרייען דעם געדאַנק אַז נען טוט זיך אָפּ פון זיין לעבן, אַז נען ווערט אים פרעמד.

איבער אַ וואָך איז פאַראיבער אידער ער האָט געהאַט אַ געלעגנהייט צו ריידן מיט איר. אַריינקומענדיג אין קאָרידאָר פון דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג, האָט ער איר געטראָפן שטיין פאַר דאָקטער מק'קאַרטין. איר פּנים איז געווען ערנסט. פאַרבייגייענדיג האָט ער אויפגעכאַפּט דעם תמצית פון זייער געשפּרעך. ער האָט פון דער ווייט איינגעזעגנט זיין בליק אין איר. זי איז געבליבן טויב צו זיין רוף. ער האָט איר נאָכגעשפּירט דעם גאַנצן טאָג, און אין אָוונט האָט ער איר אָפּגעוואַרט ביים אַריינגאַנג צום קראַנקנשוועסטער־הויז. ער האָט פון דער ווייט דערקאָנט אירע טריט.

— פאַרגיב מיר מיין געוואַגטקייט, נען; — איז ער פּלוצים אויסגעוואַקסן פאַר איר פון זיין באַהעלטעניש־אַרויס — אָבער איך דאַרף דיר זען אויף אַ פּאָר מינוט.

זי האָט פאַרהאַלטן איר גאַנג און איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אים דרייסט, מיט אַ געהויבענעם קאָפּ —

— אַט בין איך.

— מעג איך זיך דורכריידן מיט דיר וועגן עפּעס?... נאָר אַ פּאָר ווערטער...

— אַלרייט, איך בין גרייט צו הערן.

— נען, דו האָסט מיר ביז איצט אויסגעמיטן, און איך האָב ניט געפּילט פאַר רעכט צו באַלעסטיגן דיר, צו אַרויפצווינגען זיך אויף דיר. דאָסמאָל אָבער איז אַנדערש, נען. איך האָב געהערט וואָס דו האָסט היינט גערעדט מיטן אַלטן, און ווי איך פאַרשטיי ווילסטו אויפגעבן דיין שטעלע אין שפּיטאָל און גיין אַרבעטן פאַר אים.

— דאָס איז ריכטיג.

— עס איז אַן ערנסטער שריט, נען.

— איך וויס.

— איז עס אַ באַשלוס?

— זיכער י אָ . פאַרוואָס פרעגסטו?

— אַזוי. איך האָף נאָר, אַז דו טוסט דאָס ניט צוליב מיר.

אירע אויגן האָבן אַ בליאַסק געטאָן אין דער טונקל —

— ניין. איך טו דאָס פאַר מיין אייגענעם וואוילזיין. ס'איז דורכאויס אַ זעלבסטזוכטיגער מאָטיוו דערביי.

ער האָט זיך פאַרמאָסטן אויפצוכאַפּן איר בליק.

— איך וואָלט גערן געוואָלט גלויבן אַז ס'איז אַזוי... — האָט ער פאַרלאָרן אַרויסגערעדט.

— פאַרוואָס ניט?

— ווייל דאָס שטימט לחלוטין ניט מיט דער נען, וועלכער איך האָב קאָנען געלערנט. ס'איז ניט דו, נען.

— פאַרוואָס ניט? דענקסטו ניט צומאָל, אַז נאָך דעם וואָס איז לעצטנס געשען צווישן אונדזביידן, האָב איך אַ רעכט צו קומען צו זיך?

— און דאָס איז דיין אויסוועג — אַנטלויפן?

— אפשר. אָבער אונטער די אומשטענדן שיינט עס צו זיין דער איינציגער אויסוועג.

— מסתמא ווייסטו וואָס דו טוסט; און הלוואי וואָלט איך זיך געקאָנט איינריידן אַז דו טוסט רעכט — אויב נאָר פון דיינטוועגן אַליין. ס'איז אָבער, ליידער, ניט אַזוי. כ'וואָלט ליבערשט דו וואָלסט עס ניט טאָן, נען.

— וואָס מאַכט עס איצט אויס?

— דאַרף איך דיר נאָך זאָגן?

— ניין. נאָר צוואָס איינגאַנצן דאָס ריידן?

— אָבער איך בין גערן צו ריידן מיט דיר, נען; איך——

די ווערטער זיינען אים ווי געבליבן שטעקן אין קעל. נענס נאָענטקייט,

אירע אָפּגעהאַקטע, נאַנשאַלאַנטע ענטפערס האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ צערודערונג. ער האָט ניט געקאָנט אויפכאַפּן דעם אָנהויב פון דאָס, וואָס ער האָט געהאַט בדעה איר צו זאָגן. נען האָט אים אָנגעקוקט מיט אויפגעריסענע אויגן —

— זעץ־פּאַר.

— זאָלן מיר אַריינגיין אויף אַ ווײַלע צום גרעק?

— אַלרייט.

איצט זיינען זיי געזעסן פּנים־אל־פּנים אין דער ענגער בודע פון דעם גרעקס סומנער קענדי־קלייטל. אויפן קליינעם טישל צווישן זיי זיינען גע־שטאַנען די גלעזער סאָדאַ קוים־באַרירט. ס'איז געווען געמיטלעך דאָרט, און שטיל, און ווי אָפּגעשלאָסן פון גאָר דער וועלט; נאָר ער און זי, און צווישן זיי — די רעטעניש פון פּיין. און אין דער ענגער אָפּגעשלאָסנקייט האָבן זיי — צוויי יונגע מענטשן — זיך געצויגן איינער צום צווייטן און דאָך געבליבן ווייט... נען איז געזעסן אַנטקעגן אים, די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טישל, די ברעמען צונויפגעצויגן, האָט געקוקט אויף אים מיט ברייט־צעעפנטע, רואיקע אויגן און האָט געהאַרכט, געהאַרכט. אין אירע אויגן האָט איצט אויפ־געשלאָגן יענע טויאיקייט, וועלכע ער האָט אויפגעכאַפּט אין זיי יענעם פרי־מאָרגן אין גראַנט פּאַרק. די ווערטער זיינען איצט געקומען גרינג. ער האָט זיך אַליין געוואונדערט אויף דער געצוימטער געלאַסנקייט, מיט וועלכער ער האָט גערעדט וועגן דאָס, וואָס האָט אַזויפיל געמיינט פאַר זיי ביידן, ווי פון אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

—...און איך פאַרדענק דיר ניט, נען. איך ווייס: איך שטיי אַ פאַר־משפּטער פאַר דיר, און דו האָסט רעכט. און דאָס פיינלעכסטע ביי דעם איז, וואָס איך קאָן זיך אפילו ניט געוויסנהאַפטיג אַנטשולדיגן.

— ניין; איך זיץ ניט אין משפּט איבער דיר, וויק, און איך האָב צו דיר גאָרניט. הימל איז מיין עדות, אַז כ'וויל עס ניט טאָן, נאָר———

— טאָ פאַרוואָס קאָן אַלץ ניט זיין ווי ס'איז געווען? פאַרוואָס דערלאָזן אַזאַ אומבאַדייטנדן צופאַל זאָל צעשטערן אַלץ וואָס אונדזער פריינדשאַפט האָט פאַר אונדז געהאַלטן?

נענס אויגן האָבן זיך האַלב־צוגעמאַכט. זי האָט אים דורכגענומען מיט אַ צודרינגלעכן בליק —

— וויק, צוואָס זיך אַליין נאַרן? מיר זיינען ניט מער קיין הײַ־סקול־שילער. מיר זיינען ביידע פול־דערוואַקסענע און מער־אָדער־ווייניגער דער־פאַרענע מענטשן. מיר האָבן זיך געזוכט, מי האָבן זיך געפונען, און מיר האָבן זיך געעניטיגט איינער אין'ם צווייטן ווי צוויי דערוואַקסענע מענטשן קאָנען זיך נויטיגן. וואָס מיינע געפילן צו דיר זיינען, דאַרף איך דיר ניט זאָגן. אויב די

טעג די פאַרגאַנגענע האָבן דיר ניט אויפגעוויזן, וועט שוין קיין זאַך אין דער וועלט דיר ניט איבערצייגן. איך האָב אַ סך פאַרזען, וויק, אַ סך פאַרשוויגן, און כ'האָב עס גערן געטאָן. כ'האָב גענומען אין אַנבאַטראַכט די אורזאַך דער־פון, און האָב געוואוסט וואָס דאָס מיינט פאַר דיר. דער לעצטער צופאַל, אָבער, איז שוין געווען צ ו פ י ל . . . כ'וויס ניט וואָס איז איבער מיר געקומען יענעם טאָג; נאָר כ'האָב דיר נאָך קיינמאָל ניט אַזוי באַגערט ווי דאַמאָלט. מיין גאַנצער ווען האָט געלעכצט נאָך דיר. און ס'איז געקומען דער אָוונט, ס'איז געקומען די שעה, און—— צוליב אַ ליאַדע־אומגליק־פאַל, צוליב אַ שיכור פון דער גאַס־אַראָפּ—— —— וויק, עס איז שוידערלעך צו דענקען, אַז צו יעדער צייט, צו יעדער מינוט, קאָן יעדער וויסטער־טרעמפּ, יעדער ליאַדע־באָם, אַרויס־שטעלן זיך תביעה אויף דיין גליק, אויף דיינע אויסגעיערטע מינוטן!...

— טאָקי דערפאַר ו ו י י ל ער איז אַ טרעמפּ, נען — ו ו י י ל ער איז וואָס ער איז...

— איך פאַרשטיי... — האָט זי אַ זאָג געטאָן באַזיגט — און די וועלן שטענדיג זיין, און די וועלן שטענדיג קומען צוערשט...

זיי האָבן זיך אַ ווילדע אָנגעקוקט אין שווייגן. מיטאַמאָל האָט נענס פּנים אויפגערודערט. אירע פינגער האָבן זיך אַ קלאַמער געטאָן אין טישל —

— וויק, עס איז די פרוי אין מיר וואָס איז באַליידיגט געוואָרן! — האָט זי ליידנשאַפטלעך אַרויסגערעדט; — עס איז די פרוי אין מיר וואָס האָט רע־וואָלטירט! און, נאָך אַלעמען, בין איך אַ פרוי, וויק... איך האָב ליב דאָס לעבן, איך באַגער דיר, און אויב לעבן האָט עפּעס צו געבן, וויל איך עס געניסן אין פולער מאָס. איך בין שטענדיג גרייט איינצוגיין אויף אַ גלייכן אויסטויש; אָבער לעבן איז אַ שווינדלער, וויק: גיב עס נאָך, און עס וועט דיר שטעלן אין דער לאַגע פון „גיב אַלץ, קריג גאָרניט". איך באַשטיי אויף מ י י נ ס אין לעבן, איך זוך מיין גליק מ י ט ד י ר , און דיר קאָן איך זיך מיט קיינעם ניט טיילן!...

דיקענס האָט הכנעהדיג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ —

— איך באַגרייף אַז איך בין שולדיג — טויט־שולדיג — קעגן דיר, נען. איך האָב קיין רעכט פון דיר עפּעס צו פאַרלאַנגען. נאָר אויב אונדזער פריינדשאַפט האָט ווען עפּעס געמיינט, זיי די נען וואָס דו ביסט שטענדיג געווען; לאָמיר זיך אַליין געבן אַן אַנדער שאַנס. איך קאָן דיר אַזוי פון מיין לעבן ניט אַרויסלאָזן, נען! איך קאָן דיר ניט פאַרלירן! איך פיל, אַז אונדזער וועג איז צוזאַמען — אַז מיר זיינען געמיינט איינער פאַרן צווייטן...

נענס פּנים האָט זיך ווי אויסגעלאָשן. אירע אויגן האָבן געקוקט ערגיץ ווייט, איבער אים, ווי זי וואָלט דאָרט — אין די טעג וואָס זיינען געלעגן הינטער זיי — געזוכט אַן ענטפער. איר קול איז געקומען פאַרטראַכט, מיד:

— אַי וואַנדער, וויק... אַי וואַנדער...[1]

און אין פאַרוואונדערונג זיינען פאַרגאַנגען טעג, און אין נאָכטראַכטונגען האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן וואָכן. שאָטנס פון צווייפל האָבן פאַרטרונקען זיין געמיט. דער לעצטער דורכרייד מיט נענסין יענעם אָוונט האָט קיין ענדערונג ניט געבראַכט — „מיר'ן וואַרטן, מיר'ן זען...” און נאָך איז אַוועק אַרבעטן פאַר דאָקטער מק'קאַרטין, האָט געוואוינט ביי פּעגין, און פלעגט קומען אין שפּיטאָל נאָר ווען דאָקטאָר מק'קאַרטי האָט אָפּעדירט. פון איבער די געזיכט־מאַסקן האָבן זייערע אויגן זיך אָפט איבערגעבליצט — מעסערדיג, שטום. בליק האָט בליק אויסגעזוכט און זיך אומגעהאַלדזט. דער רעטראַקטאָר פלעגט זיך אַ גליטש טאָן צווישן די פינגער —

— שטאַנדהאַפטיג, דאָקטער!

— ספּאַנדזש, פליז...

און פליכט האָט באַלד ווידער איבערגעריסן דעם בליקן־בריק צווישן צוויי נאָענט־ווייטע מענטשן. פליכט האָט באַפוילן, און פליכט האָט געזיגט, און פאַר פליכט זיינען זיי געשטאַנען מיט געבויגענע קעפּ. הויז־דאָקטער — קראַנקנ־שוועסטער; צוויי לעבנס — צוויי הערצער אין פלאַם פון געראַנגל.

און ווי מיט בייזווויליגן כיוון האָט גורל זיי שעהנווייז געהאַלטן אונטערן שאָטן פון איין דאַך, אין די קלאָען פון געצוואונגענער נאָענטקייט. צווישן ווענט פון געהיימניספולער ווייסקייט האָט באַרוף זיי געטריבן צו שפּאַנען דעמזעלבן וועג אין איינזאַם און שווייגן...

און אין דעם צער פון אָפּגעזונדערטקייט האָט ער איינגעזען, אַז זייער פריינדשאַפט איז דערגאַנגען ביז אַ קרייץ־וועג, האָט דערגרייכט אַן ענטשיי־דונג־פונקט. און זי איז אַזוי יונג, אַזוי לעבנסלוסטיג, און ער — מיט זיין גאַנצער ליבשאַפט צו איר, מיט זיין טיפסטער יערונג נאָך איר נאָענטקייט — האָט פאַר זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין באַרוף, זיין ציל, און—— די וועלן שטענדיג זיין, און די וועלן שטענדיג קומען צוערשט... נאָכקומען דעם רוף פון פערזענלעכן גליק, וועט מיינען אַ צעשפּליטערונג אין זיין אינער־לעכער שלמות, אַן אַטאָמאַזירונג פון זיין וועלט — די וועלט וועלכער ער האָט זיך געוואָלט איבערגעבן אַ גאַנצער, ווידמען זיין אַלץ. וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער אויף איר יונג לעבן, אויף די שעהן וועלכע זי איז מסוגל אָנצוטרינקען מיט אַזויפיל פרייד? ווי קאָן ער גאָר פון איר פאַרלאַנגען צו מיטגיין דעם וועג וואָס פירט צו זעלבסט־אויפאָפּפערונג, צו זעלבסט־פאַרלייקענונג? „צו פאַרדינען כשר דעם באַרוף”, האָט מק'קאַרטי אַנומלט געזאָגט, „מוז מען טראַכטן מעדי־צין, אָטעמען מעדיצין, לעבן מעדיצין.” און אפשר טאַקי דערפאַר איז ער, דער אַלטער מק'קאַרטי, געבליבן אונפאַרהייראַט — פריי פון יעדן פערזענלעכן

1. איך וואונדער זיך (צווייפל), וויק... איך וואונדער זיך...

צובונד — אַ גאַנצער אין דער וועלט פון זיין באַרוף... און אפשר איז עס בעסער וואָס ס'איז אַזוי געשען? אפשר איז עס בעסער אַז זייערע וועגן זאָלן בלייבן אַפּגעזונדערט?... און דאָך האָט ער, מיט יעדן טאָג, אַלץ שאַרפער געפילט די ליידיגקייט וואָס נענסיס ניט־זיין האָט געלאָזט אין זיין לעבן, ווי אַלץ וואָס האָט פאַר אים ביז איצט אַזויפיל געמיינט, האָט פאַרלאָרן יעדן באַטייט. און דער אומרו אין אים איז געוואַקסן.

— —

ער האָט געהאַט צוויי בילעטן פאַר אַ זונטיג נאָכמיטאָג־קאָנצערט פון פריטץ קרייזלער. ער איז געגאַנגען צום קאָנצערט אַליין. דער אַדיטאָריום איז געווען געפּאַקט. דער ערשטער טייל פון קאָנצערט האָט דעם פּובליקום גענומען מיט שטורעם. אין דער צייט פון אַנטראַקט האָט דיקענס אַנגעטראָפן דעם אַלטן מיסטער מילנער אין דער לאָבי. דער איד איז געווען גאָר אַנטציקט —

— ער קאָן, ער קאָן — אַי, קאָן ער! שוין גאַרניט אַן אַבי־ווער. שפּילט שיעור־שיעור ניט אַזוי גוט ווי אונדזער יאָהאַניצי. כ'וויס ניט צי דו געדענקסט אים.

— צי איך געדענק אים?!

— טאָקי? געדענקסט אים יאָ?...

צי ער געדענקט אים?!...

די באַלויכטונג אין זאַל ווערט טונקל, לעשט זיך אויס. פון דער בינע־אַראָפּ צעפליגלען זיך די פולבלוטיגע פידל־טענער פון „ציגיינערווייזע" — די זוניגע קלאַנגען פון פרייען סטעפּ — דער פלאַמען־טאַנץ פון אַ קאָסטיאַר־פייער אין דער נאַכט — דער פאַרבענקטער רופן פון אַ פאַרוואָגלטן נע־ונד צו זיין האַרצבאַגערטער... אַ קודרעוואַטער קאָפּ — — צאַפּלדיגע פינגער אי־בער ציטערדיגע סטרונעס — — פידל־קולות רחמימדיגע איבער אַ וויטער לאָנקע אין אַ פאַרכישופטן בין־השמשות — — און אויף דער לאָנקע — צוויי חדר־אינגלעך פאַרחלומטע... די סטאָינע ביים ויידן אין הויף — — האַרציגע געזאַנגען; אין דער טונקל — הדסל און ער — — און אויף דער ערד, פאַר זיינע פיס — אַ צעבראָכן פידעלע — דער גסיסה־קרעכץ פון אַן איבערגעריסענער סטרונע... נען... און ביי זיין זייט גאַפּט אין דער טונקל דער זיץ־פלאַץ וואָס איז געבליבן ליידיג... איז עס נאָך אַ געזאַנג וואָס איז געבליבן ניט־דערזונגען? נאָך אַ פידעלע אַ צעבראָכענע אין מיטן שפּילן?...

*

די פאַר־קריסטמאַסדיגע ערב־יום־טובדיגקייט איז געווען אין דער לופט. דידאָזיגע שטימונג האָט זיך אויך געלאָזט פילן צווישן די ווענט פון שפּיטאָל. בעטן האָבן זיך אַפּגעליידיגט. די טאָג־טעגלעכע געשפּאַנטע טעמפּאָ האָט נאָכ־

געלאָזט. די מיידלעך פון די קראַנקנשוועסטער־קורסן זיינען געווען פאַרנומען מיט דעקאָרירן די עס־צימערן און באַצירן די ווייַנאַכט־בוימער. דער גלי־קלוב האָט אויפגעלעבט מיטן איינזינגען פון קריסטמאַס קאַראָלס, און אינטערנס האָבן זיך פאַרגונען צו דערגענצן זייער שלאָף מיט אַ נאָכמיטאָגדיקן דרעמל. דאָקטער מק׳קאַרטי איז געווען אָוועקגעפאָרן אויף מיטווינטער־וואַקאַציע קיין פלאָרידאַ, און נעגנסין איז איצט אינגאַנצן ניט געווען צו זען אין שפּיטאָל. און איצט, מער ווי שטענדיג, האָט דיקענסן אויסגעפעלט איר נאָנטקייט; איצט, מער ווי שטענדיג, האָט איר ניט־זיין פאַר אים געוויקלט די טעג פון מיטווינטער־דיגער ווייסקייט אין טריבן גרוי... און ווי אַנדערש ס׳איז געווען מיט אַ יאָר צוריק, ווען זי האָט זיך געקליבן פאָרן אויף קריסטמאַס צו איר מוטער, און אין דער לעצטער מינוט האָט זי באַשלאָסן צו בלייבן מיט אים...

דער טאָג פון ערב־קריסטמאַס האָט ער דערהאַלטן פון טאָנין זיין יערלעכן יום־טוב־געשאַנק: אַ פלאַש באַנדראָלירטן קאָניאַק מיט אַ „מערי קריסטמאַס, קיד!״; אַ ווייַנאַכט־קאַרטע מיט אַ טשעק פון מק׳קאַרטין; און נאָכמיטאָג, ווען ער איז אַריינגעקומען צו זיך אין צימער, האָט ער געפונען אויפן טיש אַ גרינע שאַכטל מיט אַ רויטן באַנד אַרומגעשלייפט, און אַ בריוועלע ביי דער זייט:

„אין דעם יום־טוב פון פרידן און פאַרגעבונג זיינען מיינע ליכ־טיגסטע טראַכטונגען פון דיר, מיין וויק —
ג ע ן.״

ער האָט אויף דער מינוט זיינע אויגן ניט געגלויבט. זיין אָטעם איז נאָך געקומען קורץ, ווען פון דער אַנדער ענד פון טעלעפאָן האָט זיך דערטראָגן נענס וואַרעם קול —

— ס׳איז זייער גרויסמוטיג פון דיין זייט, גען.
— וואָהאַי, סילקי?
— כ׳האָב נאָר געדענקט... אונטער די אומשטענדן...
— דאָס איז איצט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, וויק.
— זאָל איך עס אָננעמען אַז——
— זיכער, וויק! איכ׳ל דיר זען היינט אָוונט...

דער אָוונט איז געווען אַ לויטערער, אַ שמייכלענדיגער. אַ ווייכער שנייעלע האָט זיך געזיפּט, האָט באַזוימט די קאַרניזן פון הייזער און פענצטער־שוועלן, און האָט געבעטן דעם וועג מיט ווייסן פּוך. אין דער בלענדנדיגער ווייסקייט איז געהאָנגען אַ צייטיגע יום־טוב־פרייד.

אָרעם־אין־אָרעם, מיט מונטערע טריט, האָבן זיי געשפּרייזט איבער די זייט־גאַסן וואָס האָבן געפירט צו פּעגיס וואוינונג. נענסיס פּנים איז געווען פריש מיט ווינט. אין אירע אויגן האָט געשימערט אַ וואַרעם פייערל. איר

געלעכטער האָט אָפּגעהילכט פולהאַלדזיג און קלאָר אין דער אָנגעקילטער לופט. פון די פענצטער האָבן אַרויסגעפינקלט קאָלירטע ליכטער פון ווייַנאַכט־בוימער און יום־טוב־קראַנצן. זיי האָבן אומישנע אָנגעלייגט וועג כדי איינצואָטעמען אין זיך די פריידיגקייט פון נאַכטיגן דרויסן. פאַר דער קאַטעדראַלע זייַנען זיי אַ ווײַלע שטיין געבליבן. די גאָטישע, באַהימלטע פענצטער זייַנען געווען באַגאָסן מיט אַן אויסטערלישער, באַשיידן־פרומער ליכט. דורך די אָפענע טירן האָט זיך פון־צייט־צו־צייט דערטראָגן דאָס געזאַנג פון קירכן־כאָר.

— איז עס נישט אַ שאָד וואָס מיר ביידע זייַנען אַזוי גלויבנסלאָז... — האָט דיקענס זיך אָנגערופן.

— ווען ענס דאגה! מיר האָבן איינער דעם אַנדערן.

— אַזוי וואויל איז צו אים וואָס גלויבט... — האָט דיקענס פאַרטראַכט פאַרגעזעצט. — אַזאַ נאַכט וועקט אַ גלויבן, אַזאַ נאַכט רופט צו תפילה...

נען האָט אַרויפגעקוקט צו אים און האָט זיך צעלאַכט:

— דו ווייסט, ס'איז ווירקלעך אַ שאָד וואָס דו האָסט זיך ניט אויסגעלערנט צו פאַרשפּיליען דעם קראַגן אויף הינטער. עס שיינט מיר אָפּט, אַז אין דיר איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ אידעאַלער פּריסטער... ג ל ו י ב ן אי ן ל ע ב ן, א י ן ז י ך — דאָס איז מיין אמונה.

— דו שטיפערישע זינדערן! — האָט ער פאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן צו איר, האָט איר אַ צי געטאָן צו זיך און האָט איר לייכט אַ קוש געטאָן אויף די שניי־פייכטע וויעס.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיטן פּאַרק. נאָר זיי ביידע איבערן וויס־געדעקטן שטח צווישן די איינזאַמע אַלעען פון שוואַרץ־אָנגעגאָסענע, אָנגעווינטערטע בוימער, מיט אויסגעפינגערטע, באַקעטע צווייגן אַנטקעגן אַ ווינטערדיקן הימל. דער שניי האָט זיך געקרישלט אונטערן טראָט. און אָנגעגליטע פון וויס־יום־טובדיגן דרויסן האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין נענסיס צימער.

פּעגי איז געווען אַוועקגעפאָרן אויף יום־טוב אַהיים, קיין אינדיאַנאַ, און זיי האָבן איצט געהאַט די סטודיאָ אינגאַנצן פאַר זיך. און אַזוי ליבלעך־וואַרעם, אַזוי היימיש־באַקוועם, איז דאָרט געווען. דער אַבאַזשור פון ווינקל־לאָמפּ האָט אויסגעפּאַכערט אַ מילדע ליכט. אין קאַמין האָט שפּילעוודיג געבערענט אַ פייערל. אויפן טישל זייַנען געשטאַנען די אָפּגעליידיגטע געשיר פון דעם מאָלצייט, וואָס נען האָט צוגעגרייט — אַ מאָלצייט פאַר צוויי. און זי איז געווען ביי זיין זייט, און זי איז געווען אַזוי נאָנט צו אים. אין די גלעזלעך — רויטער ווייַן, אין די אויגן — אַ פריידיג גלי.

— אַ יום־טוב־נאַכט, ווייַן, אַ פייערל אין קאַמין און —— דו... שווער זיך פאַרצושטעלן אַז מיר ביידע זייַנען געווען אַזוי לאַנג אָפּגעזונדערט.

— דאָס זייַנען געווען שווערע טעג, וויק.

— פאַר דיר אויך?...

— פאַר אונדזביידן. איך בין גליקלעך וואָס זיי זיינען אַוועק און דאַנק־באַר וואָס זיי האָבן געהאַט געקומען...

דער ווײַן האָט זיך אין איר צעשפּילט. זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל. דער פּייערל פון קאַמין האָט זיך געשפּיגלט אין איר באַלעבט פּנים. אירע ווערטער זיינען געקומען אויפגעבונדן, זאַרגלאָז:

— ...איך האָב זיך געשטעלט צום נסיון, וויק, און די טעג פון נסיון האָבן מיר אײַן זאַך געלערנט: אַז צווישן מיר מיט דיר שטייט עפּעס וואָס איז שטאַרקער פון אונדז ביידן — דיין באַרוף. אָבער דאָס איז דו, וויק, און ס'איז דיר וואָס איך בין געגרן. און ווי שפּאָר עס זאָלן ניט זיין די שעהן וואָס לעבן וועט אונדז שענקען צוזאַמען, וועלן מיר זיי פול מאַכן מיט דער פרייד פון אונדזער פריינדשאַפט, מיט דעם גליק וואָס איז נאָר אונדזערס...

— פרייד... גליק... ד ו. און מיט דיר אין מיין לעבן, שטייען פאַר מיר אַלע הימלען אָפן...

ער האָט איר שטאַרקער איינגעקלאַמערט אין זיינע אָרעמס. לייב האָט לייב אויסגעזוכט אין דער געמיטלעכער האַלב־טונקל פון צימער. אַ צעצווי־גענער גלאָקן־קלאַנג האָט זיך דערטראָגן פון דעם קאַטעדראַלע־טורעם. און אַרום זיי האָט זיך געוויקלט די וואַכע נאַכט, אין די איז אויפגעגאַנגען ליכטיגע פרייד — די פרייד פון צוריקגעפינען.

19

אַנדאַנטע קאַנטאַבילע

דרויסן איז געשטאַנען אַ ליכטיגער פרילינג־טאָג. דער אָנהויב־פרילינג־דיגער אומרו האָט אַריינגעדרונגען צווישן די ווענט פון שפּיטאָל. אין דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג אין מען פאַרטיג געוואָרן פאַרפרי. דאָקטער מק'קאַרטי איז געווען באַזונדערס גוט אויפגעלייגט.

— ווילסט זיך דורכפאָרן, דיק? כ'האָב אַ קאָנסולטאַציע־באַזוך צו מאַכן אויף דער סאַוט־סייד. כ'וועל דיר ברענגען צוריק.

— געפעלט ביי מיר, שעף.

— אָלרייט, גיי וואַרף זיך אַרויס פון די פּאַדזשאַמעס און לאָמיר פאָרן.

דער לימוזין האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פאַרמעגלעכער הויז פון אַלט־געזעסענעם געבוי אויף דרעקסעל בולוואַרד.

— איכ'ל וואַרטן פאַר אייך אין אָטאָמאָביל, שעף.

— דו'סט שוין גאָרניט וואַרטן אין אָטאָמאָביל; דו גייסט שוין דווקא אַריין מיט מיר. נאָר געדענק: האַלט פּאַסאָן און זע אויסצוקוקן קלוג...

דער פאַמיליע־דאָקטער האָט דאָרט געוואַרט. דאָקטער מק'קאַרטי האָט, אין דער אָנוועזנהייט פון די מיטגלידער פון דער פאַמיליע, פאָרגעשטעלט פאַר אים דיקענסן:

— מיין געהילף, דאָקטער דיקענס.

דער קאָנסוליום האָט ניט לאַנג געדויערט. די סימפּטאָמען זיינען געווען צו־דייטלעך: געדערים־פאַרשלוס. דער פאַמיליע־דאָקטער האָט זיך געפילט געשמייכלט: דאָקטער מק'קאַרטי האָט באַשטעטיגט זיין טענטאַטיוון דיאַגנאָז.

— וועלל, ווי איז דיר געפעלן מיין פאָרשטעלן דיר, יונגערמאַן? — האָט מק'קאַרטי אים געפרעגט, ווען זיי זיינען געווען אויפן וועג צוריק צום שפּיטאָל.

— זייער געפעלן, שעף; הלוואי וואָלט עס נאָר אמת געווען.

— וואָלסט עס געוואָלט?

— צי איך וואָלט עס געוואָלט?!

— טאָ פאַרוואָס האָסטו גאָרניט געזאָגט וועגן דעם? דאַרפסט וויסן זייַן, יונגערמאַן, אַז דו לעבסט אין אַ וועלט, אין וועלכער, אויב דו פאָדערסט ניט דיינס, וועט עס דיר קיינער אויף קיין טעלערל ניט אונטערטראָגן; און אויב פאָדערן העלפט ניט, מוזטו קעמפן פאַר דעם... וועלל, ס׳איז דיר אפשר ניט צו פאַרדענקען: דו מוזט אודאי וויסן וואָס פאַר אַ לא־יוצלח דו ביזט, און אַז פון דיר ׳עט שוין קיין לייט ניט זייַן, קיין כירורג — אודאי ניט. איך בין אָבער גרייט צו איינשטעלן אויף דיר... שפּאָס אָן אַ זייט, דיק. די סיטואַציע איז איצט אַזוי: ענדי, גלויב איך, ׳עט מיר איניכן פאַרלאָזן. ער גייט אַרויס פאַר זיך. איך דענק אַז ער איז גרייט פאַר אַזאַ שריט, און איך האָב עס אים גאַנץ אָפן געזאָגט. דער יונג איז געווען מיט מיר לאַנג גענוג, האָט געאַרבעט פלייסיג און איבערגעגעבן, האָט זיך זייער פיין אַנטוויקלט, און ס׳איז ניטאָ קיין אורזאַך פאַרוואָס ער זאָל ניט זיין דערפאָלגרייך. ער האָט עס זיכער פאַר־דינט... און וואָס אַנבאַלאַנגט דיר — וועלל, אויב דו האָסט ניט קיין אויס־זיכט אויף עפּעס בעסערס——

— עפּעס בעסערס?! איך קאָן מיר ניט פאָרשטעלן אַז אימעצער זאָל זיך ווינשן עפּעס בעסערס...

— איך האָב נאָר געדענקט, אפשר האָסטו אַנדערע פּלענער; אפשר וויל־סטו זיך צוערשט איבערלייגן. דו ביזט אַ מאָדנער פויגל אין די היגזיכטן. אַלענפאַלס, איך האָב גערעכנט, אַז ס׳וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט צו דורכריידן זיך מיט דיר. וועגן דער פינאַנציעלער זייט, גלויב איך, אַז מיר וועלן זיך ווי־ס׳איז פאַרשטענדיגן, וואָס? איך ווייס, דו האָסט געוויסע פאַר־אַנטוואָרטלעכקייטן צו דייניגע אויף יענער זייט ים; דו אַליין דאַרפסט אויך לעבן. ווי ס׳זאָל ניט זיין, מיר׳ן דיר ניט לאָזן פאַרהונגערט ווערן. איך בין נאָך אַלץ חושד, אַז אפשר האָסטו פּאַרט עפּעס אין זיך וואָס מ׳וואָלט געקאָנט פאַררעכענען פאַר אַ מעלה... מיר׳ן זען אויסצוקומען מיט דיר... וואָס זאָגסטו, יונגערמאַן?

דיקענסן האָבן אויסגעפּעלט ווערטער —

— איך ווייס ווירקלעך ניט וואָס צו זאָגן, דאָקטער. עס איז זיכער אַ גרויסער מאָמענט פאַר מיר... עס זעט אויס ווי אַ חלום וועלכער האַלט ביים פאַרווירקלעכט ווערן... איר זענט שטענדיג געווען אַזוי פריינדלעך צו מיר, דאָקטער מק׳קאַרטי...

— אַלרייט, מיין יונג, נעם זיך צוזאַמען. מיר׳ן זען, ווי־ס׳איז, צו מאַכן אַ מענטש פון דיר. מיר׳ן זיך דורכמיטלען. ס׳איז אַ שווערער וועג — אַ וועג וועלכער פאָדערט אַ סך אויפּאָפּערונג, אַ סך מוט און זעלבסט־קאָנטראָל; עס האָט אָבער אויך זיינע באַפרידיגונגען, זיין זעלבסט־באַלוינונג. דער עיקר:

האַלט דעם נאָז אין דער הויך, יונגערמאַן — ד ע ם נ אָ ז א י ן ד ע ר ה ו י ך!...

אַרום האָט דער פרילינג־טאָג געשמייכלט אין זיין פולער זוניגקייט.

*

ער איז אַריינגעפאַלן אַן אַן אָטעם צו פעגין אין סטודיאָ. ביידע — זי און נען — זיינען געווען אין דערהיים.

— מיידלעך, ס'איז געבליבן נאָר איין זאַך צו טאָן: הייסן דעם אָטאָמאָביל־מעכאַניק אַריינצושפּריצן אַביסל לעבן אין אונדזערער „אַנדזשעלאַן", און — סקידו — אין וועג אַריין!

— וואוהין?

— וואוהין איר וועט נאָר הייסן! וואו עס'זאָל ניט זיין! — קיין קאַלי־פאָרניע, צום נאָרד פּאָל, אפילו צו דער שוואַרצער סאַוט, אויב איר באַשטייט! איינגעפּאַקט זיך און—— געפאָרן!

— וואָס איז די בהלה?! וואו איז די שרפה?!

— דער אַלטער וויל אַז איך זאָל זיך נעמען אַ פּאָר פרייע וואָכן ווען איך וועל פאַרטיג ווערן מיט מיין רעזידענץ־יאָר אין שפּיטאָל.

— דער אַלטער?! וואָס האָט ער צו טאָן מיט דעם?

דיקענס האָט זיך פאַרנייגט מעשה־אַקטיאָר, האָט אויסגעשטרעקט אַ פולע ברוסט, דעם גראָבן פינגער פאַרשטעקט אונטער דער פאַכווע:

— וועלל, מיינע דאַמען, איך וויל אַז איר זאָלט וויסן, אַז איר רעדט אַצינד מיט דאָקטער מק'קאַרטיס אַסיסטענט! פון דעם ערשטן יולי און ווייטער בין איך אויס ליאַדע־הויז־דאָקטער, נאָר דער געהילף צום גרויסן כירורג עדוואַרד ב. מק'קאַרטי.

פעגי איז אויפגעשפּרונגען, כלומרשט דערשטוינט:

— ווירקלעך?!

— דאָס וואָס איר הערט, מיין ליבע מיסס אָ'שאָנעססי.

— אָ מי, אָ מאַי! מעג איך דיר אָנרירן?

— דער כבוד איז אינגאַנצן דיינער.

נען האָט געמאַכט דעם אָנשטעל ווי די גאַנצע זאַך גייט איר גאָרניט אָן —

— וועלל, ווי עס ווייזט אויס, וועל איך דיר פון איצט־אָן כסדר האָבן אַרום זיך — אפילו דורך די אַרבעט־שטונדן אין אָפּיס.

— כ'האָף אַז דאָס וועט דיר ניט פאַלן צו־שווער, מיסס לערי.

— ס'זיינען מסתמא פאַראַן ערגערע זאַכן אין דער וועלט.

— איך אויף דיין פּלאַץ וואָלט אַזאַ געלעגנהייט פאַררעכנט פאַר אַ גליק.

— אַללרייט, לאָמיר עס איבערהיפּן!... ווען פאָרן מיר?

— צווישן דעם פופצנטן יוני און דעם ערשטן יולי. דענקסט אַז דו'סט קאָנען אויסווירקן ביים אַלטן דיין וואַקאַציע פאַר יענער צייט?

— מסתמא. סעי, מיט אַזאַ צד אין שיסל ווי דו, דאַרף איצט אַזאַ זאַך ניט אָנקומען שווער...

— אויף מיר האָסטו זיך גאָרניט צו פאַרלאָזן! דאָרט אין אָפיס הויב איך דיר ניט אָן צו קאָנען — פאַרשטאַנען, דו מאַלפּע־פּנים?... און מיט דיר, פּעג? — ווען זיך קאָנען אָוועקרייסן צו יענער צייט?

— טרעמפן — צו יעדער צייט!

— דאָס זיינען דבורים! און וואָס איז מכוח טאָמען? דו ווייסט, אויף צוויי פּרויען מיטאַמאָל קאָן איך זיך ניט צערייסן. איך בין ניט אַזאַ מאַידים...

— ער וועט דאָ באַלד זיין. איך גלויב אַז מיר'ן אים קאָנען איינריידן... אָבער וואוהין פאָרן מיר, דאָק?

— וואָס איז דער אונטערשיד וואו? דאָס לאַנד איז גענוג גרויס. נען וויל אַז מיר זאָלן זיך לאָזן אָנצוקוקן איר מלוכה — דעם דרום; לאָמיר איר צוליב טאָן און כאַפּן אַ קוק ווי עס זעט באמת אויס... וועלל, בלייבט עס באַשלאָסן אַז דעם פופצנטן יוני אין דעם יאָר פון אונדזער דערלייזער לאָזן מיר זיך אַוועק אויף גאָטס באַראַט. אַלע וואָס זיינען פאַר דעם פאַרשלאַג זאָלן זאָגן יאָ, דאַגעגן — ניין, די יאָ־זאָגער האָבן געזיגט און דערמיט פאַסירט! מייד־לעך, מיר זיינען שוין אַזוי גוט ווי אין וועג!

— סעי! — האָט זיך פּעגי דערמאָנט — אַזאַ וויכטיגע געשעעניש טאָר מען ניט לאָזן אַפּגיין מיט טרוקנס. דאָס פאָדערט זיך אָמווייניגסטן אַ גוטן טרונק. איך גיי גלייך אַריינברענגען באַנעצונג...

און ווי נאָר פּעגי האָט זיך אָפּגעטראָגן אין צווייטן צימער, זיינען נענס אָרעמס באַלד געווען אַרום דיקענסעס האַלדז; איר מיידלשער אָטעם האָט זיך וואַרעם געפּליגלט איבער זיין פּנים:

— דזשי, איך בין גליקלעך, אויב נאָר פון דיינטוועגן אַליין, וויק!... איך ווייס וואָס דאָס מיינט פאַר דיר, אַ יו סילי באַי...

די רייזע איז געווען אַ דערפאָלג. טאָם האָט צוגעשנורעוועט זיין צונויפ־געלייגטן געצעלט און אַנדערע לאַגער־קלאַפּערגעצייג צו די זייט־טרעפּלעך פון אָטאָמאָביל. פּעגי האָט „באַצירט" די אָטאָמאָביל־שויבן מיט אויפשריפטן „ראָיאַל טרעמפּס", „דער היילגער רייטוואָגן", „די וואַנדער־פויגל", „די פריילעכע ציגיינער" און „אַנדזשעלאַ" האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די אָפענע וועגן ווי אַ טייוול אויף רעדלעך.

מ'איז ניט געווען קאַרג מיט צייט, מ'האָט אָנגעלייגט וועג אָנצושלאָגן פלעצער פון לאַנדשאַפטלעכן אינטערעס. זיי פלעגן איבערנעכטיגן אַמאָל אין אַ טוריסטן־לאַגער, אַמאָל אין דער אָפן. עס האָט זיך פאַר זיי געוויקלט לאַנד־שאַפט נאָך לאַנדשאַפט. מיט יעדער אויסבויג פון וועג האָבן זיך פאַר זיי

אַנטדעקט נייע דערשיינונגען, אייגנאַרטיגע נאַטור־שיינקייטן, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז אַזוי געבענטשט. פרימאָרגנדיגער נעפּל איבערן „הונגער־פּעלז"; זאַטע קאָרן־פעלדער איבער די אונענדלעכע פלאַכן פון אילליגאַי; פרומע ווערבעס איבער די שאַטנדיגע ברעגן פון דעם אָהייאָ; זונאונטערגאַנג איבערן וואַבאַש; בלויע גראָזן אין מיטטאָגיגער זוניגקייט איבער די אָפענע ברייטקייטן פון קענטאַקי; ענדלאָזע סטעפּן; פאַרטראַכטע ראַווינען; שלענגל־דיגע שליאַכן איבער אָטעם־פאַרכאַפּנדיגע הויכן; די פאַרהוילענע סודותדיגקייט פון באַיאָרנטע דעמבע־וועלדער...

ביים צופוסן פון די אַללעגעני בערג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט איבער־נאַכט צו באַגעגענען דעם זונאויפגאַנג אויף די בערג. זיי האָבן אויסגעלייגט אַ פעלד־פייער און האָבן געבראָטן ווינער וואורשטלעך. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, אַ מיטחודשדיגע. אינ'ם בלאַסן לבנה־שיין איז טאַם געוואָרן פילאָ־זאָפיש געשטימט:

— צו דענקען, אַז נאָר איין העלפט פון אונדזערע נעכט זיינען לבנהדיגע, און אַז אַ גאַנץ דריטל פון אונדזער לעבן זיינען מיר פאַרמשפּט צו פאַרברענגען אין בעט!...

— ביסט זיכער אַז דו מאַכסט ניט קיין טעות אין חשבון, טאָם?

— זאָל אפילו זיין אַז יאָ, אָבער אַ פאַרברעכן פונדעסטוועגן איז עס. מענטשן האָבן באַדאַרפט זיין מער אין דער אָפן. גיב נאָר אַ גוטן קוק: איז עס ניט שיין דאָ?!...

און ס'איז געווען שיין. פון איין זייט האָבן זיך שטאָלץ געהויבן די בערג מיט שאַרף־שאָטנדיגע, פאַנטאַסטישע קאָנטורן איבער זייערע טורעמדיגע אָפּזייטן; פון דער אַנדער זייט האָט זיך געמיט־לעך געשפּרייט דער פלאַך מיט זיין רחבותדיגער צעאָטעמטקייט און מאַניען־דיגע ווייסע וועגן; פון אויבן — אַ רואיגער, לויטערער הימל; אַרום — אַ שטילקייט וואָס רעדט; און אַנטקעגן — נעגס ליכטיגער פנים אין דעם אָפּגלי פון פעלד־פייער.

מיטן פריען באַגינען זיינען זיי געווען אויפן הויך־פּונקט פון בליו רידזש. בערג־שפּיצן האָבן זיך גערויטלט. טיפע פעלז־שפּאַלטן האָבן זיך איבערגע־גאָסן אין טיפע פורפור־פאַרבן. אונטן האָט דאָס פלאַכלאַנד זיך געטוליעט אין ווייכן אַזשור. ווייט אַראָפּ האָט זיך געזילבערט דער דזשיימס. נעגסיס אויגן האָבן אויפגעכאַפּט דעם ערשטן אויפשטראַל פון דעם ניי־געבאָרענעם טאָג.

און וואָס מער מ'האָט זיך דערנענטערט צום מזרח־ברעג, אַלץ שפּילעוודי־גער, אויפגעלעבטער איז נעגן געוואָרן, ווי אַ יונגע אינד ביים דערשפּירן דעם ערשטן אָטעם פון פרילינג...

נעגס מוטער האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענער זידלעכער גאַסטפריינד־

לעכקייט. דאָס הויז איז געווען אַ געראַמע, געבויט אין קאָלאָניאַלן סטיל. דאָס הויז האָט ווי געוואַרט אויף געסט; און דאָס הויז איז באַלד פול געוואָרן מיט בענסיס יוגנטלעכן וועזן, האָט אויפגעלעבט מיט איר פריידיגן געלעכטער. באַלד איז געקומען די אַלטע לאַרינאַ, בענס מעמי, האָט זיך געמאַכט היימיש און האָט געהאָלפן אויפפּאַסן אויף די געסט. נעך איז אַרויסגעלאָפן דרויסן צו זען זיך מיט איר גאָרטן. מאַנגאָליאַס האָבן דאָרט געבליט — ווייסע, פול־קנויליגע מאַנגאָליאַס, און פּוכקע ווי פריש־געפאַלענער שניי. בען איז געווען שטאָלץ מיט זיי, און האָט זיי געטוליעט ווי עופעלעך אין אירע אָרעמס. די אַלטע לאַרינאַ האָט פון דער וועראַנדע נאָכגעקוקט איר אומשפּרינגען צווישן די בוימער און האָט הנאהדיג אַרויסגעשמייכלט דורך ווייסע ציין.

— פונקט ווי געווען... דיזעלבע מיסס נען ווי געווען, גאָט בענטש איר קינדיש האַרץ!... איך קאָן איר נאָך איצט זען אַ פּיטשעניאַנטשיק מיידעלע אַרומלויפנדיג אַזוי איבערן גאָרטן... אַ מי, ווי די צייט לויפט!...

מיסעס לערי — אַ ווייך־פּנימדיגע, ליבהאַרציגע אַלטיטשקע מיט ספּריטנע באַוועגונגען — האָט ווי גאָרניט געקאָנט צו גענוג טאָן פאַר אירע געסט. זיי האָבן איר אַלע גערופן „מוטער". דאָס האָט איר הפּנים שטאַרק געשמייכלט, און זי האָט זיי באַהאַנדלט ווי היימישע, האָט זיי געטאַדלט ווי לייבלעכע קינדער; האָט זיך געקליגט איינטיילצונעמען אין זייער נאָכאַנאַנדיגן קאַטאַוועס־טרייב, און אירע זשוואַווע, פּקחותדיגע אויגן האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין זאַך אומ־באַמערקט. יאָ, זי האָט ווי־ס׳איז געקאָנט באַגרייפן די פאַרהעלטענישן צווישן טאָמען און פּעגין — כאָטש זי, אַ גאַטספּאָרכטיגע קאַטוילערן, איז דורכאויס ניט איינפאַרשטאַנען געווען מיט אַזאַ אויפפיר. ס׳איז נאָך אָבער געווען צו פאַרשטיין, מ׳האָט עס ווי־ס׳איז געקאָנט פאַרזען. אָבער דער וויק? — ער און נען?... עפּעס האָט זי זיך כלומרשט יאָ אָנגעשטויסן, עפּעס — ניט, נאָר דאָס וואָס האָט איר בעיקר געקימערט האָט זי ווי ניט געוואָגט צו באַפרעגן; און ווען זי האָט זיך שוין יאָ אָנגענומען מיט מוט און האָט, ווי דורך אַ הינ־טערוועג, געהאַלטן ביים דערפירן דעם שמועס צום עניך, איז די שטיפערישע נען איר שטענדיג פאַרלאָפן דעם וועג, און נאָך איידער זי האָט זיך אַרומגעזען, האָט זי שוין אַליין גערעדט וועגן אינגאַנצן אַן אַנדער זאַך... ניין, ביי די צווייַ איז גאָרניט געווען צו דערגיין... און מאַדנע: עפּעס אין דעם אידישן יונגמאַן איז איר פאַרט געווען צום האַרצן; עפּעס האָט זי דאָך געגליכן צו ריידן מיט אים; און זיין באַנעם צו איר, צו בענען... אַ, איר נען פאַרשטייט זיך אויף מענטשן. זי וועט זיך ניט לאָזן אין וועג אַריין מיט אַבי־וועמען. ער מוז אודאי זיין פון גוטן אָפּשטאַם. אָבער——

נישט דערפרעגט און ניט פאַרענטפערט, האָט זי, נאָך איידער דער ערשטער זונטיג איז אָנגעשטאַנען, שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז עס זיינען אפשר פאַראַן וואוילע מענטשן צווישן די נאָכפאָלגער פון ניט־קריסטלעכע אמונות

אויך. אַט איז דער וויק... און אפשר ׳עלן זיי נאָך מיט דער צייט דערזען די ריכטיגע ליכט...

און די טעג אין פּאָרטסמוט זיינען געווען פריידיק, פאַרגעניגנדיגע. מ׳האָט פאַרבראַכט לאַנגע שעהן ביים ברעג ים, מ׳איז געפאָרן מיטן פּראָם־שיפל קיין נאַרפאָלק, קיין ריטשמאָנד, מ׳האָט זיך געלאָזט מיט „אַנדזשעלאָן״ איבערן געגנט צו באַטראַכטן די דאָרטיגע לאַנדשאַפטן, די נעגער־קוואַרטאַלן. און אינטריגי־קענדיג אין זיך די זוניגקייט פון דעם דרום־לאַנד, איז דיקענסן אַ סך אין נענ־סיס ווען מער פאַרשטענדיג געוואָרן...

דעם וועג צוריק האָבן זיי געמאַכט דורך די ניי־ענגלאַנד־שטאַטן; האָבן באַזוכט פּלעצער פון היסטאָרישן באַטייט, וואַשינגטאָן, באָסטאָן, פילאַדעלפיע, און האָבן ווי מיט אַ כיוון אויסגעמיטן צו זיין אין ניו־יאָרק.

פּעגי איז אַרויסגעקראָכן פון אַטאָמאָביל נאָכשלעפּנדיג אַן אָפּגעזעסענע פוס, האַלטנדיג זיך ביי די היפטן:

— איכ׳ל שוין, ווייזט אויס, מוזן שלאָפן אַ היבשע צייט מיטן בויך־אַראָפּ... האַלב פון מייך הינטער־חלק איז ווי נישט מער מיינער... אָבער, באַי גאָללי, ס׳איז ווערט געווען! ס׳איז געווען איין לאַנגער יום־טוב! ווי פילסטו נאָך דער רייזע, דאָק?

— איך פיל אַז איך האָב אָקאָרשט אַנטדעקט אַמעריקע...

*

ס׳איז געווען מיט אַ געמישט געפיל פון פרייד און פאַרבאָרגענער באַדוי־ערונג וואָס ער האָט פאַרקליבן זיינע זאַכן פון זיין צימערל אין שפּיטאָל. צוויי יאָר!... פאַר צוויי יאָר צייט איז דאָ געווען פאַר אים היים... צוויי יאָר פון דויערהאַפטיגע איבערלעבונגען, פון איינדריקן און בעאָבאַכטונגען, וועלכע ער נעמט אַצינד מיט זיך מיט אין לעבן אַריין... ס׳איז געווען מאָדנע שווער צו שיידן זיך מיט די ווענט פון דעמדאָזיגן צימערל, מיט דער אייזערנער בעטל דאָרט אין ווינקל, מיטן טישל ביים פענצטער — ווי מיט זיי וואָלט ער דאָרט איבערגעלאָזט אַ טייל פון זיך, ווי פאַר זיי — און פאַר זיי אַליין — איז קלאָר געווען דער סך־הכל פון א סך טראַכטונגען זיינע... די וועלט אויסערן שפּיטאָל איז אים בשעת מעשה אויסגעקומען אַזוי פרעמד, קאַלט, ווען דאָ איז אַלץ געווען אַזוי נאָנט, אַזוי אינטים, אַזוי פאַרשטענדיג, זיכער. וואָס דערוואַרט אים דאָרט אין דער וועלט אויף יענער זייט שוועל? וואָס האַלט דאָרט גורל פאַר אים?...

— דו ווייסט אַמאָל קומען אונדז זען דאָ, עה, דאָק?

ס׳איז געווען דזשאָנס, דער אַלטער הויף־אויפזעהער, וועלכער איז געקו־מען אַרונטערטראָגן פאַר אים דעם געפּעק. דיקענס האָט זיך מיט אַ צאַפּל אָפּגעריסן פון פענצטער —

— אָ, געוויס, געוויס. איך וועל דאָ זיין גאַנץ אָפּט.

— איך קאָן גיין מיט דיר אין געוועט, אַז דו ביזט צופרידן וואָס דו ווערסט פּטור פון דעם פּלאַץ.

— אפשר... זיי גוט, דזשאָנס...

ער האָט ניט געקאָנט אַרונטערשלינגען דעם קלומפּ וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז.

זיין נאָמען אין גילדענע בוכשטאַבן אויף דער טיר פון מק׳קאַרטיס אָפּיס האָט אַרויסגערופן ביי אים דעם ערשטן שמייכל יענעם נאָכמיטאָג. אויף זיין שרייבטיש זיינען געשטאַנען צוויי בוקעטן בלומען: איינער — פון דעם שפּיטאָל פּערזאָנאַל, דער צווייטער — פון טאָני. נענסיס פּנים האָט אויפגעלויכטן יעדן מאָל וואָס זי האָט אים, אויף איר פּראָפעסיאָנאַל־מאָניערלעכן שטייגער, אַדרעסירט אַלס דאָקטער דיקענס. און מיט איר אַרום האָט די נייע סביבה באַקומען מער האַפט, טיפערן ממשות.

די אַרבעט מיט דאָקטער מק׳קאַרטין איז געוואַקסן אין אינטערעס, האָט פאַרכאַפּט זיין דמיון, האָט געוועקט אין אים גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות. ס׳איז געווען גוט צו פילן, אַז צו יעדער צייט שטייט הינטער אים אַ ריז, דער מייסטער־כירורג, וועלכער איז גרייט צו שטאַרקן זיינע הענט אין אַ צוויפלהאַפטיגן מאָמענט, צו פעסטיגן זיין טראָט אין דער געוואָגטער שליחות, צו לייגן אָפן פאַר אים די אָנגעזאַמלטע חכמה פון לאַנגיאָריגער דערפאַרונג. אונדערמידלעכער פליס און אויפריכטיגע איבערגעבנקייט איז געווען זיין אָפּענטפער אויף מק׳קאַרטיס צוטרוי צו אים.

צום סוף פון ערשטן יאָר האָט ער געהאַט צו זיין קרעדיט איבער אַ טוצן גרויס־אָפּעראַציאָנען, אַ טייל פון וועלכע ער האָט דורכגעפירט אונטער מק׳קאַרטיס אויפזיכט, און אַ טייל — אויף זיינע אייגענע אחריות. אונטער פאַרשידענע אויסריידן, פלעגט מק׳קאַרטי, אין דער לעצטער מינוט, אים איבער־געבן די דורכפירונג פון דער אָפּעראַציע און פלעגט אַליין ניט ווערן. נאָר ווען דיקענס האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיגן די אָנפאַרטרויטע שליחות, פלעגט דער אַלטער פלוצים ווי אויסוואַקסן פון צווישן דער גרופּע בעאָבאַכ־טער —

— ניט שלעכט, מיין יונג — ניט שלעכט; אין אַ נויט, וואָלט איך געווען גענויגט צו זאָגן „גאָר נישקשה"... דו מוזט זיך אויסלערנען רודערן פאַר זיך, יונגערמאַן. ניט שטענדיג וועסטו מיר האָבן ביי דיין זייט...

צי ער איז יאָ געווען, צי ניט — זיין לייטנדיגן גייסט, זיין השפּעה, האָט דיקענס שטענדיג געפילט איבער זיך.

דאָקטער מק׳קאַרטי האָט, מיט דער צייט, אויסגעווירקט פאַר אים אַ באַשטימונג אַלס געהילף־לעקטאָר אין אוניווערזיטעט —

— וואָס די סטודענטן וועלן פון די אָפּלערנען ווייס איך ניט; אָבער

אין דעם בין איך זיכער, אַז דו אַליין וועסט דערוויל מוזן באַהאַלטן ווערן מיטן געגנשטאַנד...

און אונטער מק׳קאַרטיס לייטונג האָט ער ביסלעכווייז גענומען פילן דעם באָדן אונטער זיינע פיס. זיין לעבן האָט באַקומען אַ פולן אינהאַלט, אַ קלאָרן מיין. ער האָט געפילט זיין וואוקס דורך די פאַרנומענע שעהן. אָפּיס־שטונדן — שפּיטאָל — קליניק — פאָרשונג־ביבליאָטעק — מעדעצין־שול, און אין די פרייע אָוונטן — נעז.

דער צענטער פון זיינע מחשבות, צי ניין — האָט ער זיך אָבער ניט געקאָנט פאַרשטעלן אַז זיינע טעג זאָל האָבן געווען וואָס זיי זיינען אָן איר. ער האָט אָפּט געזען זיינע טעג ווי ליכטיגע אָפּשטראַלונגען, וועלכע ציען זייער יניקה פון די פרייַדיגע שעהן מיט איר צוזאַמען. און צוזאַמען זיינען זיי געווען אַלץ מער. זיי האָבן זיך געצויגן איינער צום צווייטן, זיי האָבן זיך צוזאַמענגעלעבט, און צייט האָט געשפונען אירע זינגענדיגע פעדים.

*

נעז מיט פעגין זיינען געווען פאַרנומען מיט צוקלייבן וויקטאָרס נייע וואוינונג. זיי האָבן ביידע פאַרשותפט זייערע קינסטלערישע כוחות אין מאַכן די אַטמאָספערע פון די מעבעלירטע צימערן מער היימלעך. זיי האָבן איבערגעשטעלט, איבערגעדרייט, צופאַרריכט, האָבן איבערגעלאָזט די שפּורן פון זייער מיידלשן באַריר אין צוגעבן אַ קלייניגקייט דאָ און דאָרט. ס׳איז געווען נעגס איינפאַל צו אַראַנזשירן, פאַר איין גאַנג, אַן איבערראַשונג־פאַרוויילונג צו דער געלעגנהייט פון וויקס געבורטסטאָג. פעגין איז די זאַך געפעלן געוועזן:

— ס׳איז אַ גוטער אויסרייד פאַר אַ פאַרוויילונג צו יעדער צייט...

דער אויסזיכט פון אַ הוליאַנקע האָט ווי צוגעגעבן אימפּעט צו אירע באַוועגונגען. די פאַלבן איבער די גאַרדינען, וועלכע זי האָט געהאַלטן אין הענגען, האָבן זיך אויסגעלייגט שטאַנדהאַפטיג און פול אונטער אירע פינגער. נעז האָט צורעכט געמאַכט דעם לעצטן אַבאַזשורל איבער די וואַנט־ליכטער. די אינדירעקטע באַלויכטונג, וואָס איז געפאַלן פון הינטער די אַבאַזשורן, האָט צוגעגעבן דעם צימער אַ געמיטלעכע זאַנפטקייט. זי האָט זיך אַ ווילע צופרידן אומגעקוקט איבערן צימער, האָט זיך פלוצים געטאָן אַ האַסטיגן וואָרף איבער דער ברייט פון דער טאָפּלטער בעט, און איז געבליבן ליגן אַ לענגערע ווילע מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, מיטן פּנים אַרויף —

— דזשי, איז עס ניט אייגענעם דאָ, קידאָ?! איך בין איינפאַך משוגע־פאַרליבט אין די צימערן.

— פאַרוואָס־דען קלייבסטו זיך איבגאַנצן ניט אַריבער אַהער? די בעט שיינט צו זיין גענוג ברייט...

— ס׳איז אפשר גאָרניט אַזאַ קרומער געדאַנק; מעגלעך אַז כ׳על נעמען דיין עצה און טאָן דאָס.

נענס אַרט ליגן אויפן בעט איז פאַר פעגין געווען מאָדנע אויפפאַלנד. זי האָט זיך אַ ווײַלע געשלאָגן מיט דער דעה, און איז באַלד אַרויסגעקומען מיט לשון:

— סעי, ווי איר צווײ באַנעמט זיך לעצטנס, וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז דו ביסט פאַרהייראַט צו דעם בחור.

נען האָט גלייכגילטיג אַרויפגעקוקט צו דער סטעליע —

— פון וואַנען ווייסטו אַז נישט?...

פעגי האָט זיך שיעור ניט אַראָפּגעקוליעט פון בענקל:

— וואָס?!

— דו׳סט מיר געהערט.

מיט איין שפּרונג איז פעגי געווען נעבן איר אויפן בעט און האָט איר איינגעקלאַמערט אין אירע שטאַרקע אָרעמס. —

— דו מיינסט עס ערנסט?

— שטויס זיך אָן.

— אַ דו קליינער טײַוול, דו! דו מיינסט צו זאָגן אַז——

— אפשר מער ווי דאָס...

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט יענעם בליק, אויף וועלכן נאָר פרויען קאָנען זיך פאַרשטיין.

פעגי איז געווען אויסער זיך:

— אַ נען! נען! דו נאַריש מיידל אײנע! איך קאָן דאָס גאָרניט גלויבן... ווען איז דאָס אַלץ געשען?

— ס׳איז געשען. און וויק האָט ניט געוואָלט אַז איך זאָל—— און אפשר האָב איך אַליין אויך ניט צו־שטאַרק געוואָלט דאָס צו טאָן... אַלענפאַלס, אונטער די אומשטענדן, האָבן מיר באַשלאָסן צו מאַכן עס לעגאַל: צווײ דאָלאַר דעם מאַגיסטראַט, און אַ מאַלצײַט אין אַ רעסטאָראַן ביי אַ טיש פאַר צווײ... אַ דזשוי, איך בין גליקלעך, קידאָ! — גליקלעך ווי אַ שוואַלב אין פרימאָרגן!...

מק׳קאַרטי האָט דעם „סוד" אויפגענומען אָן איבעריגער איבערראַשונג. ער האָט, ווי פון יוצא־וועגן, אַ מורמל געטאָן אונטערן נאָז מיט אַ תרעומתדיגן אָנשטעל:

— איך האָב זיך געזאָלט ריכטן אַז, פריער־אָדער־שפּעטער, וועט עפּעס אַזוינס געשען. באַזונדערס נאָך דעם ברוגז־שפּיל צווישן אייך ביידן אין יענעם פאַר־קריסטמאַס, איז אַלץ געווען צו דערוואַרטן... איך האָב זיכער גאָרניט געקאָנט טאָן צו פאַרמיידן דאָס... דער וועג פון אַלע שטערבלעכע...

אָבער באַלד איז ער צוריק געווען דער שטענדיגער מק׳קאַרטי, און דער ברייטהאַרציגער שמייכל האָט אויפגעשיינט אויף זיין פּנים:

— וועלל, איך בין באמת צופרידן וואָס ס׳איז געשען, און איך ווינש אייך אַלדאָס גליק אין דער וועלט, קינדער, — האָט ער זיי ביידן אַרומגענומען און וואַרעם צוגעדריקט צו זיך. — איך בין זיכער צופרידן צו זען אַז איר האָט זיך ביידע באַשלאָסן אויף אַ קלוגן שריט, און איך זע ניט אין קיין אורזאַך פאַרוואָס אייער צוזאַמענלעבן זאָל ניט זיין קיין דערפאָלג. איר זענט ביידע פאַרשטענדיג, דערוואַקסן גענוג צו פאַרשטיין דאָס לעבן, און איך האָף אַז איר וועט ביידע גליקלעך זיין... דו האָסט געקראָגן אַ וואויל מיידל, דיק. זי פאַרדינט גוטע באַהאַנדלונג, און איך ווייס אַז דו קאָנסט עס באַוויזן... ער איז ניט דאָס ערגסטע וואָס דו האָסט זיך געקאָנט אויסקלייבן, מיסס לערי. נאָך אַלעמען, אַן אַלטע מויד ווי דו האָסט קיין בעסערס ניט געטאָרט דערוואַרטן... אגב־אורחא, ווי ביסטו אין קאָכן? דו ווייסט: דער וועג צו אַ מאַנס האַרץ איז דורכן מאָגן... האָסט אודאי געלאָזט וויסן דיין פאָטער וועגן דעם, דיק?

— דערווייל נאָך ניט, שעף.

— דענקסטו ניט אַז דו וואָלסט עס באַדאַרפט טאָן, מיין יונג?

— ער וועט וויסן באַצייטנס.

20

טריט אין דער נאַכט

נען האָט אָנגעהאַלטן די שטעלע ביז זי האָט איינגעאיבט אַן אַנדער קראַנקן־שוועסטער אויף איר פּלאַץ. זי האָט זיך געפילט פריקרע צו דאַרפן אַנטבונדן ווערן אין דעמזעלבן שפּיטאָל וואו זי האָט געאַרבעט און האָט געקאָנט אַלע קראַנקנשוועסטער. זי האָט עטלעכע מאָל אויסגעדריקט איר באַגער אַז דאָס קינד זאָל געבוירן ווערן אין דער סאַוט —

— איך ווייס אַז ס'איז נאַריש, וויק, אָבער איך פּיל אַז דאָס וועט מיר מאַכן אַ סך גליקלעכער.

— דיין וואונש איז באַגנעדיגט, לייטזעליגע יונגפרוי; — האָט וויק זיך פאַרנויגט פאַר איר אין אַ שעקספּעיריען בינע־פּאָזע, — מיר'ן זען אַז דו זאָלסט זיין באַצייטנס אין דערהיים...

דאָקטער מק'קאַרטי האָט רעקאָמענדירט אַ באַוואוסטן אַקושאָרן־דאָקטער אין נאָרפאָלק, דאָקטער בראַיען, צו באַהאַנדלען נענסין. דיקענס האָט זיך געשטעלט מיט אים אין פאַרבינדונג. דאָקטער בראַיען האָט געראַטן אַז נען זאָל זיך געפינען אונטער זיין אויפזיכט אַמווייניגסטן זעקס וואָכן פאַר דער אַנטבינדונג־צייט. נען האָט זיך געפילט אויסערגעוויינטלעך גוט דורך דער גאַנצער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט, איז געווען אויפגעלייגט, אַקטיוו, און איר פיגור האָט זיך ווייניג־וואָס געענדערט.

— איז עס ניט וואונדערבאַר, וויק טייערער, וואָס איך האָב ניט אפילו קיין מאָרגן־קראַנקהייט און פיל זיך ניט שווער, ווי אַנדערע?

— אָ, דו ביזט שטענדיג געווען אַן אויסנאַם, ליבסטע. און ווי פילט ער?

— ס'איז אַ זי, וויק — אַ קליינע, בלאָנדע זיעלע. איך האָב שוין זאָגאַר ראָזע לייבעלעך און צודעקלעך פאַר איר צוגעגרייט... דזשי, ס'איז אַזוי וואונדערבאַר!...

דער אַקושאָרן־דאָקטער אין שיקאַגאָ, וועלכער האָט איר צייטווייליג באַהאַנדלט, האָט איר געפונען אין אַן אויסערגעוויינטלעכן גוטן פיזישן צושטאַנד.

— זי וועט ניט האָבן קיינע שוועריגקייטן; — האָט ער פאַראויסגעזאָגט — מיט אַזעלכע פּאַציענטן ווי זי, וואָלט די אַבסטעטרישע פּראַקטיקע געווען אַ טאַנץ...

נען איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג ווען זי האָט געהאַלטן ביים אָפּפאָרן פון שיקאַגאָ. דעם אָוונט פאַר איר אָפּפאָר האָט זי אַראַנזשירט אַ קאַבאַרעט־פּאַרטי מיט זייערע נאָנטע פריינט, פּעגי און טאָם אַריינגערעכנט. נען איז געווען באַזונדערס אויפגעלעבט יענעם אָוונט און האָט אויסגעזען יונ־גער, בליענדיגער ווי שטענדיג. וויק האָט איר געפּרוּווט אָפּהאַלטן פון טאַנצן צופיל, אָבער נען האָט זיך געלאָזט אין פולן שוואונג. זי האָט ווי ניט געקאָנט צו געניג זיך אָנטאַנצן דעם אָוונט, האָט ווי ניט געקאָנט איינטרינקען אין זיך גענוג פריידיגקייט. זי איז באַשטאַנען צו מאַכן די רייזע אין אַ לופטשיף.

— זי וועט זיין אָדער אַ טענצערן אָדער אַ לופטפליערן, וויק.

— דו האָסט שוין אפילו אויסגעקליבן אַ קאַריערע פאַר איר, ווי איך זע. ביסט אַ טשיקאַווע מיידל, נען...

נענס מוטער האָט זיי אָפּגעוואַרט אין נאַרפאָלק. דיקענס האָט פאַר זיי דאָרט געדונגען אַן אַפּאַרטמענט אין אַ האָטעל, ניט ווייט פון שפּיטאָל אין וועלכן נען האָט געזאָלט געלעגן ווערן. ער האָט אַנגאַזשירט אַ געניטע קראַנקנשוועסטער, האָט געמאַכט אַלע נויטיגע באַשטעלונגען אין שפּיטאָל. ער האָט זיך געזאָלט צוריקקערן קיין נאַרפאָלק אַרום דעם ערשטן מאַי — בערך אַ וואָך צייט פאַר דעם אויסגערעכנטן אָנטבינדונג־דאַטום.

סוף אַפּריל, אין אַן אָוונט, האָט ער געקראָגן אַ טעלעגראַמע פון דאָקטער בראַיענען, אַז נען איז אין שפּיטאָל מיט וואָס עס שיינט צו זיין געבורט־ווייען. ער האָט באַוויזן צו קריגן אַן עראָפּלאַן קיין וואַשינגטאָן, און פון דאָרט האָט ער מיט אַ שנעלצוג דערצויגן קיין נאַרפאָלק. נען איז שוין געווען אין שפּיטאָל אַ גאַנצן מעת־לעת. זי האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט. זי האָט אויסגעזען גוואַלדיג אויסגעמאַטערט. די ווייען זיינען איצט געקומען וואָס אַמאָל שטאַרקער, אָפטער. מילדע נאַרקאָטיקס האָבן ניט געווירקט צו לינדערן אירע שמערצן. דאָקטער בראַיען האָט פאַראָרדנט גאַז־אַנאַלגעזיאַ ווען די ווייטאָגן זיינען אַמשטאַרקסטן. מיטן אָנקום פון יעדן ספּאַזם פלעגט זי אָנכאַפּן וויקטאָרס האַנט, פלעגט איינקלאַ־מערן אירע פינגער אַרום זיין געלענק און פלעגט מיט דער מורא פון דערוואַר־טונג אויסשרייען:

— עס קומט!... עס קומט!... גיט עס מיר — עס קומט!...

דער אינטערן פלעגט אויפשנעל אַרויפטאָן די גאַז־מאַסקע אויף איר, טאָן אַן עפּן דעם קראַן אין דער גאַז־מאַשין; נען פלעגט איינאָטעמען מיט פולע, ציטערדיגע לונגען, און באַלד פלעגט איר ברוסט נאָכגעבן:

— אָ דזשי, וויק! ווי לאַנג וועט עס נאָך דויערן?

— ס'וועט אינגיכן פאַראיבער, נען טייערע. זיי בראַוו, מיידל.

— איך וויל זיין בראַוו, אָבער אַזוי לאַנג... ווי לאַנג וועלן זיי מיר לאָזן אַזוי ליידן?!...

— איינגיכן, נען — גאָר איינגיכן, טייערע.

— אָבער איך קאָן שוין לענגער ניט אויסהאַלטן — איך קאָן ניט!... דזשי, און איך האָב אַזוי גוט געפילט די גאַנצע צייט; איצט דאַרף איך אַזוי שווער באַצאָלן פאַר דעם אויף איינמאָל... פאַרוואָס טוען זיי עפּעס ניט פאַר מיר?! פאַרוואָס—— גיט עס מיר! — גיט עס מיר שנעל!...

די מאַסקע — אַ טיפער איינאָטעם — די קראַנקנשוועסטער ווישט איר אַרום דעם קאַלטן שוויס. נען קאָן קוים האַלטן די אויגן אָפן. זי פּרואווט זיך קאָנטראָלירן, אָבער פון צייט־צו־צייט ברעכט זי זיך צוזאַמען און לאָזט אַרויס אַ גרילציג געשריי און בלייבט ליגן ווי פאַרחלשט.

אַרום פיר נאָכמיטאָג האָבן די ווייען מיטאַמאָל נאָכגעלאָזט. זי איז לייכט איינגעשלאָפן. איר לייב האָט געציטערט אין שלאָף. אין אַ שטונדע אַרום האָט זי זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ווילד געשריי. די ווייען זיינען געקומען איינע נאָך די אַנדערע, אַז זי האָט קיין געלעגנהייט ניט געהאַט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם אין צווישן־צייט. זי האָט אָנגעהאַלטן די נאָז־מאַסקע מיט בײדע הענט. דאָקטער בראַיען האָט ניט אָפּגעטראָטן פון איר צימער.

— באַרואיק זיך, יונג מיידל; נאָך איין קורצע ווײַלע.

— טוט עפּעס פאַר מיר, דאָקטער בראַיען! לאָזט מיר ניט מער ליידן — איך קאָן עס ניט מער אַריבערטראָגן!...

— מיר טוען אַלץ וואָס מ'קאָן פאַר דיר, מיסעס דיקענס. דו, אַלס אַ קראַנקנשוועסטער, דאַרפסט וויסן אַז מ'מוז אַביסל צוליידן.

— אָבער——

אָבער נען איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַן אַנדער פּאַראָקסיזם. זי האָט זיך מער ניט געקאָנט קאָנטראָלירן.

זעקס דרייסיג איז זי געווען אויפן אָנטבינדונג־טיש. דיקענס איז געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג ווען מ'האָט נענסין אַהין אַריינגעוועגלט. דאָקטער בראַיען האָט אים אַריינגערופן אינעווייניג. ער האָט זיך קוים דערוואָרט ביז זי איז באַווירקט געוואָרן פונ'ם שלאָפגעטראַנק און האָט דערהערט יענעם גוט־באַקאַנטן, רעגלמעסיגן אָטעמען.

— צוואַנגען!...

דאָקטער בראַיען האָט געאַרבעט געשיקט, מיט פאָרזיכטיגער, אויסגעאיבטער שנעלקייט פון אַ לאַנגיאָריגן פאַכמאַן. אַ קאָפּ — אַ שולטער־געלענק — דאָס ניי־געבוירענע עופעלע איז באַלד געווען ביי דער קראַנקנשוועסטער אין די הענט. דיקענס האָט אין זיך ניט געקאָנט דערוועקן קיין שום געפיל צו דעמדאָזיגן צוקנייטשטן נפשל, צו וועלכן ער האָט געזאָלט זיין אַ פאָטער. אַלע זיינע חושים זיינען געווען פאַרנומען מיט נענען.

— אַ סטימולירונג־אײַנשפּריץ — שנעל!...

נענס אָטעם איז געקומען פאַר אַ ווילע פּלאַך, וויט.

— מער אָקסידזשען!...

זי האָט באַלד צוריקגעוואונען איר פולן פּולס. איר אָטעמען איז געקומען מער רעגלמעסיג. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרפּייניגט קינד.

— זי האָט געהאַט אַ שווערן האָבן, — האָט דאָקטער בראַיען זיך אָנגערופן צו דיקענסן, אַרונטערנעמענדיג די מאַסקע; — זי איז אַלרייט איצט.

דיקענס האָט אים וואַרעם געדריקט די האַנט:

— זייער געשיקטע אַרבעט, דאָקטער בראַיען!

— אַ דאַנק, דאָקטער דיקענס, און קאָנגראַטולירונג!

— איך דאַנק אייך האַרציג...

ער האָט אַרונטערגעוואָרפן פון זיך דעם ווייסן כאַלאַט און האָט זיך געלאָזט גיין צו נענסיס צימער. די טיר איז געווען צוגעמאַכט. די קראַנקנשוועסטער איז באַלד אַרויסגעקומען פון אינעווייניג —

— איר קאָנט אַריינקומען, דאָקטער.

— איז זי געקומען צו זיך?

— ניט אינגאַנצן, דאָקטער — נאָך אַביסל פאַרשלעפערט.

אין צימער איז געווען האַלב־טונקל. נענסי איז געלעגן באַוועגלאָז אונטערן שטייף־איינגעצויגענעם, פאַרזיכטיג־אויסגעלעגטן איבערדעק. איר פּנים איז געווען בלאַס, אויסגעמאַטערט. אירע אויגן־ברעמען זיינען געווען אַרונטערגעלאָזט. ער האָט זיך איינגעבויגן איבער איר און האָט איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט ווי פאַרשיכורט אויפגעריסן די אויגן און האָט אים אָנגעקוקט באַשטירצט.

— ס'בין איך, נען טייערע.

— אַ, ליבסטער... איז עס ווירקלעך פאַראיבער?

איר קול איז געווען אויסגעזויגן, מאַט.

— אַלץ איז פאַראיבער, טייערע. ווי פילסטו, קינד?

— אַלרייט. דזשי, כ'קאָן קוים גלויבן אַז ס'איז ווירקלעך פאַראיבער. און דאָס קינד?

— פיין! דו ביסט אַ מוטער פון אַ וואונדערבאַר־שיין קינד, נען טייערע.

— וואָס איז עס?

— אַ אינגל. אַנטוישט?

אַ שמייכל האָט זיך געמיט דורכצוברעכן אויף אירע פאַרשמאַכטע ליפּן. זי האָט אַ וואַקל־געטאָן מיטן קאָפּ —

— ב"ניך. איך בין צופרידן וואָס ס'איז אַ אינגל. כ'האָב אויסגעקליבן אַזאַ שיינעם נאָמען פאַר אים.

— וואָס איז עס?

— דער שענסטער נאָמען אין דער וועלט.

— מעג איך וויסן?

— ס'איז מיין סוד.

— דאָך?

אַ בליענדיגע מוטערלעכע צערטלעכקייט האָט זיך צעשפילט אין איר בליק —

— וויקי — וויק איז דער נאָמען. געפעלט עס דיר, ליבסטער? אָה, איך בין משוגע־פאַרליבט אין דעם נאָמען.

— וויקטאָר לערי דיקענס... אַ קליין מענטשלע מיט אַזאַ לאַנגן נאָמען!... אַ, דו ביסט אַ טייערס, נען — האָט ער זיך אַ ציי־געטאָן און האָט איר ליידנשאַפטלעך אַ קוש געטאָן אויפן מויל — דו ביסט שטענדיג געווען אַ טייערס, נען ליבסטע.

— איז אַלץ מיט אים — מיטן קליינעם וויקין — אין אָרדענונג?

— אַלץ, נען טייערע.

— ווירקלעך? קיין זאַך ניט דער מער מיט אים?

— קיין זאַך, טייערע. נאָרמאַל אין יעדן הינזיכט.

— דזשי, ס'גלויבט זיך מיר קוים... כ'האָף נאָר אַז כ'האָב זיך ניט גע־מאַכט צופיל צום נאַר.

— וואָס מיינסטו, נען?

— מיין באַנעם אין דער אַנטבינדונג־אָפטיילונג. כ'האָף אַז כ'האָב זיך ניט באַנומען ווי אַ צעפיעשטשעט קינד.

— אָ, ניין. דו ביסט געווען אַ בראַוו מיידל, קינד. איך בין ווירקלעך שטאָלץ מיט דיר.

— אויף מיין ערנוואָרט, כ'האָב זיך ניט געקאָנט העלפן, וויק. ס'איז געווען אַביסל צופיל.

— דו דאַרפסט זיך ניט פאַרענטפערן, נען ליבסטע. כ'ווייס, דו'סט געהאַט אַ שווערע צייט.

— ס'איז שווער אַרויסצוגעבן. ס'איז געווען אַזוי——

— רייד ניט מער פון וואָס ס'איז געווען, מיידל: דענק נאָר פון וואָס ס'וועט זיין, פון וואָס ס'איז איצט. און איצט ביסטו אַ שטאָלצע מוטער פון אַ קליין מענטשעלע.

נענסי האָט געשוויגן. זי האָט, ווי פאַרשעמט, אָפּגעקערט דעם קאָפּ אויף אַ זייט —

— לאָז מיר אויף אַ ווײַלע אַליין, ליבסטער, — האָט זי אַרויסגערעדט אין אַ געבראָכן קול; — איך האָב אַ מאָדנעם געפיל... איך פיל ווי צו וויינען... לאָז מיר נאָר פאַר איין מינוט...

איר פנים האָט זיך אַ בראָך געטאָן. טרערן האָבן זיך אַרונטערגעגליטשט איבער אירע שלייפן.

דיקענס האָט איר אָנגעקוקט דערשטוינט. ס'איז געווען ס'ערשטע מאָל וואָס ער האָט געזען נענסין וויינען.

— נעין, נעין טייערע... — האָט ער איר געפּרוּווט אײַנבעמען — דו בראַוו מיידל וואָס דו ביסט. באַרואיג זיך, נעין קינד...

ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני און האָט געקושט איר האַנט. נעין האָט מיט שוועריגקייט באַפרייט די אַנדערע האַנט פון אונטערן צודעק און האָט געגלעט זיין קאָפּ —

— פאַרדענק מיר ניט, ליבסטער. איך בין ניט אויסן געווען צו באַנעמען זיך ווי אַ שוואַכלינג. נאָר עפּעס——

די קראַנקנשוועסטער איז אַריינגעקומען און האָט איר אונטערבראָכן —

— ס'טוט מיר לייד, דאָקטער; נאָר דאָקטער בראַיען האָט שטרענג באַפוילן אַז מאַדאַם זאָל ניט פיל ריידן.

— גערעכט, מיסס; מיין טעות.

— אַ דאַנק, דאָקטער.

נענסי האָט אַרויפגעקוקט צו אים דערשראָקן —

— איז וואָס דער מער מיט מיר, וויק?

— גאָרניט, ליבסטע; נאָר דו מוזט האָבן רו. האָסט געהאַט אַ שווערן טאָג, קינד.

— און דו זעסט אויס אַזוי מיד... אַ, דזשי! פאַרוואָס האָט אַלץ ניט געקאָנט צוגיין ווי עס באַדאַרף צו זיין?

— אָבער אַלץ איז צוגעגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין, נעין. וואָס מאַכט דיר צו דענקען אַז ניט?

— אַלץ. איך האָב זיך געמאַכט צום נאַר, און איצט בין איך אַזוי מיד... אַזוי מיד...

— נו גענוג גערעדט פאַר אַ קראַנק מיידל... אַט אַזוי... מאַך די אויגן צו און שלאָף־איין; שלאָף־איין, קליין וויקיס מאַמעלע...

אונטערן צערטלען פון זיין האַנט איז זי רואיג איינגעשלאָפן. די קראַנקנשוועסטער האָט איר פאַרזיכטיג איינגעדעקט און האָט פאַרטונקלט די עלעקטרישע ליכט. דיקענס האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול און האָט זיך צוגעקוקט צו דער שלאָפנדיגער נענסין. זי האָט אויסגעזען קליין, אָפּגעצערט, ווי אַ קינד — אַ קינד וואָס האָט אַ קינדעלע געהאַט... ער האָט איצט דערפילט די מידקייט פון די אָנגעשטרענגטע שעהן. די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט. ער האָט זיך שטילערהייד אויפגעהויבן צו פאַרלאָזן דעם צימער. די קראַנקנשוועסטער האָט פאַר אים געעפנט די טיר.

— גיט גוט אַכטונג אויף איר, מיסס; זי האָט היינט אַ סך דורכגעמאַכט.

— יעס, דאָקטער.

— אַ גוטע נאַכט.

די קילקייט פון נאַכטיגן דרויסן האָט אים דערפרישט. נאָך אַ גאַנצן מעת־לעת אין דער האַרבליכער שפּיטאָל־לופט, האָט ער איצט איינגעזויגן דעם דערקוויקנדיגן אָטעם פון דער אָנהויב־זומער־נאַכט מיט פולער ברוסט. די גאַס איז געווען ליידיג. ער האָט באַשלאָסן צו דורכשפּאַצירן זיך ביז צום האָטעל. אין דער אַרומיגער שטילקייט פון דער איינגעדרעמלטער גאַס האָט זיך געהערט דער אָפּהילך פון זיינע טריט. זיי זיינען געוואָרן וואָס־אַ־ווײַלע מונטערער, זיכערער: „אַ זון... אַ נייער דור... דער אָנהויב פון אַ נייעם עפּעס, — ד ע ר אָ נ ה ו י ב פ ו ן ז י ך... אַ געלונגענער בלוטן־צוזאַמענגוס — די פאַרלייקענונג פון ראַסן־אָפּגרעניצונגען צווישן מענטשן־קינדער... אַ נייער דור — דער דור פון מאָרגן...“

*

די אַלטיטשקע האָט זיך נאָך גאַנץ פרי שטילערהייד אַרויסגעשאַרט פון האָטעל. דיקענס האָט איר שוין געטראָפן זיצן אין נענסיס צימער. אירע גרין־בלויע אויגן האָבן געפינקלט קוקנדיג אויפן קינד ביי נענסיס זייט.

— האָסט אַ שיינעם יונג, זון.

— אַ דאַנק, מוטער.

— איך האָב שטענדיג געבעטן גאָט אויף אַ אינגל, אָבער דער אַלמאַכטיגער האָט מיר הפּנים ניט געפונען ווירדיג פאַר אַזאַ זאַך. איר, קינדער, זענט מזלדיגער.

— ווי עס זעט אויס, האָט איר זיך ווייניג־וואָס געגאַרט מיט דער טאָכטער אייערער, מוטער... — האָט דיקענס אָפּגעענטפערט, איבערווינקענדיג זיך פון דער זייט מיט נענסין.

— ווער זאָגט עס דען אַז כ'האָב זיך געגאַרט? גאָט באַוואָר! איך האָב זיך גאָרניט צו באַקלאָגן אויף איר. אינגלעך אָבער זיינען בעסער... אָה, ער וועט זיין אַ יונג אַ גבר — פונקט ווי זיין עלטערפעטער פּיט, רוען זאָל ער אין פרידן. געדענקט מיינע ווערטער: פונקט ווי זיין עלטערפעטער פּיט!...

— הערסט וואָס די באָבע זאָגט? — האָט נענסי זיך אָפּגערופן צום עופעלע — דו וועסט זיין אַ יונג אַ גבר. אַ, דו קליינער ליבלינג, דו! דו קליין ליב מענטשעלע וואָס דו ביסט!...

זי האָט מיט צערטלעכער ליידנשאַפט דורכגעפּירט איר האַנט איבער דאָס ראָז־הויטיג פּנימל פון ס'עופעלע ביי איר ברוסט, ווי מ'באַרירט אַ יונג פּוכיג פּיסקליאַטל. זי האָט אויסגעזען שיין אין איר בליענדיגער יונגמוטערשאַפט. איר פּנים האָט צוריקבאַקומען אַ סך פון איר נאַטירלעכער זוניגקייט, ווי זי וואָלט אין זיך איינגעזויגן די פריש־בלוטיגע רויטקייט פון די בלומען אין

צימער. דאָס קינד האָט געהאַלטן די אויגעלעך צוגעמאַכט און האָט אַרויסגע־שטעקט אַ פּיטשיג, אויסגעקנאָטן הענטעלע מיט נאָך־קלענערע ווייכינקע פינ־גערלעך. דאָס אויסגעשפּיצט קעפּעלע איז געווען ווי באַהויכט מיט זיידענע הערעלעך, וועלכע האָבן זיך אַרונטערגעשלענגלט צעשויבערט איבערן גרין־באַאַדערטן שטערעלע און שלייפעלעך. דאָס רויט־שנירלדיג פּיסקעלע האָט אומגעזוכט דער מוטערס ברוסט. אַ קליין, אַלט מענטשעלע... נענסי האָט אים ווי איינגעשלונגען מיט די אויגן און האָט זיך געצויגן צו אים מיט צונויפגעגנו־מענע אויסגעשטרעקטע ליפּן —

— אָה, וואָס האָבן זיי געטאָן צו דיר, קליין אינגעלע?! זע ס'אַר אַ ריץ זיי האָבן געמאַכט אויף דיין ליכטיג פּנימל, מיין קליין, קליין אידעלע!

— אָ, יאָ; ער וועט זיין אַ גבר, אַלרייט... — האָט די אַלטיטשקע אַלץ געהאַלטן אירס אין איבערחזרן. זי האָט זיך געקליבן עפּעס צו זאָגן, און האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ גינסטיגער געלעגנהייט. ענדלעך האָט זי זיך אַנטשלאָסן — דו'סט דאַרפן אים געבן אַ רעליגיע, זון.

דיקענס האָט זיך אויף דער מינוט ווי פאַרלאָרן. דער אַלטיטשקערס תמימותדיגע ווערטער האָבן אים געשטעלט פּנים־אל־פּנים מיט אַן אַנגעווייַ־טאָגטער פראַגע, וועלכער ער האָט פאַר אַ לאַנגער צייט אויסגעמיטן צו באַרירן — איבערהויפּט, מיט עלטערע מענטשן. ער האָט געוואָרפן זיין בליק אויף נענסין, אויפן קינד, ווי ער וואָלט ביי זיי געבעטן אַן ענטפער.

— איך זע ווירקלעך ניט אין פאַרוואָס איך זאָל דאָס טאָן, מוטער, — האָט ער געפרואווט איר אָפּצופּטרן מיט אַ לייכטן שפּאַס. — צוואָוואָס אַרויפ־צווינגען אויף אים אַ רעליגיע אַז ער זאָל עס דערנאָך ניט אָפּהיטן? ער וועט אויפוואַקסן, וועט ער אַליין געפינען זיין גלויבן.

די אַלטיטשקע אָבער איז געווען טויט־ערנסט —

— ניין, ס'איז ניט רעכט, זון. ס'איז די פליכט פון עלטערן צו געבן זייער קינד אַ רעליגיע. אמת: אַ מענטש קאָן אַמאָל, אין אַ שוואַכער שעה, טאָן וואָס איז ניט רעכט; אַ מענטש קאָן אַמאָל, אין פאַרבלענדעניש, זיך אָפּנייגן פון גלייכן וועג; אָבער אַ מענטש מוז האָבן וואוהין צוריקצוקומען — אַ מענטש מוז האָבן אַ רעליגיע — אַ מענטש מוז באַלאַנגען!

— אָבער ער ט ו ט באַלאַנגען, מוטער. — האָט ער איר פאַרגעהאַלטן.

די אַלטיטשקע האָט אים אַנגעקוקט באַשטירצט —

— איך זע ניט אין ווי־אַזוי, זון.

— וועלל, ער איז אַן אַמעריקאַנער — נישט ריכטיג?

— ער איז אַן אַמעריקאַנער, אַלרייט. דאָס איז געוויס אַ זאַך מיט וואָס יעדער מענטש קאָן זיכער שטאָלץ זיין; אָבער דאָס איז ניט קיין רעליגיע, זון. אין דער אמתן, זיינען מיר אפילו ניט קיין נאַציאָן, אין דעם ריכטיגן זין פון וואָרט. אַזוי פלעגט נענס פאָטער, הימל זיין רו, זאָגן.

— אַט אין דעם טאַקי שטעקט די גאַנצע גרויסקייט פֿונ׳ם אַמעריקאַנעם פֿאָלקס־געבוי! — האָט זיך דיקענס אָנגעכאַפּט — ד ו ק א ווייל מיר זיינען ניט קיין נאַציאָן אין דעם אָנגענומענעם זין פֿון וואָרט — ד ו ק א ווייל מיר זיינען ניט אַלע געקנאָטן פֿונ׳ם זעלבן טייג. אין דעם ליגט די גאַנצע שיינקייט אונדזערע: די שיינקייט פֿון פֿאַרשידנאַרטיגקייט... מיר זיינען מענטשן; און מענטשן פֿאַרמאָגן הערצער, אידעאַלן; און אַזוי־אַרום זיינען זיי מסוגל צו שאַפֿן אַן אייגנאַרטיגן — אַן אייגענעם — גלויבן.

די אַלטיטשקע האָט אויף אים געוואָרפֿן אַ רוגזהדיגן בליק. זי האָט אים עפּעס ניט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען, און דאָס וואָס זי האָט ניט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען האָט איר אויפֿגעבראַכט —

— נאַרישקייטן! שאַפֿן אַן אייגענעם גלויבן! ווער האָט עס געהערט פֿון אַזאַ זאַך?! אַ רעליגיע ווערט איבערגעגעבן פֿאַר יאַרנטויזנטער פֿון איין דור צום צווייטן, פֿון עלטערן צו קינדער... ער איז אָדער אַ קאַטאָליק, אָדער אַ איד! — האָט זי ענטשיידן אַ זאָג געטאָן. זי האָט אַ שאַרפֿן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט זיך אַ ריב געטאָן די הענט איבערן שויס. דאָס איז געווען אַ סימן אַז אין איר קאָכט. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט איר אירלאַנדישער אַק־צענט ווערן מער בולט און די רישן פֿלעגן זיך ווי אַרויסקייקלען פֿון איר האַלדז.

— אפֿשר וועט ער זיין ביידע זאַכן, מוטער, — האָט דיקענס איר גע־פּרוּווט פֿאַררייִדן; — ס׳זיינען געווען אַזעלכע פֿאַלן.

— אָ, ניין, ניין! רייד ניט אַזוי, זון. דו ווייסט בעסער. אַ מענטש איז אָדער איין זאַך, אָדער דאָס צווייטע. אמת: גאָט איז טאַקי אַלעמענס; אָבער גאָט מוז וויסן אין וועלכן געבעט־הויז דעם מענטשן צו געפֿינען.

נענסי האָט דערפֿילט ווי דאָס „קאַמפּהאַפֿטיגע אירלאַנדישע בלוט" אין איר מוטער האָט זיך צעשפּילט. ס׳האָט איר שטענדיג אַמוזירט צו זען דער מוטער אין אַזאַ שטימונג. זי האָט אַרויפֿגעקוקט צו איר שטיפֿעריש —

— אָה, צואוואָס אַרומשטרייטן זיך איצט איבער דעם, מוטער טייערע? ער וועט אויפֿוואַקסן, וועט ער אַליין אויסגעפֿינען וואָס ס׳באַצאָלט זיך בעסער...

דאָס האָט דער אַלטיטשקער פֿאַרדראָסן.

— דאַרפֿסט ניט אַזוי ריידן, נען־טאָכטער! — האָט זי איר געמוסרט — ס׳איז דאָ גאָטלעסטערונג אין דיינע רייד. געדענק: עס זיינען געווען קאַטוי־לישע גייסטלעכע אין אונדזער משפּחה — פֿון מיין צד, פֿאַרשטייט זיך.

— און דאָס אייגענע איז אויך געווען אין וויקס משפּחה, מוטער. עס זיינען געווען גרויסע ראַביים, וואונדער־מענטשן, אין זיין אָפּשטאַם. ניט אמת, וויק ליבסטער?

דיקענס האָט כלומרשט באַזאָרגט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

די אַלטיטשקע איז געבליבן זיצן פֿריטשמעליעט און האָט אָנגעקוקט די־

קענסן מיט יראת־הכבודיקער איבערראַשונג. זי האָט זיך אָבער באַלד צוזאַ־מענגענומען —

— וועלל, דאָס טאַקי איז נאָך מער אורזאַך פאַרוואָס דו מוזט געבן דיין קינד אַ רעליגיע. פאַרשטייסט? זי — נעץ — איר האָט קיינמאָל ניט געצויגן צו־שטאַרק צום גלויבן. ס'איז אפשר דערפאַר וואָס איר פאָטער איז געווען אַ שאָטלאַנדער. אָבער דו—— ווערליג איך הער—— דו—— דאָס דערמאָנט מיר טאַקי, זון! איך האָב שוין איינינע מאָל זיך געקליבן דיר צו פרעגן: דו — דיין אָפשטאַם, הייסט עס — איז פון קאַטוילישע אידן, צי פון פּראָטעסטאַנטישע?

דיקענס האָט אָנגעהאַלטן אַן ערנסטן פנים. מ'האָט געמוזט דער אַלטיטש־קער פאַררײדן —

— פאַרשטייט, מוטער, ס'איז אַזוי: אַמאָל איז טאַקי געווען אַ שטיקל אונטערשייד; לעצטנס אָבער — ס'הייסט, מיט יאָרן און יאָרן צוריק — האָבן די בײדע סאָרטן אידן, אַזויצוזאָגן, זיך פאַראייניגט — פאַרשותּפט זייער גלויבן — געמאַכט איינס. אַזוי אַז איצט איז דאָ נאָר איין סאָרט אידן — אידן...

— דאָס, זעסטו איז געווען זייער שכלדיג פון זיי! — זייער קלוג פון די מענטשן! מיר קריסטן האָבן זיך באַדאַרפט אָפּלערנען אַ ביישפיל פון זיי, און די קירך וואָלט איצט געווען אַן ערך שטאַרקער. דאָס וואָס איך האַלט אין איין טענהן: צוואָס האָבן אי פּראָטעסטאַנטן, אי קאַטאָליקן? איינס איז גענוג! אַ פאַראייניגונג, ווי אייערע האָבן געטאָן. איין גאָט, איין דערלייזער——

דאָס קינד האָט זיך צעוויינט. נענסי האָט ווי געפּראָוווט אים איינבעמען —

— אַ־אַ—! וואָס איז געשען, קליינער מלאכל? געפעלט דיר ניט וואָס די באָבע בייזערט זיך אויפן טאַטן?... אַ, דו קליין יעזוסל מיינס! ליבלינג דו!...

די קראַנקנשוועסטער איז אַריינגעקומען און האָט צוגענומען ס'קינד פון איר. דאָס האָט אַביסל צעשטרויט די ערנסטע שטימונג. די אַלטיטשקע האָט נאָך געמאַכט אַ פאַרזוך אַרויפצופירן דעם געשפּרעך אויפן פריערדיגן ענין. דיקענס און נענסי האָבן ווי געשלאָסן בלאָט און איר אָפּגעשלאָגן מיט לייכטע קאַטאָוועסן. די אַלטיטשקע האָט געוואוסט ווען זי האָט געהאַט צו גענוג און האָט נאָכגעגעבן; האָט זיך געלאָזט אַריינציען אינ'ם קאַטאָוועס־טריב. זי האָט באַלד געלאָזט אין שפּיל איר געזונטן חוש פאַר הומאָר. מיט באַלעבטער בילדלעכקייט האָט זי געשילדערט מאָמענטן פון נענסיס פריסטער קינדהייט, פון איר פאָטערס גוטמוטיג־קונדסדיגע שטיפערייען. יעדער קלייניגקייט האָט ביי נענסין אַרויסגערופן אַ הילכיגן געלעכטער —

— אָה, דזשי! איכ'ל מיר נאָך אַ זייט אויפשפּאַלטן לאַכנדיג... אַ, ס'איז אַזוי שווער צו לאַכן. יעדן מאָל טוט עפּעס ווי אַ פלאַץ דאָרט אינעווייניג.

— דאַרפסט זיך ניט אַזוי אָנשטרענגען, נען ליבסטע, — האָט דיקענס איר געוואָרנט; — ס'איז צופיל.

— ס'איז ניט דאָס לאַכן; — האָט די אַלטיטשקע זיך אָנגערופן — לאַכן שאַדט קיינמאָל ניט אין אַזאַ צושטאַנד; אדרבה, ס'איז גוט: ס'ברענגט צוריק די אינגעווייטן אין דעם ריכטיגן פּלאַץ. ס'איז דיין מאַכן שפּאַס פון הייליגקייט וואָס האָט דיר פאַרשאַדט — אָט וואָס!... וועלל, איך גלויב אַז כ'על מיר ליבערשט אָפּטראָגן פון דאַנען. ס'דרעמלט מיר אַביסל. מיין נאָכמיטאָג־שלאָף רופט. כ'על אייך לאָזן, קינדער, אַליין... גוד־באַי, נען־טאָכטער. כ'על דיר זען מאָרגן. זיי גוט... גוד־באַי, זון. פאַרגעס ניט וואָס כ'האָב דיר אָנגעזאָגט.

— כ'על עס האָבן אין זינען, מוטער. גוד־באַי.

— און געדענקט: באַנעמט זיך אָנשטענדיג... באַי־באַי.

דיקענס האָט זיך צוגעזעצט נעבן נענסין. זי האָט אַרומגענומען זיין האַנט און עס געגלעט איבער איר באַק —

— דו האָסט זיך ניט גענומען צום האַרצן פון וואָס מוטער האָט דאָ גערעדט, וויק ליבסטער?

— כ'קאָן ניט זאָגן אַז יאָ. איך האָף נאָר, אַז זי האָט זיך ניט געפילט געטראָפן פון די פלאַפּלערייען. נאָך אַלעמען, איז זי אויסן געווען צום בעסטן, די פרומע נשמה; און ס'איז באמת אַ שאָד וואָס מיר קאָנען ניט נאָכקומען איר וואונש.

— אָ, זי וועט עס איבערקומען און פאַרגעסן. זי האָט געדאַרפט אָפּלאָזן אַביסל דאַמף, און רעליגיע איז איר באַליבטע טעמע.

— ס'איז מער ווי בלויז אַ טעמע ביי איר, נען — ס'איז אַ טייל פון איר. און ס'איז ניט אַזוי גרינג צו פאַרשווייגן דאָס וואָס באַהערשט דעם מהות פון איינעמס לעבן. און דו מוזט צוגעבן צו איר קרעדיט: זי איז אַ גוטער ספּאָרט!... אַ מענטש מוז האָבן וואוהין צוריקצוקומען — ס'געהערט ווי זי האָט עס געזאָגט?... איך האָף נאָר, אַז ער וועט ניט קומען צו דעם — אַז ער וועט ניט דאַרפן ערגיץ צוריקקומען...

— צוואָס ריידן פון דעם, וויק? זיינען מיר סיידן ניט געווען גליקלעך צוזאַמען אַ ן דעם אַלעם? איצט איז אונדזער גליק נאָך פולער געוואָרן. לאָמיר ניט לאָזן קיין זאַך צו שטערן דעמדאָזיגן גליק אונדזערן, ליבסטער.

זי האָט איינגענורעט איר פנים אין זיין האַנט. ער האָט דערפילט דעם וואַרעמען באַריר פון אירע ליפּן איבער זיינע פינגער. ער האָט זיך צוגעבויגן און האָט געקושט אירע האָר.

—...און נאָך אַ סך, אַ סך גליקלעכע שעהן און טעג שטייען אונדז פאַר מיט אים אין אונדזער לעבן... — האָט ער אַרויסגערעדט פאַרחלומט, — שעהן פון דערוואַרטונג, דאָס גליק פון אויספורעמען אַ יונג לעבן, די פרייד פון וואַכן איבער דעם אויפוואוקס פון אַ לעבעדיגן וועזן... און מאָל דיך:

אַז דאָס קליין נפשל וועט עס אַמאָל אויפוואַקסן און זיין אַ גרויסער, אַ מענטש... וויפל וואַסערן ׳עלן פאַרבייפליסן ביז יענער צייט? וויפל פרילינגס, וויפל האַרבסטן וועלן אויפקומען און פאַרגיין ביז דאַן?...

— אָ, דזשי! — האָט נענסי ברייט פאַנאַנדערגעשפּרייט די אָרעמס — איך בין אַזוי גליקלעך וואָס אַלץ איז אויסגעפאַלן פּונקט ווי מיר האָבן גע־פּלאַנט! אין דער שענסטער צייט פון יאָר איז ער געקומען צו אונדז, דער קליינער ליבלינג — אין דער צייט ווען די מאַגנאָליאַ־בוימער בליען. איז עס ניט וואונדערבאַר, וויק?!

— יאָ... דיינע אויגן האָט ער און מיינע האָר, און אין די קליינע אָדער־לעך פליסט די ברכה פון אונדזער ליבע... דו, און איך און ער — איין לעבן אין דרייען געכופלט. זעט עס דיר צומאָל ניט אויס ווי אַ חלום, נען?

— אָה, דער קליינער אוצרל! ער איז אַלץ, אַלץ! מאָדנע: דאָס גאַנצע באַשעפעניש איז נאָך קיין פולע פיר־און־צוואַנציג שעה ניט אַלט, און איך קאָן זיך קוים דערוואַרטן ביז מ׳עט אים צוריקברענגען צו מיר. אָ, דער קליינער הימל־קינד, ס׳געשאַנק פון גאָט!... הערסט? — האָט זי זיך פּלוצים צע־לאַכט — איך האָב שוין אויך גענומען ריידן פון הימל, פון גאָט! ס׳זעט אויס, אַז איך בין שוין אויך פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ מין רעליגיעזער שטימונג!... אָה, ווען נאָר דער ווייטאָג זאָל אויפהערן. ווי לאַנג וועט עס אַזוי אָנהאַלטן, וויק?

— דו, אַלס געשולטע קראַנקנשוועסטער, דאַרפסט עס אַליין וויסן, נען. דו האָסט זיך אַביסל צופיל צערעדט פאַר אַ יונגער מאַמע, דו גרויסע מיידל מיינע, און איך לאָז דיר טאָן וואָס דו ווילסט! אייגער פון אונדז האָט זיכער פאַרדינט צו קריגן שמיץ פאַר דעם... נו, גענוג! ליג רואיג. פּרוּוו זיך איינשלאָפן, ליבסטע... אָט אַזוי... ניט אַ וואָרט מער.

— דו פאַרזיכער מיר נאָר אַז כ׳האָב זיך ניט באַנומען נעכטן ווי אַ שוואַכלינג, און איך וועל זיין פולשטענדיג צופרידן.

— דו נאַריש מיידל איינע! וויפל מאָל דאַרף איך דאָס פאַר דיר איבער־חזרן? געוויס ביסטו געווען בראַוו — זייער בראַוו.

— דאָס איז גוט. און ער איז אַזאַ שיינס, דער קליינער וויקי...

— נו, ניט גערעדט מער, ליבסטע. שלאָף־איין, נען... שלאָף־איין...

ער האָט געהייסן דער קראַנקנשוועסטער אַרונטערצולאָזן דעם פאַרהאַנג איבערן פענצטער. אין צימער איז געוואָרן טונקל. נען איז נאָך אַ ווײַלע גע־לעגן און האָט געקוקט אויף אים מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, שמייכלענדיג, און איז ענדלעך איינגעשלאָפן. איבערן צימער האָט זיך אויסגעלייגט אַ מילדע שטילקייט. דיקענס האָט זיך געמאַכט באַקוועם אויפן ווייכן לענשטול און האָט געקוקט אויף דער שלאָפנדיגער נענסין. אַ צאַרטער מוטערלעכער חן האָט באַהויכט איר פּנים. זי איז געווען גליקלעך, און שיין אין איר גליק. די

קראַנקנשוועסטער האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן בוקעט בלומען וואָס מק׳קאַרטי האָט צוגעשיקט. נענסי האָט ווי אינסטינקטיוו אויפגעעפנט די אויגן און האָט באַוואונדערט דעם פרישן בוקעט בלומען:

— געבענטשט זאָל זיין זיין האַרץ, דער אַלטער ליבלינג...

און זי האָט באַלד איינגעדרעמלט מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן.

און דורכן גאַנצן טאָג האָט דיקענס ניט באַמערקט ווי אַ פאַרהוילן פּיערל צעגליט זיך אין נענסיס אויגן, און די רויזיגע רויטלעכקייט וואָס האָט זיך לאַנגזאַם צעגאָסן איבער איר לייב.

21

אין שאָטן פון צער

צומאָרגנס האָט זי זיך באַקלאָגט אויף אַ קאָפּווייטאָג און ספּאַזמאַטישע שמערצן איבערן אונטערלייב. זי האָט זיך געזען צו קאָנטראָלירן —

— דזשי! כ׳האָב פּיינט צו באַקלאָגן זיך, אָבער עס טוט וויי ווי דער שוואַרציאָר.

דאָקטער בראַיען האָט איר עקזאַמינירט און האָט עס געמאַכט צו גאָרניט:

— דענקסטו ניט, קליין מיידל, אַז דו ביסט באַרעכטיגט צו אַביסל נאָכוויען מיט אַזאַ פּראַיז־פּייטער וואָס דו האָסט געבוירן?

— ער איז אַ פּראַיז־פּאַיטער, אָללרייט. ער האָט שיעור ניט דערהרגעט דער מאַמען זיינער קומענדיג אויף דער וועלט, דער קליינער מזיק.

— מאָל דיך, אַז ס׳איז ניט געווען אַזוי שרעקלעך ווי דו מאַכסט עס, יונגע מיידל. אַלע מאַכן זיי דורך דיזעלבע זאַך, און יעדע פּאָר זיך דענקט אַז איר פאַל איז אַן אויסנאַם. קראַנקנשוועסטער זיינען געמאַכט פון דעמזעלבן שטאָף. האָסט זיך גאָרניט וואָס איבערצונעמען — דו וועסט זיין אין בעסטן אָרדענונג... דער אונטערלייב שיינט צו זיין אַביסל אָנגעגריפן, — האָט ער באַמערקט שטילערהייד צו דאָקטער דיקענסן, — אָבער כ׳זע ניט אין קיין אורזאַך צו באַאומרואיגן זיך. ס׳איז אַ גאַנץ געוויינטלעכע דערשיינונג אין אַזאַ פאַל. כ׳על איר זען אין אָוונט.

ער איז געווען צוריק נאָך איידער דער נאָכמיטאָג איז פאַראיבער. ס׳האָט געזאָלט הייסן, אַז ער איז צופעליגערוויז געווען אין שפּיטאָל און האָט אגב־אורחא באַזוכט נענסין. ער האָט זיך אָבער צו־לאַנג געזאַמט מיטביידע אינטערנס אין נענסיס צימער פאַר אַ „צופעליגן" וויזיט. דיקענס האָט אים אָפּגעוואַרט אין קאָרידאָר —

— איז עפּעס ניט כשורה, דאָקטער בראַיען?

— זי איז אַ דאָקטערס ווייב, מיין פריינט, און ס׳וואָלט געווען אַביסל צופיל צו דערוואַרטן אַז מיט אַ דאָקטערס משפחה זאָל אַלץ גיין כשורה...

— עפּעס וואָס ספּעציפיש?

— נ־ניין. — האָט דאָקטער בראַיען אַרויסגערעדט אין אַ קווענקלענדיקן נאָכטראַכטן, — קיינע ספּעציפישע אָנדייטונגען, אויף וועלכע מ'זאָל קאָנען אָנצייגן מיטן פינגער. אַביסל אָנגעדראָלן. ס'וועט װאַרשיינלעך נאָכלאָזן...

די אַלטיטשקע האָט באַלד עפּעס דערשמעקט:

— זי ווערט ניט, גאָט באַוואַר, קראַנק, זון?

— זי א י ז קראַנק, מוטער.

— כ'האָף אַז ס'איז ניט עפּעס ערנסט דער מער.

— ניין, ניט ערנסט, מוטער; אָבער קינפּעט ווערט צווישן דאָקטוירים פאַררעכנט אַלס אַ קראַנקהייט.

— איך האָב עס געזאָלט וויסן. ס'איז שטענדיק עפּעס דער מער, ווען דאָס קינד ווערט געבוירן פון אַ הייראַט, וועלכע טראָגט ניט די ברכה פון דער קירך.

— צוואָוואָס באַרירן דאָס איצט, מוטער?

— אַללרייט, כ'וועל עס מער ניט דערמאָנען, זון. כ'האָב נאָר געטראַכט...

דאָס קינד האָט מען מער יענעם טאָג נענסין ניט געבראַכט. זי האָט זיך געפונען די גאַנצע צייט אונטערן איינפלוס פון נאַרקאָזע־איינשפּריצונגען. זי איז געווען אומרואיק אין איר לייכטן שלאָף: איר פּנים פלעגט זיך אָפּט אַ בראָך טאָן אין אַן אַנגסט־גרימאַסע, זי פלעגט אָפּאָטעמען מיט אַ צעבראָכלטן קרעכץ און האָט זיך אומגעוואָרפן פון זייט־צו־זייט. די קראַנקנשוועסטער איז ניט אָפּגעטראָטן פון איר בעט. דיקענס מיט דער אַלטיטשקער האָבן זיך מערסטנס געהאַלטן אויסערן צימער. נענסי פלעגט זיך אינסטינקטיוו אויפ־כאַפּן ווי נאָר דיקענס פלעגט צוקומען צו איר בעט. זי האָט זיך געריסן ריידן צו אים, און דאָס איז איר אָנגעקומען שווער. ווען אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט דיקענס באַמערקט דער קראַנקנשוועסטער אַריינאײַלנדיק זיך אין נענסיס צימער מיט הייס־וואָסער־פלעשער. ער האָט פאַרשטאַנען אַז נען האָט דורכגעמאַכט אַ קעלט־ציטער. באַלד נאָכדעם איז זי איינגעשלאָפן אונטער די איינדעקן. איר פּנים איז געווען באַשלאָגן מיט אַ גליענדיקער רויטקייט. ער האָט אָפּגעפירט דער אַלטיטשקער אין האָטעל, האָט אַ ווײַלע געווײַלט ביי זיך אין צימער ביז די אַלטיטשקע איז שוין געווען אין בעט, און איז צוריק אַוועק אין שפּיטאָל.

די נאַכט האָט געבראַכט אַ באַדייטנדע ענדערונג אין נענסיס צושטאַנד. אין קוק אויף דער מיידל איז גענוג געווען פאַר דיקענסן צו זען אַז זי איז ערנסט קראַנק. ער האָט זיי געזען גענוג די פאַלן פון נאָך־אָפּעראַציאָנס קאָמ־פּליקאַציעס, און נען האָט זיך מיט גאַרניט אונטערשידן. זי איז געווען פיבער־האַפטיג, לוסטלאָז. ער האָט אָנגענומען איר האַנט־געלענק. דער פּולס איז געווען שנעל, ציטערדיג. ספּאָנטאַנער מייקענען. קראַמפּהאַפטיגע שמערצן.

דאָקטער בראַיען איז געווען ניט וויניגער באַזאָרגט ווי דיקענס. ער האָט אויסגעמיטן צו מאַכן אַן ענטשידענע באַהויפּטונג —

— ס'וואָלט געווען זייער ניט קלוג צו קומען צו געאײַלטע באַשלוסן, דאָקטער דיקענס. מיר'ן צוואַרטן ביזן אָוונט און בעאָבאַכטן ווייטערדיגע אַנטוויקלונגען. אויב קיין ענדערונג ביז דאַן——

די לאַבאָראַטאָריע־רעפּאָרטן האָבן געצייגט אַ באַדייטנדע שטייגונג אין דער צאָל פון די ווייסע בלוט־צעלן. די טעמפּעראַטור איז געשטיגן. נענסי איז די מערסטע צייט געווען באַטויבט, באַוואוסטלאָז. אין דעם איבעררייס פון קלאָרע מינוטן פלעגט זי זיך נאָכפרעגן אויפן קינד.

— ער איז אַלרייט, נען; ס'איז נאָר ווייל דו פילסט ניט אַמבעסטן, ליבסטע, דערפאַר——

— איך ב י ן קראַנק, וויק — קראַנק ווי אַ הינטל... אַלץ אין מיר איז ווי אין אַ קנופּ...

— ס'וועט פאַרבײַ, נען טײַערע. מוזט האָבן געדולד. דו ביסט שטענדיג געווען אַ בראַוו מיידל.

נען האָט קרענקלעך אַ שמייכל געטאָן —

— וואָלט עס ניט געווען אַ געמיינער שפּאַס, ווען איך זאָל גראָד איצט אַ בריקע־טאָן אין שעפּל און מאַכן אַ שטאַרב...

— רייד ניט אַזוי, נען; דו ווייסט בעסער.

— ס'וואָלט אָבער געווען געמיין...

און זי פלעגט נעמען ריידן צעפלאָסן — וועגן קינד, וועגן מאַגנאַליאַס — און פלעגט באַלד ווידער פאַרזינקען אינ'ם תהום פון באַוואוסטלאָזיגקייט.

די אַלטיטשקע איז געווען חושך ווי די ערד. זי איז געזעסן דאָרט אין אַ ווינקל, האָט מיט פאַרחלשטע אויגן געקוקט אויף וואָס ס'גייט־אָן אַרום איר טאָכטער און האָט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט.

שפּעט אין אָוונט האָט דאָקטער בראַיען צוגערופן דיקענסן צו נענסיס בעט —

— אָט דאָ־אָ, דאָקטער... — האָט ער אים אָנגעצייגט אויף אַן אויפגעדעקטן טייל פון נענסיס אונטערלייב, וועלכן ער האָט אַקאָרשט עקזאַמינירט — אונטערזוכט אָט דעם פלאַק.

ס'איז געווען האַרט, אָנגעצויגן, ווייטאָגדיג צום באַריר. זיינע פינגער האָבן זיך פלוצים פאַרהאַלטן. ער האָט זיך שווייגנדיג איבערגעקוקט מיט דאָקטער בראַיענען און איז באַלד אַרויס נאָך אים אין דאָקטוירים־צימער.

— וועלל, דאָקטער, — האָט דאָקטער בראַיען זיך ווי אָנגענומען מיט מוט צו אַרויסזאָגן זיין מיינונג — גינאַקאָלאָגיש איז גאָרניט דער מער מיט איר; נאָר אויבן־אַרויף — דער אַבדאָמען — שיינט ניט צו זיין אין בעסטן אָרדענונג.

— נעמלעך ?

— ס'איז שווער צו זאָגן וואָס ספּעציפיש עס איז; נאָר איך בין שטאַרק גענויגט צו גלויבן, אַז עס שטעלט מיט זיך פאַר די סימפּטאָמען פון אַ כירורגישן אַבדאָמען. ס'וואָלט געווען ראַטזאַם צו הערן די מיינונג פון אַ כירורג.

— איר זענט דער דאָקטער. אימעצן באַזונדערס ווען איר האָט אין זינען צו פאַררופן אין קאָנסוליום ?

— אין אַן אַנדער פאַל וואָלט איך זיכער זייער גערן געווען צו האָבן איך אַלס דעם קאָנסולטאַנט; נאָר, איר פאַרשטייט, אונטער די אומשטענדן——

— פאַרגעסט, איך בעט איך, אַצינד וועגן מיר; — האָט דיקענס אים אונטערבראָכן. — איצט בין איך ניט מער ווי דער מאַן פון דער קראַנקער. באַשטייט ניט, פּליז, אויף צערעמאָניעס.

— וועלל, מיר האָבן דאָ איניגע זייער קאָמפּעטענטע כירורגן, אויף וועמענס מיינונג מ'קאָן זיך אָנפאַרטרויען. צום ביישפּיל——

— ווי וואָלט געווען דער אַלטער ? — האָט דיקענס אַ פרעג געטאָן, אומגעדולדיג.

— מק'קאַרטין ?

— יאָ —

— אויסגעצייכנט! איר קאָנט קיין בעסערן ניט פאַרשלאָגן. פאַר אים וואָלט זיך אפילו געלוינט צו וואַרטן אַ ווײַלע, אויב איר קאָנט אים נאָר מאַכן צו קומען אַהער.

— איך וועל. ווי שפּעט איז עס ?

— צוואַנציג נאָך צען.

— איך וועל אים קריגן...

ער האָט טעלעפאָנירט דאָקטער מק'קאַרטין אין שיקאַגאָ. יענער איז ניט געווען אין האָטעל. ער האָט פּרובירט אים אָפּזוכן אין שפּיטאָל, אין קלוב. ענדלעך האָט ער זיך געשטעלט מיט אים אין פאַרבינדונג —

— דאָס איז דיקענס, שעף.

— אָ, קאָנגראַטולירונג, יונגערמאַן! ווי פילט זיך עס צו זיין אַ פאָטער ?

— ניט איבעריג גוט אונטער די אומשטענדן.

— וואָס איז אין דער לופט ?

ער האָט אים אין קורצן איבערגעגעבן וועגן נענסיס לאַגע —

—...כ'וואָלט זייער ניט געוואָלט צו באַלעסטיגן איך, דאָקטער; נאָר אויב איר וואָלט געקאָנט קומען——

— כ'על דאַרט זיין מיטן ערשטן עראָפּלאַן, וואָס וועט מיר געלינגען צו באַשטעלן. דערווייל — האַלט דעם נאָז אין דער הויך, יונגערמאַן — דעם נאָז אין דער הויך!...

דער אויסזיכט פֿון מק׳קאַרטיס קומען האָט אין דיקענסן דערוועקט אַ געפֿיל פֿון זיכערקייט. ער האָט געוואוסט, אַז וואָס די לאַגע זאָל ניט זיין, מק׳קאַרטי איז שטענדיג דער איבערהאַר פֿון דער סיטואַציע — ער איז דער מייסטער־כירורג. נענסי האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט. זי איז געווען אין אַ דעליריום, האָט געברענט ווי אַ פֿייער און האָט אַרויסגעצייגט סעפּטישע סימפּטאָמען. איר הויט איז געווען טרוקן, אויסגעזויגן. זי האָט ניט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך קיין פֿליסיגקייט. מ׳האָט איר געמוזט איינגעבן פֿליסיגקייט דורך אָדער־איינשפּריצונגען. די אַלטיטשקע איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון שפּיטאָל. זי האָט זיך צוזאַמענגענורעט אויף אַ שמאָלער לענבאַנק אין וואַרט־צימער און פֿלעגט איינדרעמלען פֿאַר קורצע מינוטן. די אַנגסטיגע שעהן פֿון טאָג האָבן זיך אויסגעלייגט שווער אויף איר. זי איז געווען צעבראָכן, גרזי. דיקענס האָט קוים געפֿועלט ביי איר אַז זי זאָל פֿאַרנעמען אַ בעט אין אַ דערבייאיגן צימער. דאָקטער בראַיען האָט די גאַנצע נאַכט פֿאַרבראַכט אין שפּיטאָל צוליב נענסין. זיין אַסיסטענט איז געווען מיט אים — גרייט פֿאַר יעדן צופֿאַל. מ׳האָט זיך געישובט וועגן אַ בלוט־טראַנספֿוזיע.

— מירן וואַרטן ביז ניין אינדערפֿרי, — האָט דאָקטער בראַיען באַשלאָסן.
— ביז דאַן דאַרף מק׳קאַרטי שוין דאָ זיין.

דיקענס האָט די גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט. ער האָט אומגעשפּרייזט מיט אומגעדולדיגע טריט איבערן לאַנגן קאָרידאָר, פֿלעגט פֿון מאָל־צו־מאָל אַריינגיין אויף אַ ווײַלע אין נענסיס צימער און האָט זיך באַלד ווידער געלאָזט אין אומרואיגן שפּרייזן. די שעהן האָבן זיך געצויגן שווער, לאַנג. צווישן די ווענט־שאָטנס איז געהאַנגען אַ שטומע שרעק. נענסי איז קראַנק — קריטיש קראַנק. בראַיען וויל אויף זיך אַליין ניט שטעלן. נענסי איז אין געפֿאַר פֿון טויט... טויט?!... נענסי און —— טויט?!.. ניין! עס קאָן ניט זיין! זי טאָר ניט!... אָבער זי איז קריטיש קראַנק — סעפּטישער פֿיבער — אַ הויכע צאָל ווייסע בלוט־צעלן... ניין! זי וועט עס דורכמאַכן — מק׳קאַרטי ׳עט איר העלפֿן — וועט איר מ ו ז ן העלפֿן... און טאָמער ניט?... אָבער ער וועט מוזן! נען מוז געראַטעוועט ווערן! זי איז יונג, זי איז אַ מוטער, זי איז אַלץ — אַלץ! מק׳קאַרטי איז דער איינציגער אין וועמענס הענט ער קאָן איר אָנפֿאַרטרויען, און ער האָט צוגעזאָגט דאָ צו זיין... און וואָס אויב ער זאָל גראָד דאָסמאָל דורכפֿאַלן? וואָס אויב ס׳איז צו־שפּעט?... ניין! ניין! דאָס קאָן ניט געשען! עס קאָן ניט! נען טאָר ניט—— גאָט, ווי אומבאַהאָלפֿן ער איז, ווי פֿאַרלאָרן, ווען אומגליק האָט באַזוכט דעם שוועל פֿון זיין געלט! — ווען דער וואוילזיין פֿון זיין נענסין איז אין קאָן! וואו איז דאָס וויסן, די דערפֿאַרונג, פֿאַר וועלכע ער האָט אויפֿגעאָפּפֿערט טעג און יאָרן, פֿרייד און יוגנט?! און נען איז קראַנק — נענס לעבן איז אויפֿן וואָגשאָל פֿון לעבן־און־טויט... ניין! ניט טויט! ניט טויט! נען טאָר ניט—— זי איז——

— דעם נאָז אין דער הויך, האָב איך אַנגעזאָגט! מונטער־אויף, יונ־גערמאַן!

ס'איז געווען דאָקטער מק'קאַרטי. ער איז געקומען אַ סך פריער ווי דערוואַרט. גאָט, ווי גוט ס'איז צו הערן זיין פריינדלעכן קול, צו דערפילן אויף זיך זיין געטרייע האַנט! ער איז דער פריינט, דער רבי־חבר, דער תמיד־גוטער מק'קאַרטי — אָבער נאָר ביזן שוועל פון דער קראַנקערס צימער; פון דאָרטן־אָן איז ער צוריק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם קאַלטן, אויסגערעכנטן פּראָפעסי־אָנאַל. דאָרט איז בענסי געווען פאַר אים ניט מער ווי אַ קראַנקן־פאַל, אַ זאַך איבער וועלכער אַן אָביעקטיוו ענטשיידונג דאַרף געמאַכט ווערן. מיט פאַר־האַלטענעם אָטעם האָט דיקענס נאָכגעפאָלגט די בויגזאַמע, געניטע באַוועגונגען פון מק'קאַרטיס פינגער איבער בענסיס לייב, דעם וויכן באַריר פון זיינע הענט. אין דידאָזיגע הענט איז איצט געלעגן דער גורל פון בענסיס זיך, פון דעם וועזן מיט וועלכן דאָס לעבן האָט אים אַזוי שטאַרק פאַרקניפּט — דער גורל פון זיין אַלץ — פון זיין קינדס מוטער... געשפּאַנטע בליקן. אָפּגעטויבטע פויזעס. פון צייט־צו־צייט איז געפאַלן אַן אָפּגעריסן וואָרט און איז געבליבן הענגען אין דער אָנגעצויגענער לופט. דאָס אַרויסגעזאָגטע וואָרט איז אים, דיקענסן, געווען גוט באַקאַנט, נאָנט; ער האָט עס אַזויפיל מאָל געהערט, אַליין באַנוצט; ס'איז געווען די שפּראַך פון זיין וועלט — אַ טייל פון זיין זיך. איצט אָבער האָט עס אַלץ געקלונגען פאַר אים אַזוי אויסטערליש, מיסטעריעז. ער האָט זיך געפילט א ו י ס ע ר דעם, דערוויטערט... דאָקטער מק'קאַרטי האָט נאָכאַמאָל דורכ־געבלעטערט דעם קראַנקן־פאַל־רעקאָרד, די לאַבאָראַטאָריע־רעפּאָרטן, און איז מיט פאַרטראַכטע, געמאָסטענע טריט אַפּגעגאַנגען צום זייט פון צימער, האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן פענצטער. די אַנדערע מיט אים האָבן נאָכגעפאָלגט, האָבן זיך געהאַלטן נאָנט צו אים. זיין פּנים איז געווען געזעצט. ס'האָט זיך פאַרריסן אַ ברעם, ס'האָט זיך אַ קאַרב־געטאָן זיין שטערן; אין אַ באַזאָכטן אונטערטאָן האָט זיך סודותדיג אַראָפּגעשיילט אַ וואָרט פון זיינע ליפּן. ס'האָט עפּעס געזאָגט דאָקטער בראַיען, זיין אַסיסטענט, דער הויז־דאָקטער, דער אינטערן — יעדער איינער איז געווען באַרעכטיגט צו אַ באַמערקונג, אַ פראַגע — יעדערער, נאָר ניט ער — ניט דיקענס. נייך, ער האָט איצט ניט באַלאַנגט צווישן זיי; ער איז איצט געווען איינער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען צום משפּט, וועמענס גורל עס איז געהאַנגען אין וואָגשאָל...

מק'קאַרטי האָט זיך ענדלעך אָפּגעריסן פון זיין שטעל און איז צוגעקומען צו אים.

— וואָס איז דער אורטייל, דאָקטער?

— ס'איז אָן צווייפל אַ כירורגישער אַבדאָמען. עפּעס איז דאָרט דער מער, אָלרייט. מ'עט מוזן עפענען און זען.

— איר זענט דער מייסטער... — האָט דיקענס אַרויפגעקוקט צו אים מיט פולער איבערגעבנקייט אין די אויגן — ווען?

— באַלד.

— באַלד!

אַן איינציג וואָרט — קורץ, חלף־שאַרף — און די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע האָט אַרויסגעפּלאַמט פון ס'דאָזיג וואָרט.

— באַלד!

און דאָס קומט פון מק'קאַרטין... נענסי איז אין געפאַר... צייט שפּילט אַ וויכטיגע ראָלע...

— צוערשט, אַ בלוט־טראַנספוזיע... — האָט ער געהערט מק'קאַרטין אָנזאָגן דעם הויז־דאָקטער.

מ'האָט ניט געקאָנט וואַרטן אויף אַ פּראָפעסיאָנאַלן בלוט־געבער. צוויי פון די אינטערנס און אַ קראַנקנשוועסטער האָבן וואָלונטירט. דיקענס האָט זיך געלאָזט אונטערזוכן צוזאַמען מיט זיי. זיינע בלוט־צעלן האָבן אַמבעסטן גע־שטימט.

נענסי איז שוין געווען אין דעם נעבן־צימער פון דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיי־לונג. דער אַרמאַמענטאַריום איז געווען אויסגעלייגט מיט זאָרגפעליגער פּינקט־לעכקייט, דער פּערזאָנאַל איז געשטאַנען גרייט, אין געשפּאַנטער דערוואַרטונג. מ'האָט געוואַרט אויף דאָקטער מק'קאַרטין. ס'איז אים נאָך ניט געווען צו זען אַרום. דיקענס האָט געוואוסט, אַז יענער האָט איצט, ווי זיין שטייגער איז, זיך פאַרקליבן ערגיץ אין אַ ווינקל, שטייט דאָרט אויף די קני, מיט צוגעמאַכטע אויגן, און טוט תפילה אין דער שטיל; און מיט געשטאַרקטע הענט וועט ער נאָכדעם צוטרעטן אויסצופירן זיין שליחות. די אַלטיטשקע איז איצט געוויס אַוועק ערגיץ־וואו אין אַ האַלב־טונקעלער קירך און צינדט קנייטן פאַר אַ היי־ליגער סטאַטוע... זיי טוען עפּעס; זיי האָבן גלויבן; זיי פילן זיך דורכדעם געשטאַרקט, געהאָלפן. און ער? וואָס קאָן ע ר איצט טאָן פאַר נענסין אין דער שעה פון פאַרצווייפלונג? מיט וואָס קאָן ע ר איר העלפן אין איר געראַנגל מיטן טויט? — אַביסל נישטיג בלוט... אָה, ווי ס'וואָלט זיך איצט געוואָלט קאָנען צופאַלן צו עפּעס, צו אימעצן, און אויפבינדן זיך — תפילה טאָן — און דערנאָך קומען פון יענעם פאַרהוילענעם ערגיץ און מיטברענגען פאַר נענסין פרישע כוחות, אָנטרינקען אירע דורכגעברענטע גלידער מיטן זאַפט פון לעבן, באַריזלען אירע אָדערן מיטן שטראָם פון ווילן און ווידערשטאַנד... נען!... אָ, נען!... איצט, אונטער דער פאַרשלייערונג פון ווייסן איבערדעק, האָט ער זיך דערפילט ווי אינגאַנצן אָפּגעריסן פון זיין ביזאַהעריגער וועלט, אינגאַנצן אַליין מיט דעם צער פון בלוט וואָס איז נאָך זיינער, מאַכטלאָז אָנטקעגן די קלאָען פון ספק וואָס עסן זיך איין אין זיין האַרץ — איינער אַליין מיט דעם פיין פון אַ לעבן וואָס שפּאַלט זיך אין צווייען פון יסוד־אַרויף...

אַ דינער נאָדל־שטאָך אין געלענק פון אָרעם. אַ פּאַרטאַיעטער געמורמל. אַ ציטערדיגע קילקייט צעגיסט זיך איבער אַלע גלידער. אַ ווייטער געמיש אין קאָפּ. די שפּיץ־פינגער ווערן טעמפּ, טעמפּ, טעמפּער. אַרום ווערט שטיל — פאַרגליווערט־שטיל...

די קני האָבן נאָך ביי אים אונטערגעציטערט ווען ער איז אַרונטער פון טראַנספוזיאָן־טיש. נען איז שוין דאָרט ניט געווען. אַ קראַנקנשוועסטער האָט אים צוגעטראָגן אַ טרונק. דער אינטערן האָט עפּעס געזאָגט, האָט געהאַלטן אין איין ריידן —

— ...נאָר פינף־הונדערט קובישע צענטימעטער...

וואָס מאַכט עס אויס וויפל?

— ווי לאַנג איז זי שוין דאָרט?

— אַרום פופצן־צוואַנציג מינוט, דאָקטער.

— ברענג מיר אַ כאַלאַט און אַ געזיכט־מאַסקע, מיסס.

ער האָט אָנגעטראָפן דאָקטער מק׳קאַרטין אַרויסקומענדיג פון אָפּעראַציאָנס־צימער —

— ווי איז זי, דאָקטער?

מק׳קאַרטי האָט הויך פאַרקנייטשט דעם שטערן —

— זי איז אַ קראַנק מיידל, דיק.

— איז זי אַלרייט?

— זי איז, נאָר——

— נאָר וואָס? וואָס האָט איר אויסגעפונען?

— ס׳איז אַ פאַל פון דיפוזירטן פּעריטאָניטיס, מיין יונג. דער אַפּענדיקס האָט געהאַט געפּלאַצט. ס׳איז לייכט צו פאַרזען אַזאַ זאַך באַלד נאָך אַן אַנטביג־דונג.

— און די פּראָגנאָזע?

דאָקטער מק׳קאַרטי האָט אים שאַרף אָנגעקוקט. ס׳איז געווען פאַרוואורף אין זיין בליק — דער פאַרוואורף פון אַ רבין צו זיין אויסדערוויילטן תלמיד, ווען דער לעצטער שטעלט אים אַ זעלבסטפאַרשטענדיגע פראַגע. נאָר איין קוק אויף דיקענסעס פּנים האָט אים באַלד דערמאָנט, אַז דאָ שטייט ניט מער פאַר אים זיין אַסיסטענט, דער פאַרשפּרעכנדער יונגער כירורג, נאָר דער מאַן פון דער פרוי, דער בלוט־פאַרוואַנדטער פון איינער, וועמענס לעבן ער האָט אָנפאַרטרויט אין זיינע הענט. זיין בליק האָט זיך באַלד אויסגעווייכט.

— איך דאַרף דיר ניט זאָגן וואָס עס מיינט, דיק — האָט ער געזאָגט, אַרונטערציענדיג לאַנגזאַם די גומי־האַנטשן; — ס׳שטייט איר פאַר אַ שווערער קאַמף. געווינטלעך, איר יוגנט איז צו איר גונסטן.

— זי איז אין אייערע הענט, שעף... — האָט דיקענס אָטעמלאָז אַרויס־געהעשעט — איר מ ו ז ט איר העלפן, דאָקטער מק׳קאַרטי! זי טאָר ניט——

זיין קול האָט זיך איבערגעבראָכן. מק׳קאַרטי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם —

— שטאַנדהאַפטיג, מיין יונג!... איך ווייס ווי דו פילסט. דרעניִרן — דאָס איז אַלץ וואָס מ׳קאָן טאָן אין אַזאַ פאַל. אַריין און אַרויס. איך פאַרזיכער דיר אַז כ׳על ניט שוינען קיין מי. איך בלייב דאָ ביז זי וועט אַרויס פון געפאַר.

— כ׳על אייך מער ווי דאַנקבאַר זיין, דאָקטער.

זיי זיינען אַריין אין נענסיס צימער. זי איז נאָך ניט געווען געקומען צו זיך. איר אָטעם האָט אָפּגעשלאָגן מיט דעם גערוך פון עטער. איר פּנים איז געווען מאַט, באַהויכט מיט אַ דינעם שווייס. די קראַנקנשוועסטער מיט אַן איינטערן זיינען געווען באַשעפטיגט מיטן רעגולירן דעם אַפּאַראַט פאַר די פליסיגקייט־איינשפּריצונגען. מק׳קאַרטי האָט אַ טאַפּ געטאָן נענסיס פּולס.

— אַ קאַפעאין איינשפּריץ! — האָט ער באַלד באַפוילן.

אַרום נענסיס בעט איז געווען אַן אָנגעשטרענגטע באַוועגונג. זי איז געווען אין אַ דערשיטערונג־צושטאַנד. זי האָט געאָטעמט מיט שווערינקייט. דער אָטעם־צוג פלעגט זיך איבעררייסן אין אַ פאַרטאַיעטן אָפּקרעכץ.

דיקענס האָט אויף אַ רגע ניט אָפּגעטראָטן פון קראַנקן־צימער. ער איז געזעסן ביי נענסיס זייט, זיינע אויגן איינגעגעסן אין אירע אויסגעבלאַסטע ליפּן, אירע אַרונטערגעפאַלענע וויעס — ווי ער וואָלט מיט זיינע צעפיבערטע בליקן געוואָלט אַריינגעבן אין איר כוח — „לאָז זיך ניט אָפּ, נען — קעמף! — שטרייט! — קום־ביי! — איך בין מיט דיר...” נענסי האָט אָבער אַרויסגעוויזן קנאַפּן ווידערשטאַנד. זי איז געווען שרעקלעך אָפּגעשוואַכט. די פיבער־רויטקייט פון איר פּנים, האָט זיך אויסגעלאָשן, און אַן אַשיגע גרויקייט האָט באַשלאָגן איר הויט. דידאָזיגע גרויקייט האָט זיך פון שעה צו שעה אַלץ טיפער איינגעגעסן אין איר לייב. פאַרנאַכט האָט זי פאַר אַ ווײַלע אַרויסגעצייגט סימנים פון פאַרבעסערונג. די טעמפּעראַטור איז געפאַלן, איר אָטעם און פּולס זיינען געווען רעגלמעסיג. נאָר באַלד אין אָוונט איז זי אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַן אַנדער קעלט־ציטער און איז ווידער פאַרגאַנגען אין דעם פיבערדיגן באַוואוסטלאָזן צושטאַנד.

22

...און די מאַגנאָליעס האָבן געבליט

די נאַכט איז געווען אַ פּיינלעכע. דער טאָג האָט קיין פאַרבעסערונג ניט געבראַכט. אַ מעת־לעת, און נאָך איינער. אַנגעפּרעגטער וואַרטן. אַנגסטיגער וואַכן. יעדע שעה — אַן אייביגקייט. צייטנווייז האָט אַ שווערע אָפּהענדיגקייט אַנגעגאָסן דיקענסעס גלידער. ער פלעגט זיך איינגראָבן אין לענשטול, די וויעס פלעגן זיך אַרונטערוועגן, און באַלד פלעגט ער אויפציטערן פון זיין אייגן פאַרשטיקט געשריי:

— נען! נען! דו וועסט ניט——!...

מק'קאַרטי איז געווען נעבן אים —

— דו בעסער כאַפּ אַריין אַביסל שלאָף, יונגערמאַן, אַניט 'עלן מיר נאָך דיר אויך האָבן אויף אונדזערע הענט.

— איכ'ל זיין אַללרייט, דאָקטער; ס'איז זי וואָס——

ער פלעגט זיך מיט געוואַלד אָפּרייסן פון שטול, פלעגט מיט פלאָנטערדיגע, ניט־דערטשוכעטע טריט דורכשפּרייזן דעם צימער און בלייבן שטיין ביים פענצטער. ס'האָט אַריינגעקוקט בלינדע נאַכט. איבער בוימער־שפּיצן האָט זיך געבראָכן שמייכלענדיגער פרימאָרגן. אין מיטטאָגיגער זוניגקייט האָבן זיך געבאָדן בלומען — אירע בלומען. נאָר זי — נען — זי איז געלעגן אַן אויסגעזויגענע פון איר גאַנצן לעבנסקראַפט, מיט בלויע רייפן אַרום די אויגן, איר פּנים אויסגעשאָטנט, אירע גאָלד־בלאָנדע האָר צעשויבערט איבערן קישן, און האָט זיך אומגעוואָרפן צווישן פּיינלעכער ווירקלעכקייט און באַטויבונג. מאָמענטנווייז האָט זי ווי דורכגעריסן דעם נעפּל פון באַוואוסטלאָזיגקייט. זי פלעגט אים אויסזוכן מיט האַלב־אָפענע, מידע אויגן —

— איך ווייס אַלץ, וויק... אָבער עס שרעקט מיך ניט...

איר קול איז געווען ציטעריג, בלייך.

— כ'פאַרשטיי ניט וואָס דו מיינסט, ליבסטע.

אַ פאַרשולדיגטער שמייכל האָט זיך אַ בראָך געטאָן אויף אירע ליפּן —

— איך מיין... וואָס ס'זאָל מיט מיר ניט געשען... זע אַז ער... זע אַז דאָס קינד... ער זאָל אויסוואַקסן צו זיין... זיין ווי דו, וויק... איך האָב דיר ליב, וויק טייערער... ס'איז נאָר אַ שאָד... ס'איז געמיין... און ער... ער איז דאָך אינגאַנצן אומשולדיג, דאָס קליין באַשעפעניש...

ער האָט ניט געפונען אין זיך קיין ווערטער איר איינצוגעמען. אַלץ אין אים האָט זיך צוזאַמענגענומען אין אַ קלומפּ. ער האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן זוים פון איר קישן. זיינע פינגער האָבן זיך בלינד אומגעפּלאָנטערט צווישן אירע ווייכע האָר —

— רעדסט נאַרישקייטן, קינד. ביסט ניט אַזוי קראַנק ווי דיר דוכט זיך.

— כ'האָב זיך פיינט צו נאַרן, וויק... איך האָב קיין מורא פאַרן טויט... ביסט געווען אַזוי גוט צו מיר און... זע מיט וואָס איך באַצאָל דיר... אַצינד... פאַרגיב מיר, ליבסטער... און ווען כ'על ניט זיין... געדענק: מאַגנאָליאָס זיינע מיינע בלומען...

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, נען? ביסט אויפן וועג צו פאַרבעסערונג. דו ווערסט בעסער, קינד.

עס האָט זיך אים געוואָלט גלויבן זיינע אייגענע ווערטער —

— דו ווערסט בעסער, קינד... — האָט ער נאָך לאַנג נאָכגעפּליסטערט — ווערסט בעסער...

נענס אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט. נען איז בעסער ניט געוואָרן. דער לעצטער לאַבאָראַטאָריע־רעפּאָרט האָט געצייגט סימנים פון אייטער־באַקטעריען אין בלוט־שטראָם. סעפּטיצעמיע!

מק'קאַרטי איז באַלד געקומען, און נאָך אים — דאָקטער בראַיען. נען האָט אויסגעקוקט שלעכט. מ'האָט זיך לאַנג ניט געישובט: נאָך אַ בלוט־טראַנספוזיע. מק'קאַרטי האָט אַ קוק געטאָן אויף דיקענסן —

— ווערסט עס קאָנען באַהויפּטן, דיק?

— זיכער.

— ס'איז געמיין, אָבער מיר'ן עס מוזן טאָן צו דיר.

— איך בין גרייט, שעף...

די אַלטיטשקע האָט אים פאַרהאַלטן אויפן שוועל פון דער אָפּעראַציאָנס־אָפּטיילונג. זי איז געווען אין פאַרגליווערטע שטיק צער. זי איז ווי איינגע־שרומפּן פאַר די לעצטע פאַר טעג. זי האָט אַרויפגעקוקט צו אים מיט ליידיגע אויגן —

— דער אַלמאַכטיגער קאָן ניט זיין אַזוי שלעכט צו איר — קאָן ער, זון?

— כ'זע ניט פאַרוואָס ער זאָל, מוטער.

— זי שיינט אָבער ניט צו ווערן בעסער מיט אַלץ וואָס מ'טוט פאַר איר...

— זי איז נאָך אינמיטן שטרייט, מוטער.

— אויב שטרייטן איז אַלץ וואָס זי דאַרף, וועט זי דאָס באַווייזן. זי האָט קאַמפּלוסטיג בלוט אין זיך.

— לאָמיר האָפן...

ווידער דער טראַנספּוזיאַן־טיש. ווידער דער ווייסער איבערדעק. זאַכן האָבן זיך באַוועגט אַזוי שנעל — אַזוי אויסטערליש־שנעל... באַקטעריען אין בלוט־שטראָם! — סעפּטיצעמיע!... וועט זי דאָס בייקומען?... זי וועט מוזן!... און טאָמער ניט?... ניין, זי טאָר ניט שטאַרבן!... און טאָמער יאָ? טאָמער פאַרלירט זי דעם קאַמף? דער פּראָצענט פון דערהוילונג פון בלוט־פאַרגיפטונג איז זייער קליין... ווער עס זאָל ניט זיין, אָבער ניט נען! — ניין, ניט זי! זי טאָר ניט—— זי קאָן ניט—— אַ גאָט! קאָן שוין קיינער גאָרניט טאָן פאַר איר?! עס קאָן דאָך ניט געמאָלט זיין... מק׳קאַרטי... אָבער ס׳איז סעפּטיצעמיע!... סעפּטי——

פון דערבייאיגן טיש איז געקומען נענסיס פיבערדיג־אָפּגעריסענער אָטעמען.

ער האָט צוזאַמענגעקראַמפּט די פרייע האַנט אונטערן איבערדעק. „האַלט־אָן דעם קאַמף, נען! לאָז ניט נאָך, קינד! נעם מיין בלוט — מיין לעבן — ס׳איז דיינס — נאָר שטרייט, נען! דיין יוגנט איז דיר צום גונסטן — דו ביזט קאַמפּלוסטיג — ביסט אַלץ — אַלץ!...״

— דאָס איז אַלץ — האָט מק׳קאַרטי אַ זאָג געטאָן.

דיקענס האָט זיך געטאָן אַ זעץ־אויף —

— איז זי טויט?!

מק׳קאַרטי האָט אים אָנגעקוקט פאַרווירט —

— וואָס איז דער מער מיט דיר, יונגערמאַן?! דו ליבערשט נעם זיך אין די הענט אַריין. זי איז אַללרייט.

— אַה... כ׳האָב פאַרהערט... אַנטשולדיגט...

אין מויל איז אים געווען טרוקן. אין קאָפּ האָט געשווימט. אַן אינטערן האָט אים אַריינגעפירט אין נענסיס צימער, ט׳אים געהאָלפן זיך אַנידערזעצן אויפן שטול. ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַן עקשנותדיגן באַגער איינצודרעמלען. ער האָט מיט געוואַלד געהאַלטן די אויגן אָפן. נאָכמיטאָג. פאַרנאַכט. נענסי האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון אויפמונטערונג. אירע אויגן זיינען געווען לויטערער. זי האָט געבעטן וואַסער, האָט אַרונטערגעשלונגען אַ שלוק. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זיין וואַך, צו זען נענסין אין אַזאַ צושטאַנד. ער האָט געהערט מק׳קאַרטין באַמערקן אַז דער פּולס איז באַדייטנד שטאַרקער —

— זי רעאַגירט גונסטיג. זאָל זי נאָר אַזוי אָנהאַלטן...

— זי ווערט בעסער, דאָקטער דיקענס — האָט דאָקטער בראַיען אַ זאָג געטאָן צו אים מיט צופרידענעם שמייכל ביים פאַרלאָזן דעם צימער.

זי ווערט בעסער... זי ווערט בעסער... האָבן זיך די ווערטער נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט אין אים אין אַ פריידיגן געזאַנג. נען ווערט בעסער! די סכנה וועט באַלד זיין פאַראיבער — נען ווערט געזונט! נען האָט געוואונען דעם געראַנגל — האָט צוריקגעוואונען זייער בשותפותדיקן גליק! נען האָט געזיגט! ער האָט די גאַנצע צייט געוואוסט, אַז זי וועט מוזן זיגן... נען די שטאַרקע, די זוניגע מיידל זיינע... זי וועט לעבן... אַ, כירורגיע איז געטלעך, מק׳קאַרטי איז גרויס, און ער איז זיין תלמיד... און זעאונגען ליכטיגע האָבן אויפגעשטראַלט און זיך צעשפּונען אין זיין מידן מוח. ער האָט זיך ווידער געזען מיט נענסין אין אַ וויטן פרילינג־פרימאָרגן, ערגיץ ביי אַ בלויען ים־ברעג, אין דער זוניגקייט פון בלענדנדיקע היטן. פון הויכע רוימען־אַראָפּ זיינען געפאַלן אויף אים בונטן ווייסע שטראַלן און האָבן צעגאָסן אַ מילדע וואַרעמקייט אין זיין בלוט, אַ ווייכע רואיגקייט. האָפענונג האָט אים איינגעוויגט אין אירע אָרעמס.

ווי לאַנג איז ער געשלאָפן? א י ז ער געשלאָפן? אפשר איז עס נאָר געווען די התפשטות פון אַ צערודערט געמיט, דער מיראַזש פון אַן אויפגעפלאַמטן, פאַרפירערישן דמיון?...

אַ נאָך ניט־דערוואַכטער, האָט ער באַלד דערפילט אַז עפּעס ענטשיידנס איז פאַרגעקומען אַרום אים דורך דער צייט וואָס ער האָט איינגעדרעמלט. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט און מיט צעטומלטע אויגן האָט ער זיך אומגעקוקט אַרום. ס׳איז געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. אַ רעגן האָט געשלאָגן איבער די שויבן פון פענצטער. אַרום נענסיס בעט איז אַנגעגאַנגען אַ פאַרטאַיעטע באַוועגונג. זי האָט געליטן אַ שטאַרקן צוריקשטויס און האָט געזונקען שנעל. אירע אויגן זיינען געשטאַנען האַלב־אָפן. איר אָטעם איז געקומען פלאַך, כאָרכלדיג. אַרום דעם מויל־ווינקל האָט געבלעזלט אַ ווייסלעכער שוים. „גאָט! זאָל עס טאָקי זיין אַז——?! איז עס——?!״ ער האָט געוואָרפן זיין באַשטירצט בליק אויף מק׳קאַרטין, אויף דאָקטער בראַיענען, אויפן מאַן אינ׳ם הויך־פאַרקנעפּלטן שוואַרצן ראָק ביי נענסיס צוקאָפּנס, אויף דער קניענדיגער אַלטיטשקער ביים זייט בעט. אַלע געזיכטער זיינען געווען געזעצט, פאַרגליווערט; אַלע אויגן — אַרונטערגעלאָזט; ס׳איז געווען גאָר ניט אַראָפּצוליייענען פון זיי, גאָרניט צו הערן אין דעם גאַפּיגן חלל — אויסער נענסיס לײדיגן אָפּאָטעם, איר זעגנדיגן כאָרכלען אין דער אָנגעצויגענער שטילקייט. נענסיס לעבן טריפט־אויס, לעשט זיך. נענסי גוססט, נענסי שטאַרבט... ער האָט געוואָלט אויסברילן אַ געשריי — אויפטרייסלען אַלץ אַרום — „עס קאָן ניט זיין!... עס קאָן ניט זיין!...״ אָבער ער איז געבליבן שטיין פאַרשטאַרט ווי אַלע אַרום. מק׳קאַרטי האָט אָנגענומען נענסיס האַנט. די האַנט האָט זיך ווי איבערגעבראָכן ביים גלענק צווישן זיינע פינגער. נענסיס ברוסט

האָט זיך געטאָן אַ הויב, דער גאָרגל־קנאָפּ האָט זיך אַ צאַפּל געטאָן, די אויגן זיינען שטיין געבליבן. אַ לאַנגע פויזע. מק׳קאַרטי האָט באַזאַכט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער קראַנקנשוועסטער. די קראַנקנשוועסטער האָט אָנגענומען דעם זוים פון איבערדעק. דיקענס האָט אַ שוידער געטאָן. זיינע קני האָבן זיך אונטערגעבראָכן. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט ביי נענסיס זייט און האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין איר טויטער האַנט —

— נען!... נען!... אַ נען!...

*

די קירך.

פאַרן אַלטאַר האָבן געברענט פרומע ליכט.

ער איז געזעסן אין דער פאָדערדייע מיט דער אַלטיטשקער. נעבן אים איז געזעסן מק׳קאַרטי, פריינט פון דער לערי־משפחה. בלומען־קראַנצן אַרום דער טרונע, און אינמיטן — אַ בונט שניי־ווייסע מאַגנאַליאַס...

מיט נאַקעטע אויגן האָט ער אַרויפגעקוקט צום קאַטאַפאַלק, אויף דעם איינציגן וואָרט אויף דער פלאַקע פון דער טרונע־דעק: „מ ו ט ע ר"... די מוטער פון אַ קינד, וועמען דאָסדאָזיגע וואָרט וועט בלייבן פרעמד, וועמען דאָס לעבן האָט באַרויבט דעם אָנדענק פון איר אָפּבילד...

אַ כאָר האָט געזונגען. ס׳האָבן פרום־טרויעריג געציטערט די טענער פון אָרגל. פערלדיג און גלויביג זיינען געפאַלן די פסוקים פון תהילים פון פּרעדיגערס מויל — ווערטער פון מיטגעפיל, פון טרייסט און בטחון. און פאַר דיקענסן איז קלאָר געווען נאָר איין זאַך: נ ע נ ס י א י ז ט ו י ט. און מיט איר איז אָפּגעשטאָרבן זיין האַרץ, דער גלויבן פון זיינע טעג, דער בטחון אין זיין שליחות. כירורגיע האָט אים באַטריגט! די אַלמאַכטיגע ווויסנשאַפט פון דער עלטסטער פּראָפעסיע איז געבליבן הילפלאָז ווען ס׳איז געקומען צו ראַטעווען זיין אייגן פלייש־און־בלוט — דאָס יונג לעבן פון דער וועמען ער האָט אַזוי געליבט!...

מיט נאָכגעביגע טריט איז ער נאָכגעגאַנגען דעם ארון צום אָפענעם קבר — אַן איינזאַמער מענטש אין אַ חרובער וועלט.

און אַרום האָבן די מאַגנאָליאַס געבליט.

23

אומרו

דאָס קינד איז געבליבן ביי מיסעס לערי. די אַלטיטשקע האָט זיך ניט געקאָנט שיידן מיט דעם. זי האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי דיקענסן, אַז ער זאָל — כאָטש אויף דערווייל — לאָזן איר האָדעווען ס'עופעלע. דיקענס האָט ניט געהאַט דאָס האַרץ און ניט דעם מוט צוריקצואוויזן איר פאַרלאַנג. און עפּעס איז ער אַליין גערן געווען, אַז דאָס קינד זאָל דערצויגן ווערן אין דערזעלבער אומגעבונג וואו נענסיס קינדהייט האָט זיך אויסגעבליט; אַז ער זאָל איינזויגן אין זיך די זוניגקייט פון דער לאַנדשאַפט, וועלכע נענסי האָט מיטגעטראָגן פון דאָרט אין לעבן אַריין, וועלכע האָט שטענדיק אַרויסגעשטראַלט פון איר וועזן... מק'קאַרטי האָט אים צוגערעדט: „אַ דערפאַרענע מוטער... ס'וועט זיין בעסער פאַרן קינד... פאַר דער ערשטער שטיקל צייט, לפּחות...״ ער האָט נאָכגעגעבן.

ער איז צוריקגעקומען קיין שיקאַגאָ — אַ מענטש אַליין.

מיט דער באַטויבונג פון דער ערשטער דערשיטערונג נאָכגעלאָזט, האָט די באַטריגטע ווירקלעכקייט זיך געשטעלט פאַר אים אין איר גאַנצער אכזריותדיגער נאַקעטקייט. צייט איז געפאַלן שווער אויף אים. אומרו האָט באַצוואונגען זיינע טעג — טעג אונטערן לאַסט פון אַ צער וואָס איז נאָר זיינער. פּיין האָט איינגעקלעמט, ענג געמאַכט זיין וועלט.

ער האָט געזוכט אַנטרינונג אין זיין אַרבעט. די אויפנאַם־צימערן פון מק'קאַרטיס אָפיס זיינען געווען באַלאַגערט מיט פּאַציענטן. ביידע אָפּעראַציאָנס־זאַלן זיינען, אין מק'קאַרטיס פּרימאַרגנס אין שפּיטאָל, געווען אין פולן גאַנג. אַחוץ דעם זיינען געווען די לעקציעס און די קליניקס אין אוניווערזיטעט, און די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג־אַרבעט אין דער לאַבאָראַטאָריע. און מק'קאַרטי האָט איצט, מיט אַ געצילטן כיוון, געזען אַרויפצוואַרפן אויף דיקענסן וואָס־מער אַרבעט. „אויב פאַרנומען זיין איז בכוח צו מאַכן אַ מענטשן פאַרגעסן זיינע זאָרגן, וועלן מיר זען אַז דאָס זאָל אים ניט פעלן...״ ער האָט

אים איבערגעגעבן פּאַציענטן, אַן אָפּטיילונג אין קליניק און אַ סעקציע אין פּאַרהער־קלאַס; האָט אָנפּאַרטרויט אין זיינע הענט געוויסע עקספּערימענטן אין דער פאָרשונג־לאַבאָראַטאָריע. דיקענס האָט מיטן גאַנצן ברען פון זיין פּאַרוואונדעטער נשמה זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט; האָט מיט זיין איינגעבאָרענעם חוש פון פּאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפגענומען די געגעבענע פליכטן; ט׳געזוכט צו באַרעכטיגן דעם צוטרוי, וואָס מק׳קאַרטי האָט צו אים אַרויסגעוויזן — האָט מיט ליידנשאַפטלעכער אָנשטרענגונג זיך געמיט צו דערהאַלטן די דערשיטערטע יסודות פון זיין וועלט...

נאָר יעדן מאָל ווען ער האָט זיך גרייט געמאַכט פאַר אַן אָפּעראַציע, אָדער ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ קראַנקנפאַל פון אַ קאָמפּליצירטן כאַראַקטער, וועלכער האָט געפאָדערט אַ באַלדיגע ענטשיידונג — פלעגט מיט בולטער דייטלעכקייט אויפטויכן פאַר אים דער אָפּגעשטאַלט פון בענסין אין די לעצטע שעהן פון איר פּאַרצווייפלטן געראַנגל, די רחמנותדיגע אומבאַהאָלפנקייט וואָס די וויסנשאַפט האָט געשטעלט צו איר דינסט. שאַנס! און די שאַנסן זיינען געווען ק ע ג ן איר. און די שאַנסן זיינען שטענדיג דאָ; זיי הויערן איבער יעדן איינעם פון די, צו וועלכע ער טראָגט זיין פּראָפעסיאָנאַלע התחייבות, איבער דעם וועזן, וועלכער דאַרף אונטערגיין זיין מעסער. וועט ער קאָנען געהעריג דערפילן זיין פליכט? וואָס גיט אים די באַרעכטיגונג צו שטעלן אויף זיך? אויף וועלכער דורכאויסיגער איבערצייגונג קאָן ער שטיצן די פאָלקאָמענהייט פון זיין ענטשיידונג? וואָס פאַר אַ געוויסנהאַפטיגע רעכט האָט ער צו נעמען שאַנסן מיט אימעצנס אַלץ — ער, דער קאַלטער ספקן, דער אַליין־געשלאָגענער פון זעלבן שאַנס?!... און ס׳איז דאָך אַלץ אַזוי אַנדערש געווען — ערשט ניט לאַנג צוריק — „פאַר דעם”... דאַמאָלט האָט ער, מיט יעדן טאָג, געפילט זיין וואוקס, די דערגרייכונג צו עפּעס, די זיכערקייט פון זייגע כוחות אונטער דער לייטונג פון זיין גרויסן רבין... יאָ, ער איז גערעכט געווען, מק׳קאַרטי: „ס׳איז ניט נאָר געשיקטקייט, און קענטעניש, און דערפאַרונג — ס׳איז ע פ ע ס מ ע ר, וואָס דער כירורג דאַרף אַריינברענגען מיט זיך אינ׳ם אָפּעראַציאָנס־צימער”. און אָט דעם עפּעס מער האָט בענסיס טויט פאַרלעצט אין אים אינ׳ם סאַמע פונאַנדערבליאונג; און אָט דער עפּעס מער האָט אים אויסגעפּעלט; און דער ניט־פילן אין זיך דעם עפּעס מער האָט געוועקט אין אים צווייפל, וואַקלעניש — ביז ער האָט דערפילט די וואַגיגקייט פון ערשטן אינסטרומענט צווישן זיינע פינגער, דעם באַריר פון לעבעדיג לייב אונטער זיינע הענט. און אַלץ אין אים פלעגט מאָמענטאַל אָפּגעטויבט ווערן, און ער פלעגט ווי פאַרשלונגען ווערן אין דער אַרבעט.

ניט איינמאָל האָט ער זיך געפונען שטיין אין דער לאַבאָראַטאָריע אינגאַנצן אויסגעטאָן פון זיין באַלדיגער אומגעבונג. פאַר אים זיינען געלעגן

טאַבעלן, פאַרנאָטירטע בעאָבאַכטונגען און שלוסן פון אַ סעריע עקספּערימענטן איבער „וויטערדיקע פאָרשונגען אין די רעאַקציעס און ענדערונגען פון די בלוט־צעלן אין פאַלן פון פאַרגיפטונג און כירורגישע וואונדן‟. בויגנס איבער בויגנס — פאַקטן, גרונדלאַגן, זאָרגפעליקע אויספירונגען — מי, געהירן־אָנשטרענגונג, לעכצנדיקער באַגער צו דערגרונטעווען זיך צו אַן ענטפער — וואָס מיינט עס אַלץ? וואוהין זיינען אָט די אַלע סך־הכּלען עלול צו דערפירן? וועלן זיי אַרויסצייגן וועלכן־ס׳איז ווערט, ווען זיי וועלן געשטעלט ווערן צו דער פייער־פּראָבע פון לעבן־און־טויט?... שטויבעלעך, זעמדעלעך אויף אַן ענדלאָזן, שווערן וועג פון זוכעניש — דער וועג צו אַ ניט־דערגרייכטן אמת — און דער סוד פון יאָ און ניין בלייבט נאָך אַלץ פאַרהוילן... און ער פלעגט זיך זען אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע סטודענטן פון זיין סעקציע. סעניאָרס. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, און זיי וועלן פאַרענדיקן דעם אָנגעצייכנטן קורס און וועלן אַריינטרעטן אין לעבן צו פּראַקטיצירן די היילונג־פּראָפעסיע. מיט דער הילף פון דאָס ביסל קענטעניש, וואָס זיי האָבן פאַר זיך דערוואָרבן אין דער מעדיצין־שול, אין שפּיטאָל, וועלן זיי זיך פאַרמעסטן צו פאַרריכטן די טעותן פון דער נאַטור, צו לינדערן די ליידן פון די וועלכע וועלן קומען אונטער זייער השגחה. זיי זיינען ערנסט, זיי זיינען פאַראינטערעסירט, פול מיט אילוזיעס, מיט האָפענונגען. זיי האָבן טייער באַצאָלט פאַר דאָס ביסל וויסן וואָס זיי זאַמלען־אָן צווישן די שול־ווענט, אין קליניק, אין דער לאַבאָראַטאָריע. זיי האָבן מקריב געווען פאַר דעם אַ גרויסן טייל פון זייער יוגנט, שעהן פון פרייד, פון רו. ניט איינער פון זיי האָט איבער דעם געליטן הונגער, נויט. איצט פאָלגן זיי אים נאָך פון איין קראַנקן־בעט צו דער צווייטער. ער דער־קלערט פאַר זיי יעדן קראַנקנפאַל באַזונדער, רעדט אַרום די דעטאַלן: די קראַנקן־געשיכטע, עטיאָלאָגיע, דיאַגנאָז, מעטאָדע פון באַהאַנדלונג, די טעכ־ניק באַנוצט אין דעם געגעבענעם פאַל, די פּראָגנאָזע. זיי הערן זיך צו געשפּאַנט צו יעדן וואָרט, כאַפּן־אויף יעדן פאַקט, פאַרנאָטירן די הויך־שטעלן, די הויפּט־פּונקטן. זיי זיינען אויסן צו דערווערבן פאַר זיך וויסן, זיינען גערן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער פּראַקטישער זייט פון זייער באַרוף. ס׳וועט מיינען פאַר זיי, אין די טעג די קומענדיקע, פאַר וועמען — פאַרווירקלעכונג פון אַ חלום, פאַר וועמען — ברויט און צום־ברויט. וואָס האָט ער זיי צו זאָגן? וואָס קאָנען זיי פון אים אָפּלערנען? וואָס קאָן ער זיי מיטגעבן אויפן שווערן וועג פון סוד, וועלכער שטייט זיי פאָר? — טעקסט־בוך־שטאָף! — איבערגע־דראָשענע, צוגעשניטענע כּללים — טרוקענעם, קאָנווענציאָנאַלן צוגאַנג — אָביעקטיוו, זאַכלעך. זאָל ער זיי זאָגן וואָס די לעצטע טעג האָבן אים גע־לערנט? זאָל ער פאַר זיי קלאָר מאַכן, אַז מיט יעדן כּלל גייט־מיט דער יוצא־מן־הכּלל — אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך ווי שאַנס? זאָל ער זיי קלוג מאַכן און זאָגן, אַז זיי זיינען אַלע ניט מער ווי אַ שפּילצייג אין די הענט פון שאַנס, און

אַז אין לאַנגן סך־הכל איז עס שאַנס — און שאַנס אַליין — וואָס וועט באַשטימען דעם גורל פון יעדן איינעם פון די — זיין דורכפאַל אָדער דערפאָלג אין זיין געגעבענעם געביט?... שאַנס!... שאַנס!... און אַן דעם עפּעס מער——?...

וואָכן. חדשים. ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיך געראַנגלט מיט די פינצטערע ספקות, וואָס האָבן זיך געוואָרצלט אין זיין האַרצן, מיט דעם שטור־רעם פון אָפּפרעגונגען און פאַרלייקענונגען, וואָס האָט געבושעוועט אין זיין וועלט. זיין אַנטשלאָסנקייט, זיין מוט, האָבן זיך געריסן פון אַנקער. זיינע נערוון זיינען געווען אָנגעפּרעסט ביז צום פּונקט פון צוזאַמענברוך. ער האָט ניט געקאָנט אויפּטליען אין זיך קיין פּונק פון באַגייסטערונג, קיין איינציג שטראַל פון גלויבן אין זיין אייגענער אַרבעט. „שאַבלאָן! זעלבסט־באַטויבנדע טרייב־קראַפט! — איך בין באַנקראָט!...” און ער האָט עס געפילט פאַר זיין פליכט צו אויפבינדן זיך פאַר מק׳קאַרטין — „איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל אויסלייגן די קאַרטן אויפן טיש”.

ער האָט געפונען אַ געלעגנהייט דאָס צו טאָן ווען ער איז געבליבן אַליין מיט דאָקטער מק׳קאַרטין אין זיין פּריוואַטן באַראַטונג־צימער.

—...און כ׳וועל עס מיר קיינמאָל ניט קאָנען פאַרגעבן, אויב איך האָב אייך אַנטוישט, דאָקטער. — האָט ער פאַרענדיגט אין אַ פאַרשולדיגט קול, די אויגן אַרונטערגעלאָזט — איר זענט זיכער דער לעצטער מענטש אויף גאָטס גרינער ערד וועמענס געפילן איך וואָלט אויסן געווען צו פאַרלעצטן. ס׳איז אָבער, ליידער, דער אמת, שעף — דער נאַקעטער אמת...

דאָקטער מק׳קאַרטי האָט אים אויסגעהערט מיט מיושבדיגער אויפ־מערקזאַמקייט, אָן שום אָנדייט פון איבערראַשונג.

— ניין! — האָט ער, ווי דערוואַכט פון אַ לענגערן נאָכטראַכטן, וואָגיג געשאָקלט מיטן קאָפּ פון זייט צו זייט — ניין, איך בין ווייט פון זיין אַנטוישט אין דיר, יונגערמאַן. אדרבה, איך האָב דעם גרעסטן אָפּשיי פאַר דיין אויפ־ריכטיגקייט. און ס׳איז געווען אָט די איינגעבאַרענע אויפריכטיגקייט דיינע וואָס האָט אין מיר, גלייך פון אָנהויב, דערוועקט אַן אינטערעס אין דיר. און אויב מיר זיינען שוין יאָ אָפּנהאַרציג, טאָ לאָמיר דיר זאָגן, מיין יונגער פריינט, אַז איך בין דורכאויס ניט איינשטימיג מיט קיין איינציגער באַהויפּ־טונג וואָס דו האָסט דאָ געמאַכט... איך פאַרדענק דיר ניט. איך נעם אין אָנבאַטראַכט די געדריקטע שטימונג, די אומגינסטיגע אומשטענדן, אונטער וועלכע דו געפינסט זיך אַצינד. אָבער דו טאָרסט ניט דערלאָזן אַז דאָס זאָל ווערן דיין אויבערהאַר! דו קאָנסט ניט אָפּלאָזן דעם רודער ווייל דיין שיפל האָט זיך, אומגליקליכערוויז, אָנגעטראָפן אויף אַ בייז געוויטער. גראָד דאַמאָלט איז די צייט ווען אַ מענטש מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין. דו דאַרפסט זיך אַליין בייקומען, דיק! טאָרסט ניט לאָזן אַלץ פאַרטראָגן ווערן מיטן ווינט.

דו האָסט פאַר זיך דיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו דיין באַרוף, דיין צוקונפט.

— אָבער איך בין אַ דורכפאַל, דאָקטער מק'קאַרטי, — האָט ער זיך אומבאַהאָלפן געעקשנט, זוכנדיג ווערטער אין זיך. — איך פיל אַז מיין אַרבעט האָט פאַרלאָרן יעדן ווערט; אַז ס'איז אַ נוצלאָזער פאַרשווענדן פון מי; אַז זינט דער „געשעעניש" מיט איר — זינט דאַן — פיל איך, אַז כ'קאָן ניט—— אַז—— זאָל איך זאָגן, אַז ביז אַ געוויסער פּאַרוואָס וועט פאַר מיר ניט פאַרענטפערט ווערן, איז——

— איך פאַרשטיי דיר, דיק; — האָט דאָקטער מק'קאַרטי אים אונטער־בראָכן — איך פאַרשטיי. און ס'איז אפשר ניט מער ווי נאַטירלעך אַז, אונטער די אומשטענדן, זאָלסטו פרעגן פּאַרוואָס... פּ אַ ר ו ו אָ ס ?... ווער פון אונדז אין דער פראָפעסיע האָט זיך — ביי איין געלעגנהייט, אָדער אַ צוויי־טער — ניט געפרעגט דעמזעלבן פּ אַ ר ו ו אָ ס ? ! ווער פון אונז האָט זיך צומאָל ניט אָנגעשלאָגן אָן דערזעלבער בלינדער וואַנט — אָן דער קאַל־טערווירקלעכקייט ?!... פּ אַ ר ו ו אָ ס ?... מוזט אָבער געדענקען, מיין יונגער פריינט, אַז וואָס אונדזערע דערגרייכונגען זאָלן ניט זיין, קיין אוי־בערמענטשן זיינען מיר קיינער ניט. יאָ, עס קאָן אפשר מיט רעכט זיין אַ געוויסע מיינונג־פאַרשידנהייט צי כירורגיע איז אַ וויסענשאַפט אָדער אַ קונסט; עס קאָן אָבער קיינער ניט פאַרהאַלטן דעמזעלבן צוייפל בנוגע דער קענטעניש פון פונקטואַציע. וויסן וואו צו שטעלן דעם אָפּשטעל־פּונקט — דעם פולן אָפּשטעל — אין דער כירורגיע אַזוי גוט ווי אין לעבן אין אַלגע־מיין — דאָס איז אי וויסנשאַפט אי אַ קונסט!... געוויס האָבן מיר אונדזערע באַגרעניצונגען — שווערע באַגרעניצונגען, אפשר; אָבער וויסן ו ו א ו די דאָזיגע באַגרעניצונג ליגט, אין דעם שטעקט די גאַנצע גרויסקייט פון אונדזער שליחות. אויסגעפינען וואו דאָס באַשטימטע, דאָס פעסטגעשטעלטע, ענדיגט זיך, און וואו דאָס צווייפלהאַפטע, דאָס עקספּערימענטאַלע, הויבט זיך אָן, און דאָרט שטעלן דעם פּונקט — דעם גרעניץ־צייכן — דעם געהעריגן פאַנאַנדערשיידונג־פּונקט אויפן ריכטיגן אָרט. דאָס געטאָן, קאָן מען זיך פון דאָרט פאַרמעסטן אויף ווייטערע האָרי־זאָנטן; קאָן מען פון יענעם פּונקט זיך לאָזן, טראָט־ביי־טראָט, צו באַהערשן די ממשלה פון ספק, נאָר שטענדיג געדענקען וואו דער אָנהויב ליגט. דאָס איז דער הויפּט־זין פון פונקטואַציע! דאָס איז דער וועג פון פאָרשער, פון פּיאָנער, פון דעם געוויסנהאַפטיגן קעמפער. ג ע ה ע ר י ג ע פּ ו נ ק ט ו־אַ צ י ע ! און דאָס נעמט יאָרן, מיין יונגער פריינט — יאָרן פון טייער־באַצאָלטער דערפאַרונג, פון אַנטריסונג, פון פאַרביסענעם געראַנגל. אָבער אַ דורכפאַל? — אַ ניין! אַ טויזנט מאָל ניין! דו ביסט ווייט פון צו זיין אַ דורכפאַל. ס'איז ניט דער ערשטער פאַל, און, לײדער, ניט דער לעצטער. דאָסמאָל האָט עס געטראָפן צו־נאָנט און ס'איז געפאַלן שווער אויף דיין גע־

מיט. און איך פיל־מיט מיט דיר, מיין יונג. אָבער אויף דיין וועג וועסטו אָנטרעפן גענוג אומגליק און טרערן, לייד און פאַרצווייפלונג, און צומאָל — אַביסל געשאָנקענע פרייד. דאָס איז שוין אונדזער גורל; דאָס איז דער שטייגער פון אונדזער וועלט. דו האָסט אַרויסגעצייגט אַ פאַרשפּרעכנדן אָנהויב, דיק — אַ גלענצנדן אָנהויב; ס'איז אָבער נאָר אַן אָנהויב. דו מוזט אָנהאַלטן!

— איך זע אָבער ניט איין ווי־אַזוי, שעף. איר ווייסט, אַז איך האָב געמאַכט אַ פאַרצווייפלטן פאַרזוך — האָב געטאָן אַלץ וואָס כ'האָב געקאָנט. עס זעט אָבער אויס, אַז ס'איז פשוט אוממעגלעך פאַר מיר צו צוריקגעפינען אַ וועלכן־ס'איז אָנהאַלט.

— אָבער דו מוזט, דיק! דו מוזט קומען צו זיך. נענסי וואָלט זיכער ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט אָנהאַלטן אַזאַ צושטאַנד. וואָס איז געשען באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט און—— דו מוזט פאַרגעסן... כ'ווייס, עס קומט דיר געוויס אויס פריקרע, אכזריותדיג, צו הערן אַזוינס פון מיר, אָבער דו מוזט — אומבאַדינגט, דו מוזט! דו ביסט עס שולדיג זיך אַליין, איר אָנדענק, דיינע מיטמענטשן און, ניט ווייניגער, דער פּראָפעסיע. און פאַרשטיי מיר: איך בין ניט אויסן צו אויסטיילן דיר קאָמפּלימענטן. נישט איצט איז די צייט פאַר דעם און ניט דאָס ביסטו געקומען הערן פון מיר. נאָר ווייס, יונגערמאַן, אַז איך האָב געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף דיר פון דעם ערשטן טאָג־אָן וואָס איך האָב דיר קאָנען געלערנט, דאַן אין פּראָסעקטאָריום, און איך ווייס וואָס צו דערוואַרטן פון דיר. און לאָמיר דיר זאָגן, מיין יונג: דו פאַרמאָגסט אַלץ, וואָס אַ גוטער כירורג דאַרף באַזיצן! דו פאַרמאָגסט טאַלאַנט, אונטערנעמונגס־גייסט, אויסגעהאַלטנקייט, פאָרזוכט, אַן עקשנותדיגן באַגער פאַר שלמות, און וואָס ס'איז וויכטיגער פון אַלץ — אַן אויפריכטיגקייט צו זיך, צו דיינע פליכטן, און אַ אינערלעכע באַציאונג צו מענטשן, וועלכע דו האָסט צו פאַרדאַנקען דיינע פערזענלעכע דערפאַרונגען אין לעבן. די פּראָפעסיע נויטיגט זיך אין אַזוינע ווי דו; די מענטשהייט דאַרף דיר. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס איך דערלויב זיך אַזוי צו ריידן צו דיר; דאָס איז פאַרוואָס עס גייט מיר אַזוי אין לעבן. און איך וועל קעמפן צאָן־און־נאָגל צו זען אַז דו זאָלסט דערגרייכן יענע הויך וואו דו באַלאַנגסט — דיין פּלאַץ אין דער פּראָפעסיע אַלס אידעאַלער כירורג, אויב ניט דער אידעאַלער כירורג!... דו מוזט זיך דערהאָלן פון דער דערשיטערונג, דיק. דו מוזט אָנגיין. כ'האָב געפּרואווט איין מיטל: כ'האָב געדענקט אַז אַרבעט וועט דיר מאַכן צו פאַרגעסן, און כ'האָב געזען אַז דו זאָלסט עס האָבן צו גענוג. דאָס האָט ניט געווירקט, וועלל, ׳עלן מיר פּרוואוון אַן אַנדער מיטל — אפשר גראָד דעם היפּוך פונ'ם פריערדיגן. לאָמיר זאָגן, מאַכן אַ רייזע פאַר אַ לענגערע צייט — אויף יענער זייט ים, צום ביישפּיל. אויסטאָן זיך פאַר אַ געוויסער

צייט פון אַלץ, פון אַלעמען, הע? דאָס דאַרף זיין בכוח צו מאַכן דיר פאַרגעסן. זעסטו אַליין ניט איין, מענטש איינער: ד ו מ ו ז ט פ אַ ר ג ע ס ן?!...

דיקענס האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן —

— פאַרגעסן... פאַרגעסן... וויפיל מאָל האָב איך שוין געהערט דאָסזעלבע ליד? דאָסמאָל קומט עס פון אַ דאָקטער, אין דער פאָרם פון אַ רעצעפּט, ווי איך נעם עס אָן... ווי שיין דאָס וואָלט געקלונגען אין אונדזער מעדיצינישן לאַטיין!... און געלייענט וואָלט זיך עס אַזוי: *Recipe, Aqua Fluvials Letheae, quantum sufficit ad proficiendum Amnesiam Lacunaris. Signa: Da talem dosem quaqua hora in die et in hora decubitus cum lacrimis*... פ אַ ר ג ע ס ן... גאָט אין הימל! — האָט ער פּלוצים פאַרוויטאָגט אויסגעשריען — איז דאָס נישט צומאָל די עצם־זאַך, וואָס איך האָב געטאָן די גאַנצע צייט זינט איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט זוכן מיין אייגענעם וועג אין לעבן?! ניטשווינזשע איז דאָס אַלץ, וואָס לעבן האָלט פאַר מיר?! פאַרגעסן! אָפּרייסן זיך פון איין צובונד נאָך איידער ס'איז צייט געווען זיך געהעריג צואוואַקסן, און באַלד ווידער געטריבן ווערן צו זוכן פאַרגעסונג אין אַ צווייטן, אַן אַנדערן... האָט שוין לעבן מיר ניט פאַרגונען קיין איינציגן עפּעס, קיין איינציגן ערגיץ, וואו איך זאָל קאָנען געפינען אַן אַנדאַכט פון פרייד און באַרואיגונג פאַר מיין גאַר־און־זיין?! זיינען שוין גאָר די טעג מיינע פאַרמשפּט צום אייביקן כף־הקלע, צום כסדרדיקן זוכן־און־פאַרלירן — צום נאָכאַנאַנדיקן קוים־דערגרייכן און צוריקפאַלן?!...

— אָט דאָס איז לעבן, מיין יונג — דאָס איז לעבן! אַ לעבן־לאַנג רייסט זיך יעדע צעל אינ'ם לעבעדיקן אָרגאַניזם צו דערגרייכן די שטופּע פון אַ פיזאַ־כעמישן עקוואַליבריום, פון זעלבסט־צופרידנשטעליקייט, און דערדאָזיגער עקוואַליבריום קומט נאָר מיטן אַנהויב פון אומקום, ווערט נאָר דערגרייכט אין דעם מאָמענט פון טויט. זעלבסט־צופרינדשטעליגקייט איז דער אויפהער פון שאַפן, פון זיין; און לעבן איז אַן ענדלאָזע קייט פון שטענדיקן אומבייט און ענדערונג, פון אויפקום און אומקום, פון נידערפאַל און דערהויבונג, פון צעשטערונג און ווידערגעבורט. און יעדער אומקום אַנטהאַלט אין זיך די זריעה פון אַ נייעם אויפקום, יעדע צעשטערונג — די יסודות פון אַ פרישן אָנהויב. ניט מיט אונדז האָט זיך עס אָנגעהויבן, ניט מיט אונדז וועט זיך ענדיקן. ס'איז דער פּראָצעס פון אייביגקייט, פון דעם גרויסן אין־סוף. און אַלץ וואָס מיר — צייטווייליגע צעלן אין דעם גרויסן וועלט־אָרגאַניזם — קאָנען טאָן, איז צו זען שלום מאַכן מיט די כוחות פון דער נאַטור, מיט דעם אַלמאַכטיגן ווילן; אָנצוהאַלטן דעם שפּיל פון ראַנגלעניש מיט געראַנגל דורך פאַרנונפטיגן געראַנגל — אַ געראַנגל אין וועלכן פולשטענדיגער נצחון דערפירט צום צעפּאַלמעסונג־טיש, און צייטווייליגער פאַרלוסט מיינט עקזיסטענץ. ס'איז

אַ שפּיל פֿאַרן טיוול, אָבער דאָס איז לעבן. ווער קאָן מעסטן אייביגקייט מיט אַ הייפּעלע טעג פֿון אייגענעם לעבן?! ווער קאָן פֿאַרגלייכן דעם אייגענעם צער מיט די שטענדיגע געבורט־ווייען פֿון דער וועלט?!... מ׳מוז שלום מאַכן, מיין יונג. דו מוזט פֿאַרגעסן!...

נאָר אויב ניט פֿאַרגעסונג, האָט די פֿאַרנומענקייט פֿון זיינע טעג אים געבראַכט צעשטרויאונג. אונדערטרעגלעך אָבער זיינען פֿאַר אים געווען די נעכט. ליידיג און מוראדיג האָבן זיי געלויערט פֿאַר אים אין די שאָטנס פֿון דער הויז, וועלכע איז פֿאַר אים אַמאָל געווען היים. אומעט האָט אַראָפּגע־ווײנט פֿון די שטומע ווענט, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אַנומלט געניסטיגט זיין פֿאַרלאָרן גליק. ס׳האָט געגאָפּט דער איינזאַם פֿון דער בעט, וואָס איז געמיינט געווען פֿאַר צוויי. דער שוועל, אויף וועלכן ס׳פֿלעגט אים דערוואַרטן אַ יונגע פֿרייד, האָט אים געטריבן פֿון זיך מיט קאַלטן גרויל... די פֿרייע שעהן, וועלכע זיינען פֿריער געווען נענסיס, האָט ער איצט אָפּגעגעבן זיין אַרבעט. שפּעטער אָוונט, פֿריער באַגינען, האָבן אים געפֿונען אין שפּיטאָל, אין דער לאַבאָראַטאָריע, אין דער וויסנשאַפֿטלעכער ביבליאָטעק. ער האָט געזוכט צו זיין וואָס־ווייניגער אין דערהיים. ער פֿלעגט זיך נאָר אַריבערכאַפּן אַהין איבערשלאָפֿן די פּאָר שעה. אָבער שלאָף איז זעלטן־ווען געקומען. דו איז פֿאַר אים דאָרט אויף אייביג געווען פֿאַרטריבן.

איינמאָל, שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער זיך צוריקגעקערט אַליין פֿון שפּיטאָל. די נאַכט איז געווען אַ סוף־זומערדיגע, אַ מיטחודשדיגע. ער האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אַהיים צופֿוס דורכן פּאַרק. דער פּאַרק איז געווען לייי־דיג, אין די אַלעען — שטיל, איבער די פֿאַרלאָזענע שטעגן — נאָר ער און זיין שאָטן. פּלוצים איז ער דערשטוינט געווען צו באַמערקן אין דער דעלינע־אירונג פֿון זיין אָפּירגייענדיגן שאָטן אַזאַ אויפֿפֿאַלנדיגע ענלעכקייט צו זיין טאַטן: דעם טאַטנס ברייטע, רונדיגע אַקסלען, דעם טאַטנס ענערגישער שוואונג פֿון די אָרעמס, זיין געזעצטער, ריטמישער שפּרייזן — נאָר די שטאַלצע זיכערקייט פֿונ׳ם טאַטנס טראָט האָט אים אויסגעפֿעלט. עס איז אים אויסגעקומען טשיקאַווע, וואָס ער האָט ביז איצט ניט באַמערקט דידאָזיגע ענלעכקייט, נאָר האָט עס אויסגעפֿונען דאָ, אין שאָטן... ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז זינט דער „געשעעניש" מיט נענסין האָט ער דעם טאַטן גאָרניט געשריבן, אַז אפֿילו פּ אָ ר דעם האָט ער קיינמאָל וועגן נענסין ניט דער־מאָנט. און אפֿשר איז עס בעסער אַז דער טאַטע ווייסט ניט וועגן דעם, אַז ער זאָל ק י י נ מ אָ ל ניט וויסן. און דער טאַטע מוז שוין געוויס איבער־טראַכטן גאָט ווייסט וואָס מיט אים איז געשען... קאָן ער זיך פֿאַרשטעלן עפּעס ערגערס פֿון וואָס ס׳איז ו ו י ר ק ל ע ך געשען?... דער טאַ־טע... אָ, ווי אַנדערש דער טאַטע, דער זיידע, האָבן אויפֿגענומען די געשע־ענישן פֿון זייערע טעג! ווי שטאַרק און מונטער זיי האָבן זיך געקאָנט האַלטן

ווען גורל איז צומאָל געפֿאַלן שווער! דרייסט און שטאָלץ זיינען זיי אַנט־קעגנגעקומען יעדן שטורעם, און שטענדיג אַרויסגעקומען מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. איז עס דערפֿאַר ווייל זיי האָבן געהאַט אַן עפּעס צו וואָס צוריקצוקומען? אָדער איז עס דערפֿאַר ווייל סוף און אָנהויב האָבן ניט געוואוסט פֿון קיין איבערברוך אין דעם גאַנג פֿון זייערע טעג?... דריי דורות — און ס'אַר אַן ענג־געקניפּטקייט ס'איז געווען צווישן דעם טאַטן און דעם זיידן, און ס'אַר אַ וויטקייט, ס'אַר אַן אָפּגעריסנקייט, דאָס לעבן האָט אויסגעלייגט צווישן דעם טאַטן און אים!...

און אַ בענקשאַפֿט־געפֿיל האָט אים אַרומגענומען — אַ מאַניענדיגער באַגער צו זען דעם טאַטן, די אַלטע היים; מיט איין ריזיגן טראַט אַ שפּריין טאָן צוריק איבער די יאָרן פֿון אָפּגעפֿרעמדקייט; צוריק אויפֿכאַפּן די לויזע פֿעדים פֿון דעם אַמאָל, וועלכע ער האָט פֿאַרלאָרן אויפֿן וועג פֿון איינזאַמען וואַנדערן; נאָכאַמאָל זען זיך פֿאַרן שוועל וואו אומרו איז צוערשט פֿאַר אים אויפֿגעגאַנגען...

זיין באַשלוס האָט באַלד נאָכגעפֿאָלגט.

מיט געאיילטע טריט, ווי געטריבן פֿון זיין אייגענעם שאָטן, איז ער דער־גאַנגען ביז זיין וואוינונג, איז צוגעפֿאַלן צום שרייבטיש און האָט אָנגעשריבן דעם טאַטן אַ בריוו:

„טאַטע מיינער האַרציגער!

„פֿאַרדענק מיר ניט, איך בעט דיר, וואָס איך האָב דיר אַזוי לאַנג ניט געשריבן, און גלויב מיר ווען איך זאָג דיר, אַז ס'איז ניט געווען אינגאַנצן מיין שולד דערין. רוף עס אָן „פֿאַרנומען געווען", רוף עס אָן „פֿאַרדרייט" — מ'דאַרף אַליין זיין דערביי צו געפֿינען דעם ריכטיגן נאָמען פֿאַר אַזאַ מצב; און דו, ווייס איך, וואָלסט עס געקאָנט — דו קאָנסט שטענדיג געפֿינען דאָס ריכטיגע וואָרט, און דו וואָלסט מיר פֿאַרשטאַנען...

„...גראָד פֿאַרט איצט אָפּ קיין איראָפּע מיינער אַ פֿריינט מיטן נאָמען מ י י ע ר ז א ן — זייער אַ נאָענטער חבר מיינער. ער האָט מיר פֿאַרשפּראָכן צו אָפּשטייגן אין פּילעצאָווע און זיין ביי איך. פֿון אים וועסטו קאָנען אָפּנעמען אַ לעבעדיגן גרוס פֿון מיר. כ'ווייס ניט צי ער וועט דיר קאָנען אַליץ אַרויסגעבן; אָבער דו, מיט דיין געבענטשטן חוש־הריח, וועסט שוין אַליין דאָס איבעריגע דערשמעקן...

„טאַטע האַרציגער! דאַרף איך דיר נאָך זאָגן אַז איך בענק נאָך דיר — איצט אפשר מער ווי ווען־ס'איז פֿריער? דאַרף איך דיר נאָך פֿאַרציילן ווי ס'וואָלט זיך מיר אַצינד געוואָלט זיין אַ קינד צוריק — דיין אָמאָליגער אַביגדורקע — און פֿילן אויפֿסניי די זי־כערקייט פֿון דיין השגחה איבער מיר; וויסן אַז דאָרט, מיט דיר, באַלאַנג איך; אַז איך בין נאָך ראוי אין דיינע אויגן מיך אויפֿצו־נעמען, ווי דו פֿלעגסט עס טאָן אַמאָל — ווי אינגאַנצן דיינס...

און וואָלט איך דאַמאָלט, אויף מיין וועג אַהער, געווען ביכולת דורכצוברעכן דעם גרעניץ וואָס איז געלעגן צווישן אונדז, וואָלט אפשר איצט אַלץ אַנדערש געווען — — —

„ — — — און פאַרגיב מיר, טאַטע מיינער, אויב מיין ניט־שרייבן האָט דיר גורם־צער געווען, און אויב פון מיין איצטיגן שרייבן איז גאָרניט קלִיגער צו ווערן. ווער נאָך ווי דו ווייסט, אַז כ'וואָלט מיר ליבערשט געלאָזט די רעכטע האַנט אָפּשניידן, איידער דיר צו פאַרשאַפן אומזיסטן עגמת־נפש...

„זיי געבענטשט און זיי געזונט ביז גורל וועט אונדז ווידער־אַמאָל צוזאַמענברענגען.

דיין אביגדור״

ווי ער וואָלט זיך אַליין ניט געטרויט מיטן בריוו איבער נאַכט, איז ער באַלד אַרויס אַריינצוואַרפן דעם בריוו אין בריוו־קעסטל.

ער האָט אָפּגעאָטעמט טיף. איין זאַך דערליידיגט! ער וועט קומען צום טאַטן אינקאָגניטאָ...

אַן אויפגעמונטערטער האָט ער צומאָרגנס באַגעגנט דאָקטער מק'קאַרטין:

— וועלל, איך האָב באַשלאָסן צו נעמען אייער עצה, פּראָפעסאָר: איך לאָז זיך אַוועק אויף אַ לענגערע רייזע.

מק'קאַרטיס פנים האָט אויפגעשיינט —

— אָט דאָס זיינען ווערטער, מיין יונג! איך בין העכסט צופרידן וואָס דו האָסט זיך געלאָזט פון מיר איינריידן. וואוהין?

— אויף יענער זייט ים — קיין אייראָפּע. וועל שוין, פאַר איין גאַנג, זיך מסתמא אַריבערכאַפּן זען דעם אַלטן טאַטן מיינעם.

— ס'איז ניט מער ווי רעכט, דיק. דער אַלטער האָט עס פאַרדינט. ווי לאַנג איז שוין אַז דו האָסט אים ניט געזען?

— איבער אַכטצן יאָר.

— אַכטצן יאָר איז אַ לאַנגע צייט, מיין יונג. דו טוסט קלוג, און איך בין צופרידן וואָס דו טוסט עס. ווען?

— קומענדיגע וואָך, וואַרשיינלעך. כ'האָב געוויסע קליינינקייטן צו דער ליידיגן.

— ביסט זיכער אַז דאָס זיינען ניט מער ווי קליינינקייטן? פאַר מיר דאַרפסטו זיך ניט שעמען: מיר זיינען, נאָך אַלעמען, שטיקלעך אָנגעהעריגע. אויב דו ביסט געענגט אין מזומן, איז——

— ניין, אַ דאַנק. עס וועט מיר קלעקן ביז גענוג.

— סט'זיין אין דערוועגנס, פאַרגעסט ניט! לאָז מיר דיר ליבערשט באַזאָרגן מיט אַ קרעדיט־בריוו פון מיין באַנק. און זאָג ניט ניין!

— אבער, דאָקטער מק׳קאַרטי——

— ש—ש! — האָט אים מק׳קאַרטי ניט געלאָזט דערדידן — דו האָסט באַשלאָסן צו טאָן אַ גלייכע זאַך, מאַך עס ניט קאַליע. איך וועל עס באַזאָרגן. גוד לאַק! און זאָל דיר צומאָל ניט איינפאַלן צו באַזוכן דאָרט קליניקס און שפּיטעלער! דו קאָנסט אַמאָל קריגן אַזאַ „אינספּיראַציע״... האָב אין זינען אַז דו פאָרסט צו דערהאָלן זיך. שלאָג זיך אַלץ אַרויס פון קאָפּ, און זע וואָס־מער זיך צו אַמוזירן... און דעם טאַטן דיינעם גיב־אָפּ אַ גרוס פון אַלטן מק׳קאַר־טין, וועמען ער קאָן ניט, נאָר וועלכער דענקט, אַז ער האָט זיך ניט וואָס צו שעמען מיט זיין זון...

— אַ דאַנק.

— און געדענק: ה ע ם נ אָ ז א י ן ד ע ר ה ו י ך !...

*

ער האָט ניט געוואָלט אין די הויפּשטעט פון מיטל־איראָפּע אַזוי לאַנג ווי ער האָט לכתחילה בדעה געהאַט. פּאַריז האָט ניט מער געהאַלטן פאַר אים דעם צויבער פון אַמאָל, און ניט די שווייץ, און ניט די אַלטע באַהעמיע און אויך ניט די לוסטיגע, געמיטלעכע ווין. זיי זיינען געווען צופיל פאַרבונדן מיט דער צווישן־צייט פון זיינע טעג, און אים האָט איצט געצויגן צום ג אַ נ צ ן אַ נ ה ו י ב — צום קוואַל פון זיין אַמאָל — צום נעסט פון זיין יוגנט — צום טאַטנס היים.

24

וואו ס׳איז אַמאָל דערהיים געווען

דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלן פּלוצים און טריב. אַ דריבנער רעגנדל האָט געשפּריצט פויל און האָט באַטרערט די שויבן פון וואַגאָן. פאַרן פענצטערל האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן גרויע שטיקער האַרבסט — פאַרמרה־שחורהטע, גאָלע פעלדער, אָפּגעזומערטע וועלדער, פאַרלאָרענע טײַכלעך און מוטנע דאָרפישע הײַזלעך, צוזאַמענגעגנורעט אײנע צו די אַנדערע ווי אַ דערשראָקענע טשערעדע. איבערן שליאַך האָט זיך געשלעפּט אַ פויערש פורל, אָפּהענדיג, פאַרשלאָפן. אויפן פורל איז געזעסן אַן אַלטער פויער, דעם פּעלץ אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ, און האָט געוואָרפן אַן אָנגעכמורעטן בליק אויפן לויפנדיגן באַן: „פלי, פלי! איכ׳ל מיר שוין ווי־ס׳איז דערשלעפּן — אַט אַזוי, פּאַמעלעכקע...״

אין וואַגאָן איז געווען טונקל, האַרבסטיג־גרוי. דער סומנער אָפּשײַן פון פאַרווייִנטן פענצטערל איז געפאַלן אויף דיקענסן, און האָט שאַרפער אַרויסגעבראַכט די מידע בלאַסקייט פון זײַן פּנים און די טיפע שאָטנדיגקייט אַרום זײַנע אויגן. דער אומגעדולד פון די לעצטע נעכט האָט אין אים אויסגעוועפּט די יערונג און דעם פּײַנליכן נײַגער, וועלכע האָבן געטריבן זײַנע טריט אַהער, און זייער פּלאַץ האָט פאַרנומען אַ מידער גלײַכגילט — יענער גלײַכגילט, וועלכער פלעגט קומען נאָך יעדער לאַנג־דערוואַרטער דערגרייכונג, פאַר יעדן פרישן אומרו... מיט דער דערנענטערונג פון דער ערד פון זײַן געבוירן, זײַנען די גרעניצן פון צײַט ווי צעשוואומען אין דעם האַרבסטיגן נעפּל אַרום. אַ פאַרגעסן געפיל האָט זיך דערוואַכט אין אים און האָט אים פאַרטראָגן צוריק אַריבער די יאָרן און איבערלעבונגען, וועלכע זײַנען געלעגן צווישן אים און דעם שוועל פון טאַטנס היים. ער האָט זיך ווידער געזען אין זײַן פרישטער יוגנט, האָט ווידער דורכגעלעבט דעם לייכטן נשמה־ציטער פון אַ ווייט־נאָענטער דערוואַרטונג:

ער פאָרט אַהיים... ער פאָרט אַהיים פון דער ישיבה. אַ כתב פון ראש־

הישיבה אין דער בוזעם־קעשענע, אַ קוואַל פון תורה אין דער ברוסט. אַ יום־טובדיגער טיש ביים טאַטן אין הויז. דער זיידע ט'אים פאַרהערן אין לערנען. דער טאַטע ט'זיך מיט אים נעמען צום „בית־יוסף"...

שפּעטער —

ער פאָרט אַהיים... ער פאָרט פון וואַרשע, אויף יום־טוב צום טאַטן. נייע אידעען, נייע איבערצייגונגען. ס'דערוואַרטן אים חברים, הדסל, ויכוחים. חלומות — בשותפותדיגע, ליכטיגע חלומות...

און ——

ע ר פ אָ ר ט אַ ה י י ם... ער פאָרט פון—— אויף——

און די זעאונג צעשווימט.

דער צוג האָט זיך אַ שאַרפן וויג געטאָן און האָט זיך פאַרנומען אויף די זייט־רעלסן. דער געבראַזג פון די רעדער איז געוואָרן לאַנגזאַמער, טרוקענער. פּאַסמעס ליכט האָבן זיך אַריינגעבראָכן פון דרויסן און דורכגעקרייצט דעם דיל פון וואַגאָן. צווישן די מיטרייזנדע איז געוואָרן אַ נערוועזע באַוועגונג, אַ געדראַנג. דער צוג איז שטיין געבליבן.

דיקענס איז אַרונטער פון דער באַן.

ס'האָט געגאָסן אַ שלאָקס־רעגן. דער ווינט האָט געריסן פאַר די פּאָלעס און האָט געשמיסן אין פּנים. אַ גלאָק האָט אַ קלונג געטאָן — איינמאָל, אַ צווייטן. מענטשן האָבן זיך באַגעגנט, מענטשן האָבן זיך געזעגנט, מענטשן זיינען געאיילט פאַרשוואונדן — ווער אין באַן, ווער אין וואָקזאַל. די פּלאַט־פאָרם איז געבליבן ליידיג. איבער איר גלאַנציג־נאַסן פּלאַך האָט צעצויגן און קאַלט, זיך אויסגעלייגט דער אָפּשיין פון די דרעמלענדיגע לאַמטערנעס. פון דערווייטן האָט זיך געהערט דער שווערער סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו.

דיקענס איז געשטאַנען און האָט פאַרלאָרן געקוקט אין דער אַרומיגער ליידיגקייט. פּרעמד. ער האָט אויף דער מינוט חרטה געהאַט אויף זיין באַשלוס צו קומען אַהער אונדערוואַרט. „פאַרפאַלן; מ'עט שוין מוזן דער־שפּילן די קאָמעדיע ביזן סוף..."

ער האָט דורכגעשפּרייזט דעם וואָקזאַל און האָט באַשטעלט אַ דראָזשקע.

— וואוהין ט'איר זאָגן גוטס?

— צו דייכעסן.

— אַ שטייגער?

— אין הויף.

— כ'מיין, צו וועמען?

— אַ! מאיר — מאיר דייכעס.

— אַט אַזוי פאַרשטייט מען.

די דראָזשקע האָט זיך געצאַפּלט איבערן צעקאַליעטשעטן ברוק פֿון דער באַן־גאַס. דער רעגן איז געפֿאַלן אין שווערע טראָפּנס אויף די וויעס. דיקענס איז געזעסן מיט צוגעמאַכטע אויגן, איינגעטוליעט אין רעגנמאַנטל, און האָט זיך צוגעהערט צום געמאָסטענעם אָפּשלאָג פֿונ׳ם פֿערדס טריט איבער די שטיינער פֿון ברוק און צו דער שטילקייט אַרום. אַ היימישע שטילקייט — אַ ווייטע, אַ פֿאַרגעסענע. ער האָט אויף אַ ווײַלע די אויגן אויפֿגעעפֿנט. אָונט. איינזאַמע, באַלויכטענע פֿענצטערלעך האָבן אַראָפּגעקוקט פֿון זייט באַרג. פֿון ביידע זייטן גאַס — נידעריגע, פֿאַרקלערטע הייזלעך אונטער ברייטע, צעפֿליגלטע דעכער. אין דער ווייט האָבן געשאָטנט די צלמים פֿון קאָסטשאָל. דער בעל־העגלה האָט געזוכט צו פֿאַרקניפּן אַ שמועס:

— אַ היגער?

— נ־ניין.

— צו גאַסט מסתמא?

— גראַד ניט. אַזוי — אַ דורכפֿאָרער. אַ גרוס.

— פֿון ווייט?

— פֿון אַמעריקע.

— אַזש פֿון אַמעריקע! אַי, גליקלעכע מענטשן דאָרט אין אַמעריקע! אַ גרוס, זאָגט איר — טאַקי אַ גרויסע מצוה... און דער מקום איז אייך אודאי איינגאַנצן פֿרעמד?

— ניין... האַ?! יאָ, פֿרעמד... אַ היבשע שטאָט.

— געווען.

— המ?

— געווען, זאָג איך.

— ווען?

— ס׳הייסט ווען?! אַמאָל — פֿאַרן חורבן, פֿאַרשטייט זיך. געווען אַ כרך! אַ שטאָט — אַ יופֿי!

— און אַצינד?

— עה, ניט דאָס!

— און אידן — אַ סך?

— וואָס איז די נפֿקא־מינה — אַ סך, אַביסל? ס׳נישט וואָס געווען. נישטאָ קיין פּרנסה. אָה, שיינע אידן דאָ געווען אַמאָל!

— און די גויים?

— אויך ניט וואָס געווען. רוצחים זיינען דאָס, ראַזבאָיניקעס! שוין געהאַט דאָ אויף זיך די „גדולים״,[1] „יעקעס״,[2] אַלע טאָג — אַן אַנדער שוואַרצ־

1. באָלשעוויקעס.
2. דייטשן.

יאַר. מאַלט אייך, ס'איז פון זיין קיינעם ניט געווען קיין האַניג צו לעקן. די איצטיגע בעלי־בתים אָבער לאָזן גאָרניט לעבן. זיי גריזשען־אָפּ די הויט פון די ביינער. וואָס טויג אייך מער? פאַרן פּאַניע איז שוין געווען אַ גן־עדן!... יאָ, אַנדערע גוים געווען אַמאָל... טפּר־ר־ר־ר! אָט זיינען מיר אויפן אָרט.

דיקענס איז אַרונטער פון דער דראָזשקע און האָט זיך געלאָזט צום פאָדער־גאַנעק.

— איר'ט זיך מוזן מטריח זיין און גיין אַרום, — האָט דער בעל־העגלה אים נאָכגעשריען; — די פאָדערשטע טיר איז פאַרהאַקט. אַ סך שיינע טירן זיינען דאָ, ברוך השם, פאַרהאַקט...

ער האָט זיך געלאָזט אַרום, דורכן הויף.

פינצטער. אַ שווערע אָפּגעלאָזנקייט האָט זיך געפילט אַרום. אין דער טונקל פון פּירהויז האָט ער דערטאַפּט די טיר־קליאַמקע.

ער האָט אַריבערגעשפּרייזט דעם שוועל.

אַ היימישע וואַרעמקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. איבער די ברילן האָט זיך פאַרצויגן אַ געדיכטע גרויקייט.

— ווער איז דאָרט? — האָט אימעצער פון אַ דערבייאיגן צימער אַ פרעג געטאָן.

— איז הער דייכעס אין דערהיים? — האָט דיקענס זיך אָפּגערופן, שטייענדיג ווי פאַר אַ בלינדער וואַנט.

טריט. פאַר אים איז ווי מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן שכר. ס'בלוט האָט אים אַ שטורץ געטאָן אין פּנים.

— איך בין דייכעס... — האָט שכר אים פאַרחידושט אָנגעקוקט, און האָט לאַנגזאַם אויסגעשטרעקט די האַנט — מיט וועמען האָב איך דעם כבוד?

— מיין נאָמען איז מייערזאָן — מייערזאָן, פון אַמעריקע. כ'האָב אַ גרוס צו אייך פון דאָקטער וויקטאָר דיקענס.

— אָ—ה, הער מייערזאָן! שלום עליכם... טאַקי אַ גאַסט! ערשט ניט־לאַנג צוריק דערהאַלטן אַ בריוו פון ברודער וועגן אייך. האָט ניט געשריבן ווען איר קומט. מיר וואָלטן געוויס אַרויס צו באַגעגענען אייך ביי דער באַן.

— כ'האָב, ווי איר זעט, געטראָפן.

— זיך אַליין מטריח געווען אין אַזאַ שלאַקס־רעגן... קומט־זשע אַריין, זייט אַזוי גוט. לאָמיר פון אייך אַראָפּנעמען דעם נאַסן מלבוש... וואָס שטייט איר ביי דער טיר? קומט, ביטע...

ער איז נאָכגעגאַנגען שכרן. די פיס האָבן זיך אים ווי געפּלאָנטערט

איבערן דיל... די סטאָלאָווע. אויפן טיש האָט געברענט אַ לאָמפּ און האָט אויסגעשירעמט ברייטע שאָטנס איבער די ווענט. אויף דער קאַנאַפּע איז גע־לעגן אַ שלאָפנדיק אינגעלע.

— שטיי־אויף, לויקל; טו זיך אויס, זונעלע... — האָט שכר געגומען וועקן דאָס קינד — גיי אין בעט אַריין, לויקל... שטיי־אויף, זונעלע...

— שטערט אים ניט, איך בעט אייך; — האָט דיקענס אים אָפּגעהאַלטן — נישט צוליב מיר. ער שלאָפט אַזוי געשמאַק.

— נו, אַז איר באַשטייט... אָבער פאַרוואָס שטייט איר? זעצט אייך, פּאַני— הער— ע— מיסטער מייערזאָן, מיין איך. דער פאָטער מיינער ׳עט דאָ באַלד זיין. ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען פון מעריב. אַ איד פון אַלטן שניט... זיצט, פאַרוואָס זיצט איר ניט?... נו, און אַ גלאָז טיי ׳עט איר אודאי טרינקען: אַזוי קאַלט אין דרויסן.

— אַ שיינעם דאַנק. איך האָב אַקאָרשט געהאַט טיי אויף דער באַן.

— גאָר אַזוי. איר מוזט געוויס זיין מיד. אַט ׳על איך תיכף שיקן נאָכן טאַטן. איר׳ט אים גאָר מחיה זיין. האָט קיין פאַראומגוט ניט... איסר! איסר! זיי אַזוי גוט, איסר—

און ער איז אויפשנעל אָפּגעגאַנגען אין צווייטן צימער.

ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ ניט־געדופענער, איז דיקענס געבליבן שטיין אויף זיין אָרט. זיינע בליקן האָבן אומגעשוועבט איבערן חלל פון צימער — ווי ער וואָלט געוואָלט אין איין אויגנבליק אויפכאַפּן אין געדעכעניש די גאַנצע אומגעבונג איידער די זעאונג פאַרשווינדט... די אַלטע היים — דעם טאַטנס היים — דער נעסט פון ליבע, גוטע קינדער־יאָרן. נידעריגער, אויסגעקרימט זיינען געוואָרן די ווענט; ריסן שלענגלען זיך איבער זיי. אומעטיג, פאַר־חושכט קוקט אַראָפּ די סטעליע. ס׳פעלט־אויס אין יעדן ווינקל די וואַרעמ־קייט פון די מעשענע געשיר, דער ליכטיגער שמייכל פון דער מנורה איבערן אַלמער. די ספרים־שאַפּע שטייט צערויעט, אָפּגעלאָזן. די מעבל־שטיקער — אַביסל אַנדערש אויסגעשטעלט, אָפּגעטראָגן; אָבער נאָך אַלץ ה י י ם — די אַלטע, ליבע היים. אַלץ אָטעמט נאָך מיט דער פאַרבענקטער נאָנטקייט פון אַמאָל... דאָרט, אויפן גרעניץ פון ליכט און שאָטן, ליגט דער קליינער לויקל. בלאָס און פאַרחלומט איז זיין פּנימל; אַ דינער שמייכל הענגט אויף זיינע ליפּעלעך. אָט אַזוי — פּונקט אַזוי — האָט ער דאַמאָלט איבערגעלאָזט דעם קליינעם איסרלען. אַ קינד נאָך דאַן געווען... אַלץ איז ווי אַמאָל, אַלץ ווי געווען, און אַלץ איז באַהויכט מיט דעם שטויב פון צעבראָקלטע טעג און יאָרן, מיט פריצייטיגער עלטער... אַנדערש... אַנדערש... עפּעס איז פאַרט אַ נ ד ע ר ש... דאָס אַלטע ליד... און אפשר האָט ער אַליין אַט די עלטער אַהער מיט זיך אַריינגעבראַכט? אפשר האָט ער עס די גאַנצע צייט

אין זיך מיטגעטראָגן, און האָט עס ערשט איצט דאָ דערזען פאַר זיך פּנים־אל־פּנים. אפשר איז ע ר אַ ל יי ן נאָר אַנדערש?...

זייבע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אינ׳ם שלאָפנדיגן קינד —

„אַ נייער דור... ל ו י ק ל... אַ נאָמען נאָך דעם וואָס איז אַמאָל געווען..."

ער איז אויף די שפּיץ־פינגער צוגעגאַנגען צום קינד און האָט אים אַ קוש געטאָן אויפן פאַרשוויצטן שטערעלע —

— ל ו י ק ל...

25

פאַרן וואַר־צלדיגן שטאָם

אַ טיר האָט זיך געעפֿנט און צוגעמאַכט. דער טאַטע איז אַריינגעקומען. אַלט געוואָרן איז דער טאַטע. ווייס געוואָרן איז זיין שיינע שוואַרצע באָרד און ברייטער צעוואָקסן. איינגאַנצן דער זיידע — נאָר אַביסל מער איינגעבויגן און טיפֿער זיינען די קנייטשן אויף זיין שטערן; אָבער נאָך אַלץ דער וואַרלצדיגער שטאָם, דער אָפּוואוקס פֿון אַלטן בוים.

מיט מיושבדיגע טריט איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צו אים, ט'אים געגעבן די האַנט — אַ ווייכע האַנט, אַ וואַרעמער באַריר —

— ברוכים הבאים! אַן אַנגעלייגטער גאַסט! זיצט, איך בעט אייך... וואָס זענט איר עפּעס אַזוי נשתומם? אַזוי בלייך געוואָרן מיטאַמאָל? — פּילט, חלילה, ניט מיט אַלעמען?... אַ קשיה — די היגע שליוכאָטעס...

— כ'בין נאָר אַביסל מיד. אויסגעמאַטערט פֿון דערוועגנס... — האָט דיקענס אַרויסגעשטאַמלט פֿאַרלאָרן און אַ קאַלטער שוויס האָט באַשלאָגן זיין לייב. — ס'איז גאַרניט.

— נו, געלויבט איז דער אויבערשטער, אַבי ס'איז גאַרניט... און דאָס איז מיין איינגסטער זון — מיין מוזשיניקל, הייסט עס — איסר — איסר דייַ־כעס... ברענג מיר אַריין די יאַרמולקע, איסר... איר'ט שוין דאָ אודאי געהאַט טיי. וואָס, ניין?! הייס דערלאַנגען דעם סאַמאָוואַר, שכר!... זיצט — פֿאַרוואָס זיצט איר ניט? איר קאָנט אייך אויסטאָן די הוט, אויב איר זענט זיך אַזוי נוהג; איך בין ניט מקפּיד...

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן שטול אַנטקעגן טאַטן. דער טאַטע רוט ניט. ער רייבט זיך די הענט, דעם שטערן. זיינע פֿינגער פֿלאַטערן, זיינע אויגן לאַקערן —

— און אייער געפּעק וואו האָט איר אַהינגעטאָן? איר'ט אודאי ניט אָפּ־געטאָן אַזאַ נאַרישקייט און פֿאַרפֿאַרן צומאָל אויף אַן אכסניה, האַ? איך וואָלט עס אייך קיינמאָל ניט מוחל געווען... וואו איז מרים, וואו?... אַ, שכר

איז אוועק נאָך איר. נו, גוט־נו... אָה, אַזאַ גאַסט! די גמרא זאָגט ביי אונדז: „גדולה הכנסת אורחים מקבלת פני השכינה״. כ׳וויס ניט צי איר ווייסט אַקוראַט דעם באַטייט דערפון...

דיקענס האָט בלאָס אַ שמייכל געטאָן —

— דער טאַטע מיינער איז אַ איד...

— איר׳ט מיר מוחל זיין, איך בעט איך! איך בין, חלילה, ניט אויסן געווען צו חושד בכשרים זיין. כ׳האָב נאָר געדענקט, אפשר דאָרט, ביי איך, האַלט מען אפשר ניט דערביי — מ׳פאַרגעסט... און אַ געבוירענער, אייגנט־לעך, זענט איר פון——?

— האַ? פון אַרום דאַנען. טאַקי פון דעם געגנט.

— דהיינו?

— אַ... פון טעלז... יאָ — פון טעלז...

— טעלז? געהערט פון טעלז, געהערט. געהאַט אַ שיינע ישיבה, טעלז; אידן לומדים... טרינקט, ס׳עט קאַלט ווערן. דאָ, ביי אונדז, ווי איר זעט, איז מען נאָך אַלץ אין עולם־התוהו....

אַ שוויגן האָט זיך אויסגעלייגט. אַ שווערינקייט האָט אַראָפּגעוואויגן דיקענסעס ברעמען. דער טאַטע קוקט אויף אים, נעמט אים דורך מיט די אויגן, דערקאָנט אים ניט. אַמאָל האָט ער דעם טאַטן ניט געקאָנט — ט׳אים ניט גע־העריג אָפּגעשאַצט. איצט——

—...און איר, הייסט עס, קאָנט מיין אביגדורן — צי ווי ער הייסט דאָרט, ביי איך, דיקענס?

— כ׳קאָן אים גוט.

— אַ חבר, ווי איך פאַרשטיי.

— זייער אַ נאָענטער.

— אויך אַ דאָקטער?

— נ־ניין... אַזוי פאַרחברט...

— אַזוי... נו, און ער האָט איך אודאי געזען פאַר אייער אָפּפאָרן, ט׳עפּעס אָנגעזאָגט?

— ט׳מיר אַרויסבאַגלייט, מיטגעפאָרן מיט מיר אַ שטיק וועג. ט׳געלאָזט איך אַלעמען האַרציג גריסן. ט׳מיר באַשוואוירן צו זען דעם טאַטן.

— אַזוי, אַזוי... אַ יישר־כוח איך פאַר דער טרחה, פאַר ס׳גוט וואָרט. איר ווייסט גאָרניט, מיין ליבער איד, ווי אָנגעלייגט אייער קומען איז ביי מיר! כ׳האָב אפילו איבער איך מקצר געווען דעם שיעור אין בית־המדרש. זאָגט מיר, איך בעט איך, וואָס מאַכט ער דאָרט? ווי—— ווי גייט עס אים באמת?

דעם טאַטנס שטים איז האַרציג, ציטערדיג־פאַרבענקט. ער פרעגט־און־דערפרעגט־ניט.

— נישט צו פֿאַרזינדיגן. איז אין בעסטן געזונט, זוכט באַפֿרידיגונג אין זיך באַרוף.

— געלויבט דער אויבערשטער דערפֿאַר. פֿונדעסטוועגן, אַליין? אין דער פֿרעמד?

— האָט אַ סך דורכגעמאַכט.

— און איז נאָך אַלץ אַזוי פֿויל אויף דער פֿען. שרייבט אַזוי ווייניג — פֿאַרשטעלט, ברמיזה...

— ס׳קלעקט אים ניט די צייט. איז פֿאַרנומען. גרונטעוועט זיך, זוכט זיך אַליין צו געפֿינען.

— נאָך אַלץ... כ׳פֿאַרשטיי... כ׳פֿאַרשטיי...

דער טאַטע האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט. זיינע אויגן האָבן געקוקט ד ו ר ך אים, א י ב ע ר אים, אין אַ ווייטן ערגיץ אַריין. ער האָט אַרויסגערעדט ווי צו זיך אַליין:

— אַכטצן יאָר... אַכטצן לאַנגע יאָר...

— און ער בענקט — בענקט זייער.

— ער א ו י ך ?!... ער א ו י ך... כ׳ווייס ניט, מיין ליבער פֿריינט, צי איר זענט אַ בעל־משפּחה, זאָל געזונט זיין; מסתמא יאָ, און אפֿשר גראָד ניט; דער גוטער יאָר ווייסט איך. נאָר, איר פֿאַרשטייט? — די בענק־שאַפֿט פֿון אַ טאַטן איז לחלוטין אַנדערש! אַרויסגעלאָזט אים פֿון מיינע הענט נאָך כמעט אַ קינד. אַ פֿאַרעקשנט קינד, אָבער אַ וואוילס. האָט אומגעוואָגלט, אומגעיאָגט זיך איבער גאָר דער וועלט. ט׳זיך נעביך גענוג אָנגעפּלאָגט. אָפּגעריסן געוועזן אַזאַ לאַנגע צייט. און מיטאַמאָל — שוין אַ דערוואַקסענער, אַ מענטש פֿאַר זיך. אמת, אפֿשר ניט אינגאַנצן ווי איך האָב געוואָלט. איך האָב מיר אפֿשר אַנדערש משער געווען. אָבער פֿאָרט — אַ דערגרייכונג, אַ תּכלית, קאָן מען זאָגן. פֿאַר מיר אָבער איז נאָך אַלץ דאָס יונג קינד — אַ וואויל קינד — אַביגדורקע... אַי, מיין פֿריינט, איר ווייסט גאָרניט ווי מקנא איך בין אייך וואָס איר האָט אים געזען, געווען אַזוי נאָנט צו אים!...

שטיל. בלאָס איז דעם טאַטנס פּנים. צער זויגט זיין קול אויס, פֿאַרנעפּלט זיינע אויגן. אַ פֿיינלעכער רחמנות־געפֿיל האָט פֿאַרקלעמט דיקענסעס האַרץ. ער האָט דערפֿילט אַ טעמפּן ווייטאָג אין די שלייפֿן. ער האָט אינערלעך אויפֿגעציטערט. „גענוג!״

— איר׳ט מיר אינגיכן ניט האָבן וואָס צו מקנא זיין, — האָט ער אַרויס־גערעדט מיט אָנגעשטרענגטער געלאַסנקייט.

דער טאַטע האָט אים אָנגעקוקט באַנומען —

— וואָס מיינט איר, איך בעט אייך? עפּעס פֿאַרשטיי איך אייך ניט...

— איך מיין: איר׳ט אים אפֿשר גאָר אינגיכן זען ביי זיך.

— וואָס?! איר מיינט אַז——?

— יאָ. ער וועט דאָ זײַן — ער ד א ר ף דאָ זײַן.
— אַך, הלוואַי! שוין צײַט. מ׳וועט ניט איגנער...
אַ קורצע פּויזע.
דיקענס האָט זיך אָנגענומען מיט מוט —
— און אַז כ׳על אײַך זאָגן, אַז ער איז שוין אין וועג — אַז ער קומט?
אַ פֿאַרלאָרענער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפֿן טאַטנס ליפּן —
— איר שפּאַסט?
— ניט מיט אביגדורס טאַטן... אָפּגערעדט זיך דאָ צו טרעפֿן...
— ט׳גאָר ניט דערמאָנט אַזוינס אין די בריוו — ?
— אפשר איז ער אויסן אײַך צו איבערראַשן.
— אַלץ הייסט איבערראַשן! אַן איבערראַשונג צו אַן איבערראַשונג איז ניט גלײַך. אַה, ס׳אַר אַ שמחה דאָס וואָלט געווען ביי מיר, ביי אונדז אַלעמען! און — צווישן אונדז גערעדט — וואָס וואָלט איך איצט ניט געגעבן, אַז איך זאָל ניט דאַרפֿן חושד זײַן אַזאַ ליבן אידן ווי איר אין טרײַבן קאַטאָוועס!...
דיקענס האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן, ט׳אַ ווילע שטאַר אָראָפּגעקוקט צום טאַטן און האָט אַרויסגעפּליסטערט געמאָסטן:
— און אַז כ׳וועל אײַך זאָגן... אַז ער איז... שוין ד אָ ?...
דער טאַטע האָט אויפֿגעצאַפּלט —
— האַ?! וואָס האָט איר געזאָגט?! רעדט... איך בעט אײַך — רעדט! פֿאַרוואָס שווײַגט איר?...
אַ טרוקנקייט האָט דיקענסן אַ ברי געטאָן אין האַלדז. ער האָט ביז בלוט־לאָזיגקייט אײַנגעביסן די אונטערשטע ליפּ. זײַנע אויגן האָבן זיך איבערגע־גאָסן. זײַן אָטעם האָט געפּלאַצט —
— ט אָ ט ע!
— אַ ב י ג ד ו ר ?!... אַ ב י ג ד ו ר ק ע!...
— — — דעם טאַטנס הענט אַרום זײַן האַלדז, איבער זײַן פּנים, נעמען אים לײַדנשאַפֿטלעך אַרום. אָקסלען צוקן. דער טאַטע ווישט זיך די אויגן, די הענט. דעם טאַטנס וויעס וועגן זיך אַרונטער, זײַן שטערן פֿאַררייסט זיך הויך, זײַנע ליפּן פּערלען־אויס ווערטער פֿרום:
— ברוך אתה אדוני... שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!... אַזוי? אָפּגענאַרט דעם טאַטן?
דיקענס האָט פֿאַרשולדיגט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ:
— האָסט מײַן אַוועקגיין ניט געבענטשט, טאַטע. ס׳האָט דײַן ברכה מיר אויסגעפֿעלט אויף אַלע מײַנע וועגן...
— און איך דײַן בענקען ביסטו צוריקגעקומען צום טאַטנס היים...
— צום שוועל פֿון אָנהויב, צום אַלטן קוואַל...

26

און דער טאַטע האָט דער—ציי—לט...

בים טיש זיינען נאָר זיי ביידע געבליבן — דער טאַטע און ער. שוין ווייט נאָך האַלבער נאַכט. דער פייער אין אויוון איז אויסגעגאַנגען. דער רעגן האָט געשלאָגן איבער די שויבן פון פענצטער. שווערע שאָטנס זיינען געהאַנגען אויף די ווענט.

און דער טאַטע האָט דערציילט. —

מיט ווערטער רואיגע, געמאָסטענע, האָט ער פאַנאַנדערגעוויקלט די געשעענישן פון טעג, וועלכע האָבן זיינע האָר מיט ווייסן באַדעקט. מיט ווערטער שטילע, באַשיידענע, האָט ער אויפגעשנורט אויף אַ תכלת־פאָדים די שערבעלעך פון אַ צעבראָכן לעבן.

און דער טאַטע האָט דערציילט:

—...און אין זיין צואה האָט דער זיידע, עליו השלום, פאַרזאָגט בזה הלשון: „...און נאָך די דריי יאָר, באַם זיי וועלן זיך וועלן צעטיילן, זאָל אַזוי געטאָן ווערן מיטן הסכם פון זיי אַלעמען. און עס זאָל געגעבן ווערן יעדערן חלק־כחלק, און דעם בכור נאָך זיין בכורה, לויטן דין פון אונדזער הייליגער תורה און ווי ס'איז געהעריג און אָנשטענדיג ביי אידן". אַז די דריי זיינען אַריבער, איז דער פעטער חנא אַרויס מיט ויצעקו: „וואָס האָט איר זיך אַלע אָנגעזעצט אויף מיינע פלייצעס?! איך האָב ניט קיין כוח צו האָרעווען פאַר אייך אַלעמען! יחלוקו, און—— אויס!" אַז ס'איז אָבער געקומען צום צעטיילן זיך, האָט ער — חנא — אָנגעהויבן צו לערנען פשט מיטן טראָפּ־אַרויף: „בנים מיינט מען זין; וואָרים זאָל דאָס אַנדערש זיין, טאָ וואָס איז געמיינט מיטן לויטן דין פון אונדזער הייליגער תורה?!". איז כאָטש נעם דער מומע אָדעלען, מיט דער מומע ליבען, מיט דער מומע דייכען און וואַרף זיי אַרויס אויף דער גאַס... געפּרואווט מיט גוטן: איינגעטענהט, נאָכגעגעבן, זיך אַליין געלאָזט שניידן ביזן ביין, אַבי שאַ, שטיל — שלום זאָל זיין. איז אָבער געקומען צו הדסלס חלק, ערשט ער איבעראַנייס ס'איגענע:

„ס׳קומט איר ניט!״ ס׳טייטש? — בפירוש אין דער צוואה?! מאַכט ער: „ס׳איז ניט ווערט קיין שמעק טאַבעק!״ דעם טאַטן עליו השלומס צוואה! — זיין רצון! — די קריוודע פון אַ יתומה נעביך! — דאָס האָב איך שוין ניט געקאָנט פאַרשווייגן. האָט ער אָנגעהויבן מיט דין־תורהס, מענטשן, בוררים, לאַדעניש...

— פאַרשטייסט? די חרפּת־פּנים, דער בזיון פאַר לייטן; דאָס דאַרפן אויסלופטערן דעם אייגענעם חלול־השם, דעם אייגענעם האַרצוויטאָג, פאַר גאָר דער וועלט: ר׳ שלום־יעקב דייכעסעס יורשים — קינדער פון אַזאַ טאַטן — זאָלן צווישן זיך ניט קאָנען הויזן, זיך ניט קאָנען אויסמיטלען!...

— מ׳איז ווי־ס׳איז דורכגעקומען. איז דער פעטער חנא אַוועק און האָט אָנגענומען אַ פאַדריאַט ביי קאַזניאַ — גאָר אַ געהויבענעם. דעם טאַטנס נאָמען, זיינען די טירן אומעטום געשטאַנען אָפן. יאָ אַ בלבול, ניט אַ בלבול — ער איז נעביך מיאוס דורכגעפאַלן. ס׳האָט, שונאי־ישראל, געשמעקט מיט סיביר. האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל! איז נעביך אַרויס, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, נקי. ט׳געמוזט עוקר זיין. פאָרט אַ ברודער — האָט מען זיך צעגויפגעלייגט, אַריבערגעשוואַרצט דעם גרעניץ, איז געוואָרן רב ערגיץ אין דער שווייץ. שפּעטער, אין דער גרויסער מהומה, ניט היינט געדאַכט, האָבן אים די „גדולים״ געכאַפּט אויפן גרעניץ; געפונען ציי אים וואַליוטע, צירונג; ניט געמאַכט מיט אים קיין לאַנגע מחזקות: צוגעשטעלט אים צו דער וואַנט... געבליבן, פאַרשטייט זיך, אַ „פעקל״. די אינגסטע טאָכטער זיינע — פריידעלע — איז אַנטלאָפן מיט אַ דייטשישן אָפיצער...

— דער גרויסער חורבן — — — געוועזן ווייט פאַרזייט ווען די גאַנצע וועלט איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון פלאַמען. ניט באַוויזן קיין זאַך צו ראַטעווען. מאָביליזאַציע — גזרות — דחקות — נויט. און נאָך איידער דער יאָר איז פול געוואָרן, איז שוין אין שטוב קיין ביסן ברויט ניט געווען. הונגער. ניט איינמאָל האָט די מאַמע, עליה השלום, געשטעלט ליידיגע טעפּעלעך מיט וואַסער אויף דער פּליטע: זאָלן לייט מיינען אַז ס׳קאָכט זיך עפּעס. האָט אַליין אַוועקגעטראָגן איר פייענעם פוטער צו אַ באַקאַנטן פּריץ, פאַרקויפט עס פאַר אַ שיבוש און באַצאָלט שכר־למוד פאַר איסרלען. אַ קינד זאָל, חלילה, ניט אָפּגעפרעמדט ווערן; דער רבי זאָל ניט זיצן אַ הונגעריגער און לערנען מיט אים. „דו — האָט זי געזאָגט — דאַרפסט גיין אין שול, דאַרפסט זיך וויזן פאַר לייטן — מוזטו האָבן אַ וואַרעמען מלבוש; איך——?...״ ז י — די צדקנית, די ליכטיגע נשמה... די סכנה איז תמיד געהאַנגען איבערן קאָפּ; ניט געוואוסט וואָס די צווייטע שעה וועט ברענגען... דער אומגליק מיטן פעטער איטשע. אין מיטן פייער, איידער די דייטשן זיינען אַריין, ט׳ער זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ דערבייאיגן דאָרף צו קריגן אַביסל מילך פאַר אַ קראַנק עופעלע; איז געקומען צוריק מיטן טאָג, שוין ניט געווען צו וועמען, ניט

געוועזן צו וואָס: אַ סנאַריאַד האָט געטראָפן אין הויז. איז געבליבן שטיין אָט אַזוי... דער מות האָט זיך אים געדירט... און ער איז ניט דער איינציגער... אַז מ'איז דאָ געזעסן ווי אין אַ פֿאַסטקע, פֿון אַלע זייטן אַרומגעכאַפּט פֿון פֿייער. צוערשט — די „יעקעס", דערנאָך — די „פּאַניעס", ווידער די „יעקעס", די „גדולים". און יעדער פֿון זיי האָט קונה־שביתה געווען אויף אַן אַנדער אופֿן; ט'אויסגעלייגט נייע עירובין, נייע בית־עלמינס. קאָנפֿיסקאַציע, נאָלאָגן — אָפּגענומען מעשר־ראשון, און מעשר־עני — געריסן פֿון טויט און פֿון לעבעדיק — אַ נאָדל אין דער וואַנט ניט איבערגעלאָזט. האָב איך קוים מיט פּקוח־נפש דערשלאָגן צו אַ שטיקל פֿערד־און־וואָגן — אַריינגעבראַכט אַמאָל אַ קאַרטאָפֿל, אַ שייטל האָלץ אין שטוב — האָט מען דאָס אויך, ברוך־השם, צוגענומען: זיי זיינען בילכער. און ביך־קונה־לקונה האָבן זיך אַריינגעריסן צעיושעטע באַנדעס — געראַבעוועט, געשאָכטן. אַ קראַנקן מיר פֿון בעט אַראָפּגעשלעפּט: „גיב!" אַז ס'איז ניט געווען וואָס, ניט געווען גאָרניט. האָבן זיי מיר אַ האַלבע באָרד אויסגעפּליקט, דעם קאָפּ געעפֿנט; אַ דאַנק גאָט, מיטן לעבן אַרויס... הדסלען ניט אין נאַכט, פֿאַר מורא, געהאַלטן אין קעלער באַהאַלטן; געפּילעוועט איר ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויג. לסוף? — אַ ל י י ן אַוועק מיט זיי — מיט די „גדולים": מיטגעריסן געוואָרן...

— מילא, האָבן געוואָלט נעמען — נעמט! האָבן זיך ז י י ע ר שיטה. אפֿשר זיינען ד י געערעכט, אפֿשר — די אַנדערע. אָבער די נפֿשות?! לאָזן אַ וועלט אָפּלויפֿן מיט בלוט?! און—— משיחן, ווי דו זעסט, האָט נאָך קיינער פֿון זיי ניט אַראָפּגעבראַכט...

— ...שכרן נאָך ווי־ס'איז באַצייטנס אַרויסגעראַטעוועט; לויקן אָבער איז שוין ניט געווען ווען, ניט געווען מיט וואָס. איז נעביך אַוועק צו דער שחיטה. האָבן אים פֿאַרטריבן קיין קאַווקאַז, אַנטקעגן טערק... פֿרייער ער, עליו השלום, דערנאָך די „מעשה" מיט דיר, דיר צו לענגערע יאָר; אַ מאַמע — האָט געשטיקט אין זיך, ביז ס'האַרץ איז איר אַנטלאָפֿן. ט'ניט אויסגעהאַלטן...

— פֿאַרשטייסט, מיין זון? דער גרעסטער צער אין וועלט איז, ווען אַ מאַמע דאַרף באַוויינען איר אייגן קינד, ווען אַ טאַטע דאַרף קדיש זאָגן נאָך אַ יונגן זון...

—...און ווען דער שלום איז געקומען, האָט מען זיך ערשט דאַמאָלט גענומען פֿאַנאַנדערקלייבן אין חורבן. ערשט דאַמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צו באַגרייפֿן ווי ווייט די הפֿקרות האָט דערגרייכט. אַלטע שנאות — פֿאַרגעסענע „חטאים" — שווערע ציינזן. געצאָלט פֿאַר די ליכט פֿון טאָג, פֿאַר לופֿט צום אָטעמען. דעם זיידן עליו־השלומס ספֿרים־שאַפֿע צוגענומען פֿאַר פֿאַדאַטקעס; האָט עס דעם בזיון ניט אויסגעהאַלטן, ט'זיך צעשאָטן אויפֿן וועג. די פֿאָדער־

שטע טיר שטייט נאָך עד־היום אַ פאַרקלאַפּטע... שווערע טעג. ביי בעל־גאוהס אין די הענט... וואָלט מען נאָך אפשר אַלץ ווי־ס'איז דורכגעקומען: אַביסל פון דירה־געלט; אַמאָל טוט נאָך אימעצער פון די אַלטע פּריצים אַ שטיקל טובה. די פּאָר טאָלער, וואָס דו שיקסט־צו, גיב איך אָפּ שכרן: די פּרנסה איז אים נעביך שטאַרק געשלאָגן, ניט פּאָר קיין מענטשן געדאַכט; איז, קיין עין־הרע, אַ בעל־הוצאה. באַר פון אים — פון איסרן, זאָל געזונט זיין — האָב איך, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, גאָר קיין נחת ניט. ער איז צעטראָגן, צערודערט, רייסט זיך אַהין. און ס'איז קיין וואונדער ניט. אַז אַ קינד האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין אַזאַ מהומה, אין אַזוינע קראַנקע טעג; האָט אין זיין בלוט איינגעזויגן דעם טומל פון דער צייט... די עלטער...

— און דער טאַטע האָט דערציילט.

מיט ווערטער רואיגע, געמאָסטענע, האָט ער פאַנאַנדערגעוויקלט די גע־שעענישן פון טעג, וועלכע האָבן זיינע האָר מיט ווייסן באַדעקט. מיט ווערטער שטילע, באַשיידענע, האָט ער אויפגעשנורט אויף אַ תכלת־פאָדים די שער־בעלעך פון אַ צעבראָכן לעבן.

און אביגדור האָט געהאָרכט, געהאָרכט, און האָט באַוואונדערט דעם טאַטן: ער באַקלאָגט זיך ניט, טראָגט אויף קיינעם קיין תרעומות ניט; ווי ניט מיט אים אַליין וואָלט דאָס דערציילטע זיך געהאַט פאַרלאָפן; ווי ער אַליין וואָלט באַר געווען דער שליח פון גורל דאָס אַלץ בייצואוואוינען, איבערדער־ציילן, עדות זאָגן. פון וואַנען האָט זיך צו דעמדאָזיגן אידן גענומען אַזאַ כוח איבער זיך אַליין? פון וואַנען — אַזאַ שטאָל־געשמידטע באַהערשונג?...

דרויסן האָט שוין געשאַריעט אויף טאָג. פון אַ ווייטן הויף איז געקומען דאָס קרעען פון העגער. דער לאָמפּ אויפן טיש האָט שוין געטוקט אין אויס־גיין. און ביים טיש זיינען נאָך זיי ביידע געזעסן — דער טאַטע און ער.

און דער טאַטע האָט געקוקט אויף אים מיט זיינע סאַמעט־ווייכע בליקן:

— וואָלט כאָטש די מאַמע געלעבט...

27

טויבן־פליגל צעבראכענע

... און ער האָט אים געפרעגט:
וואָס האָסטו אין דיין האַנט?
און ער האָט אים געענטפערט:
טויבן־פליגל.
און ער האָט אויפגעמאַכט זיין
האַנט און האָט דאָרט געפונען
טויבן־פליגל.

(תלמוד; שבת מ״ט)

מיט שעמעוודיגע, אונזיכערע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום ספרים־שראַנק און האָט דאָרט אויפגעזוכט אַ תפילין־זעקעלע און אַלט סידורל.

דעם טאַטנס אומשפּרייזן איבערן צימער איז געוואָרן לאַנגזאַמער, פאַרטראַכטער, און אביגדור האָט דערפילט אויף זיך דעם טאַטנס פאַרוואונדערטע בליקן. דער באַריר פון פאַרבענקטן סאַמעט, די ווייכע נאָכגעביגקייט פון די רצועות, דער פאַרלעגענער ריח פון די תפילין און דער אַנבליק פון די פרום־פאַרוויינטע בלעטלעך פון סידורל — האָבן פאַר אים אויפגעבראַכט אַ ווייטן פרימאָרגן:

אין פריען באַגינען גייט ער נאָך דעם טאַטן אין שול אַריין. אין הימל לעשן זיך נאָך די לעצטע שטערן. אויף די אויגן הענגען נאָך שטי־קער שלאָף. אין דער פרימאָרגנדיגער שטילקייט הילכן־אָפּ זייערע טריט איבער דער דרעמלענדיגער גאַס. ערגיץ־וואו, דורכן אויפשפּאַלט פון אַ לאָדן, ברעכט זיך דורך אַ פאַסמע ליכט. די שול הילט זיך אין נאַכטיגע שאָטנס. ביים נר־תמיד זיצט דער זיידע איבער אַ ספר און וואַרט אויף זיי. דער זיידע נעמט־אַרויס פון שטענדער אַ פּאָר תפילין — דער פעטער אביגדור עליו־השלומס תפילין. פון דער ווייבערשער שול קוקט אַרויס דער מאַמעס פנים, אירע פרומע אויגן. דער זיידע רעדט:

— ...דעם של־יד לייגט מען אויפן אָרעם, אַנטקעגן האַרצן; דעם של־ראש — איבערן שטערן, אַנטקעגן מוח. דער מיין דערפון איז אַ טיפער — זייער אַ טיפער! מיטן של־יד איז געמיינט דער בין־אדם־לחברו, מיטן של־ראש — דער בין־אדם־למקום. ווען אַ איד איז זיך מכין צו לייגן תפילין, דאַרף צוערשט זיין האַרץ זיין צוזאַמענגעבונדן מיט דער האַרץ פון דער וועלט, שטיין אָפן פאַר איר פרייד און לייד; מוז זיין דורכגענומען — ממש פלאַקערן — מיט אהבת הבריות! און טאַקי דורך דעם — דורך דער עבודה שבלב — ווערן עלול צו דערהויבן זיך ווייטער פון אויג, העכער פון אונדזער אייגענעם שכל, און צו דערגרייכן די שלמות פון עבודת־הבורא: דעם בין־אדם־למקום. ווען אַן אדם־מישראל איז מקיים די מצוה פון תפילין — ווען ער איז מכוון און הייליגט זיינע מחשבות, לייטערט זיי אין זיין אייגענעם פייער — ווערט ער דאַמאָלט נתעלה צו דער מדרגה פון אַ כהן־גדול, וועלכער האָט געטראָגן דעם ציץ מיטן „קודש לשם" אויפן שטערן! פאַר אים שטייען אָפן די טויערן פון ביידע וועלטן — די מלכותא דארעא און די מלכותא דשמיא. ווייל דורך דער מצוה פון תפילין איז ער מייחד ביידע קדושות אין איין גרויסער הייליגקייט. פאַרשטייסט, מיין קינד? די קדושה פון של־ראש איז האַרבער, העכער; די ברכה אָבער מאַכט מען אויפן של־יד...

און מיט יעדן אומוויקל פון די תפילין אַרום זיין לייב האָט ער געפילט ווי ער ווערט ענגער און שטאַרקער איינגעקניפּט אין דעם גרויסן ציבור פון זיין טאַטן און פון זיין זיידן; ווערט אַ איד, אַ טייל פון געהייליגטן כלל־ישראל. אַ פרייד האָט אויפגעוויכטן אין אים — די פרייד פון עבודת־הבורא, און זיין האַרץ איז פאַרגאַנגען אין תפלה: „און פון דיין קלוגשאַפט, אַ גאָט דערהויבענער, טו מיר באַשענקען, און פון דיין פאַרשטענדיגקייט מאַך מיר צו פאַרשטיין, און גרויסן זאָל זיך דיין גנאָד איבער מיר..."

ער האָט איצט אויפגעמישט דידאָזיגע ווערטער אינ׳ם סידורל און זיינע ליפּן זיינען געבליבן שטום. ער האָט פון קעגנאיבער דערפילט דעם ברי פון טאַטנס בליקן אויף זיינע ציטערדיגע פינגער. מיט ווייכע טריט איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צו אים —

— סט׳אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, אביגדור, וואָס כ׳על דיר פרעגן. דו׳סט זיך אודאי געחידושט, וואָס איך — אַ טאַטע — האָב דיר ביז איצט גאָרניט געפרעגט וואָס מיט דיר האָט זיך פאַרלאָפן דורך דער צייט, צי וואוהין אַשטייגער דיינע וועגן האָבן דיר דערפירט, און ווי ס׳האָלט מיט דיר אין אַנדערע ענינים. וואָס דו האָסט מיר אַליין פאַרציילט, האָב איך פאַרנומען, זיך געמיט צו פאַרשטיין; ס׳איבעריגע האָב איך אָפּגעלערנט פון דייך באַנעם. דיינע אויגן האָבן עדות געזאָגט. וואָלט איך נאָך פאַרשטאַנען. דאָ אָבער זע איך אַז דו קלייבסט זיך צו לייגן תפילין — מוז איך שוין פרעגן.

זאָג מיר, איך בעט דיר, דעם אמת — נאָר דעם אמת: דאָרט, ביי דיר, ביסטו זיך אויך אַזוי נוהג — כ׳מיין, דאָס תפילין־לייגן?...

אביגדור האָט אַרויפגעקוקט צום טאַטן. דעם טאַטנס אויגן זיינען געווען פול מיט שטומער דערוואַרטונג. ער האָט זיך דערפילט פאַרלאָרן. זיינע אויגן האָבן אים פאַרראַטן —

— דיר קאָן איך קיין ליגן ניט זאָגן, טאַטע. פרעמד זיינען מיינע וועגן געווען.

— נו, און אַצינד?

— צוליב דיר — צוליב דיין רצון, טאַטע.

דער טאַטע האָט אים אָנגענומען ביים אַקסל און האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ —

— כ׳פאַרשטיי, כ׳פאַרשטיי. כבוד־אב איז אודאי אַ שיינע מידה — אַ געהויבענע מידה. אָבער אַ איד, מיין זון, איז מען ניט צוליבן טאַטן — ניט ווייל דער טאַטע איז אַ איד, ווייל דער זיידע איז געווען אַ איד — נאָר דערפאַר ווייל מ׳קאָן ניט זיין קיין נ י ט ־ איד! ס׳זיינען דאָ ביי גאָט ברוך־הוא אַלערליי אידן: ס׳זיינען דאָ גרויסע אידן, פרומע אידן; אַנדערע, וואָס זיינען לכאורה ניט אַזוי; אָבער אַ ל ע זיינען זיי גאָטס אידן, כל זמן זיי זיינען א מ ת ע אידן... ד ע ר א מ ת — דאָס איז דער עיקר!... איז — פאַרשטייסט? — אויב דו טוסט עס ניט פאַר גאָט — אויב ניט פון דיינטוועגן — וואָלט איך געוויס ניט געוואָלט אז דו זאָלסט עס טאָן נאָר צוליב מיר...

דעם טאַטנס האַנט האָט זיך פאַרקלערט אַראָפּגעשאַרט פון זיין אַקסל. זיינע פינגער האָבן זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אויף זיין אָרעם, האָבן זיך אַ שטילן צאַפּל געטאָן, און דער טאַטע איז אַרויס פון צימער. אביגדור איז געבליבן שטיין מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ. אַ שווער געפיל האָט געדריקט זיין געמיט:

„ער האָט ניט געפרעגט... ער האָט ניט ג ע ו ו אָ ל ט פרעגן — ער האָט ניט ג ע ד אַ ר פ ט פרעגן: ער האָט פון מיינע אויגן אַראָפּגע־לייענט, פון מיין פּנים... פאַרוואָס האָט ער ניט געפרעגט? וואָס האָט ער אַראָפּגעלייענט? דעם אמת, האָט ער געזאָגט; דער עיקר איז דער אמת... אַ, ווען דער טאַטע ווייסט דעם אמת — דעם ג אַ נ צ ן א מ ת! ווען ער וואָלט געוואוסט דעם אמת פון די טעג פאַרגאַנגענע צווישן אַוועקגיין און קומען! ווען ער וואָלט געוואוסט ווי מוראדיג און איינזאַם געווען איז מיין וועג צו זיך — פון זיך! ווען ער וואָלט אַצינד געקאָנט איינזען דעם גוואַלדריס אין מיין נשמה — דעם טיף פון אָפּגרונט וואָס גורל האָט אויסגעלייגט צווישן אונדז — דעם אָנבונד פון אומרו וואָס ברויזט אין מיין בלוט! כ׳האָב געזוכט — האָב מיין יוגנט פאַרשווענדט אין זוכן — דעם אמת... נאָר דעם

אמת... און ווען ער פרעגט מיר, קאָן פאַר אים ניט לייקענען; און אַליין צו דערציילן איז ניטאָ דער מוט, ניטאָ דאָס האַרץ; און— אַ, ווי ס'וואָלט זיך איצט געוואָלט אויפבינדן, דערציילן — דאַווענען — דאַווענען ווי אַמאָל! אַראָפּריידן פון זיך דעם לאַסט פון אייגענעם זיך, דעם פיין פון בלאָנדזשענדיגן זוכן. ד אַ ו ו נ ע ן... און אויב דו טוסט עס ניט פאַר גאָט...

ער האָט אַרויסגעלאָזט די תפילין פון די הענט. ווי אַ פאַרזינדיגטער, אַ פאַרשטויסענער, האָט ער אויף זיי און אויפן סידורל געוואָרפן אַ פאַרבענקט־אָפּגעפרעמדט בליק און האָט זיך אַרויסגעטראָגן פון הויז.

28

וואו דאָס לעבן האָט געבליט

גרויע וואָלקן־קריַיעס האָבן זיך געטראָגן איבערן הימל. דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען בוימער, און דורך זייערע אָפּגעפּליקטע צווייגן האָט אַרויסגעקוקט אַ הוילע אימה.

אביגדור האָט אומגעשפּרייזט פון איין זייט גאַס צו דער אַנדערער —

„זיין אַליין, מיט זיך... אויסשוויַיגן די בענקשאַפט אין דעם שויס פון נעכטן. זיך אַליין איבערטרוימען..."

ביי די זייטן פון גאַס האָבן זיך געוואַלגערט פון־ווינט־אַנגעיאָגטע, געל־ברוינע בלעטער. די גאַס איז דורך דער צייט ווי איינגעשרומפּן, שמאָלער געוואָרן; די הייזער — נידעריגער, איינגעהויקערטער. פאַר די קרעמלעך־שוועלן זיינען געזעסן פאַרחושכטע אידן און האָבן געקוקט מיט קאַלטע אויגן: אפשר וועט פאָרט אימעצער קומען; אימעצער ד אַ ר ף דאָך קומען — אימעצער מ ו ז דאָך קומען... אין דער לופט איז געהאַנגען אַ פאַר־חלשטער אומעט.

„געוועזן אַ כרך; אַ שטאָט — אַ יופי..." זיינען אביגדורן געקומען אויפן געדאַנק דעם בעל־העגלהס ווערטער.

אויפן שולהויף איז געשטאַנען דער אַלטער הילצערנער בית־המדרש מיט אַן אַראָפּגעפּליקטן דאַך, די פענצטער אויסגעבראָכן, בלינד. פון די אויפגעפּראַלטע, צעבראָכענע טירן האָט אַרויסגעוויינט אַ גרויל. די טרעפּ פון דער וויַיבערשער שול זיינען געשטאַנען אויסגעקרימט, צעריסן; די אויבערשטע שטאַפּלען זייערע האָבן זיך, ווי ווייטאָג־פאַרקראַמפּטע פינגער, געקלאַמערט אין דער ליידיגער גרויקייט. אַמאָל האָבן זיי ערגיץ־וואו גע־פירט. אַ לאַנגער שטראָם פון פרומע מאַמע־הערצער, פון ווייכע, צניעותדיגע טריט, האָט זיך איבער זיי דורכגעטראָגן. אַצינד איז דער וועג צום הימל געשטאַנען אַ פאַרוויסטער, אַ חרובער.

אַ איד האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן אים, האָט פּאַריאושט אַ קוק געטאָן אויפן חורבן בית־המדרש און האָט אַרויסגערעדט ווי צו זיך אַליין:

— חרוב!... און געדונערט האָט דאָ אַמאָל דער קול־תורה פון די ישיבה־לייט; ט'זיך געשמט איבער גאָר דער וועלט!...

שטומע אויגן, אויסגעלאָשענע, וועלכע נעמען־אויף זייער גורל מיט סבלנותדיגן גלייכגילט; הענט אויסגעאַידלטע; קנאָכיגע, דינע פינגער, וועלכע האָבן אַ לעבן־לאַנג געציטערט איבער גאָטס וואָרט. ר' יונה — ר' יונה דער סופר!

אויפן שוועל פון בית־המדרש האָט זיך אַ שאָטן אָפּגעריסן און איז געבליבן שטיין אין דער געשטאַלט פון אַ מענטשן מיסטיש־שרעקנדיג. פון דער צעריסענער קאַפּאָטע זיינען אַרונטערגעהאַנגען גרויסע זעלנערשע שלי־פּרען. פון אונטער דער צעבראָשטשעטער העמד האָט אַרויסגעקוקט אַן איינגעפאַלענע, האַריגע ברוסט, אַן אויסגעדאַרט האַלדז. ס'פּנים אויסגעמאָ־גערט, אַשיג־גרוי; די האָר צעפּאַטלט, ווילד; די טיפע, אויסטערליש־גרויסע אויגן האָבן צעשטרויט געקוקט אין אַ ליידיגקייט אַריין: די אויערן אָנגעשטרענגט, פאַרשפּיצט, ווי זיי וואָלטן פאַרנומען ווייטע, פאַרהוילענע קלאַנגען. ציטעריג האָט ער אויסגעשטרעקט אין דער לופט אַ בלייכע האַנט. זיין קול איז געקומען אויסגעצויגן:

— ער קומט! ער קומט! אויף אַ ברענענדיגן פערד רייט ער פון די וואָלקנס אַרויס. אַ פייערדיגע ספר־תורה האַלט ער אין דער האַנט. ער קומט! ער קומט!...

און מיטאַמאָל האָבן זיינע אויגן אויפגעבליצט. זיין גאַנצער וועזן האָט אויפגעצאַפּלט. ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיין שטעל, און מיט צעפליגלטע הענט האָט ער זיך געלאָזט אין אַ ווילדן געלאַף איבער דער גאַס, שרייענדיג באַנומען:

— אידן, ער קומט! ער קומט! ער וועט היילן, ער וועט טרייסטן! אידן, משיח קומט! מ ש י ח ק ו מ ט!...

אביגדור האָט אים נאָכגעקוקט דערשטוינט. דער אַלטער ר' יונה האָט פאַרווייטאָגט אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן —

— אָט אַזוי האָבן זיי אים איבערגעלאָזט... איינער אַליין ט'ער זיך זיי אַנטקעגנגעשטעלט בעת זיי האָבן דעם מקום־קודש אונטערגעצונדן. איז געלאָפן ראַטעווען די ריינקייטן פון די טמאדיגע הענט, און——

דער אַלטער האָט ניט דערערדט, האָט נאָר שווער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַי, אַ זיידענער יונגערמאַן געווען — אַ קדוש וטהור. משהלע פרוש... אַ שם־דבר!...

*

מיט לאַנגזאַמע, פאַרלאָרענע טריט האָט ער זיך אַריינגעשליכט אין דער געסל פון זיין אַמאָליגן חדר.

אַן אָפענער, ווי אויף הפקר געלאָזן, איז געלעגן דער אַלטער בית־עלמין מיט אַן איינגעוואָרפענעם גדר. אַ שטיק פעלד איז געווען פאַרבויט מיט פאַרלאָזענע געביידעס. צווישן די איינגעזונקענע מצבות האָבן אומגעהונקען געפּענטעטע פערד. דאָ און דאָרט איז נאָך געווען צו זען ניט־פאַרשאָטענע האָרמאָטן־איינגראָבונגען. „דעם צדיקס בוים" איז געשטאַנען אַן אויסגעקרימטער, זיין קנאָכיגער שטאַם צעפּאַלמעסט און דורכגעשפּאָלטן אין דער לענג. אונטן, ביים „גרוב", האָבן זיך אומגעוואַלגערט פאַרזשאַווערטע רעשטלעך פון וואָס ס'איז אַמאָל געווען אַ האַרמאַט. פון די מייערלעך זיינען דאָ און דאָרט נאָך קופּקעלעך פון רויטן צעקרישלטן ציגל פאַרבליבן. עס האָט דאָרט געפעלט ר' מאירלס מייערל אויך. און דאָרט אַרויף, וואו ס'איז אַמאָל די אַלטע טהרה־שטיבל געשטאַנען, איז שוין ניט מער געווען צו זען דעם „מתים־ברונעם". „מער וועט זיך שוין דאָ קיינמאָל פון זיך אַליין קיין פייערל אָנצינדן; ס'וועט שוין ניט זיין מער ווער ס'זאָל פאַראויסזאָגן דעם אָנקום פון אַן אומגליק; ס'וועט ניט זיין מער מיט וואָס צו שטילן אַ מגפה..." — האָט ער, טראַכטנדיק, אַנגסטיק אַ שמייכל געטאָן.

ביים צערויעטן גדר זיינען געזעסן עטלעכע חדר־אינגלעך ענג־צוזאַמענגענורעט. פון זייערע בלאַסע, פאַרטראַכטע פּנימלעך און פון זייערע ברענענדיק־אויפגעפּראַלטע אויגעלעך איז געווען צו זען אַז זיי זיינען שטאַרק פאַרטאָן אין אַ סיפור־המעשה.

אביגדור האָט זיך פאַרגנבעט הינטער זיי און האָט זיך נייגעריג צוגעהערט צו זייער שמועס.

איין אינגל האָט דערציילט:

— ...און ווען די חיילות האָבן פון דאַנען אַפּגעצויגן, האָבן די שטאָט באַפאַלן שייקעס רוצחים. זיי האָבן געשאָכטן יונג און אַלט, געפּייניגט ווייב און קינד, און אידיש האָב־און־גוטס האָבן זיי געמאַכט צו רויב. אידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, און קיין מלכות איז אין מקום ניט געווען. האָט זיך אין שטאָט געפונען אַ קצבס אַ בחור — אַ גבר אַ יונג. האָט ער צוזויפגעזאַמלט אַרום זיך זיינע חברים — בעל־מלאכה־געזעלן, פערד־יונגען, און שטאַרקע יונגעלייט פון פאָלק — האָט זיי באַוואָפנט מיט כלי־זיין און איז אַרויס אַנטקעגן דער מחנה פון די רוצחים. אין דער גרויסער שול האָט ער איינגעזאַמלט ווייבער און קינדער און אַלטע לייט און האָט זיי באַפעסטיגט. און ווען די רוצחים האָבן זיך דערנענטערט צום שולהויף, האָט דעם קצבס בחור מיט זיינע חברה זיך געוואָרפן אויף זיי מיט חלפים און מיט העק און מיט מעסערס. אַ גאַנצע נאַכט האָט דער געפעכט אָנגעהאַלטן. און

גרויס איז געווען די צאָל פון די געפאַלענע צווישן די אידן; אָבער טאָפּלט־מאָל־טאָפּלט איז געווען זייער צאָל צווישן די רוצחים. ווייל די אידישע יונ־געלייט זיינען געווען באַקליידט מיט הייליגער גבורה און זייער האַרץ האָט ניט געוואוסט קיין שרעק, און די שול האָבן זיי אין גויאישע הענט ניט איבער־געענטפערט. האָט צום קצבס זון דערגרייכט די הערונג, אַז אויף יענער זייט טייך האָבן די רוצחים באַצוואונגען זיין כלה און האָבן פאַרשוועכט איר כבוד. האָט זיך אין אים צעברענט אַ העלישער גרימצאָרן און דער פייער פון גאָטס ראַכע, און ער האָט זיך, ווי אַ לייב, אַריינגעריסן אין דער מחנה פון די רוצחים און האָט אויסגעשריען: „זיבן קעפּ פאַר אַ אידיש לעבן! זיבן קעפּ פאַר דעם פאַרשוועכטן כבוד פון אַ אידישער טאָכטער!" און ער האָט געשניטן אויף רעכטס און אויף לינקס. ביז עס האָבן זיך אָנגעטראָגן רייטער אויף פערד און האָבן אים באַצוואונגען. און לאַנג האָבן זיי אים געפּייניגט מיט שווערע עינוים: מיט אייזערנע צוואַנגען אים די נעגל געריסן; זודיגן פעך אויפן קאָפּ געטריפט. און ווען די זון האָט אַראָפּגענידערט אין מערב, האָבן זיי אים דאָרט, אויף יענעם בוים, אַ לעבעדיקן צוגענאַגלט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך פון בית־עלמין געטראָגן זיינע געשרייען; און צומאָרגנס האָט מען אים געפונען הענגען אַ טויטן אויפן „צדיקס בוים" און דעם בוים — פון אַ דונער דורכגעשפּאָלטן...

„י אַ ש ק ע..." האָט זיך פון אביגדורס ליפּן אַראָפּגעשיילט זיין אַמאָ־ליגן חברס נאָמען; „י אַ ש ק ע... אַמאָל פלעגט ער ד ע ר צ י י ל ן פון קדושים, איצט — אַ ל י י ן אַ קדוש... דער ווינט האָט נאָך זיינע טריט פון דעם ערד־פלאַך ניט פאַרווישט, און דאָס פאָלק שפּינט שוין לע־גענדעס פון זיין יונג־איבערגעריסן לעבן... י אַ ש ק ע..."

און עס האָבן אויפגעטויכט פאַר אים די מעשהלעך, וואָס ער האָט זיך דאָ אָנגעהערט פון יאַשקען אין יענע פאַרטרוימטע קינדער יאָרן, און די שבועה וועלכע ער האָט ביי זיך אַזוי קינדיש־פרום געשוואוירן; און ווי אַ פאַר־שעמטער פאַר זיך אַליין האָט ער זיך אָפּגעטראָגן ווייטער זיין וועג.

*

אויפן ראָג גאַס איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ נידעריג, גרוי הויז. אין זיין געדעכעניש האָט אויפגעלויכטן דערדאָזיגער ווינקל אין זיין אַמאָל:

ווייס־געקאַלכטע ווענט. די נידעריגע פענצטערלעך פאַררוימט מיט העלע, באַטיסטענע פאַרהאַנגלעך. אויפן פענצטער־שוועל — שמייכלענדיגע בלו־מען־טעפּ. און צווי טעכטער, שוואַרצאויגיגע, האָבן דאָרט, ווי אַ טויבן־צווילינג, אומגעפלאַטערט. אין די ווינטער־נעכט, אין אַ געוויסער שעה, פלעגן זיך אַהין דערשלייכן צעשראָקענע שאָטנס און מיט ווייכע, געאיילטע טריט פאַרשווינדן הינטער דער פורטקעלע פון טויער. דאַמאָלט פלעגן זיך

די גרינע לאַדנס צומאַכן און פון אינעווייניג פלעגט, ווי דער געברויז פון ווייטע כוואַליעס, אויפגיין דער אָפּגעטויבטער אָפּהילך פון באַלעבטע געשפּרעכן און היציגע ויכוחים. אין די שטילע זומער־אָוונטן פלעגן אין טונקל פון גאַנעק אומשוועבן ציטעריגע, פאַרבענקטע טענער פון אַ גיטאַרע, געהיימע געפליסטערס, שטיפערישע מיידלשע געלעכטערס, און געזאַנגען שטילע, פאַרחלומטע, פלעגן זיך דורכזיפּן דורך די שאָטנדיגע בוימער און צעכישופן אינ׳ם אָוונט־רוים אַ סודותדיגן אָנזאָג, אַ ווייטע, פאַרהוילענע דערוואַרטונג...

אַצינד איז הויל און אָפּגעלאָזן געשטאַנען דידאָזיגע הויז. פאַרן פאַריתומטן פענצטערל איז געזעסן אַן אַלטע מאַמע און האָט אַרויסגעקוקט מיט טריבע אויגן אין טויטן דרויסן אַריין, און האָט געוואַרט, געוואַרט... צעפלויגן זיינען אירע טויבן; ווי די שטורעם־פויגל האָבן זיי זיך אויפגעהויבן און זיך ווייט פאַרטראָגן אויפן רוף צום נסיון; און צוריקגעקומען איז קיינער, קיינער. וואַרט זי, וואַרט זי: אפשר וועט זיך יוער באַווייזן, וועט אָנזאָגן, דערציילן וואָס איז געוואָרן פון דעם גרויסן חלום, וועלכער האָט זיך סודותדיג אויסגעוועבט אינ׳ם שאָטן פון אירע ווענט...

*

איינזאַם און פאַראומערט האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן די געסלעך. אָפּגעטרייסלט, נאַקעט זיינען געשטאַנען די טאָטערשע סעדער. צערויעט זיינען געלעגן די גערטנער הינטער די געפלאָכטענע פאַרקאַנס. פאַר אים, אין פאָדערגרונט, האָבן זיך ווייט און ברייט געצויגן די אָפּגעזומערטע לאָנקעס. הינטער זיי האָט געטונקלט דער וואַלד. אַהין פלעגט זיך, אין די שבתדיגע נאָכמיטאָגס, ציען די יוגנט פון יענע טעג. פאָרוויז, איינציגוויז, דורך פאָרבאָרגענע סטעזשקעס צווישן די קוסטעס, אויף שיפלעך איבערן וואַסער — האָט מען זיך געלאָזט אַהין אויף סכאָדקעס און געהיימע מאַסאָווקעס. דאָרט פלעגט מען זיך צונויפקלייבן אַרום גרישע פיילע דעם קאַניוכס. דערדאָזיגער „אייביגער סטודענט“ — תמיד מיט דער אויסגעריבענער, אָפּגעבליאַקעווטער פוראַזשקע אין דער האַנט, מיט די צעשויבערטע, פעך־שוואַרצע קרויזן איבער זיין בלאַסן, ווינקלדיגן שטערן, מיט די טיפע, שוואַרצפייערדיגע אויגן און שטאַרקע, פולע ליפּן — האָט, אין דער גרינער טיף־שאָטנקייט פון וואַלד, אויסגעזען ווי אַ מיסטישער וועזן פון אַן אַנדער וועלט. אין אַ שפּראַך אַ שטורעם־קראַפטיגער, אַ געשליפענער, מיט ווערטער אויסגעשמידטע, פייַליגע, פלעגט ער, אין דער געהיימער שטילקייט פון אַלטן וואַלד, אויסצויבערן אַ נייעם וועג צו נייע הימלען, די זעאונג פון אַ וועלט אַ פרייער, אַ גערעכטער, דעם אויפגאַנג פון אַ גרויסן, גרויסן מאָרגן, פון אַ ניי לעבן אונטער אַ הימל פון ברודערשאַפט — דער טרוים פון אַ יונגן נביא. און מיטגעזונגען האָט דאָס יונגע בלוט מיט אים; און אויפגעגאַנגען איז אַן עקשנותדיגער גלויבן

אין יעדן האָרצן. אַרום אים — אַ פּאַרגליווערטער שווייגן, אַ ים פון חלום־צעשטראַלטע אויגן. אויגן קוואַליגע, הערצער וואַכע; אַ הייליג געזאַנג אָן קול, אָן ווערטער; און אין דעם אַלעם — ער מיט הדסלען...

אַראָפּ, ביים פאַרלאָזענעם שליאַך, האָט אַרויסגעקוקט „די רויטע קרעטש־מע", ווי דורך אַ נס געבליבן גאַנץ. דאָרט האָבן אים — גרישען — די זשאַנדאַרמע געכאַפּט „ביי דער אַרבעט". אַ געשמידטער אין קייטן האָט ער דערחלומט זיך זוניגן חלום אין קאַלטן סיביר. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער ניט געסטאַיעט: דורך שאָנביי האָט ער זיך דערקליבן קיין ביד־יאָרק, און איז געוואָרן אַ דערפּאַלגרייכער פּאַבריקאַנט פון הויזן און וועסט־לעך...

אָן אַלטער טאַטער האָט זיך אַרויסגעשיילט פון צווישן די ווערבעס און האָט דורכגעשפּיזט אביגדורן מיט זיינע האַלב־פאַרשלאָפענע, זשוואַווע אויגלעך —

— קוקסט, ברודערל, עה? וויסט די פעלדער. דאָ האָט זיך די זריעה אויסגעבריט און אויסגעזונט, און די צייטיגע קערנער האָט מען איבער ווייטע גרעניצן פאַרטראָגן; גאָרניט דאָ געלאָזט... ע, ליידיג, ברודערל, דאָ — סומנע...

אביגדור האָט אים שווייגנדיג אויסגעהערט.

*

מיטן פאַרנאַכט איז ער צוגעקומען צום טייך.

ביים ברעג, אויף דער איינגעפאַלענער גרעבליע, זיינען אַרום אַ צוויינג־פייער געזעסן עטלעכע פישער, האָבן לאַנגזאַם געצויגן דעם מאַכאָרקע־רויך פון די אויסגעבויגענע ציבעקעס און געשטאַרט אין דער פאַרנאַכטיגער גרוי־קייט. מוטנע און שווער האָט זיך געגאָסן דער באַיאָרנטער טייך — מיד פון דורכטראָגן אויף זיינע דריבנע, פאַרקלערטע כוואַליעס אַזויפיל צעשוואָומענע טעג, אַזויפיל צעמאַלענע יאָרן... שטיל אַרום. ניט געווען מער יאָהאַניצי. פון דער אַנדער זייט טייך איז שוין ניט געקומען מער זיין פאַרבענקט שפּילן, דאָס כישופדיג געוויין פון זיין פידעלע. אין דער שעה פון אויפברויז האָט אַ בייזע האַנט אַרונטערגעריסן דעם צויבער־שלייער פון זיין לעבן, — ווען די פאַרבאָרגענישן פון זיינע כאַלופּע־ווענט האָבן אַנטפּלעקט דעם סוד פון זיין שווייגן דעם לאַנגיאָריגן, — ווען אויפגעדעקט האָט דער שוועל פון זיין טיר דעם שטויב פון ווייטע וועגן, די טריט פון „אורחים" ניט־געזעענע; און—— צו דער תליה איז ער אַוועק איינער אַליין, אָ ן זיין פידעלע...

זיינע בליקן זיינען געהאַנגען אויף די קוסטן אַרויף־וואַסער. איינגע־הילט אין בין־השמשותדיגן נעפּל איז דאָרט געלעגן די פּאַליאַנקע. און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערזען ווידער אַ חדר־איינגל, איינער פון ר' משה־לייבס

„טראַיקע". זומערדיגע פריייטיג־נאָכמיטאָגס. גרינע לאָנקעס. אַ טיפער, קלאָ־רער הימל איבערן קאָפּ. אַ פרייקייט, אַ רחבות אויף דער נשמה. פאַרברייכטע קינדישע טראַכטונגען. אַ ב ר ע מ ע ל ע... דאָרט איז ער געלעגן און האָט אויף זיין אייגנאַרטיגן שטייגער געשפינט זיינע ווייטע באַגערן. אַ פייגעלע האָט ער געוואָלט זיין; פליען האָט ער געוואָלט. און —— ער האָט זיך אויפגעהויבן, ט'אַוועקגעשוועבט; אין מיטן פלוג, זיך אַ פליגעלע אָפּגעבראָכן. ט'ניט דערגרייכט די הויכן, ערגיץ ניט דערפלויגן. לאַנג האָט ער זיך גע־צאַפּלט צווישן הימל און אָפּגרונט; ט'זיך עקשנותדיג געראַנגלט מיטן איי־גענעם גורל. ער האָט זיך געפלייסט אויפצוהויבן, דערציען, און—— האָט אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון זיין לעבן פאַר דער צייט: „דער חשבון האָט ניט אויסגעהאַלטן"...

און ווי פון אַ תהום אַ פאַרהוילענעם זיינען אויפגעשוואומען פאַר אים זכרונות־פערל, חלומות, באַגערן, שטילע אַנגסטן, שטורעמדיגע געראַנגלס, גלויבנס ליכטיגע, גוואַלדריסן פון יאוש און דער שכרותדיגער רייץ פון ווייטע וועגן... פרויען־אויגן... צאַרטע הענט איבער אַ לייב אַ צעברענטן... נעכט, און פרימאָרגנס, און טעג פון בלינדן בלאָנדזשן פון זיך — צו זיך... און אין דעם צעפלאַסענעם געוועב פון מאָרגנס־נעכטנס וועבן זיך דורך ווי זילבער־פעדים יענע תמימותדיגע קינדער־יאָרן אין זייער גאַנצער טויאיגקייט, אין זייער פולער זוניגקייט. און רואיג פליסט דער טייך. און דער טאָג גייט־אויס אין שאָטן. אין דער טונקל גליען זיינע אויגן. אויף די ליפּן לעכצט אַ יערונג:

— אָ, קינדער יאָרן זוניגע! קינדער יאָרן ליבע! אָהער, אין אייער נעסט דעם צעשטורעמטן, האָב איך צוריקגעבראַכט מיינע ווייסע טויבן, גע־שאָכטענע — מיינע ניט־דערפילטע טרוימען — צו פאַרוויגן. אין אייערע אוצרות די פאַרלאָרענע, בין איך, אַ מידער נע־ונד, געקומען אויפזוכן אַ טראָפּן טוי פאַר מיין פאַרשמאַכט געמיט, אַ ליכטיג שטראַל פאַר מיין הימל דעם אויסגעלאָשענעם — אויסבעטלען אַ רגע רו פאַר מיין נשמה דער צעקרענק־טער... אָ, קינדער־יאָרן פרומע! מאָרגנס ניט־געבוירענע! ווי צעריסענע האַרפן־סטרונעס הענגט איר אויף די שטומע צווייגן פון די קוסטן, באַוויי־נענדיג דאָס גליק און פרייד אַזוי לייכט־פאַרשפּילט וואָרפנדיג שטיינדלעך אין טייך...

*

אַ מידער, אַ דערשלאָגענער, האָט ער זיך דערשלעפּט אַהיים. אויפן הויף האָט אַ לאַנגע שורה פּאַטאָקעס פאַרשטעלט זיין וועג. פאַר דער סטאַינע, ביים אָפּשייך פון אַ פירקאַנטיגער לאַמטערנע, איז געשטאַנען נח „גוי" און האָט זיך געהאַמפּערט און געזידלט מיט אַ כלאַפּטע פורמאַנעס. דאָס האָט

ער, נח „גוי", דער אויפגעקומענער מלחמה־גביר, אַצינד פֿאַרוואַוינט דעם זיידנס הויז, און פֿון דער סטאַינע האָט ער געמאַכט אַ סקלאַד פֿאַר צוקער. אַ גרויליגע שיטערקייט האָט אַרויסגעגאַפּט צווישן די ביימער פֿון גאָרטן. אָפּגעצוימט, צעפּיצלט איז געווען דער הויף. פֿון אַלץ אַרום האָט אַראָפּגעשריען אין דער נאַכט אַריין אַ וויסטע אָפּגעלאָזנקייט, אַן אָפּגעפֿרעמדקייט.

ער האָט זיך דורכגעשפּאַרט צווישן די פֿורן און איז אַריין אין הויז. דער טאַטע האָט אים אָפּגעוואַרט ביים שוועל —

— וואו ביסטו דאָס אַהינגעקומען דעם גאַנצן טאָג? פֿון פֿרימאָרגן־אָן אוועק ניט קיין אָנגעביסענער, ניט געזאָגט וואוהין. שוין ניט געוואוסט גאָר וואָס, שונאי־ישראל, איבערצוקלערן. און אַזוי צערודערט——?

אביגדור האָט שווייגנדיק אַרויפֿגעקוקט צום טאַטן.

— געדענקסט, טאַטע? — האָט ער זיך אָפּגערופֿן פֿאַרקלעמט — דו פֿלעגסט מיר אַמאָל דערציילן פֿון פֿאַרוואָגלטע נשמות, וואָס ווערן אַראָפּגעשיקט אויף דער וועלט נאָכאַמאָל איבערצולעבן זייער פֿריערדיקן לעבן, מתקן צו זיין די מעשים פֿון וועלכע ס'איז שוין מער קיין געדעכעניש ניטאָ. דאַמאָלט האָב איך עס ניט באַגריפֿן; אַצינד גלויב איך אין דעם. ס'איז אמת, טאַטע...

דעם טאַטנס ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגעבראָכן. זיינע פֿאַרטראַכטע פֿינגער זיינען געבליבן שטעקן אין שפּיץ־באָרד —

— כ'פֿאַרשטיי... כ'פֿאַרשטיי...

און טאַטע און זון האָבן אַראָפּגעקוקט אין שווייגן.

29

אַ בוים אין שטורעם

אַוויִט, פאַרבענקט געזאַנג האָט אים אויפגעוועקט פון זיין לייכטן שלאָף.

פאַרטאָג.

איבערן צימער איז נאָך געלעגן די נאַכטיגע קעלט, די באַגינענדיגע געדיכטע גרויקייט. פון דער טונקל האָט אַרויסגעבליכט דער טישטאָך. ביים ברעג טיש איז געלעגן אַן אומגעוואָרפענער לייכטער, און איבער זיין אויסגעצויגענעם, באַוועגלאָזן שאָטן האָבן אין שטומער אימה געוואַכט זיינע דריי חברים. שטיל. פון דער בלינדער וואַנט האָט, הייזעריג און מאָנאָטאָן, אַראָפּגעטריפט דער געצאַפּל פון וואַנט־זייגער. פון טאַטנס צימער האָט זיך אַריינגעבראָכן אַ פּאַסמע ליכט און האָט, ווי אַ זוניגער וועג, זיך אויסגעלייגט ביים צופוסן פון זיין געלעגער.

אַ ניט־דערשלאָפענער, מיט מידע גלידער, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין דער שטיל און האָט זיך אַריינגעשלייכט אין טאַטנס צימער.

פאַרן מוטנעם אָפּשיין פון טיש־לעמפּל איז געזעסן דער טאַטע און האָט געלערנט. שטיל און באַזאָכט, האָט זיך זיין גמרא־ניגון אומגעוויגט צווישן די פאַרטראַכטע ווענט און האָט אַרויסגעזונגען פון זיך אַן איבערלעבטע רואיגקייט, אַ שלוהדיגע פרייד.

אביגדור איז שטיין געבליבן ביים שוועל און האָט זיך צוגעהערט צום טאַטנס לערנען. ער האָט געקוקט אויפן טאַטן, אויף דער באַלויכטענער גמרא, אויף די שווערע שאָטנס אַרום.

„דער טאַטע לערנט...״ — האָט ער געטראַכט — „אַ גלויביגער, אַ נשמה־גאַנצער זיצט ער פאַר זיין ליכט־קוואַל — פאַר דער אַלטער גמרא. אַזוי זיינען געזעסן זיינע טאַטעס און זיידעס פאַר אים; אַזוי איז ער געזעסן אין יענעם זוניגן פרימאָרגן; אַזוי זיצט ער אַצינד, אין דער גרויקייט פונ׳ם מעלאַנכאָלישן האַרבסט, מיט דער וועלט אַן אַפּגעזומערטער, אַ פאַרוועלקטער

הינטערן לאָדן פון זיין פענצטער. אַ וועלט איז פאַר זיינע אויגן חרוב געוואָרן; די פונדאַמענטן פון זיין איגן לעבן האָבן זיך אונטער אים איינגעבראָכן; און ער זיצט אַן איינגעפאַנצערטער אין זיך אַליין, איינגעריגלט אין זיין באַטור־רעמטער פעסטונג־ווערק און שפינט ווייטער דעם פאָדים פון זיין נעכטן. ווי אַן אָדלער האָט ער זיך אויפגעהויבן איבער דער שטורעם־כמאַרע און שוועבט־אום מיט מאַכטיגע, זיכערע פליגל אין זיינע וועלטן די אויסגע־טרוימטע... וואו ליגט באַהאַלטן דער סוד פון זיין גבורה? פון וואַנען שלאָגט־אויף דער קוואַל פון זיין טרייסט?..."

דער טאַטע האָט פּלוצים איבערגעריסן זיין לערנען און האָט זיך אומ־געקוקט אין זיין ריכטונג —

— ?

— ס'בין איך, טאַטע.

— אַ, אביגדור... אַזוי פרי?

— כ'האָב ניט געקאָנט שלאָפן, בין איך אַריין אַהער.

— גאָרניט געהערט דיך אַריינקומען; ניט געוואוסט גאָר אַז דו ביסט דאָ.

— כ'האָב דיר ניט געוואָלט שטערן. כ'האָב ליב צו הערן ווי דו לערנסט, טאַטע.

— נו, און אַליין? כ'מיין: אַליין האָלסטו שוין לחלוטין ניט דערביי?

אביגדור האָט ניט געענטפערט. וואָס האָט ער געקאָנט ענטפערן דעם טאַטן? דער טאַטע האָט נאָכראַכטנדיג פאָרגעזעצט:

— ווייט פון דעם, אודאי... כ'פאַרשטיי... כ'מיין... איך ווייס ניט, מיין זון, וואָס דו האָסט דערגרייכט פאַר די אַכטצן יאָר וואָס דו ביסט געווען אַוועק פון מיר; וואָס פאַר־אַ ידיעות דו האָסט זיך דערוואָרבן, וואָס פאַר־אַ חכמות דו האָסט געגאָסן. נאָך אַלעמען, אַ אוניווערזיטעט! דאָקטאָריע! אַ וועלט איז דאָך ניט אינגאַנצן משוגע. אָבער פאַר דערזעלבער צייט בין איך דורכגעגאַנגען נאָך גאַנצע דריי מאָל ש"ס, מיט מפרשים, און האָלט שוין ברוך־השם ביי "מועד" צום פערטן מאָל. "סוכה" לערן איך... פאַרשטייסט, מיין זון? אַלץ האָט איוואַן צוגענומען; געלאָזט מיר ווי איך שטיי. ער האָט געזוכט רייכטימער, ממשותדיגס, און איז אַרויפגעפאַלן אויף דעם מיט זיינע חזירשע לאַפּעס ווי אויף אַ ווילדער מציאה. וואָס ער האָט ניט געקאָנט פאַרנעמען מיט זיך, האָט ער צעשטערט, צום תל געמאַכט. אָבער אויף מיינע אמתע רייכטימער — אויף מיינע באַהאַלטענע אוצרות — אויף דעם האָט ער קיין שליטה ניט געהאַט! אויף דעם האָט אים דער חמורשער קאָפּ ניט געסטאַיעט. ער האָט געמיינט, אַז ער האָט מיר שוין אינגאַנצן בדלות געשטעלט, געלאָזט מיר בערום ובחוסר־כל; אָבער אין דער אמתן בין איך דאָך אַ גביר — אַן עושר בין איך דאָך! אָט וואו מיינע אוצרות ליגן איינ־געשלאָסן... אָט־אָ־דאָ־אָ ליגט מיין עשירות באַהאַלטן. אין דעם־אָ ליגט די

אמתע פרייד, דער אמתער נחת־הזקנה. ווייל „סבתא בביתא — סימא בביתא״: אַזוי לאַנג ווי די אַלטיטשקע תורה איז נאָך אין הויז, איז ברכה אין הויז, איז שמחה אין הויז. ס'איז דאָך מיר וואויל! ס'איז דאָך מיר ליכטיג!

און דעם טאַטנס פּנים האָט אויפגעלויכטן.

אביגדור האָט אים אָנגעקוקט מיט זשעדנע אויגן און האָט אַרויסגערעדט פאַרלאָרן:

— איך בין דיר מקנא, טאַטע.

— מקנא?! ס'איז דיינע אַזוי גוט ווי מיינע. ס'איז דער אַרבייטל פון כלל־ישראל. אדרבה, אויב דיר איז ניחא, טו זיך אָן אַ קאַפּל און זעץ זיך צו אַט־אָ־דאָ, 'עלן מיר לערנען אינאיינעם, בחברותא — ווי אַמאָל...

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט נעבן טאַטן. פאַר אים — אָן אַלטע גמרא. פון צווישן די געלע בלעטער האָבן אַרויסגעקוקט האָר־פעדים פון טאַטנס באָרד, פון זיידנס באָרד. צווישן די געדיכט־באַאותעטע שורות האָבן זיך געצויגן גלייכע, ליכטיגע שטעגן און געפירט אין אַ ברייטקייט אַריין. דעם טאַטנס קול איז געוואָרן באַלעבט, וואַרעם:

— רבי עקיבא סבר, סוכה דירת עראי בעינן; וכיון דיכולא לעמוד בפני רוח מצויה — כשרה. אַט אַזאַ מצוה איז שוין סוכה! אַ מענטש בויט זיך אויס אַ הויז, גרונטעוועט־אייך פונדאַמענטן, פלאַסטערט־אויס ווענט, פאַרלייגט אַ סטעליע, אַ דאַך פון אויבן; ער מיינט אַז ער איז שוין געשיצט פון אַ בייז געוויטער, איז זיכער אין דעם שאָטן פון זיין באַלקן. עס קומט אָבער אַ צייט ווען דער מענטש מוז פאַרלאָזן זיין איינגעפונדעוועטע היים און זיך אַריינקלייבן אין אַ דירהלע, מ'שטיינסגעזאָגט, פון אַ פאָר ווענטעלעך אויפ־שנעל צונויפגעקלאַפּט פון דינינקע ברעטעלעך, מיט אַ שיטערן דעכעלע פון אויבן. ווייל סוכה דירת עראי בעינן: אַלץ וואָס די סוכה איז, איז נאָר אַ דירהלע אויף אַ ווײַלע: אַט האַלט זיך עס, און כהרף־עין קאָן אַ בלאָז טאָן אַ שטאַרקער ווינט, און אויס! נאָר וכיון דיכולה לעמוד בפני רוח מצויה — כשרה: וויבאַלד נאָר זי קאָןביישטיין אַ געוויינטלעך ווינטל — איז גוט, איז כשר. וואָרים דוקא אין דער תקופה פון יאָר, ווען עס איז רעכט אַז צו יעדער שעה זאָל אַראָפּ אַ שלאַקס־רעגן, זאָל זיך אָנטראָגן אַ שטורעמווינט — גראָד דאַמאָלט מוז זיך דער מענטש פאַרקלייבן אין דער סוכהלע: מוז זיך אויסטאָן פון דער גאַנציאַריגער גשמיות און זיך איבערגעבן דער השגחה, דעם בטחון... און דער פּסול פון אַ סוכה ליגט דאָס רוב ניט אין דעם עצם־בנין, ניט אין די ווענט און ניט אין דעם באָדן אויף וועלכן די סוכה איז אויפגעשטעלט — נאָר איז דעם סכך, אין דעם שיטערן אויבערדעק איבערן קאָפּ. אונדזערע חכמים לערנען אונדז, אַז דער סכך מוז זיין גידולו מן הארץ — מוז האָבן געהאַט אַרויסגעוואַקסן פון דער ערד, פון איר געצויגן דעם תּיות פון וואַקסן; מוז האָבן געוועזן אַ לעבעדיג צווייג. נאָר ווען עס קומט

צו באַדעקן דערמיט די סוכה, מוז עס זיין אָפּגעשניטן פון דער ערד, א ו מ ב אַ ה ע פ ט צום באָדן. דער מחובר לקרקע גילט דאָ לחלוטין ניט. אדרבה, ס׳איז גאָר אַ פסול! און דער סכך מוז אויסגעלייגט ווערן אַזוי, אַז מ׳זאָל דורך אים קאָנען זען די שטערן פון אויבן, דעם הימל איבערן קאָפּ. פאַרשטייסט, מיין זון? מ׳דאַרף אַמאָל קאָנען זיין שטאַרקער פון זיך אַליין; מ׳מוז זיך קאָנען אויסוואָרצלען פון דער ערדישקייט, פון דער שפּלותדיגער גשמיות, און זיך דערהויבן העכער פון אייגענעם איך — זיך אויפהויבן א י ב ע ר ז י ך: זיך אינגאַנצן איבערגעבן דעם בטחון, דער אמונה!...

און ערשט איצט האָט אביגדור דערזען דעם טאַטן אין זיין גאַנצער גרויס, אין זיין פולער ריזיגקייט. ערשט איצט האָט ער דערפילט די שפּרודלדיגע פרישקייט פון קוואַל, פון וועלכן דער טאַטע האָט געשעפּט זיין זעלבסטבאַהערשונג, זיין רואיגקייט —

„און איך וויס דעם וועג, וואָס פירט צו דעמדאָזיגן קוואַל;״ האָט ער ביי זיך געטראַכט, „נאָר דער צ ו ג אַ נ ג צ ו ד ע ם ו ו ע ג איז פאַר מיר פאַרנעפּלט, פאַרהוילן — אָפּגעפרעמדט... עס איז דאָ נאָר איין אמת און איין אמתער וועג צו אים... און דעם וועג האָבן באַטראָטן דורות מאַכטיגע, שטאַרק־האַרציגע, און האָבן איבערגעלאָזט פאַר זייערע נאָכפאָלגער אַ גלויביגקייט, אַ שלמות. אין זייערע פוסטריט גייט אַצינד דער טאַטע — דער שטאָלצער יורש פון דער גרויסער ירושה — דער לעצטער רינג אין דער שטאַרקער קייט... מ׳דאַרף אַמאָל קאָנען זיין אַן אכזר איבער זיך אַליין, האָט אַמאָל תמרה געזאָגט; מ׳דאַרף זיך קאָנען אויסוואָרצלען פון זיך אַליין, זאָגט דער טאַטע; איז דאָס ניט איינס־און־דאָסזעלבע? אָבער וואו נעמט מען דעם כוח דערצו? וואו נעמט מען די פאָלקאָמע התפּשטות? אַז אַלץ וואָס איך האָב מיטגענומען פון מיין טאַטנס הויז אין אַן אומרו, אַ בענקשאַפט, אַ ליבשאַפט און אַ פאַרלאַנג צום לעבן, און—— אַ ברענענדיגן דורשט צו אַן אויסגעטרוימטן אמת... און ווען מיינע חלומות זיינען צע־שוואומען, איז מיר פון דעם אַלץ ניט געבליבן קיין איין טרייסטוואָרט, קיין איינציג מקום־מקלט צו אַנטלויפן פון זיך אַליין... איך האָב געזוכט — געשמאַכט אין זוכעניש — נאָר צו געפינען זיך אַצינד א ו מ ב ל אַ נ ד ז ש ע ן אַ ר ו ם ד ע מ ז ע ל ב ן ש ו ו ע ל ו ו אָ ס כ׳ה אָ ב אַ ל י י ן אַ ר י ב ע ר־ ג ע ט ר אָ ט ן!...״

30

דער לעצטער... ער איז דער לעצטער

פאַרנאַכט.

דער טאַטע איז נאָך געווען אין שול ביי מעריב. שטומע שאָטנס האָבן זיך אויסגעלייגט איבערן צימער. אין דער טונקל האָט זיך אומגעטראָגן מרימס שטיל געזאַנג ביים פאַרוויגן דאָס קינד.

אביגדור איז געשטאַנען ביים פענצטער און האָט אַרויסגעקוקט אויפן פאַרכמאַרעטן דרויסן.

בלייאיג און אויסגעלאָשן איז געהאַנגען דער מידער הימל. ס'איז ניט געווען מער צו דערקאַנען וואו דער שבת גייט־אויס, וואו דער גיהנום פון וואָכעדיגקייט צינדט זיך אָן; נאָר אין דער גרויער פאַרוואָלקנטקייט האָט געגליווערט דער צער פון אַ שכינה אין טרויער.

אין גאָרטן איז שוין ניט געווען מער צו זען „דעם זיידנס בוים”. אין דער שעה פון צאָרן איז אים ניט בייגעשטאַנען רב מאירלס זכות, און אַ בלינדער סנאַריאַד האָט אים ביזן וואָרצל צעשפּליטערט. און צוזאַמען מיטן בוים האָט זיך אָפּגעטאָן די איינגעזויסענע גאַנצקייט, די דורותדיגע איינגעוואָרצלטקייט, די פריידיגע היימישקייט פון הויף. אַרום אַ הורבע פאַרוויאַנעטע סכך־צווייגן האָבן, ווי פאַרבלאָנדזשעטע וועזנס, אומגעפאַדיעט שכנישע קינדער, פרעמדע.

אין שטוב איז געווען פינצטער. אין דער בין־השמשותדיגער טונקלקייט האָט אויסגעפּעלט דער מאַמעס בלאַס געשטאַלט, אירע צניעותדיגע, בעטנדיגע פינגער, איר האַרציגער „גאָט פון אברהם”... אַ שווערקייט האָט זיך אויסגעלייגט אויפן געמיט, אַ באַגער מיטצואוועלקן, מיטצושווייגן אין אויסגיין... נאָנטע טריט.

ער האָט זיך אָפּגעריסן פון פענצטער און האָט זיך אומגעקוקט. ס'איז געווען איסר. ווי צום ערשטן מאָל וואָלט ער אים אַצינד געזען פאַר זיך אַ גרויסן.

— ווײַנסט, אביגדור?

— כ׳וויס אַליין ניט... כ׳האָב געבענקט נאָך עפּעס, און דאָס אויסגעבענקטע האָב איך שוין מער ניט געפונען...

— באַדויערסט נאָך אַלץ די פאַרלוירענע ווערטן?

— דאָס איז אפשר אַלץ וואָס איך האָב געהאַט צו פאַרלירן.

— אויסגעדראָשענע סענטימענטן!

אביגדור האָט אים אָנגעקוקט פאַרוויטאָגט —

— ביסט נאָך יונג, איסר. דו האָסט זיך נאָך ניט אָנגעטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט דער טרוקענער ווירקלעכקייט; האָסט נאָך ניט אויפגענומען דאָס לעבן אויף אייגענער אחריות; דו ווייסט נאָך ניט וואָס עס מיינט אָנטוישט צו ווערן; האָסט נאָך ניט דערפילט דעם טעם פון ווען זיך אַליין פאַרשרייען, פון וועלן זיך אַליין פאַרגעסן, פון ווערן מיטגעריסן מיטן שטראָם — פון ווערן אַ טייל פון עפּעס גרויס, רוישיגס — און צו דער־זעלבער צייט אויסגיין פון איינזאַמקייט אין דער יערונג נאָך דעם וואַרעמען דופק פון יחיד — פון פ אַ ר ב ע נ ק ע ן ז י ך נ אָ ך ז י ך אַ ל י י ן...

— יאָ, ניט אומזיסט ציט דעם טאָטן אַזוי צו דיר. דו טראָגסט אין זיך אַ געוויסן טייל פון אים — אָט די אַלטקייט, די עקשנות פון וועלן אויפהאַלטן דאָס שוין־לאַנג־אָפּגעלעבטע.

— רוף עס אָן וואָס דו ווילסט! אָבער ער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס, וואָס מיר וועלן דאַרפן לאַנג זוכן אַזוינס צו געפינען. מיר, כל־זמן דער ווינט בלאָזט אין די זעגלען פון אונדזער שיפל אין דער געוואונשטער ריכטונג, ווערן מיר מיטגעריסן, האָפערדיג. מיר ריידן זיך איין, אַז ס׳איז אונדזער כּוח וואָס טרייבט די שיף צום אויסגעחלומטן ברעג. זאָל זיך אָבער דער ווינט נאָר אָפּשטעלן, אָדער זאָל ער נעמען בלאָזן אין אַן אַנדער ריכטונג, לאָזן מיר באַלד אָפּ די הענט אין אונמאַכט און גיבן זיך איבער דעם ווילן פון ים. און אין דעם כאַאָס פון פאַרלאָרנקייט און פאַרצווייפלונג צעשפּליטערן מיר זיך אין לאַגערן; די לאַגערן — אין „שטאַרקע" און „שוואַכע": די „שטאַרקע" באַפוילן, די „שוואַכע" קומען־אום אין דעם פאַרזוך צו ראַטעווען זיך. מיר שפּרייטן־אויס אונדזערע אויסגעליידיגטע זעגלען אין קעגנזייטיגע ריכטונגען, און די כוואַליעס טוען זיך דערווייל זייערס... ער אָבער — דער טאַטע — ער איז אַ געניטער זעגלמייסטער, וועלכער פילט צו יעדער צייט דעם כּוח פון דעם רודער אין זיינע הענט, די קראַפט פון זיינע מאַסטן. אים זיינען באַוואוסט די קאַפּריזן פון ים; ער האָט אָפּגעלערנט פון דורות די סודות פון ווינט; און אַ רואיגער, אַ זיכערער, דערפירט ער זיין שיפל דורכן שטורעם צו פאַרוואָרפן אָנקער ביים רואיגן ברעג... ער האָט אין זיך שלמות, אויסגעהאַלטנקייט. ער האָט בטחון — אָט וואָס! פאַר אים איז דער שטורעם

ניט מער ווי אַ צייטווייליגע דערשיינונג — אַ דבר־העובר. מיר אָבער האָבן דאָס אַנגענומען פאַר אַ שאַפנדיגן כוח, און מיר האָבן דערפון אַן אָפגאָט געמאַכט... מיר זיינען קינדער פון שטורעם, איסר! אין שטורעם זיינען אונדזערע חלומות געבוירן און אין שטורעם גייען זיי אויס און ווערן פאַרלאָרן. אונדז פעלט די זוניגע ליכטיגקייט, די אינערלעכע גאַנצקייט; אונדז פעלט דער אונבאַגרעניצטער גלויבן!

— מיר דאַרפן ניט קיין גלויבן! מיר זוכן עס ניט! מיר ווילן עס ניט! גענוג האָט די וועלט געשמאַכט אין פינצטערניש, אין בלינדער איינרעדעניש, אין קראַנקע האָפענונגען. מיר זוכן ממשותדיגס, ווירקלעכקייט, אַבסאָלוטע ניכטערקייט אין לעבן. מיר ווילן געבן דער וועלט אַ ניי לעבן, נייע ווערטן, באַגרינדעט אויף פעסטע ערדישע יסודות. דאָס אַלטע לעבן מוז אָפגעראַמט ווערן, אָפגעווישט ווערן פון דעם ערד־פלאַך. מיר מוזן זיך אָפטרייסלען פון די אָפגעלעבטע, מיט שימל־באַוואַקסענע באַגריפן! מיר האָבן קיין צייט ניט זיך אומצוקוקן אויפן פרט, צו ניאַנטשען דעם יחיד, צו דאַגהן איבער די צעפוילטע רעשטלעך פון דעם אַלטן לעבן! די איינצלנע — זיי וועלן מוזן ענטווידער אויפנעמען דעם משפט פון טויט, אָדער מיטגעצויגן ווערן און זיך אויסמישן מיטן שטראָם פון דעם נייעם לעבן — דאָס לעבן פון כלל, פון דער מאַסע, פון אַן איינהייטלעכן ציבור!

— די מאַסע!... דער כלל!... האָסטו זיך צומאָל פאַרטראַכט, וואָס אַזוינס כלל איז? און וואָס באַשטייט דער כוח פון דעם ציבור? איז דיר ווען איינגעפאַלן, אַז דער כלל איז נאָר דאָס, וואָס דער פרט מאַכט אים צו זיך? אַז ער איז נאָר אַזוי שטאַרק ווי דער סך־הכל פון די כוחות, וואָס ווערן אין אים אַריינגעגאָסן דורכן פרט, דורכן יחיד?... דער פלאַם ברענט נאָר אַזוי לאַנג ווי די איינציגע פונקען אין אים טליען־אויף אין פייער... דער יחיד איז אַ וועלט פאַר זיך — אַן אייגנאַרטיגער קאָליר אין דעם גרויסן פאַרבנשפּיל פון דעם קאָסמאָס — אַ לעבעדיגער קלאַנג אין דער סימפאָניע פון לעבן. ער איז די טרייבקראַפט פון שאַפן. ווער האָט זיך עס גענומען דאָס רעכט צו באַפוילן — צו דערקלערן זיך פאַרן שטאַרקן?! וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צו משפטן, צו פאַרגוואַלטיגן דעם ווילן פון דעם יחיד?! מיר? —— מיר וועלכע האָבן אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט אויפגעהויבן אַזאַ גוואַלדגעשריי קעגן דער אונטערדריקונג, קעגן דער פאַרגוואַלטיגונג פון די שוואַכע; וואָס טוען מיר איצט, ווען מיר זיינען געקומען צום וואָרט?! וואו איז די פרייהייט פון גייסט, וואָס מיר האָבן געפרעדיגט? וואו איז די אוראַלטע מענטשלעכע רעכט פון „יעדן איינציגן צו גיין אין דעם נאָמען פון זיין גאָט“?!... אַן איינהייטלעכע מאַסע, זאָגסטו. ווייסטו וואָס דאָס באַטייט? — ליים! טייג! געקנאָטן פון שטורעם,

געפורעמט לויט די קאַפּריזן פון ווינט — אַן קאָליר, אַן פאָרם, אַן אַן אייגענעם רצון, אַן אַ פרייען געפיל, אַן אַ חלומל צו באַפליגלען די רויע ערדישקייט, אַן אַ זונשטראַל צו באַשמייכלען די ליימיגע גרויקייט — אַ גולם! און אין דער באַשעפעניש ווילן מיר דאָס אַריינגעבן אַ רוח־חיים, ווערטן, שוואונג — מיר, די גייסטיג־בלאַדזשענדיגע, די באַנקראָטירטע אידעען־פאַבריקאַנטן, די אויסגעטאָנענע פון אַלץ: די אַלטע ווערטן האָבן מיר פאַרלייקנט, און קיין נייע האָבן מיר ניט געשאַפן; און ווערטן — אמתע ווערטן — וואַקסן ניט אויף איבער־נאַכט. דאָס מוז איינגעזויגן ווערן מיט דער מוטערס מילך, אויסגעוואַרעמט ווערן אין די בלוטן. וואָס האָבן מיר צו געבן דאָס קינד פון אונדזער לייד? — ערדישקייט: ברויט, זאַטיגקייט, און אַ הונגער פאַר איבערזאַטיגקייט... רוף עס אַן „אומשטענדן”, „באַדינגונגען”, „שטרעמונגען”; דער פאַקט אָבער איז, אַז דאָס מיינט אויסבויען אַ טעמפל פאַרן שטורעם־גאָט, דאָרט איינצושליסן די גופים אַן נשמות — אַ מוסעלעאום! — אַ שטייג פאַרן פרייען מענטשלעכן גייסט!...

טאָלעראַנץ, ברודער, — דאָס דאַרפן מיר קומען זיך לערנען ביי אים — ביים טאַטן — ביים פאַרמשפטן. פאַר אים זיינען ניטאָ קיין שטאַרקע, קיין שוואַכע: אַלע זיינען ביי אים שוואַך, אַלע זיינען ביי אים שטאַרק, אַזוי לאַנג ווי זיי האָבן נאָר דעם הימל איבערן קאָפ און קאָנען אים זען! ער פאַרמאָגט גלויבן און קאָן זיך לאָזן אומברענגען פאַר זיין גלויבן! אָט דאָס איז גבורה! דאָס איז אינערלעכער אמת! דאָס איז איבערצייגונג!

— דאָס איז עקשנות, אביגדור! ס'איז ניט מער ווי די פאַרצווייפלטע פאַרביסנקייט פון דעם באַזיגטן. ער איז ווי דער בלינדער ריטער פון די אַלטע צייטן, וועמענס מיטפעכטער זיינען שוין לאַנג געלעגן טויט היינטער אים, און ער אַליין איז נאָך געשטאַנען און געפאָכעט מיט דער צעבראָכענער שווערד אין דער האַנט צו באַשיצן זיין חרובן שלאָס... ער וויל ניט איינזען, אַז זיין צייט איז שוין פאַרביי; אַז ער איז דער איינציגער, דער לעצטער...

אביגדור האָט לאַנגזאַם און שווער אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפ:

— ער איז דער לעצטער... ער איז דער לעצטער... אויף דעם טאַקי טוט וויינען דאָס האַרץ: ער איז דער לעצטער...

31

שאַטנס אויפן שײַדונג

נאָך הבדלה.

איבערן שטוב האָט געהויערט אַ טריבע וואָכעדיגקייט און האָט אַראָפּגעקוקט אויף די לעצטע שפּורן פון אויסגעגאַנגענעם שבת: ס׳פּאַרקלערטע בשמים־ביקסל, די אויסגעלאָשענע הבדלה־ליכט און דאָס לוזשקעלע איבערגעגאָסן ווײַן אויפן ברעג טיש. אין דעם וואָכעדיג־צערודערטן חלל האָט זיך אומגעטראָגן דעם טאַטנס מוצאי־שבתדיגן זמירות־ניגון:

אַי, גדור פּרצת היכלי!
דגול מהר חכלילי;
אדני היה עוזר לי!...

— אַ גוט וואָך!

— אַ גוט יאָר!

דער אַלטער ר׳ שכנא דרדקי.

שוואַך און בלינד איז געווען ר׳ שכנא; אַן אייניקל האָט אים געפירט בײַ דער האַנט. זײַן קול איז געקומען וויינענדיג, געבראָכן:

— סט׳דאַרטן מן־הסתם זען מײַן זאַוולען — זאָג אים, דערצייל אים, אַביסל דורקע, אַז סט׳געזען דעם אַלטן טאַטן... בעט אים, דאָקטערל־סערדצע, אַז ער זאָל זיך ניט אָפּפּרעמדן... מיר גייען דאָ אונטער!...

די קנײטשן איבער זײַן פאַרמעט־פּנים האָבן געצוקט. זײַנע בלינדע ווײַסלען האָבן געפינטלט. דעם טאַטנס געזאַנג איז פאַרגאַנגען בײַם שוועל פון צימער:

— אוי ווײ, תשמחנו בנים על אבות, טאַטע־פאָטער!..

אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט איבערן הויז. קיינער האָט זיך ניט באַוועגט, קיינער האָט ניט גערעדט; ס׳האָט זיך נאָר געהערט דער אומרו פון זייגער. דער טאַטע האָט אים אַרײַנגערופן צו זיך אין צימער. מיט פאַרטראַכטע

טריט איז דער טאַטע צוגעגאַנגען צום קופּערט. אין זיינע הענט האָט געציטערט אַ צענויפגעבונדענע פּאַטשיילקע, זיין קול האָט מיטגעציטערט:

— דו פאַרסט, מיין זון, לחיים ולשלום. פאַר דיין קומען זאָל דיר גאָט ברוך־הוא באַלויינען. און דאָ... דאָ האָסטו אַ מתנה פון מיר, פון דער מאַמע, עליה השלום... דאָס איז אַלץ וואָס איז פאַרבליבן פון אונדזערע חתונה־מתנות: אירע זילבערנע בענטש־לייכטער... נעם עס, מיין זון, און זאָל עס ביי דיר זיין אַזוי טייער ווי ביי מיר...

דעם טאַטנס קול האָט זיך איבערגעבראָכן. זיינע ברעמען האָבן זיך שטייף פאַרצויגן. זיינע וויעס זיינען געוועזן פייכט. מיט פלאַטערדיגע פינגער האָט דער טאַטע פאַנאַנדערגעוויקלט די פּאַטשיילקע מיט די לייכטער, ט'געקוקט אויף זיי אַ לאַנגע ווילע און האָט געשוויגן. זיין אונטערשטע ליפּ האָט געציטערט. ווי פון אַ וויטקייט־אַרויס זיינען געקומען זיינע ווערטער:

— סט'זיך נאָך באַרואיגן, מיין זון; סט'נאָך אם ירצה השם אויפשטעלן אַ הויז צווישן אידן — זאָל דיין באַשערטע צינדן שבת־ליכט אין זיי... זאָל זיין ליכטיג אין דיין הויז; זאָל דער פייער פון אידישקייט ניט אויסגעלאָשן זיין צווישן דיינע ווענט... סט'זיך דערמאָנען: סט'געהאַט אַ מאַמען — אַ פרומער מאַמען... ס'איז געווען אַ היים — אַ אידיש היים — מיט ליכטיגע שבתים, מיט פריידיגע יום־טובים... ביסט אַן אָפּוואוקס פון אַן אַלטן שטאַם, אביגדור! אויסוואָרצלען זיך פון אים וועסטו קיינמאָל ניט זיין ביכולת...

די אויגן זיינען פאַרלאָפן. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איז ער געשטאַנען פאַרן טאַטן און האָט אַראָפּגעקוקט אויף די פאַרגרינטע חלב־טרערן איבער די לייכטער. ווי ווייטע פלעמעלעך אין נעפל, האָבן זיך פאַרן דמיון דורכגעטראָגן געשטאַלטן, זעאונגען, שאָטנס — די מאַמע... הדסל... תמרה... אַלעפּעאַ... נענסי... אין האַלדז האָט געשטיקט. אין די שליפן האָט געדריקט. ער איז צוגעפאַלן צום טאַטן און האָט אים ליידנשאַפטלעך געקושט די האַנט —

— זיי מיר מוחל, טאַטע...

— —

אין אַ פאַרקלעמטן שוויגן זיינען זיי צוגעקומען צו דער באַן־סטאַנציע. דער שוויגן איז אַריבער אין אַן אינערלעכער צעטומלטקייט. אין טומל האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן אָפּגעריסענע ווערטער און זיינען פאַרגאַנגען מטושטשדיג, אָפּגעטויבט. אויגן — אַ סך אויגן — זיינען געהאַנגען אויף אים. האַסטיג און צעטראָגן איז אָנגעלאָפן דער צוג. פינגער, ליפּן, האָבן זיך געקלאַמערט אין זיינע. דער טאַטע האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. אַ טיכעלע האָט אויפגעפלאַטערט... אונטן, פון דער פלאַטפאָרמע, האָבן אַרויפגעקוקט צו אים דעם טאַטנס בליקן, נאַקעט, פאַרלאָרן. אַזוי איז דאַמאָלט דאָ די מאַמע געשטאַנען. אַ וויינענדיגע האָט ער איר דאָ צום לעצטן מאָל געזען, אַנהאַלטנדיג זיך אָן הדסלען... דעם טאַטנס געשטאַלט האָט זיך ביסלעכוויז דערווייטערט, ט'זיך

פאַרנעפּלט, פאַרעלטערט... אַ געצאַפּל פון רעדער. פּיערלעך רויטע, גרינע, האָבן זיך פאַרבייגעטראָגן פון ביידע זייט וועג. ווי אַנטלויפנדיג פון זיך אַליין, האָט זיך דער צוג געיאָגט אין דער בלינדער נאַכט אריין. צעשראָקענע שטיקער נאַכט האָבן אַריינגעקוקט אין פענצטערל פון וואַגאָן. און ביי זיין זייט, האָט אביגדור דערפילט, ווי עס פאָלגט אים נאָך אַ נאָענטער שאָטן — דעם טאַטנס שאָטן — דער שאָטן פון דורות.

סוף

ווערטער־פאַר־טייטש

פ א ר ק י ר צ ו נ ג ע ן:

(א) — אַראַביש
(ה) — העברעאיש
(ט) — טערקיש
(ע) — ענגליש
(פּ) — פּויליש
(פר) — פראַנצויזיש
(ק) — קאַלאָקוויאַל
(ר) — רוסיש

אַבאַיע (א) — אַ לויזער אַראַבישער אויבער־מאַנטל

„אגודת הרצל״ (ה) — אַ נאַציאָנאַלע שילער־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־ישראל

אדון (ה) — הער

אוד (ט) — אַן אָריענטאַלער מוזיקאַלישער סטרונע־אינסטרומענט, ענליך צו אַ גי־טאַרע

אורפאַלי (א) — אַ מעסאָפּעטאַמיער (איד)

אַטאַל (א) — אַ לאַסט־טרעגער

איזען (ט) — אורלויב

„איטיכאַד״ (ט) — אַ פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די „יונגע טערקן״

„איל אַכד״ (א) — אַן אַראַבישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, נאָכפאָלגער פון דעם מעק־קאַיר שאַריף

אילערי קאַראַקאַל (ט) — פראָנט־פּאַטרול

אימאַם (ט) — אַ מוסלימאַנישער פּריסטער

אינדזשיל (א) — אַן אונטערערדישער וואָרצל־געוויקס

איספּאָווּעד (ר) — ווידוי

אַלאַי (ט) — רעגימענט

אַלדערמאַן (ע) — קוואַרטאַל־פאָרשטייער אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג

אללא אשקאנא ! (ט) — פאַר גאָטס־וועגן !

אַ־לאַ־פראַנגאַ (ט) — אויף אַן איירָאָפּעאישן שטייגער

אַללרייטניק (ק־ע) — אַן אַרויפגעאַרבעטער גביר

אַמאַליע טאַבורי (ט) — אַרבעט־באַטאַליאָן

אַמאַן ! (ט) — גוואַלדגעשריען !

אַמבאַר (ט) — פּראָוויאַנט־שפּייכלער

אַנבאַשי (ט) — קאָרפּאָראַל

אַפאַרעם (ט) — בראַוואָ

אַסקערי (ט) — זעלנער

אַסקערליק (ט) — מיליטער־דינסט

אָפּיס (ע) — ביוראָ ; קאַבינעט

אַרזאַק (ט) — אַן אויסגעטיילטע פּאָרציע פון טרוקענע פּראָוויאַנט

אַרזיכאַל (ט) — אַ שריפטליכע ביטע

אַרלום (ט) — מיין זון ; מיין יונג
אַשיע (א) — מאַכמאַדאַנישע אָונט־תּפילה

באַאַל־בעק — אַ שטאָט אין דעם לבנון־געגנט, נעבן דמשק, וואו ס׳האָט זיך געפונען אַ טערקישע מיליטער־שול
באַטראַק (א) — מאַרק־פּלאַץ ; הויפּט־גאַס
באַכריע (א) — אַנטרייבער פון ברעג־שיפלעך
באָם (ע־ק) — אַ ליידיגייער
באָס (ע) — אייגנטימער ; שעף ; בעל־הבית
באַקשיש (א) — כאַבאַר ; טרינק־געלט
באַשבוזוק (ט) — (פּוסטער קאָפּ) אַ צונאָמען פאַר אַ ציווילן
באַש־מושאוויש (ט) — אויבער־סאַרזשאַנט
„בוגד״ (ה) — (פאַררעטער) אַ צונאָמען פאַר די שטרייק־ברעכער פון די ארץ־ישראל־דיגע שולן, וועלכע זיינען פאַרבליבן מיט די דייטשישע שולן פון דער „עזרה״
בולוק (ט) — אַ ראָטע ; אַ קאָמפּאַניע
„בונד״ — אַ אידישע ראַדיקאַלע אַרבעטער אָר־גאַניזאַציע
בור (ה) — אונבאַאַרבעטער פעלד ; סטעפּ
ביזי (ע) — באַשעפטיגט ; פאַרנומען
ביזנעס (ע) — געשעפט
ביי (ט) — אַ טיטול פאַר טערקישע אַדל־לייט ; אין דער אַרמיי — פאַר אָפיצערן פון דעם ראַנג פון מאַיאָר און העכער
בימבאַשי (ט) — מאַיאָר
בישליק (ט) — אַ טערקישע מטבע (10 בע־טאַליק)
בית־מלאכה (ה) — געווערקשאַפט־שול
בית־עם (ה) — געמיינדע־הויז
בעדוואין (א) — אַן אַראַבער פון אַ וואַנדער־שבט אין דער מדבר
בעק (א) — אַראַביש פאַר ביי
בראַנדזשינע (א) — אייער־פלאַנץ
בציר (ה) — די צייט ווען די פרוכטן ווערן צייטיק

גאַאור (ט) — אונגלויביגער ; כופר־בעיקר
גאַדי (ט) — זיגער ; העלד
גדוד (ה) — דער אידישער לעגיאָן מיט דער ענגלישער אַרמיי אין פּאַלעסטינע
גומרוק (ט) — שטייער־הויז ; פּאָרט־הויז
גורדזשי (א) — אַ גרוזינער (איד)
גננת (ה) — קינדער־גאָרטן־לערערן
גראַסערי (ע) — שפּייז־קראָם
גרוש (ה) — אַ פּיאַסטער
גרינהאָרנס (ע) — אַ צונאָמען פאַר ניי־אָרי־בערגעקומענע ; גרינע

דאַלמא־באַכטשי (ט) — דעם סולטאַנס פּאַלאַץ
דוגרי (ט ; א) — אמת
דוואַדצאַטי (ר) — דער צוואַנציגסטער טאָג אין מאָנאַט, ווען די רוסישע רעגירונגס־באַ־אַמטע פלעגן באַקומען זייער געהאַלט
דזשאָב (ע) — שטעלע ; באַשטימטע אַרבעט
דזשאַדזש (ע) — ריכטער
דזשאמע (א) — מאָשעי ; אַ מאַכמאַדאַנישע תּפילה־הויז
דזשאַנעם ! (ט) — צום טייוול ! צום שוואַרצ־יאָר !
דזשוניאָר (ע) — אַ סטודענט פון דריטן לער־יאָר אין אַ הויך־שול
דזשענעראַבעס (ט) — פרעזשענליכקייט
דעבטשע (א) — אַ בעדואינער טאַנץ
דערוויש (ט) — אַ מיטגליד פון אַ מאַכמאַדאַ־נישער רעליגיעזער סעקטע

האידע ! (ט) — אַן אַנטרייב־וואָרט
הארא (ט ; א) — אַ פּאַלעסטינער טאַנץ
הגנה (ה) — זעלבסטשוץ
הודלום (ע) — ליידיגייער
היברו (ע) — העברעאיש ; (ק) — די העברע־אישע שול ; תלמוד־תורה
„הילפספעראיין״ — אַ אידיש־דייטשישע אָר־גאַניזאַציע וועלכע האָט אויסגעהאַלטן די שולן אין פּאַלעסטינע

„הפועל הצעיר" (ה) — אַ פּאַלעסטינער נאַציאָ־נאַלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע
„השומר" (ה) — די פּאַלעסטינער וועכטער־אָרגאַניזאַציע

וואַדי (א) — אַ ראַווין ; אַן אויסגעטריקנטע טייך־בעט
וואַזיפע (ט) — פליכט ; פאַראַנטוואָרטליכקייט
וואַללאַהי־בילאַהי ! (ט) — ביי גאָט ! כ׳שווער ביי אַלץ וואָס איז הייליג !
וויסיקא (ט) — אַ רעגירונגס־שיין
ועד (ה) — אַקציאָנס־קאָמיטעט
ועד הלשון (ה) — העברעאישער שפּראַך־קאָ־מיטעט
ועידה (ה) — קאָנפערענץ ; צוזאַמענפאַר

זאַביט (ט) — אָפיצער
זאַקאָן (ר) — געזעץ

חופש (ה) — וואַקאַציע
חלוקה (ה) — וואָכער אָדער מאָנאַטליכע סטי־פּענדיע וואָס די איינוואוינער פון אַלטן ישוב אין ארץ־ישראל פלעגן באַקומען פון צדקה־פאָנדן
חכם־באַשי (ט) — הויפּט־ראַבינער ; אָפיציע־לער רב
חצר (ה) — הויף

טאַאין (ט) — טעגליכע שפּייז־פּאָרציע פאַר זעלנער
טאַאַלים (ט) — מיליטער־לערע ; לערע
טאַאַלים־גאַה (ט) — מיליטער־שול פאַר אָפי־צירן ; מיליטערישע אַקאַדעמיע
טאַאַקים (ט) — אַ קאָמפּאָנענט פון אַ בולוק ; אַ פּלאַטון
טאַבור (ט) — אַ באַטאַליאָן
טאַוולע (א) — באַקגאַמאָן ; ביינדלעך־שפּיל
טאַיאַרא (ט) — לופט־באַלאָן ; עראָפּלאַן
טאַלמיז (ט) — שילער

טאַמי — דער ענגלענדער
טאַנאַדזשע (א) — אַ גרויסער וואַסער־קרוג
טאַרבוש (א) — פעז
טהענקסגיווינג (ע) — דאַנקזאַגונג יום־טוב (אַן אַמעריקאַנער יום־טוב)
טורבע (א) — אַ מאַכמאַדאַנישער בית־עולם
טורמוז (א) — אַ מין געלע בעבלעך
טיול (ה) — שפּאַציר ; עקסקורסיע
טיטשער (ע) — לערער
טיפּ (ע) — טרינק־געלט
טכינע (א) — אַ באָקסער־האָניג
טעזקערע (ט) — אַ צייגעניס ; אַ פּאַספּאָרט ; אָפיציעלער סערטיפיקאַט
טראָיצע (ר) — דער יום־טוב פון די דריי הייליגע
טרעמפּ (ע) — וואַגאַבונד
טשאַוויש (ט) — אונטעראָפיצער ; סאַרזשאַנט
טשאַריטי (ע) — צדקה
טשאַרנאָסאָטניק (ר) — אַ שוואַרצמאַהניק ; אַ מיטגליד פון אַ רוסישער אַנטיסעמיטי־שער אָרגאַניזאַציע
טשודזשוק (ט) — אַ אינגל ; אַ קינד
טשינאָווניק (ר) — אַ רעגירונגס־באַאַמטער
טשעפּוט (ט) — געשמדטער ; אַ צונאָמען פאַר די געטויפטע שבתאי־צביניקעס

יאָוויר (ט) — אַדיוטאַנט
יאַטאַגאַן (ט) — אַ רונדער טערקישער שווערד
יאַללאַ ! (א) — אַן אָנטרייב־וואָרט
יוזבאַשי (ט) — קאַפּיטאַן ; הויפּטמאַן
יוקלאַמאַ (ט) — אַפּעל
יורה (ה) — האַרבסט־רעגן ; פרי־רעגן
יושב־ראש (ה) — פאָרזיצער
יקב (ה) — וויין־קעלטער

כאַדזש (א) — געלערנטער ; איינער וואָס האָט עולה־רגל געווען קיין מעקקאַ
כאַדזשאַ (ט) — רעליגיעזער לערער ; מלמד

כאוואדזשאַ (א) — הער ; בעל־הבית
כאַזיר־אל ! (ט) — אַכטונג ! גרייט !
כאַיאַל (ט) — רייטנדיגער זשאַנדאַרם
כאַלאַס ! (א) — פאַרטיג ! גענוגט !
כאַרביע־נאַזאַרעטי (ט) — קריגס־מיניסטעריום
כבוש (ה) — דעראָבערונג ; אויסלייזונג
כביש (ה) — געפּלאַסטערטער וועג ; שאָסיי
כולל (ה־ק) — לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציע פאַר דער צוטיילונג פון די חלוקה־געלט
כיזמאַטשי (ט) — באַדינער
כיזמע־מאַקסורא (ט) — פּריווּעליגירטע מילי־טער־דינסט פאַר שילער פון הויך־שולן
כמעל (ט) — אַ טעפּיך פון ציגן־האָר
כעדיוו (ט) — וויצע־סולטאַן אין עגיפּטן
כעקומע (ט) — רעגירונג
כרם (ה) — ווײַנגאָרטן ; פּרוכטגאָרטן

לאַבי (ע) — פּאַרצימער ; פּאָיער ; וואַרט־זאַל
לומבער־יאַרד (ע) — געהילץ־הויף ; געהילץ־שפּייכלער
לירע (ט) — טערקישע גאָלד־מטבע (הונדערט פּיאַסטער)
לעזאזל ! (ה) — צום טייוול !
לעסאָפּילנע (ר) — טאַרטאַק ; געהילץ־פאַבריק
לעפּפּע (א) — אַ וויקעלע אַרום דער פּעז פאַר שעיכן און כאַדזשאַס

מאַאַמוריע (ט) — אָפיציעלע שליחות
מאַאַש (ט) — געהאַלט ; שכירות
מאַסאַוועקעס (ר־ק) — געהיימע מיטינגס פון רעוואָלוציאָנערע גרופּן
מאַסקאָפי (ט) — מאָסקוויט ; רוס
מאַראַזשעגע (מאַראַזשענאָיע) (ר) — אייז־קרעם ; געפרוירענער שמאַנט מיט אייער און צוקער
מאַרטין (ט) — אַ ביקס

מבשלת (ה) — קעכין
מגרש (ה) — אַ ניט־פאַרבויטער פלאַץ
מהגרים (ה) — בעזשעניצעס ; אויסוואַנדערער
מואזין (א) — מאַכמאַדאַנישער בעל־תפילה ; חזן ; דער וואָס רופט צום דאַווענען
מוגראַבי (א) — אַ צפון־מערב־אַפריקאַנער (איד)
מודיר־מואַריף (ט) — בילדונגס־אינספעקטאָר
מוטעצאַריף (ט) — רעגירונגס פאַרוואַלטער פון אַ סאַנדזשאַק
מוכאַרעם (א) — מאַכמאַדאַנישער ניי־יאָר
מוכטאַר (ט) — קוואַרטאַל־עלטסטער
מולאַזים (ט) — לויטענאַנט
מולאַזים עוועל (ט) — אויבער־לויטענאַנט
מורעטטעב (ט) — גראַדואירונג־קלאַס
מושיר (ט) — מיניסטער
מחזור (ה) — גראַדואירונג־קלאַס
מטבח (ה) — געמיינשאַפטליכע קיך
מיסטער (ע) — הער
מיסס (ע) — פרײַלן
מיסעס (מרס.) (ע) — פרוי ; מאַדאַם
מיראַלאַי (ט) — אָבערסט ; קאָלאָנעל
„מכבי״ (ה) — אַ נאַציאָנאַלע אַטלעטישע קער־פּערשאַפט
מלאַיע (א) — אַן אויבער־קלייד מיט אַ צודעק פאַרן פּנים פאַר מאַכמאַדאַנישע פרויען
מלקוש (ה) — סוף־ווינטער־רעגן ; שפּעט־רעגן
מעדאַניע (א) — שטאָטישע אַראַבער
מעדזשידיע (ט) — אַ זילבערנע מטבע (אַרום 20 פּיאַסטער)
מעון (מעון לבנות ישראל) (ה) — אַ יתומות־אַנשטאַלט
מעטאַליק (ט) — אַ צען־פּאַרא־מטבע
מעטראַיאַז (ט) — אַ מאַשין־ביקס
מעמי (ע־ק) — אַ נעגערישע ניאַנע
מעמלעקעט (ט) — היימאַט ; פאָטערלאַנד
מענזעל (ט) — מיליטער־פאַרוואַלטונג־פּונקט

מערקעז (ט) — צענטער
מעקה (ה) — דאַך־פּאַרענטשע
מעקטעבע (ט) — לער־אַנשטאַלט ; שול
משרד (ה) — ביוראָ ; פּאַרוואַלטונג־צימער

נאַגאַן (א) — אַ רעוואָלווער
נאַטשאַלסטווא (ר) — רעגירונגס־פּאַרוואַלטונג ; רעגירונגס־באַאַמטע
נאַמזעט (ט) — קאַדעט ; אַספּיראַנט־אָפיצער
נאַרגילע (א) — אַן אַראַבישע וואַסער־לולקע
טאַקאַהיט־כאַני (ט) — רעקרוטירונג־צענטער
נוקדע (ט) — פּאָליציי־באַצירק
ניזאַם (ט) — מיליטערישער געזעץ
ניזאַם־טשאַואיש (ט) — מיליטערישער פּאָלי־ציי־סאַרזשאַנט
ניפוס (ט) — פּאַספּאָרט
ניקל (ק) — אַ פינף־סענט־שטיק
נעלם (ה) — אַ ניט־פּאַרשריבענער ; אַ ניט־רעגיסטרירטער
נשף (ה) — אַ פּאַרווײַלונגס־אָוונט ; אַ הור־ליאַנקע

סאַבאָר (ר) — שטאַטישער קלויסטער
סאַיוזניק (ר) — אַ מיטגליד פון דער רעאַק־ציאָנערער געזעלשאַפט „דער פּאַרבאַנד פון רוסישן פּאָלק“
סאַמאָאָבאָראָנע (ר) — זעלבסטשוץ
סאַנדזשאַק (ט) — ראַיאָן
סאָפאָמאָר (ע) — אַ סטודענט פון צווייטן לער־יאָר אין אַ הויך־שול
סאַראַיע (ט) — פּאַרוואַלטונג־ביוראָ פון דער שטאַט־רעגירונג
סוארי (ט) — קאַוואַלעריע
סואַרע (פר) — אָוונט־פּאַרווײַלונג
סוכרא (ט) — צוואַנגס־אַרבעט
סיטיזן (ע) — בירגער
סימיטאַר (ט) — אַ ברייטער מעסער־געווער

סכאָדקע (ר) — געהיימער צוזאַמענקונפט פון קרייזן
סיקטערעט (ט) — נאַרישקייט ; שווײַנערײַ
סלאַך באַשינא ! — צום געווער ! געווער טרע־וואַגע
ספּינגע (ט) — באַיאָנעט
ספרדי (ה) — אַ איד פון שפּאַנישן אָפּשטאַם
סקול (ע) — שול ; לער־אַנשטאַלט
סעאיף (ט) — אַ פּאַראַגראַף אין קאָדעקס
סעוווקויאַט (ט) — מיליטערישער פּאַרהאַל־טונג און פאַנאַנדערשיקונג־אַנשטאַלט
סעיר־טאַביב (ט) — הויפּט־דאָקטער ; אויבער־דאָקטער
סעלעקטאַר — דער לעצטער קלאַס אין אַ סע־מינאַר, וואו די סטודענטן גיבן זיך אָפּ מיט פּראַקטישע אַרבעט
סענדוויטש (ע) — צונויפגעלייגט פּוטער־ברויט
סעניאַר (ע) — אַ סטודענט פון לעצטן קלאַס אין אַ הויך־שול

„עוזרה“ (ה) — זע „הילפספעראיין“
עליה (ה) — איינוואַנדערונג (אין מאַסן) קיין פּאַלעסטינע
עלעווייטאַר (ע) — ווינדע
עמיר (ט) — צייטווייליגער געזעץ
עפענדי (ט) — אַ ציווילער טיטול פּאַר אַ גוטס־באַזיצער ; אין דער אַרמיי — דער ערן־טיטול פּאַר אָפיצערן אונטער דעם ראַנק פון מאַיאָר
עקסידענט (ע) — אומגליק־פּאַל

פּאַדישאַך (ט) — איינער פון דעם סולטאַנס טיטלען
פּאַטאַק (ק) — לאַסט־וואַגן
פּאַלק (ר) — רעגימענט
פּועל (ה) — (לאַנדווירטשאַפט־) אַרבעטער
„פּועלי־ציון“ — אַ ראַדיקאַלע אַרבעטער־אָר־גאַניזאַציע

פּיאַטאַק (ר) — אַ פינף־קאָפּיקע־מטבע
פּיאַסטער (ט) — אַ טערקישע מטבע (1:100 פון אַ לירע)
פּיאַש (ק) — אַ גראָב־אייזן
פּייסאַכאָווקע (ר) — פּסחדיקע בראָנפן
פּעיאַדע (ט) — אינפאַנטעריע
פּעקסעמעט (ט) — געטריקנטע ברייטלעך; ביסקוויטן
פּקיד (ה) — אַן אָנגעשטעלטער; אַ באַאַמטער
פּראַוואָסלאַווגע (ר) — רעכטגלויביג; גריכיש־קאַטוילישער גלויבן
פּרדס (ה) — פרוכט־גאָרטן; באַיאַרע
פּאַליעקע (ט) — אַ קערפּערליכע באַשטראָפונג וועלכע איז באַשטאַנען אין האַלטן דעם פאַרמשפּטן געפּענטעט, מיטן קאָפּ אַראָפּ, און שלאָגן אים מיט אַ שטעקן אָדער אַ בייטש איבער די זוילן פון די פיס; באַסטינאַדע
פּאַן (ע) — שפּאַס
פּוראַזשקע (ר) — אַ היטל וואָס באַלאַנגט צו אַ אוניפאָרם
פּירקאַ (ט) — דיוויזיע
פּעלאַך (א) — אַן אַראַבישער דאָרפסמאַן; אַ פּויער
פּעראַרי (ט) — אַ דעזערטירער
פּערמאַן (ט) — אַ דעקרעט פון סולטאַן
פּרענק (ק) — אַ צונאָמען פאַר אַ ספרדישן אידן

צאַבער (א) — קאַקטוס

קאַונטי (ע) — אַ קאָמפּאָנענט פון אַ שטאַט
קאַזיניאַ (ר) — רעגירונג
קאַזינאָ — געזעלשאַפט־הויז; קלוב
קאַטיב (ט) — אַ שרייבער
קאַיאַדזשי (ט) — דאָרפסמאַן; פּויער
קאַימיקאַם (ט) — אָבערסט־לויטענאַנט; אין ציווילן ראַנג — אַ פאַרוואַלטער פון אַ קאַזאַ (געגנט)

קאַלאַגאַסי (ט) — אַ מיליטערישער ראַנג צווישן קאַפּיטאַן און מאַיאָר, וועלכן איי־ניגע אָפּיצערן פון אבדול האמידס רעזשים האָבן נאָך באַזעסן
קאַלימאַדאַ (ט) — ביוראָ; שרייב־צימער; אַמט־הויז
קאַלפּאַק (ט) — אַ מיליטערישע היטל געמאַכט פון פעל
קאָמיוניטי (ע) — געמיינדע; נאָכבאַרשאַפט
קאַנון (ט) — קריגס־געזעץ
קאָנסאַמפּשן (ע) — שווינדזוכט
קאַסטשאַל (פ) — אַ קאַטוילישער קלויסטער
קאַפּאַלאַק (ט) — אַ מיליטערישע פעלד־היטל
קאַראַוואַנע (ט) — קעסל־געקעכטס
קאַראַדאַש (ט) — ברודער
קאַרפּעיר (ע) — פאָר־געלט
קאַוואַס (א) — באַוואָפנטער און באַליווערי־טער באַגלייטער; לייב־וועכטער
קבוצה (ה) — אַרבעטער גרופּע; אַרבעטער־קאָמונע
קושאַן (ט) — אייגענטום־צייגעניס
קלוירק (ע) — קאָמיס; שרייבער
קעראַטאַ (ט) — אויסוואורף
קעפּיל (ט) — פּערזענליכע ערבות
קריסטמאַס (ע) — ווייַנאַכט

ראַטע (ר) — קאָמפּאַניע
ראַסמי (ט) — אָפּיציעל; פאָרמאַל
ראַקי (ט) — קאָרן־בראַנפן
רוטבע (ט) — ראַנג
דינאַואַי (א) — סאָלאָאיסט; פאָרזינגער
ריעל־עסטייט (ע) — אומבאַוועגליכער פאַר־מעגן
ריעל־עסטייטניק (ק) — איינער וואָס האַנדלט מיט הייזער
רעדיף (ט) — דער רעזערוו; רעזערוויסטן
שאַריף (א) — דער הייליגער פון מעקקא, פון דעם נביאס אָפּשטאַם

„שובת״ (ה) — שטרייקער; אַ צונאָמען פֿאַר די וועלכע האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון די „עזרה״־שולן אין ארץ־ישראל

שליאַכטע (פּ) — פּוילישער אַדלמאַן; גוטס־באַזיצער

שכונה (ה) — נאַכבאַרשאַפֿט

שפלה (ה) — טאָל; פֿלאַכלאַנד

שינגל (ע) — שילד

שישקאַבאַב (ט) — שעפּסן־פֿלייש־קאָטלעטן, געבראָטן אויף אַ שפּיז

שעיך (א) — זקן; עלטסטער פֿון אַ שבט; מאַכמאַדאַנישער תּלמיד־חכם

תּמיכה (ה) — שטיצע וואָס תּלמידים פֿלעגן באַקומען

תּעודה (ה) — דיפּלאָמע

דידאָזיגע טרילאָגיע איז געזעצט און
געדרוקט געוואָרן אין דער שאולזאָן
דרוקעריי, ניו־יאָרק, אונטער דער פּער־
זענלעכער אויפזיכט פון א. שאולזאָן.

דער איינבונד איז אויסגעפירט געוואָרן
פון דער דזשאָן פ. קונעאָ קאָ. שיקאַגאָ,
אונטער דער לייטונג פון דזשיי. ב. בלעין